STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04957

MENTSH-BEHEYME

V. Marguerite

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וויקטאר מארגעריט.

מענטש־בהמה

(LE BÉTAIL HUMAIN).

פון פראנצויזיש — ש. זאַקס.

פארלאג שלמה גאָלדפארב
ווארשע — 1929

Wiktor Margerit
CZŁOWIEK — BYDŁO
Wyd. Sz. Godldfarb
Warszawa, Dzika 31.
1 9 2 9
Printed in Poland

Drukarnia G. PIMENY
Warszawa, Sierakowska 4

די מענטשלעכע נשמה קען
נישט אינגאנצן פארניכטעט
ווערן צוזאמען מיט זיין גוף.
שפינאזא (עטיק)

ערשטער טייל

I

— יאָ, פּעטערל, כ'בין גליקלעך.

ספּי האָט איבערגעחזרט, באַמערקנדיק לויטן אויסדרוק פון איר פעטערס פּנים, אַז ער גלייבט נישט אין דעם:

— זייער גליקלעך.

אָנטשידן און אַ ביסל אַפילו נישט זיכער, האָט זי געלאָזט פאַלן די דאָזיקע באַהויפּטונג... אין וואָס האָט זי אים געוואָלט איבערצייגן?

זי האָט צוגעגעבן:

— וואָס שייך מיין חתונה האָבן, איז דאָס גאָר אַן אַנדער זאַך!

זי האָט זיך אַ קער אום געטאָן און איז אַריין צו זיך אין צימער. אַן אומרויקער בליק האָט איר נאָכגעקוקט. זי האָט געוווּסט, אַז איר פעטער איז, טראָץ זיין אויסזען, אַ מענטש, וואָס לאָזט זיך נישט גענאַרן...

„גליקלעך"?...

זי האָט דאָס וואָרט אויסגעצויגן, ס'איז ווידער געוואָרן אַ געדאַנק, וועלכער איז געזעסן טיף אין מוח. אַ פראַגע, צייטנווייז נישט באַוווּסטזיניק, צייטנווייז דייטלעך און געגווי אַוועקגעשטעלט. איז געבליבן שטיין אין קאָפּ. דאָס איז נישט די ספּי, וועלכע אַנדערע פרויען און אַלע דורכגייער, פלעגן נאָכקוקן מיט באַוווּנדערונג און מיט גלוסט, אַנטציקט פון איר שטאָלצן גאַנג, פון איר באַגילטער צאַרטער צערע און לאַכנדיקע אויגן. איצט איז דאָס גאָר אַן אַנדער ספּי, וואָס באַמיט זיך זיין לוסטיק און לעבעדיק און וואָס פילט זיך געפייניקט אונטער אַ מאַסקע פון עלנטקייט און לוסטיקייט.

— אָבער, כ'בין דאָך באמת גליקלעך!... צי האָב איך דען נישט קיין ריכטיקן גרונט צו זיין גליקלעך? צי האָב איך דען נישט ליב פּיערן? ס'אַר אַ גוט גאָלדן האַרץ ער פאַרמאָגט ביי אַזאַ חנודיקן אויסזען. כ'גיי דאָך ממש אויס פאַר אים.

ביסלעכווייז איז זי פאַרשיכּורט געוואָרן פונם געפיל, וואָס האָט זי באַהערשט. דאָס איז געווען אַ שיכּרות, וואָס האָט געדויערט וואָכן לאַנג, געבוירן פון האָפענונג און צער. אין אָנפאַנג אַ שוואַכע, וועלכע איז אָבער שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פלאַם-פייער פון ליידנשאַפט. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך ערגערע ליידן, אַ שבר-לב און עגמת-נפש, ליידן, וואָס האָבן איר געקלעמט און קאַלט געמאַכט דאָס האַרץ, ווי זיי, די דאָזיקע ליידן, צופּן זי איצט וואָס מער אַלץ שטאַרקער...

ספּי טוט זיך אָן אויטאָמאַטיש. פּיער וואַרט אויף איר צו גיין עסן מיטאָג. דורך דעם אָפן פענצטער דרינגען אַריין פון דער קיך אין צימער אַריין, צוזאַמען מיטן ריח פון געפּרעגלטע מאכלים, פון קנאָבל און ראָזמאַרין אויך דאָס שטאַרקע גערויש פון דער גאַס, דער נישט דייטלעכער ווירוואַר און געפילדער, וואָס ווערט געשאַפן פון אַלע קולות פון מאַרסעל און קלאַנגען פון דעם כסדרדיקן פאַרקער פון טויזנטער אויטאָמאָבילן, פורן און טראַמוואַיען. די זון האָט שוין ביים אונטערגיין. דער גאַנצער מערבדיקער הימל שטייט אין פלאַם-פייער.

ספּי האָט זיך פאַרטראַכט. זיך דערמאָנט אָן די קינדישע יאָרן... שאַטאָ-רוזש, ל'אָליוועט... טויטע נעמען! דאָס יינג מיידל איז שוין געוואָרן אַ פרוי. צוויי און צוואַנציק יאָר איז זי אַלט. אַן אָנפאַנג פון אַ נייער וועלט מיט אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן.

די דאָזיקע אָפּקלאַנגען, די דאָזיקע באַוועגונג פונם לעבן, פון מקומות, ווו איר וויגעלע איז געשטאַנען — מאַרסעל, פּיער — זענען נישט געווען אַזוי מעכטיק, ווי די דעריבערונגען פון איר יוגנט, דעם שווונג און אויפברויז פון איר גאַנצן דאַזיין, דער דראַנג צו דער פרייד פון איר עקזיסטענץ. ספּי שפּירט זיך אין די דאָזיקע מינוטן ווי אַן אָנגעצויגענער פיילנבויגן. און די פיילן פונם דאָזיקן פיילנבויגן זענען פיילן פון באַגערן, צונויפ-

געלייגט אין אַ בינטל אין דער טיפעניש פון דער אומבאַרירטער נשמה. די ענערגיע האָט אין איר געקאָכט, הימל און ערד האָט זי צוזאַמענגעצויגן דורך איר חשק צו אַרבייטן און צו טון, דורך איר דורשט אַלץ צו דערגיין דורך אַ אומענדלעך וויסן, טריקענדיק מיט אַ פולן בעכער דאָס גליק, וואָס די ליבע האָט איר געגעבן.

דערנאָך, האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם טייערן פּאַפּאַ... אָט זעט זי אים, ווי ער שפּרייזט אַרום איבערן צימער אַהין און צוריק, אין דער לענג און אין דער ברייט, שטעלט זיך אָפּ אינטויִטיוו, ווי אַריינצוקלערן טיף און בודק צו זיין, ביי דער וואַנט... ער קלערט אַריין שטאַרק אינעם ענין, וואָס פּייניגט אים און באַאומרויִקט אַזוי. ער זאָגט צו איר:

— ווילסטו, הייסט עס, חתונה האָבן... דו ביזט גליקלעך, זאָגסטו?

ער וואַרט אויף אַ ענטפער פון איר, וועלכער זאָל, בעסער ווי יענער, וואָס זי האָט אים נאָר וואָס נישט זיכער געגעבן, אים צופרידן שטעלן... וואָס זאָל זי ענטפערן? ווי קען מען אים געבן צו וויסן דאָס, וואָס זי ווייסט אַליין נישט?

זי שטעלט זיך פאַר זיין אַלטע פיגור מיט די גראָע האָר מיט זיין פּנים מיט די פאַלדן־געצעלעך, דאָס פּנים, וואָס זעט אויס אַזוי אויסגעמאַטערט פון צופיל אַרבעט און אָנשטרענגונגען. אָרעמער פּעטער! איז דאָס דען מעגלעך, אַז זי זאָל אין איין טאָג אַזויפיל איבערלעבן? אוי, גאָט אין הימל, ווי ווייט איז דאָס אַלץ, וואָס זי האָט איצט איבערגעלעבט אין אירע זכרונות, פון דעם, וואָס זי לעבט איצט איבער אין דער ווירקלעכקייט! אַ גאַנצער תהום ליגט דאָך צווישן יענע און איצטיקע טעג. יענע טעג זענען פאַר איר אַזוי נאָענט און גלייכצייטיק אַזוי ווייט!... זי האָט זיך פּלוצלינג, אָן שום סיבה, דערפילט אַזוי אָפּגעשוואַכט, שרעקלעך אויסגעמאַטערט. דער מאָטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פליגלען פון איר פאַנטאַזיע האָבן זיך פּלוצלינג, אין מיטן פלי, אַראָפּגעלאָזט פון מידקייט.

זאָל איך חתונה האָבן?... — האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם געדאַנק און טיף אין דעם אַריינגעקלערט.

נאָר דאָ איז צו איר צוגעגאַנגען פּיער און אָנגענומענדיק זי פאַר די הענט, איז ער צו איר צוגעשטאַנען, זי זאָל זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל דעצידירען, חתונה האָבן אָדער נישט.

— פאַרוואָס ווילסטו זיך נישט דעצידירן? זאָג שוין ענדלעך: יאָ.

זי האָט אָפּגעקערט די פאַרשעמטע אויגן...

ס'האָט זיך געעפנט די טיר. ספּי איז אַזוי טיף געווען פאַרזונקען אין אירע מחשבות, אַז זי האָט נישט געהערט, ווי איר פעטער האָט לייכט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

— אַ גוט מאָרגן. וואָס מאַכסטו?

און פאָלירנדיק זיינע נעגל, האָט ער מיט אַ פריינדלעך שמייכעלע זי געפרעגט:

— אַלזאָ, האָסטו חתונה, זיך שוין ענדלעך דעצידירט? יאָ אָדער ניין?

זעענדיק, אַז ער האָט צונויפגעצויגן ברוגזלעך די ברעמען, האָט ספּי אים שטיפעריש פעסט אַרומגענומען.

— זיי נישט ברוגז, פעטערל, און בייזער זיך נישט! דו האַלסט מיך, זע איך, פאַר אַ חיה, האַ?

— ס'איז פּשוט נישט צו פאַרשטיין.

— ס'איז נישט מיין שולד. איך אַליין פאַרשטיי אויך נישט.

— הער-זשע אויס, ספּי, וואָס כ'וועל דיר זאָגן. מיר זענען דאָך, דער רוח זאָל עס נעמען, דריי פּערזאָן, און דו ביזט צווישן זיי די ערשטע, וואָס איז פאַראינטערעסירט זיך צו דעצידירן ווען איין און דעמזעלבן ענין! ווען דיר רייד איך מער נישט; כ'האָב דיר שוין וויפיל מאָל געזאָגט און איבערגעחזרט דאָס, וואָס איך מיין וועגן דעם: די ליבע באַוועגט דיך ענדלעך איינצוגיין אויף דעם, פון וואָס דיין סובטעלקייט האָט דיך ביז איצט צוריקגעהאַלטן, אַרויסרופנדיק ביי דיר געוויסע קווענקלענישן. פּיער האָט דיך שטאַרק ליב. שטויס-זשע נישט אָפּ פון זיך דאָס גליק, וועלכן דו האָסט כשר פאַרדינט און וועלכעס וועט פאַרזיכערן דיין צוקונפט.

— נו... (זי האָט מיט דער האַנט געמאַכט אַ זשעסט, וואָס

האָט געהייסן. אַז זי וואַרפט אָפּ די מאַטעריעלע טעמים פונם דאָזיקן ענין)... דו ווייסט דאָך גוט, אַז, וואָס שייך נוצן, נוצליכקייט, גייט דאָס מיך לגמרי נישט אָן און איך לאָך פון דעם.

— צום טייוול! נו גוט, לאָז זיין, אַז דו האַלסט נישט פון דער מאַטעריעלער זייט פונם ענין און דאָס גייט דיך נישט אָן. וואָס זשע רעכנסטו פאָרט?

זי האָט זיך פאַרטראַכט. דערנאָך האָט זי מיט היץ אָנגעהויבן;

— דערפאַר, וואָס מיין געליבטער האָט מיך אויסגעקליבן אַזעלכע ווי איך בין, דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַזוי נאָבעל צו קענען אַלץ פאַרשטיין און מיר אין קיין זאַך נישט מאַכן קיין פאָרוואורף, וואָלט עס דען דערלאָזבאַר געווען פון מיין זייט וואָלטן מיר עס דען געקענט מוחל זיין, אַז איך זאָל פאַרגעסן ווער איך בין און וואָס איך בין געווען? און איך ווייס נישט, אויב מ׳וואָלט געדאַרפט, ווי דו האָסט עס געטון, מיר אַריינגעבן אַ חוש צו גלייכהייט און אַ נייגונג צו אומאָפּהענגיקייט... כ׳בין דאָך סוף כל סוף נישט מער, ווי אַ אָנגעשטעלטע ביי די בערניערס...

— דו ביזט אַ בעל-גאַווהניצע!

— כ׳שווער דיר, אַז נישט!

— יאָ!... אַ קלייניקייט צו זאָגן: אַ סעקרעטאַרין פון דער דירעקציע! מ׳קען זאָגן, אַ האַלבע בעל-הביתטע... ס׳איז דאָך אוממעגלעך מיט דיר צו האָבן צו טאָן, ספּי ביזט שוין ממש אומדערטרעגלעך.

— דו האָסט מיך נישט פאַרשטאַנען, פעטערל. לאָז מיך ענדיקן. אויב כ׳האָב פיערן אויף אַזוי ווייט ליב, אַז כ׳בין גרייט אויפצוגעבן מיין שטעל פון אַ מענטשן, וואָס אַרבייט אויף געצאָלט, מיין באַשיידענע אָבער פ ר י י ע שטעל — אויף וועלכער איך בין שטאָלץ אָבער נישט גאווהדיק, ווי דו מיינסט — און חתונה האָבן, ד. ה. איבערצוגיין אין אַ פיל באַקוועמערע לאַגע, וועלכע ער לייגט מיר פאָר...

— יאָ, נאָר איך זע דאָ נישט קיין קרבן...

— ווען ס'וואָלט זיך דאָ נאָר געהאַנדלט וועגן אָפּהענגי-קייט און אומאָפּהענגיקייט מיט וועלכן דאָס חתונה האָבן פאַר ווען ס'איז, איז פאַרבונדן!... וואָלט איך דאַן, כדי ער זאָל זיך פילן באמת גליקלעך, מקריב געווען נישט נאָר מיין אומאָפּ-הענגיקייט נאָר אפילו מיין לעבן אויך... ניין, ווען איך טראַכט יאָ וועגן עפּעס און שלאָג זיך יאָ מיט דער דעה וועגן עפּעס, איז דאָס אַלץ נאָר וועגן אים... כ'האָב מורא, אַז ער זאָל נישט חרטה האָבן אין נישט באַדויערן אַמאָל, וואָס ער האָט מיר גע-מאַכט אַזאַ פאָרשלאָג און מיטן גוטן ווילן אַזוי באַגליקט מיך און באַשאָנקען.

— לויט ווי איך קען אים, איז דאָס נאָר אָפּהענגיק אָ דיר.

זי האָט געפינטלט מיט די אויגן אונטער דער אָפּגעשוואַכ-טער און מריב געוואָרענער האָפענונג, און געשאָקלט מיטן קאָפּ טרערן זענען איר צוגעטראָטן צו די אויגן.

— נישט פון מיר און נישט פון אים... — האָט זי זיך אָפּגערופן — כ'וואָלט געוואָלט, אַז פאַר מיין חתונה...

איר שטים האָט געציטערט. זי האָט שוין מער נישט גע-וואָלט הערן ווייטער. זי האָט געפילט, אַז די וכוחים אַרום דער דאָזיקער פראַגע שטעכט איר ווי מיט שפּיזן.

— און וואָס שייך דיין באַגער צו האָבן אַ קינד, איז דאָך דאָס נישט מער ווי אַ פאַנטאַזיע! אַ קינד... צו וויאָ?

— יאָ, אַ קינד!... אַ קינד פון אים!

זי האָט געמאַכט אַ אָנשטרענגונג איינצושטילן די אויפ-רעגונג, וואָס דער געשפּרעך מיט איר פעטער האָט ביי איר ארויסגערופן. טרערן זענען נאָך שטאַרקער איר צוגעטראָטן צו די אויגן.

פאַקאָ האָט געמורמלט:

— אַ קינד!... איר וועט האָבן אַ קינד, דער רוח וועט אייך נישט נעמען. דיין פּיער איז דאָך נישט קיין עקר. גע-דולד!... ס'איז דאָך קוים צוויי יאָר, ווי איר זענט מאַן און ווייב... כ'קען צענדליקע לעגאַלע פּאָר-פּאָלקן, וועלכע, נישט

אויסמיידנדיק קיין אינטימע באַציִונגען צווישן זיך, באַמיען זיך פאַנדערסטווענען יאָרן-לאַנג און זעען, אַז ס'זאָלן פון דעם נישט זיין קיין קאָנסעקווענצן...

זי איז רויט געוואָרן.

— אַ קינד פון אים!... קיין זאַך אויף דער וועלט ווילט זיך מיר נישט, ווי דאָס!... אויב עס דאַרף קומען, אויב ס'איז באַשערט — וועט עס קומען...

זי האָט, שווייגנדיק, פאַרענדיקט איר טואַלעט.

זייערע געדאַנקען האָבן ווייטער אין דער שטיל געאַרבעט אַרום דער באַרירטער טעמע. די פּערספּעקטיוו צו האָבן נאָך אַ קינד אין דער געשטאַלט פון איר פריער פאַרלאָזט קינד האָט ספּין אינגאַנצן באַהערשט. דער געדאַנק וועגן דעם האָט איר געפּייניקט און געריסן דעם גוף און די נשמה... זי האָט דאַן איבערגעלעבט די ביטערסטע מאָנאַטן, וואָס זענען ווען ס'איז איר אויסגעקומען דורכצולעבן.

ווי שוין נישט איינמאָל פאַר דעם, האָט זי איצט אויך מיט אַ טויבן געוויסנביסן געשאָלטן דעם, וועלכער האָט גורם געווען איר אומגליק, און זי האָט אויך געשאָלטן איר טרויעריקן גורל. ווי שוין נישט איינמאָל פאַר דעם, האָט זי איצט, נאָכדעם, ווי איר אייגענער עקזיסטענץ איז שוין געווען באַוואָרנט, געטראַכט, זיך צו לאָזן אָפּזוכן איר קינד און עס אַוועקנעמען צוריק פון קינדער-היים, ווו זי האָט עס איבערגעלאָזט. דערנאָך האָט זי זיך דערמאָנט אָן די שוועריקייטן מיט וועלכע עס זענען פאַרבינדן אַזעלכע זוכענישן און אָן דעם, ווי אין איר באַמיִונגען אין דער דאָזיקער ריכטונג איז אַנטשטאַנען אַ גאַנצע איבערקערעניש, זייט דעם, ווי זי האָט אָנגעהויבן פירן אַן אַנדער אַרט לעבן, אַ פיל בעסערס אין אַלע היגזיכטן, ווי פריער און ווי אַן אַנדער געפיל האָט זי מיט דער צייט בהדרגהדיק אינגאַנצן באַהערשט... און ווי דערנאָך איז מיט איר פאָרגעקומען א נייע ענדערונג, און אירע אַלע דאגות זענען געווען קאָנצענטרירט אויף דער עגאָיסטישער שטרעבונג, זי זאָל אַליין בלייבן לעבן...

דער זאַרגלאָזער קוסט האָט, מיטן אָנהייב פון די פרילינגס־טעג, ווידער אויפגעלעבט און זיך באַדעקט מיט גרינע, פרישע בלעטער און בלומען, נישט זאָרגנדיק זיך וועגן די פאַרטרוקנטע ביימער און אַראָפּגעפאַלענע פּירות אַרום זיך.

דערנאָך האָט אין איר אויפגעוואַכט דער מעכטיקער מוטערלעכער אינסטינקט. דאָס ערשטע פייער פון האָבן דעם אויסדערוויילטן און באַגערטן האָט זיך איינגעשטילט. און איר האָט זיך עגאָיסטיש געוואָלט האָבן אַ קינד פון אים. שפּעטער, ווען יעדער ווייטערדיקער חודש האָט אָפּגענאַרט אירע האָפענונגען און דערוואַרטונגען צו ווערן אַ מוטער, איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, וועלכער איז אינגיכן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הייסן באַגער: צו אַדאָפּטירן איר אומגעזעצלעך קינד, וואָס זי האָט געבוירן פון אַן אויסוואורף און עס געמוזט אָפּגעבן אין אַ קינדער־היים.

אַ דאַנק דער אומאויפהערלעכער זאָרגזאַמקייט און השתדלות פון איר פעטער, וועלכער האָט קיין מאָל נישט רעזיגנירט אויף דעם פאַרלאָזענעם קינד אירן, איז אין דער געהעריקער אינסטיטוציע געשלאָסן געוואָרן אַ באַקאַנטשאַפט מיט אַ אונטערשעף פונם ביוראָ און דורך אים איז מעגלעך געווען שטענדיק צו באַקומען נייס אין אַ קאַלטער אַדמיניסטראַטיווער פאָרם, פון דער קינדער־היים, וו ספּיס קינד איז געווען אַוועקגעגעבן. אויב ס'איז געווען אוממעגלעך זיך צו דערוויסן, וו און ביי וועמען דאָס קינד געפינט זיך איצט, איז לפּחות געלונגען צו דערגיין אַ דאַנק געוויסע סמנים און אָנווייזונגען פון דער גרינער קאַרטע און אירע קורצע דאַטעס, אַז דאָס קינד לעבט לכל הדעות.

ווי אַזוי - זשע קען מען איצט מאַכן אַ רמז וועגן דער מעגלעכקייט ווידער צו אַדאָפּטירן דאָס קינד, בעת פּיער, ווילנדיק שטאַרק, פּונקט ווי ספּי אַליין, אַז זי זאָל ווערן אַ מוטער און האָבן פון אים אַ קינד, האָט זי שוין וויפל מאָל שטאַרק געבעטן, אַז זי זאָל אים געבן דאָס, וואָס אים פעלט: אַ פאַמיליען־נעסט? מיט אַנדערע ווערטער: זי זאָל ווערן אַ מוטער.

אין אירע אויערן קלינגט נאָך איצט זיין שטים פון נעכטן, ווען ער האָט אויסגעשריען: דו האָסט מיך נישט ליב! ווען דו וואָלסט מיך ליב געהאַט, וואָלסטו שוין לאַנג געזאָגט יאָ און דערפילט מיין ווונטש.

אים נישט ליב האָבן, אים, פאַר וועלכן זי איז גרייט צו גיין פון דער וועלט, ווען דאָס וואָלט פאַר אים געווען נייטיק!... זי פלעגט איבערחזרן די רירנדיקע תפילה: „לאָמיר קודם-כל מאַכן אַ נעסט... די קליינינקע וועלן זיך פאָרן און אַרומדרייען אַרום"...

אַ! ווען זי וואָלט געווען אין דעם זיכער

זי האָט פאַרענדיקט אין דער הויך איר געדאַנק, זייענדיק זיכער, אַז אירע ווערטער האָבן געפונען אַ געהעריקן אָפּקלאַנג אין איר פעטערס האַרצן.

— פיער, פאַרשטייסטו מיך, איז אַזאַ גוטער — האָט זי ווייטער געטענהט... ס'קען זיין, אַז גאָר שפּעטער, אויב מיר וועלן ענדלעך... האָבן קינדער, וועל איך קענען

ער האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד:

— און וואָס וועט זיין, אַז איר וועט נישט האָבן קיין קינדער? מ'דאַרף דאָך דענקן לאָגיש, זיך אַליין נישט גענאַרן. דיין מאַן האָט דאָך שטאַרק חשק צו טון דאָס, וואָס כ'האָב דיר שוין אַ מאָל צוואַנציק פאַרגעלייגט צו טון. נאָכאַמאָל בעטן מאַרק-אַנדרי און דער אַסיסטאַנס. און דאַן איז שוין נישט פאַ-ראַן קיין שום מניעה דורצוגיין פאַרן הער מער!...*) ווייטער וואָס אָנבאַלאַנגט מיר, האָב איך דיר שוין צוואַנציק מאָל געזאָגט און חזר נאָכאַמאָל איבער: וועגן מיר זאָלסטו זיך נישט זאָרגן. כ'האָב געלעבט ווי אַ דבר-אחר און וועל ווי אַ דבר-אחר שטאַרבן... הכלל, האָב חתונה מיט פיערן און זאָל עס זיין אין אַ מזלדיקע שעה און לאָז מיך פון אייך האָבן נחת.

זי האָט אַ זיפץ געטון.

---

*) דאָ — אין זין: צו נעמען חופה וקדושין — מאַכן די חתונה-צערעמאָניע פאַר מער און ווערן אָפיציעל מאַן און ווייב. (בעמ. פונם איב.)

— ווען איז איינס. קענען איז א צווייטס. ווען עפעס טון, הייסט נאָך נישט, אז מ׳איז ביכולות דאָס צו טון...

דער זייגער אויפן קאַמין האָט געשלאָגן.

— א, כ׳האָב זיך פאַרשפּעטיקט... דעם אָוונט, פּעטער, אויב כ׳וועל נאָר נעכטיקן ביי פּיערן.

זי האָט לוסטיק צוגעגעבן:

— ביז מאָרגן. מיט א גוטער תשובה!... (און מיט א דראָענדיקן טאָן, רייבנדיק די הענט)... אָדער איך וועל זיך צוריקקערן קיין שאַטאָ-רוזש...

II

— מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק... כ׳האָב אַן אידייע! — האָט פיער, אַ פריילעכער, געזאָגט און האָט אַ וואָרף געטון אַ קאָמפּליצירטן בליק אויפן פרימאָרגנדיקן בלויען הימל, אויף דער זון, וועלכע האָט געגאָסן שטראָמען ליכט אין אָפענעם פענצטער אַריין... — ראַנראָנעט, קום נאָר אַ הער!

ווען זיי פלעגן בלייבן אַליין, פלעגט ער זי אַזוי אָנרופן. דאָס איז געווען אַ צאַרט וואָרט, וואָס האָט פאַרלענגערט און פאַרשטאַרקט זיין ליבלעכקייט און צערטלעכקייט צו איר.

ספּי האָט זיך באַוויזן מיט איר פריש פּנים אין דער טיר־עפענונג פונם באָד־צימער. אירע פייכטע הענט האָבן געהאַלטן אַריבערגעוואָרפן איבער אירע רונדע אַקסלען און אַ טייל שלאַנקן קערפער, אַ טוכענעם פּעניואַר. שטייענדיק ביים נישט־פאַרבעטן בעט האָט פיער אויף איר געקוקט אַנטציקט און שמייכלענדיק:

— כ׳האָב אַן אידייע... מיר איז עפּעס איינגעפאַלן..

זי האָט אים שטיפעריש, אַביסל בייזלעך און שעלמיש אָפּ־סערווירט.

— וואָס איז געשען? מ׳זאָגט דאָך, אַז אידייען קומען צו דיר זעלטן אין קאָפּ אַריין.

— אויסגעצייכנט געזאָגט.

און מיט אַ געמאַכטער שטרענגקייט האָט זי אויפגעהויבן אַ פינגער...

צי וואָלסטו פריער געוואָגט צו באַהויפּטן, אַז דער געדאַנק דאָ צו וווינען און צולעבן צוזאַמען, ווי מיר טוען עס שוין זייט אַ חודש, איז נישט קיין אויסגעצייכנטער?

— נישט קיין שלעכטער, נישט קיין שלעכטער געדאַנק, כ'לעבן...

מיט איין שפּרונג, וואָס זי האָט געטון פון באָד-צימער, איז זי שוין געווען לעבן אים און אים שטאַרק אַרומגענומען.

— אָ דו גרויסע חיה איינע!

נאָך דעם זעלבן אָוונט, ווען דער אָנקל פּאַקאָ האָט פון ספּין פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל אים צוטאָרגנס געבן אַן אַנטגילטיקן ענטפער, האָט זי מסכים געווען זיך אַריבערצוציען און זיך איינצואָרדענען אויף דער רי-דע-לאַ-רעפּובליק, מחמת דאָס האָט געשטימט מיט פּיערס פאַרלאַנג, אַז זי זאָל דאָרט זיין שטענדיק...

ווען כ'וואָלט געווען זיכער — האָט זי זיך געטראַכט — אים נישט צו ברענגען קיין אַנטוישונג. אָך ווי גוט דאָס וואָלט געווען...

פּיער איז גאַנץ גערן איינגעגאַנגען אויף יענעם פאָרשלאָג, ווען ער איז געווען אויסגערעכנט אים דורכצופירן צו ביסלעך.

פאַרוואָס-זשע — האָט ער זיך געטראַכט — פאַרוואָס האָט זי, איינגייענדיק אויף אַלץ, עד-היום נישט געוואָלט נאָכגעבן איין זאַך: צו ווערן פאַר גאָט און פאַר לייט דאָס, וואָס זי איז שוין זייט אַ לענגערע צייט פאַקטיש פאַר אים: זיין אמתדיק ווייב, פּיער בערניערס פרוי, וועלכער עס פעלט גאָרנישט ווי בלויז דער נאָמען, אַז זי זאָל טראָגן זיין פאַמיליע-נאָמען?

אויף זיינע קושן און האַלדזונגען האָט זי אים אָפּגעצאָלט „מיט פּראָצענטער": נעקושט לײדנשאַפטלעך אָן אַ שיעור און אָן אַ סוף.

און ס'איז ווידער אַוועק אַ סדרה פון דער אייביקער פראַגע:

— דו האָסט מיך ליב?

— כ'האָב דיך ליב.

אַ שיינע באַלאַדע איז געווען זייער ליבע.

ספּי האָט פון גרויס גליק און פרייד זיך אַ דריי געטון אין דער לופטן און אָנגעהויבן טאַנצן.

— וווהין וועלן מיר איצט פאָרן? — האָט ספּי געפרעגט.

— וואַרט, כ׳וועל דיר מאַכן אַ סורפּריז! אָבער קודם-כל מוזן מיר זיך אָנטון אין די יום-טובדיקע בגדים.

— גוט — האָט ספּי אויסגעשריען.

זיי זענען אַריין אין באָד-צימער... אין אַ פערטל שעה אַרום זענען זיי אַריין אין אַ פּרעכטיקן שפּאָגל-נייעם אויטאָ, וועלכן זיי האָבן אַליין אַ נאָמען געגעבן: „רוראַנעט II". אַ לאַנגער, וואָגיקער און אַ שטאַרקער. האָט ער זיך אַ ריר געטון אָן געריוש און אַוועקגעפלויגן, פייל-אויסן-בויגן ווייט ווייט.

ביים אַרויספאָר פון מאַרסעל, דורך מאַדראַג-דע־לאַ-וויל, האָט ספּי, איינגעגראָבן אינם קאָמפּאָרטאַבעלן זיץ-אָרט, באַוווּנדערט פּיערס הדרת-פּנים, זיין שלאַנקן קערפּער און שיינעם אַנטבלויזטן קאָפּ. זי האָט זיך אויף אים נישט געקענט זאַט אָנקוקן און ממש געקוואָלן פון נחת און גליק.

זי האָט ביי אים זיך דערקונדיקט:

— דאָס איז שוין איקס?

ער האָט עפּעס סודותפול צוגעפּייפט.

— ניין?... ס׳איז דאָך אָבער אַזוי גוט, אַ מחיה!... ס׳וואָלט זיך מיר זייער געוואָלט נאָכאַמאָל באַקוקן מיט דיר דאָס מוזעום און די קאַטעדראַלע.

יעדן זונטאָג, ווען די צייט האָט איר נאָר דערלויבט, פלעגט זי דאָ אַמאָל אַרומגיין, געניסנדיק פון דעם זיסן טעם אַרומצופלאָנדזשען אַרום די שיינע סביבות פון בוש-דע־ראָן און דו־וואַר, ווו דער באָדן גיט אַרויס אַזעלכע מחיהדיקע ריחות און ווו די שטיינער געבן אונדז צו לערנען אַזוי פיל.

זיי זענען אָנגעקומען צום קרייצוועג פון סען־אַנטוואַן, פון וואַנען דער וויטערדיקער וועג דרייט זיך אַוועק אָן אַ זייט.

— וואָס איז דאָס! לע־מאַרטיג?.. ניין? אַטאַן? (אַ פּלאַ-קאַט, וואָס איז געווען צוגעשלאָגן צו אַ בוים, האָט אָנגעוויזן:

זאַלאָן 34 קילאָמעטער ארל...) — זענען מיר, הייסט עס שוין אין ארל! אַך, ווי גוט דאָס איז, דאָס טוט מיר אַזאַ הנאה.

איקס, ארל... זי האָט ליב געהאַט מיט דער פריערדיקער ליבע און צוגעבונדנקייט די דאָזיקע צווי טויטע רעזידענצן. דאָס אויסזען פון דער אַלטער פּראָוואַנס - געגנט, ווו זי פלעגט שטענדיק באַוואונדערן די היפוכים פון דער פאַרגאַנגענהייט, און דער געגנוואַרט. זי האָט ליב געהאט די דאָזיקע. חורבות, וועלכע האָבן צונויפגעזאַמלט אַזעלכע סוגעסטיווע לעקציעס פאַר דער איצטיקער געגנוואַרט.

פּיער האָט זיך אָפּגערופן:

— ארל, יאָ, אָבער פריער...

— גענוג שוין, מאַכסט מיך לאַנגווייליק!

— לע סענט־מאַרי.

— יאָ, כ׳מוז מודה זיין, אַז דער געדאַנק, וואָס דיר איז איינגעפאַלן מיר צו מאַכן א סורפריז, איז געווען זייער אַ גוטער.

ער האָט דערקלערט:

— היינט, דעם 25 מאַי, אין לעצטן טאָג פון די ימים־טובים...

— זייט מיינע קינדערשע יאָרן האָט זיך מיר שטענדיק שטאַרק געוואָלט דאָס זען און בייוווינען!

— ...„מיטן אנטייל פון אַרציביסקופּ ל׳צוועק־דע־נים און זייער האָכהייט, די ציגיינער! צען אַזייגער וועט פאַרקומען אַ גרויסע מעסע, א פּראָצעסיע און אַ ברכה פאַרן ים. דריי אַ זייגער אַ מנחה א. א. וו.

— דו האָסט שוין אַ מאָל בייגעווינט אַזאַ פייערונג?

פּיער האָט געצוקט מיט די אַקסלען.

— יאָ — האָט ספּי געענטפערט — כ׳האָב בייגעווינט מיט מיין מוטער וועלכע איז געווען משוגע פרום. כ׳בין דאַן אַלט געווען צען יאָר.

— דאָס איז דאָך אַזוי הערליך, געדענקסטו אַלץ? דער־ציילן! וואָס איז דאָס אַזוינס דאָס דאָזיקע סענט־מאַרי?

זיין מינע איז ביי דער דאָזיקער פראַגע, געווען נישט קיין זיכערע.

— דאָס זענען די עלטערוויידעס פון דער בתולה און פון קריסטוס — האָט ספּי אָנגעהויבן דערציילן — מאַרי זשאָקאָבע און מאַרי סאַלאָמע, וועלכע זענען, מיט זייער דינסט, סאַראַ, די פּאַטראָנין פון די ציגיינער, נאָך תחית־המתים, ווי לאַזאַר און אַנדערע געטרייע, פאַרוואָרפן געוואָרן אויף אַ שיפל אין וואַסער, קוים לעבעדיק, אָן אַ פּירער, אָן וויאַסלעס!.. בעת זייערע קאָמפּאַניאָנען זענען אַוועק פּריידיקן דאָס עוואַנגעליום ביז מאַרסעל און אַוויניאָן, זענען די דריי פרויען פאַרבליבן אויף די זאַמדן פונם אָרט, ווו דאָס שיפל האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויפן ברעג־ים. דערנאָך, אין הונדערט יאָר אַרום, האָבן די אייניקלעך פון יענע, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט, אָנגעהויבן אַרויסווייזן גרויסע נסים. דאָרט איז אויסגעוואַקסן אַ מקום־קדש, וועלכעס פלעגט צוציען זייער פיל באַזוכער פון פיל מקומות און פון דעמאָלט אָן קומען דאָ פאָר „צוויי מאָל אַ יאָר, צוויי גרויסע פייערונגען לכבוד יענע הייליקע".

זיי זענען ווייטער געפאָרן, אויסמיידנדיק באַלאָן, האָבן דערגרייכט אַרל, ווו זיי האָבן איבערגענעכטיקט אין אַ האָטעל, באַשליסנדיק זיך אַ ביסל אָפּצורוען פון דער רייזע ביז מאָרגן אינדערפרי.

פאָרנדיק ווייטער גאַנץ שנעל, זענען זיי אַרום צען אַ זייגער שוין געווען אין פאַבריק און ביינעווינט דאָרט די אַרבעט.

פאַרבייגעפאָרן לעריאָן, האָט ספּי געשפּירט, ווי דער אַרומיקער פּייזאַש האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ מעלאַנכאָליע און אומעט. אין די בלאָטיקע טיילן זענען דאָ און דאָרט געווען פאַנאַנדערגעוואָרפן פּויערשע הייזער און ערטערווייז האָבן זיך געבלויט וועלדער און וועלדלעך. נאָך די וועלדער האָבן זיך פון ביידע זייטן וועג ווייטער געצויגן ברייטע בלאָטיקע טאָלן, ערטערווייז באַוואַקסן מיט הויכע גרינע שטשיבע און די הייזלעך אַרום און אַרום האָבן אַלע געהאַט רויטע קאַכל־דעכער. מחנות

ווילדע קאטשקעס זענען ארומגעפלויגן איבער די בלאָטיקע טאָלן און אַנדערע מחנות האָבן זיך געפּליוסקעט אין די וואַ־סערן. פון צייט צו צייט איז אָנגעפאָרן אַן אויטאָ און זיך אוועק־געטראָגן ווייטער איבערן ווייסן שאָסיי.

— אינטערעסאַנטע מקומות — האָט ספּי געזאָגט — מ׳זעט אָבער ווייניק מענטשן אויפן וועג.

— אַלע מענטשן זענען שוין אוועק אַהין, צו דער פּראָצעסיע.

— אָ, טו אַ קוק!

אַ מאַסיווע געביידע, הויכע ציינערדיקע ווענט פון טונקעלן שטיין, דורכגעפוי־ערטע דורך אַמבראַזורן, — האָבן זיך פּלוצלינג באַוויזן פונם געדיכטן גרינס ביי אַן אָזערע.

דאָס איז די קירך.

— מ׳קען מיינען, אַז דאָס איז אַ פעסטונג.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אויך באַוויזן די חייזער פון דאָרף, צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן. און פּלוצלונג האָבן זיך אַ שאָט געטון גאַנצע מחנות מענטשן... אַ אומגעריכ־טער און וווּנדערבאַרער מיש־מאַש פון אויטאָס, אָמניבוסן און פורן פון פאַרשידענע פאָרמען און קאָלירן... דאָס אַלץ האָט זיך געצויגן אין אַ אומענדלעכער ריי פון יריד, וואָס איז פאַר־געקומען נישט־ווייט פון דאָנען, אין אַ שטעטל ביים ברעג־ים.

פּיער און ספּי האָבן איבערגעלאָזט זייער אויטאָ אין אַ גאַראַזש און זענען אינגיכן איינגעשלונגען געוואָרן דורכן שטראָם פונם המון, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו פּלייצן. אַ ליאַרעם, אַ הו־הא, געזאַנגען, געשרייען, אַ הילכיקער געלעכ־טער, זידלערייען — אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט אין איין טומל אין איין קאָכעדיקן ווירוואַר.

מענטשן זענען געגאַנגען אָנגעטון אין בונטע בגדים: בלויע, גרינע, ראָזע. אָנגעקומען זענען זיי פון אַלע עקן פראַנק־רייך, פיל זאָגאַר צופוס, פון פאַרשידענע וועגן פון אייראָפּע, געקומען אין זייער נאַציאָנאַלער טראַכט, אויסגעמאַטערט און פאַרשטויבט פון לאַנגן וועג. יעדעס פאָלק באַזונדער. ס׳האָט פון

זיי געווימלט און געגריבלט דער גאַנצער וועג און די גאַנצע סביבה.

ס'רוב פון זיי האָבן זיך געווילט, דערוואַרטנדיק די פּראָצעסיע, זשאָנגלערן, קאָמלאָס, הינט-שערער, און פאַרשידענע קונצנמאַכער — זיי האָבן אויך דאָ נישט אויסגעפעלט. ס'זענען אויך דאָ געווען פאַרטרעטן אַלע מינים שלעפער, וועלכע פראָוואַנס האָט געגעבן פאַרשידענע נעמען.

— גיכער צו דער קירך כּל-זמן די פּראָצעסיע איז נאָך נישט אַרויס פון דאָרט, — האָט פּיער געזאָגט צו ספּין, אַ קוק טוענדיק אויף זיין זייגער.

זיי איז קוים מיט מי געלונגען זיך דורכצושטופּן דורכן המון ליידיקגייער, וואָס האָט שטאַרק געטומלט, און זיך אַרויפצוכאַפּן אויף אַ קליינעם פּלאַץ, וואָס איז געווען פול מיט ביידלעך און סטראַגאַנעס... דאָרט האָט מען פאַרקויפט וואַקס און חלב-ליכט, שפּילצייג און ריטועלע חפצים מיט אויפשריפטן אויף יעדן פון זיי: ס ע נ ט מ אַ ר י ד ע ל אַ מ ע ר.

— לאָמיר זען אַריינצוגיין אין קירך! — האָט פּיער געזאָגט און געמאַכט מיט ספּין שנעלע טריט אין דער ריכטונג צום אַריינגאַנג.

פּאָר אַ קליינעם טויער, דעם איינציקן אַריינגאַנג, האָבן מחנות מענטשן זיך געשטויסן, אַרבעטנדיק מיט די אָרעמס, כּדי זיך אַריינצובאַקומען אינעווייניק. דאָ האָבן זיי פון דערווייטן באַמערקט, ווי ס'האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער הייך הענט מיט בילעטן צו צוואַנציק סו. אַ גרופּע פאַרשפּעטיקטע טוריסטן, האָבן די בילעטן געריסן פון די הענט.

— יאָ, מ'קען נישט זאָגן, דער פּדיון וועט היינט זיין אַ גוטער — האָט פּיער באַמערקט, — די הייליקע וועלן האָבן אַ גוטע הכנסה... גענוג. לאָמיר גיין ווייטער...

פונעם הויכן אָרט, ווו פּיער און ספּי זענען געשטאַנען, האָט מען געקענט דייטלעך זען, דעם גאַנצן ים קעפּ — די

גאַנצע פּראָצעסיע מיט די הייליקע בילדער און צוויי סטאַטועןֿ הייליקע.

אַרום די רעליקוויעס, וואָס האָבן זיך געפונען פאַרן אַל-טאַר, האָבן זיי באַמערקט אַ באַזונדער באַוועגונג. דאָרט האָבן זיך געשטויסן קאַליקעס, קראַנקע, ראַכיטיקער, האַלב-פּאַראַליזיר-טע און פאַלנדיק כּורעים פאַר די רעליקוויעס, האָבן זיי הייס געדאַוונט און געבעטן רחמים, שלאָגנדיק זיך ווילד על-חטא, אַז זיי זאָלן אויסגעהיילט ווערן און פּטור ווערן פון זייערע קרענק און ליידן.

די זיפצן און אויסגעשרייען פון עקסטאַז, די באַגייסטער-טע תּפילות פון טויזנטער אַנטיילנעמער אין דער פּראָצעסיע האָבן פאַרטויבט דעם סוף פון דער גרויסער תּפילה: ג ר אַ נ ד - ס ע נ ט - מ אַ ר י.

— ס׳איז אַ טמאָספער דאָ הערשט! — האָט ספּי באַמערקט — וואָס זאָגסטו דערצו?

— קום, די פּראָצעסיע הייבט זיך אָן רירן.

דרויסן, פאַר אַ גרויסן פאַרמאַכטן טויער, איז זיי ביידן געלונגען זיך אַריינצובאַקומען אין די ערשטע רייען פון די צושויער.

פּיער האָט אַ לעבהאַפטן צי געגעבן ספּין פאַרן עלנבויגן איר אָנגעוויזן אויף פאַרשידענע זעלטזאַמע זאַכן, וואָס האָבן אים איבערגערעשט. ס׳האָט זיך דערהערט דער הימן, געזונגען פון טויזנטער מיילער. מיטגעצויגען מיט דער אַלגעמיינער באַגייסטע-רונג האָט ספּי אויך נאָכגעזאָגט די ווערטער פונם הימן. בעת פּיער האָט נאָר געקוקט אויף די באַוועגנדיקע באַקן און שטראַלנדיקע אויגן. אויף די היפּנאָטיזירטע פּנימער פון די וואָס האָבן אַזוי באַגייסטערט געזונגען אין דער לופט ד׳אַווע מאַריאַ:

קדושים פון פּראָוואַנס,
בענטשט אונדזערע לידער,
ראַטעוועט אונדזער פראַנקרייך
פונם יאָך, פון די רשעים.

דער גאַנצער עולם האָט ווי אין אַ האַלוצינאַציע פאַרט בעזעצט דאָס זינגען. די אַלגעמיינע היסטעריע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

ספּי איז געוואָרן הונגעריק און ווען זי האָט וועגן דעם בעזאָגט פּיערן, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— ווי באַלד אַזוי, פאָרן מיר באַלד קיין ארל. מיר וועלן דאָרט געפינען אַ פאַרטיקן טיש מיט גוטע מאכלים און אַ וואויל גלעזל ווײַן ווילסטו?

— ניין, כ׳וויל נאָך זען די ווײַטערדיקע פּראָצעסיע.

ער האָט איר נאָכגעגעבן אומגעדולדיק.

די קירך איז, צום גליק, געוואָרן אַלץ פוסטער און פוסטער. דער גאַנצער עולם צושויער איז נאָכגעגאַנגען די פּראָצעסיע און אין קירך זענען פאַרבליבן איינצלנע מענטשן. עטלעכע קראַנקע האָבן נאָך געדאַוונט פאַרן אַלטאַר.

ספּי האָט אַ זיפץ געטון:

— אַ שאָד, כ׳לעבן, וואָס מיר זענען נאָך נעכטן נישט גע-קומען אַהער צופאָרן. נעכטן איז דאָ פאָרגעקומען באַכמער אינטערעסאַנטס.

— זאָג מיר, מײַן טײַערער, — האָט זי פּיערן געפרעגט — פון וואַנען נעמט זיך עס, וואָס די אבערגלויבונגען און זאַבאָ-באָנעס האָבן אַזאַ שטאַרקע מאַכט אויף אַזוי פיל מענטשן?

— ווײַל די רוטינע איז דער לײַכסטער צווישן אַלע וועגן — האָט ער קורץ און שאַרף דערקלערט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיי זיך ווידער אַרײַנגע-זעצט אין זייער אויטאָ און, פּייל-אויסן-בויגן, זיך געטראָגן ווײַטער איבער פעלדער, לאָנקעס און וועלדער, פאַרשיכורט פון פרייד און די מחיהדיקע ריחות פון די נאַקעטע פליענען אַרום. ספּי האָט זיך צוגעטוליעט צו פּיערן, אָנשפּאַרנדיק איר שיין קעפּל אויף זײַנע געזונטע אַקסלען.

III

— ווי שעמסטו זיך נישט צו פאַרברענגען און פאַרלירן די־צייט צווישן שטיינער אין אַזאַ וואונדערבאַר שיינעם אָוונט? — האָט פיער, האַלב ערנסט, האַלב אויף קאַטאָוועס פאַרגעוואָרפן ספּין — מיך האָט שוין אויסגעמאָרדעוועט דאָס אַרומדרייען זיך דאָ איבער די שטיינער און חורבות. קום בעסער עפּעס נעמען אין מויל אַריין, דאָס וועט זיין פיל נוצלעכער.

די קליינע שפּיציקע שטיינער פון די גאַסן אין אַרל, ווי זיי זענען איצט אָנגעקומען נאָכן באַזוכן די עליזייפעלדער, דער טורעם פון ארצן און דער בליק, וואָס זיי האָבן געוואָרפן אויפן טעאַטער פון אַנטיקן זענען געווען נאָך ווייניק פאַר דער אוממידלעכער ספּי. זי האָט נאָך געוואָלט זיין אין פיל ערטער און אָנזען נאָך פיל מערקווירדיקייטן. אָבער פיער האָט, דעם אמת צו זאָגן, שוין נישט געהאַט קיין חשק איר נאָכצוגיין אומעטום, כּדי צו באַקוקן פאַרשיידענע אַלטערטימלעכקייטן. פאַר אים האָבן די דאָזיקע זאַכן, פון וועלכע אַנדערע ווערן אַזוי נתפּעל, נישט געהאַט קיין שום ווערט. נאָר אונטערנעמענדיק זיך איר צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן דורך אַזאַ לוסט־רייזע איבער מקומות מיט אַזעלכע ווערטפולע אַלטערטימלעכקייטן האָט ער שוין געמוזט נאָכגיין ספּין, וווהין זי איז געגאַנגען און וווהין זי האָט אים געפירט.

צווישן פיל אַנדערע חורבות האָבן זיי אויך באַזוכט אַ קאַפּליצע, וואָס איז געשטאַנען האַרט ביי אַן אַלטער קירך. נישט

ווייט פון דאָרט איז געלעגן אַן אַלטער צמענטאַזש. ספּי האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף די צעבראָכענע סטאַטוען פון די מצבֿות און אויף די איינגעזונקענע און פון עלטער איינגעבויגענע סלופּעס. דער דאָזיקער אַלטער צמענטאַזש, איז געווען אַ פּראַכטפול שטיקל איבערבלייבעניש פון אַן אַמאָליקן רוימישן ישוב.

— דאָס אַלץ — האָט זיך אָפּגערופן פּיער — ברענגט אַרויף אויפן געדאַנק, אַז דאָס לעבן איז אַזוי קורץ... אויף מיר וואַרפט עס אָן אַזאַ מרה שחורה.

— און איך, פאַרקערט, בין פון דעם אַנטציקט!

זי האָט אַ שטרייך געטאָן מיט די פינגער אויף אַ צעבראָכענעם רעליעף פון אַ סאַרקאָפאַג, ווו פיגורן פון קליינע אַמורן האָבנדיק מיט זיך יעדער אַ לייטער און אַ קאָרב, נעמען אַראָפּ פון די בוימער מאַסלינעס. בעת אַנדערע אַמורן, אָן אַ זייט, אין אַ ווינקל, הייבן אָן אויסצוקוועטשן די מאַסלינעס...

— ביזט אַ מבין ווי הערלעך דאָס אַלץ איז? — האָט ספּי אַן אַנטציקטע געזאָגט צו פּיערן — ריר זיך נאָר צו צו דעם! דערפאַר אפשר וואָס אַזוי פיל דורכגייער און באַזוכער פונם דאָזיקן אָרט האָבן איידער איך בין נאָך דאָ געווען, מיט זייערע פינגער פּאָלירט אָט דעם רעליעף, — דאַכט זיך מיר, אַז אויף דעם דאָזיקן מאַרמאָר שפּירט זיך און זעט זיך דער ציטער פון זייערע הענט, בעת זיי האָבן זיך צוגערירט צו אים. איך זע און פיל יענע הענט ווי לעבעדיקע...

— מיט אומעט און מרה־שחורה זענען געווען פול די מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגערירט מיט זייערע הענט צו דעם דאָזיקן מאַרמאָר! — האָט פּיער זיך אָפּגערופן.

— יאָ, ס'קען זיין... נאָר דאָס אַלץ רופט ביי מיר אָן ספק אַרויס אַ מין קראַפט פון האָפענונג.

— יאָ — האָט פּיער אַ שמייכל געטון, — ווייל די פאַרגאַנגענהייט איז פאַר דיר די טרייב־קראַפט צו דער געגנוואַרט.

— אַזוי איז עס שוין.

— פאַר מיר איז דער דאָזיקער סאַרקאָפאַג מיט די אַמורן אַ זאַך, וואָס וואַרפט אָן אַן אימה, גאַנץ פשוט — ווי יעדע

זאַך, וואָס דערמאָנט אָן טויט. דאָ אויפן אַלטן צמענטאַזש, פון וועלכן דו ביזט אַזוי אַנטציקט, אָטעמט דאָך דער טויט אַליין.

— דאָ פילט זיך און אָטעמט דאָס לעבן, מער ווי ערגעץ אַנדערש־וווּ.

— ביזט אינגאַנצן געראָטן אין דיין טויף־פאָטער פאַקאָ. נו, לאָז זיין ווי דו זאָגסט. תּחית־המתים, יאָ? דורך אַ ווידער־צונויפזאַמלונג פון אַטאָמען?... ס׳קען זיין, אַז נאָך אַלעמען... ווען כ׳וואָלט געהאַט אַ זון, אָדער ווען כ׳וואָלט געווען אַ זשעני וואָלט איך, ווי האָראַס, געהאַלטן, אַז:

Non omnis moriar

— וואָס הייסט עס?

— איך שטאַרב נישט אינגאַנצן.

זי האָט אַ שמייכל געטון אין אַ פאַרשטענדלעכער האָפענונג.

אַ זון!...

דערנאָך איז זי פון איר זייט, אויך אומעטיק געוואָרן און איבער איר גוף איז אַריבער אַ לייכטער שוידער.

— ס׳איז טאַקע אמת. אַז דאָס דאָזיקע אָרט טרייבט אַרויף אַ קעלט, יאָ!...

זיי זענען אַרויס שווייגנדיק, פון דער געדיכטער אַלייע מיט אירע קאַלטע שאָטנס אויף נישט קיין באַשאָטנט אָרט, וווּ די זון האָט מחיהדיק געוואַרעמט. פיער האָט זי אַרומגענומען פאַר דער טאַליע.

— זאָג, מיט וואָס וועסטו מיר העלפן באַפעסטיקן אַלץ וואָס אין אונדז איז דויערהאַפט און שטאַרק?... די פאַרגאַנגענ־הייט האָט אונדז אויסגעמיטן. די צוקונפט וועט אפשר אונדז נישט קענען קאָמפּענסירן די פאַרגאַנגענהייט. פונדעסטוועגן האָבן מיר דאָך די אַלע מעגלעכקייטן דאָס צו טון... כאַפט זיי דער טייוול דיינע אַלטערטימלעכקייטן מיט די מוזייען! מיך כאַפּט אַרום אַ קעלט פון די קברים,

זיי זענען אַוועק אין אַ קאָנדיטאָריי. דאָרט האָבן זיי פריי־ער אָפּגעאָטעמט פון אַזוי פיל שעה אַרומגיין איבער די קברים מיט די איינגעפאַלענע מצבות אויפן אַלטן צמענטאַזש.

— גוט — האָט פּיער אויסגעשריִען, צו דער באַוווּנדע־רונג פון גאַרסאָן, אַ זופּ טועגדיק פונם גראָג... — אויב דער ז'אָ־זיקער גראָג איז קוים וואַרעם, שלאָגט דערפאַר פון דיין גלאָז ווייַן אַן אמתע היץ. איך האַלט אין מיין האַנט דיינע פינגער, וואָס ענטפערן אויפן רוף פון מיין צערטלעכקייט. אָט אַזוי מאַ־דאַם בערניע!

גוט — האָט זיך ספּי געטראַכט... — נאָך אַ שטיין אין מיין גאָרטן! נאָך אַ „קאפּולער אַנצוהערעניש".

און רויִק לאַכנדיק, האָט זי גאָרנישט געענטפערט.

פּיער האָט זיך איינגעבויגן צו איר. זיינע אויגן העל בלויע ווי שטענדיק, ווען ער איז אַביסל אויפגערעגט, אָדער אין אַ ב־טער שטימונג, האָבן געפינקלט מיט אַ באַזונדער פייערל. דער גראָג האָט פּיערן געמאַכט נאָך לוסטיקער און פריילעכער. ער האָט באַקומען לשון און האָט זיך אָנגעהויבן צו ווערטלען און שפּאַסן.

— איר פאַרשטייט, מאַדאַם בערניע? — האָט ער זיך שטיפעריש געווענדעט צו ספּין.

זי האָט, אויך שפּאַסיק און שטיפעריש, געענטפערט:

— יאָ, מאָסיע בערניע, איך פאַרשטיי... דאַן ווע לן מיר קענען אַוועק אין האָטעל!... כ'וואָלט זיך דאָרט גערן אויסגערוט ווילסטו?

— יאָ, מאַדאַם בערניע... (ער האָט זי צערטלעך אַ נעם געטון פאַר דער האַנט)... איך זאָג, יאָ. ווען וועט איר שוין זיין געניי גט און גרייט אויך אַזוי צו זאָגן?

זי האָט שעלמיש אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און פאַר־געזונגען:

מעגלעך, אַז קיינמאָל נישט
מעגלעך, אַז מאָרגן,
אָבער נישט היינט, —
דאָס איז זיכער

— גוט.

זי האָט געפילט, ווי פּיערס האַנט גליטשט זיך פאַמעלעך

אַראָפּ פון איר האַנט. ער האָט זיך צוגעפּייפּט עפּעס אַ מאָטיוו, ווי זיין שטייגער איז אין אַזעלכע פאלן צו טון.

און אין אַ מינוט אַרום האָט ספּי שוין באַדויערט, וואָס זי האָט אים דורך די פיר פערזן פון לידל אויף אַזאַ אויפן געענטפערט, און ווילנדיק פאַרריכטן דעם איינדרוק, וואָס אירע ווערטער האָבן געמאַכט אויף פּיערן — ער זאָל נישט האָבן קיין פאַרדראָס, האָט זי אים אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ.

— ס'וועט שוין גוט זיין, פּיער! — האָט זי אים געזאָגט שוין מיט אַ ליבלעכן שמייכל!

ער האָט זיך אַ קער אָפּ געטון פון איר אָן אַ זייט פּונקט ווי זי זאָל אים האָבן אַ שטאָך אָדער אַ ביס געטון.

דאַן האָט זי, אין אַן אָנפאַל פון פאַרדראָס און כעס, געלאָזט פאַלן:

— גיי אַוועק, דו אַכזר איינער.

ער האָט זיך געמאַכט נישט הערן אירע ווערטער און זיך פאַרמרשט פאַרנומען מיט קוקן אויף די דורכגייער. פאַרן האָטעל האָט ער אויך געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז מיט עפּעס אַנדערש פאַרנומען, און האָט, נישט קוקנדיק אויף איר, געזאָגט:

— גיי אַריין. איך מוז ערגעץ אַוועקגיין. טאַקע באַלד.

— אַ!... גוט.

טרויעריק איבעראַשט, וואָס פּיער האָט זי פּלוצלינג געלאָזן אַליין, האָט זי גענומען איר שליסל, וואָס איז געהאָנגען ביים האָטעל־פּאָרטער אין צימער, און אין אַ רגע אַרום איז זי שוין געווען ביי זיך אין נומער. אויפגערעגט און צעטראָגן, האָט זי אַראָפּגענומען דעם הוט און אים אַ וואָרף געטון אויף אַ שטול, אויסגעטון זיך און אַריינגעלייגט אין בעט. איינגעראָבן דעם קאָפּ אין קישן, האָט זי זיך צעוויינט... דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט אַזוי אַליין!

ער איז געווען אויף איר ברוגז נישט אַזוי פאַר איר שפּאַס וואָס זי האָט געמאַכט, ווי פאַר איר עקשנות. זי האָט אים פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס ער קען זיך נישט אָריענטירן ביים אָפּשאַצן געוויסע דעליקאַטע סיבות פון דער אָדער יענער האַנד-

לונג; ער טייטשט אויס, אַ דאַנק דעם דאָזיקן חסרון זיינעם, פיל זאַכן לגמרי קאַפּויר און פּאַסט זיי אויף זייער נישט ריכטיק. למשל, דאָס, וואָס ביי איר קומט אויס רעספּעקט און פּיעטעט פאַר ליבע, — פּאַסט ער אויף אַלס אַ נישט גענוגנדיקע ליבע... און דאָס איז געווען די סיבה פון דעם, וואָס צווישן זיי איז אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע דיסהאַרמאָניע, און וועלכע האָט שוין אין אַ גע־וויסער מאָס אָפּגעשוואַכט דעם פריערדיקן צוביער און אַנטציקונג... ס׳איז אַ פּנים האָט אַזאַ לעבן!... קעמפן, קיינמאָל נישט וויסנדיק, צי דאָס, וואָס מ׳האָט נישט געטון, איז טאַקע אייגנטלעך דאָס, וואָס מ׳האָט יאָ געדאַרפט טון!... נישט גוט צו האָבן בלויז איין דערפאַרונג פאַר יעדן זשעסט, וואָס וועט באַלד פאַרשרייבן אויף דער קאָנטאָ פון אייער גורל... נישט גוט נישט צו קענען זיך צוזאַמענגיסן אין איין גאַנצן מיט דעם, וועמען מ׳האָט ליב, כּדי אים נאָכמער ליב צו האָבן...

די טריט אין קאָרידאָר האָבן זיך דערנענטערט.

— דאָס איז ער! — האָט ספּי באַלד דערקענט פּיערס גאַנג — אין איצטיקן פאַל וויל איך אים נישט ווייזן, אַז כ׳האָב געוויינט!

געשווינט האָט זי פאַרדעקט די אויגן מיט איר נאָזטיכל, וועלכעס זי האָט פאַרדעם אָנגעוואַרעמט פון איר אָטעמען, און זיך געמאַכט שלאָפנדיק.

נאָכדעם, ווי דער כּעס איז אים אַריבער, האָט פּיער באַ־דויערט, און זיך געמאַכט פאָרווורפן, פאַרוואָס ער איז אַרייַנגע־פאַלן אין אַזאַ גרימצאָרן און איז געווען אַזוי היציק בעת זיין לעצטן געשפּרעך מיט ספּין. ער האָט אַ וואָרף געטון אויף איר אַ האַרצעדיקן בליק און געזען, אַז זי שלאָפט נישט. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זי טרעפן וויינענדיק, און גערעכנט, זיך אַנטשולדיקן פאַר איר און זען, אַז זי זאָל אים מוחל זיין... דערנאָך, אויסטענהן זיך מיט איר; ענדלעך, איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפקלערן זייער ענין און אויסהערן איר ענטגילטיקע דערקלערונג.

די דאָזיקע שטילקייט, דאָס דאָזיקע שווייגן, וואָס האָט

נעהערשט אין צימער, האָבן אים געבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט און גלייכצייטיק צוריק אַריינגעבראַכט אין כּעס. בעת ספּי האָט איינהאַלטנדיק דעם אָטעם, זיך צוגעהערט צו יעדן מינדסטן געראויש, כּדי וואָס גיכער צו כאַפּן די רגע, אים אַרומצונעמען, האַלדזן און קושן: האָט ער זיך אויסגעשפּרייט אויף אַ לאַנגן שטול, ווי נישט אים מיינט מען עס. זיי האָבן ביידע דאַמאָלט געקלערט וועגן זייערע באַציונגען, וועגן די שוועריקייטן, מיט וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו קעמפן, וועגן דעם תּהום, וואָס האָט זיי אָפּגעזונדערט איינעם פון אַנדערן. זייער פּאַנ־טאַזיע האָט חרוב געמאַכט, צעקלאַפּט אָן אַן אויפהער, די דאָ־זיקע אַלע שטערונגען און מניעות. ספּי האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו איר געליבטן. ער האָט זיך קיין ריר נישט גע־טון פון אָרט. ער האָט זיך ענדלעך אויפגעהויבן און גענומען פּוצן זיינע קליידער; מ'האָט געדאַרפט באַלד גיין עסן מיטאָק... זי האָט נישט געוווסט וואָס אים צו זאָגן און זיך ווידער צע־וויינט. פיער האָט זיך אויפגעריסן פון זיין אָרט און העפלעך זי איבערגעפרעגט:

— פאַרוואָס וויינסטו?

דאָסמאָל האָט אויסגעבראָכן דאָס געוויטער, זי האָט אָנגעהויבן שלוכצן. ער האָט זי געגלעט איבערן קאָפּ

— אַך, ווי נערוועז דו ביזט, מיין קליינינקע...

יאָ, — האָט ספּי זיך געטראַכט — גאָר אַ קליינינקע, וועלכע מ'דאַרף טרייסטן, ווייל זי ווייסט איצט טאַקע נישט, אויף וואָסער וועלט זי איז... זי שפּירט זיך אַזוי הילפס־לאָז אַזוי אומגליקלעך? פון וואָס? פון אַלץ.

פיער האָט געהאַלטן די דאָזיקע פאַרצווייפלונג פאַר אַן איבערגעטריבענע. ער קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי פיל צער און יסורים אַ הארץ פון אַ פרוי קען אין זיך פאַרשטיקן בפרט נאָך אין די מינוטן, ווען אַלע צרות און יסורים מישן זיך דורך און קומען מיטאַמאָל...

אויטאָמאַטיש האָט ער ווייטער געגלעט אירע שיינע גע־קרייזלטע האָר. דער צאָרן און פאַרדראָס, מיט וועלכע ער האָט

זיך מיט עטלעכע מיגוט פאַר דעם ממש געברענט, זענען אינ־
גאַנצן איינגעשטילט געוואָרן און ער איז געוואָרן ווייך און
מילד. וואָס מער ספּי האָט אויפגעהערט צו שלוכצן און זיך
באַרויִקט, איז פּיערן אַלץ לייכטער געוואָרן אויפן הארצן און
אַ באַרויִקטער, האָט ער זיך איבער איר איבערגעבויגן, זי אַ
לייכטן צי געטון צו זיך, אונטערלייגנדיק זיין האַנט הינטער
איר רוקן, זי געקושט און געצערטלט.

— ראַנראַנעט, מיין קעצעלע, כ'האָב דיר דאָך גאָרנישט
געטון; — וואָס זשע ביזטו אויף מיר געווען אַזוי ברוגז,
קענסט זיך נישט פאָרשטעלן, ווי עס טוט מיר לייד, וואָס איך
האָב דיר, אַזוי אָדער אַזוי, פאַרשאַפט עגמת נפש, נור זיי מיר
מוחל, מיין טייער קעצעלע, כ'האָב דאָך נישט געמיינט, חלילה,
קיין שלעכטס.

זי האָט אָפּגעריבן אירע לעצטע טרערן.

— זאָג וואָס דו ווילסט, נאָר איך זע, אַז דו ביזט די
לעצטע צייט נישט גוט געשטימט (זי האָט שיער ווידער נישט
אָנגעהויבן צו וויינען)... דו האָסט מיך שוין נישט ליב ווי אַמאָל.

— זיי זיכער אין דיין אויסוואַל, ווי איך בין זיכער אין
מיינעם. גלייב מיר, אַז איך האָב דיך ליב, ווי פריער, און אַז
דו וועסט זיין אַ גוטע און אַ ווילע, וועלן מיר ביידע זיין
גליקלעך אַ יאָר צוואַנציק.

ספּי האָט געפילט, ווי אַ שטיין איז איר אַראָפּגעפאַלן
פון הארצן — אַזאַ ווירקונג האָבן אויף איר געהאַט פּיערס
וואַרעמע ווערטער. זי האָט אים פעסט אַרומגענומען און געמורמלט:

— זע, מיין טייערער, אויף ווייטער זיך נישט צו בלאָזן
און נישט צו זיין ברוגז. זע מיט אַלע מעגלעכקייטן דאָס אויס־
צומיידן. זאָלסט וויסן זיין, פּיער, אַז נאָך אַ פּאָר אַזעלכע סצע־
נעס, ווי די, וואָס דו האָסט מיר היינט געמאַכט, קענען מיר
מקצר זיין די יאָרן און מיך אַזועקהרגענען. אַלזאָ, כ'בעט דיך,
האָב רחמנות אויף מיינע יונגע יאָרן און זע עס אויסצומיידן.

— גוט. כ'שווער דיר, אַז כ'וועל דיר צוליב טון און דאָס
אויסמיידן, אָבער דו, קעצעלע מיינס, דו, פון דיין זייט מוזט

אויך זען, מיר נישט צו פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש. איך וויל, דו הערסט, איך וויל, אַז דו זאָלסט ווערן מיין ווייב. זאָג מער נישט, גיין! דאָס נישט נאָכגעבענדיק מיר, וואָלסטו מיר געטון די גרעסטע רעה. כ׳וואָלט עס נישט געקענט אריבערטראָגן. כ׳קען שוין נישט ווארטן און אַרומגיין מיט ספקות, וועלכע האָבן מיך היינט אַרויסגעבראַכט פון געדולד און מיך אַזוי צערייצט, אַט די ספקות: צו דו האָסט מיך ליב צי נישט.

— אָ, פיער, ווען דו וואָלסט געוווּסט... כ׳האָב דיך ליב, כ׳האָב דיך ליב אָן אַ שיעור און אָן אַ גרענעץ...

— וויבאַלד אַזוי... פאַרוואָס פעלט דיר נישט איין אַ קלער צו טון, אַז מאָרגן קען איך שטאַרבן... כ׳בין דאָך נישט מער ווי אַ מענטש... כ׳קען קראַנק ווערן, ס׳קען מיט מיר פּאָרקומען אַ צופאַל, אַ קאַטאַסטראָפע; מאַלע וואָס... אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך דאָך...

זי האָט אויסגעשריען, באַשירמענדיק מיט דער האַנט אירע אויגן:

— שווייג! הער שוין אויף צו ריידן אַזעלכע נאַרישקייטן.

— אָ! זעסטו... דו וואָלסט דאַן שטאַרק חרטה געהאַט און זיך נישט געקענט טרייסטן: דו וואָלסט צו זיך געזאָגט: איך וואָלט אים דאָך געקאָנט געבן אַ פולשטענדיק גליק... און צוליב אַ קאַפּריז, האָב איך זיך איינגעשפּאַרט און אַזאַ גליק אים נישט געגעבן.

— אָ, צוליב אַ קאַפּריז גאָר!

— דו האָסט דאָך קיין שום גרונט נישט מיך צו אָפּאָנירן און צו באַרעכטיקן דיין עקשנות. דיין פעטער פּאַקאָ... ער האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז ווען איך וואָלט אים פאַרגעלייגט צו ווינען צוזאַמען מיט אונדז, וואָלט ער געווען גליקלעך, איידער צו פירן אַזאַ נודנע לעבן פון אַן אַלטן בחור... מיין ברודער? קען איך דיר זאָגן, אַז ליוסיען און זיין פרוי האָבן צו דיר די גרעסטע סימפּאַטיע. דו ווייסט עס, איבעריקנס, אַליין גאַנץ גוט. אַזוי, אַז פון דער זייט קען אויך נישט זיין קיין מניעה.

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— זיי זענען זייער ווילדע מענטשן, אָבער אין זייער באַציונג צו מיר איז פאַראַן אַ קליינער ניואַנס, אַביסל פאַר מיר נישט קיין אַנגענעמער.

— אָבער דאָס וועט אויפהערן מיט דער רגע, ווען דו וועסט ווערן אַ מיטגליד פון אונדזער פאַמיליע. ליוסיען האָט מיר ערשט נעכטן געזאָגט: פאַרוואָס רעגולירט איר נישט אייערע באַציונגען? פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה מיט ספּיריטן? כ׳שווער דיר, אַז דיין עקשנות באַליידיקט מיך און פאַרשאַפט מיר דעם גרעסטן צער.

זי האָט, אייסהערנדיק זיינע רייד, זיך פאַרטראַכט און דערנאָך אַ זיפץ געטון:

— מ׳דאַרף פאַרשטיין מיינע ספקות און די דעליקאַטע סיבות, וואָס האַלטן מיך צוריק פון חתונה האָבן מיט דיר.

— וואָס זענען עס פאַר אַ סיבות?

— דו האָסט געדאַרפט טרעפן אַליין...

— כ׳בין נישט קיין כישוף־מאַכער. זאָג!

זי האָט זיך נאָך אַלץ געקווענקלט:

— כ׳וואָלט געוואָלט אויסמיידן... באַדויערונג און חרטה!

ער האָט אַ צוק געטון מיט די אַקסלען:

— באַדויערונג און חרטה?

— דו גיסט דאָך מיר אַזוי פיל צוזאַמען מיט דיין נאָמען: דיין לעבן, דיין הויז, דיין האָב און גוטס און אַלץ צוליב אַזאַ צווייפלהאַפטן גליק, וואָס איך שטעל מיט זיך פאָר... מיט איין וואָרט: אַזוי פיל קרבנות פון דיין זייט פאַר מייבעטוועגן...

— דו ביזט דאָך עס אָבער ווערט. אַלע מיינע גוטע פריינט ווינטש איך צו האָבן אַזאַ ווילע חברטע און פרוי אין איין פערזאָן ווי דו ביזט.

זי האָט אים באַדאַנקט מיט אַ דריק אין האַנט.

— כ׳וועל זיין אינגאַנצן, אינגאַנצן דיינע און וועל זען, אַז די צוקונפט זאָל פאַר דיר זיין נאָך אַ שענערע און בעסע-

רע, ווי די געגנוואַרט, נאָר טראַץ דעם אַלעם, וואָלט איך נישט געוואָלט מיט דיר חתונה האָבן, איידער...

זי איז פאַרשוויגן געוואָרן און איר פּנים האָט זיך פאַרייטלט.

— איידער וואָס?

— איידער כ׳וואָלט נישט געווען זיכער... (זי האָט אָנגעוויזן אויף איר בויך)... אַז עפּעס פיל איך דאָ... יאָ, אַז איך בין פאַרגאַנגען אין טראָגן...

— אַ קינד!... (ער האָט געלאַכט) אַך דו חיה איינע! דאָס אײנגאַנצן? נו גוט, ס׳וועט גוט זיין.

— שוין צוויי יאָר, זייט איך האָף...

— דאָס דערוויילט נאָך גאָרנישט. מיר וועלן נאָך האָבן אַ יורש, נישקשה.

— הער אויס!... (זי האָט פון צעמישונג ווי געשטאַמלט). זאָלסט וויסן זיין, אַז איך בין ביי דיר נישט מער ווי אַ אָנגעשטעלטע. די זעלבע וואָס איך בין געווען ביז איצט. די ראָל פון אַ בעל-הביתטע,—וועלכע איז געוואָרן מיט איינמאָל, פלוצלונג פון אַ אָנגעשטעלטע,—זשענירט מיך. און איך וויל בלייבן ווייטער פאַר דער וועלט אַ אָנגעשטעלטע דיינע. כ׳האָב פיינט די בייזע צינגער, וועלכע וואָלטן, ווען כ׳וואָלט געוואָרן דיין געזעצלעך וויב, געוויס געזאָגט, אַז איך בין אַ אינטריגאַנטקע, וועלכע האָט דיר פאַרדרייט אַ קאָפּ און דיך געצוווּנגען, אַז דו זאָלסט ווערן מיין געזעצלעכער מאַן. זיי אויף צופיקעניש וויל איך עס נישט טון און פאַרבלייב אויף ווייטער דאָס, וואָס איך בין געווען.

אויסער זיך פון כעס און פאַרדראָס, האָט פּיער, ווי אַ חיה אין אַ שטייג, אַרומגעשפּרייזט, אויפגערעגט, אַהין און אַהער ער האָט געמאַכט מיט די הענט, געמורמלט און סאַרקאַסטיש געלאַכט:

— איז דאָס, הייסט עס, האַלט דיך צוריק — די מיינונג פון אַנדערע?.. האָסט מורא פאַר דעם, וואָס אַנדערע וועלן זאָגן. אַזוי! אַך, דו, דו א ו מ אָ פּ ה ע נ ג י ק ע, וועלכע רעכנט זיך נישט מיט קיינעמס מיינונג! אָט דאָס הייסט אומאָפּהענגיקייט.

ווען מ׳האָט מורא, וואָס יענער וועט זאָגן און מיט דעם טאַקע רעכנט מען זיך עס...

— זאָג וואָס דו ווילסט, נאָר דאָס נעמען זיך אַלץ און גאָרנישט געבן דערנידעריקט מיך.

— גליק רופסטו „גאָרנישט״... דו גיסט מיר דאָך גליק...

— דאָס גליק, — ווי דו רופסט עס אָן — איז אַ קאַמע־לעאָן, וואָס ענדערט שטענדיק זיין אויסזען אין אויסערלעכקייט, לויט די געפילן און סימפּאַטיעס. שטעל זיך פאָר, אַז מיר וועלן נישט קענען האָבן קיין קינדער, — ווער קען דאַן ערוב זיין, אַז דיין איצטיקער ענטוזיאַזם וועט נישט אָנווערן זיין שיינעם קאָליר אָדער אינגאַנצן אויסגעוועפּט ווערן?... הכלל, פּיעראַ, אָן קינדער איז דערווידער מיין גאַנצן ווונש!... אגב דאַרפסטו נישט פאַרגעסן, אַז איך בין דאָך אַ מוטער!...

איר שטים האָט שוין נישט געקלונגען ווי פריער. אירע רונדע בעקלעך, וואָס זענען געוואָרן ווייס ווי מאַרמאָר, אירע אויגן—פול מיט צער, האָבן עדות געזאָגט, אַז זי מאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען ווייטער צו ריידן דאָס, וואָס איז איר אַזוי נישט אָנגענעם:

— צי פאַרשטייסטו, וויפיל מיך קאָסט געזונט זיך צו פאַר־רופן פאַר דיר אויף מיין אומגליקלעכע פאַרגאַנגענהייט און וועגן דעם אויספירלעך אַלץ דיר דערציילן. אַלזאָ, דו ווילסט וויסן די אמתע סיבה פון מיינע קווענקלעניש?.... איך בין אַ מוטער און געגנוג.

העכסט אויפגעבראַכט, האָט ער איר געמאַכט אַ צייכן, זי זאָל אויפהערן ריידן.

— דאָס איז אידיאָטיזם.

— דו ביזט אַ דזשענטעלמען, איך ווייס: וועסט מיר מוחל זיין.

— כ׳בין נישט קיין דזשענטעלמען, נאָר פּשוט, כ׳האָב דיך ליב!

— און דו, דו ביזט מיין ליכט און מיין קרוין! כ׳זע שוין מער נישט אין מיין נשמה קיין ווערטער־ענדערונגען פון

יאָר: קיין ווינטער און קיין הערבסט, ווייל די זון שיינט איך איר שטענדיק...

— דאָן...

— כ'וואָלט גאָר געוואָלט, אַז קיין זאַך זאָל נישט טריב מאַכן אונדזער ליבע...

— דאָס איז געווענדט פון דיר אַליין!

— ריכטיק. פאַרשטיי מיך, כ'בעט דיך, אויב איך האָב שוין מער נישט מורא, אַז דו וועסט חרטה האָבן, תחונה האָבנ־דיק מיט מיר, האָב איך אָבער מורא פאַר מיינע געוויסנסביסן... לעבן פולשטענדיק גליקלעך מיט דיר, מיט קינדערלעך, אויף וועלכע איך האָף נאָך, בעת נאָך אַ קינד... מיין קליין זונדעלע, מיין פלייש און בלוט, וועלכן איך האָב געבראַכט אויף דער וועלט...

— דאָס איז נארישקייטן! דאָס איז דיין פעלער, וואָס דו ביזט באַגאַנגען אַ מאָל אַ זאַך, וואָס איז שוין לאַנג אַריבער.

אַ מאַנספערשוין, וואָס איז געווינט צו זען אַזויפיל מאַנספערשוינען, וואָס זאָרגן זיך נישט וועגן די קערנדלעך, וועלכע זענען דורכגייענדיג פאַרוואָרפן געוואָרן,—די אומגעזעצ־ליכע קינדערלעך זייערע, — האָט פיער עד־היום נאָך נישט גע־האַט קיין באַשטימטע שטעלונג צו דער פרויען־פראַגע, וועגן דער פרוי, אַלס ווייב און מוטער. ער האָט אויף זיי געקוקט מיט אויגן פון טויזנטער אנדערע מענער, וואָס קלערן גאָרנישט אַריין אינם דאָזיקן ענין און שטייען אָן אַ זייט פון דער קאָמפּליציר־טער פראַגע, וועגן דער פרוי, אַלס ווייב און מוטער.

— מיין פעלער — האָט ספּי ווייטער אַנטוויקלט איר גע־דאַנק — מיין פעלער באַשטייט אין דעם, וואָס איך האָב פאַר־לאָזט דאָס עופעלע און עס אָוועקגעגעבן אין פרעמדע הענט, עס איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט. אָט דאָס, זעסטו פייניקט מיך אָן אַ שיעור און כ'האָב מורא, אַז וואָס ווייטער, וועט דער גע־דאַנק וועגן דעם און מיין געוויסנסביסן מיך נאָכמער פייניקן און מאַכן מיין לעבן אומדערטרעגלעך. דער איינציקער אויסגאַנג פון אַזאַ לאַגע איז, — איך זאָל דאָס קינד צוריק פון דאָרט אַרויסנעמען.

און דאָס מוז איך אומבאַדינגט טון! און כ׳וועל דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת, אַז דאָס איז די הויפּט סיבה, וואָס איך קען נישט חתונה האָבן פאַר דיר.

ער האָט זי אַ כאַפּ געטון פאַר די הענט און זי צוגע־דריקט פעסט אין זיינע אָרעמס און באַשאָטן איר פּנים מיט הייסע, פייערדיקע קושן.

— אָט דאָס איז דער סוד דיינער, וואָס דו האָסט מיר אַזוי לאַנג נישט געוואָלט דערציילן? — האָט ער צו איר שמייכלענדיק געזאָגט.

— יאָ.

— טייערע מיינע, כ׳מוז דיר זאָגן, אַז נאָך אַלעמען קענסטו מיך ווייניק. דו ווייסט נישט, זע איך, אַז מיין ליבע צו דיר איז אַזוי שטאַרק, אַז ס׳עקזיסטירן נישט פאַר מיר קיין שום גרענעצן און מניעות. ווען איך וואָלט געוווסט, אַז דו טראַכסט וועגן דעם, וועגן דאָזיקן יאָטל דיינעם, וועלכן דו ווילסט אַרויסנעמען צוריק פונם קינדער־היים, וואָלטן מיר שוין לאַנג געקומען צו אַ הסכם צווישן זיך. כ׳וואָלט דיר באַלד צוליב גע־טון און מיטגעהאָלפן צו דעם. נאָר וואָס געווען איז פאַרפאַלן. איצט דאַרף מען נישט פאַרלירן קיין צייט און תּיכּף זיך נעמען דאָס דורכצופירן: גיין אין יענער אינסטיטוציע און זיך משתדל זיין, מ׳זאָל אונדז אַרויסגעבן דיין זונדעלע. אַ שאָד, כ׳לעבן, וואָס דו האָסט מיר ביז איצט וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט און וואָס מיר האָבן, אַזויאַרום, פאַרלאָרן זעקס חדשים צייט!

מיט אַ זשעסט פון פאַרגעטערונג האָט זי איבערגעקרייצט אירע הענט אויף דער ברוסט און געקוקט אויף פּיערן מיט אויגן וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ באַזונדער פייערל פון ליבע און דאַנקבאַרקייט.

— אָך, ס׳איז אַ גאָלדן האַרץ דו האָסט! ווי שיין און איידל דאָס איז פון דיין זייט!

ער האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד:

— אָבער ס׳איז אַ שיינע המצאה דאָס איז! מיר וועלן דאָך אַזויאַרום, האָבן ביי זיך אין שטוב אַ קליין שרייענדיק יאָטל,

וועלכער וועט אונדז אַזוי ווײלן און פאַרשאַפן פאַרגעניגן! פון מאָרגן אָן נעם איך זיך צום דאָזיקן ענין. אָבער אין משך פון פופצן טעג וועלן מיר שוין נעמען חופּה וקדושין. נישט אַזוי?

— אָ, פּיעראָ, פּיעראָ, כ׳וועל דיר קײנמאָל נישט אויפהערן ליב צו האָבן.

זײערע ליפּן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ לאַנגן הײסן קוש.

— אַלזאָ, יאָ, מײן טײערע? יאָ?

— יאָ, איך פאַרגעטער דיך ממש...

דאָס איז געווען אַ מינוט פון פולשטענדיקן גליק, ווען צוויי ליבנדיקע נשמות גיסן זיך צונויף אין אײנע. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן. די תאווה האָט זיך אויפגעהויבן פון דער טיפענישׁ פון זײער וועזן און האָט שטאַרק אויפגעברויזט. אין זײער אַרט אויסדרוקן זײערע הינטער-געדאַנקען, — הגם זײ האָבן זיך נאָך גוט באַהערשט, האָט געשײנט און געגלאַנצט די מאַיעסטעט פון לעבן. זײ זענען געווען אויפן זיבעטן הימל פון ליבע, וועלכע איז די בעסטע געגנזײטיקע מתנה אין אײנע פון די שענסטע קרבנות; אַ טײל פון דער געטלעכקײט אין מענטשן.

IV

פון אינדערפרי אָן האָט אַ שטאַרקער ווינט פון די ל'אַד-
רעש-בערג געבושעוועט איבערן שטעטל. ער האָט געריסן טירן
און לאָדנס, געקלאַפט אין די דעכער, געבראָכן די קאַפלעס,
אַריינגנבענענדיק זיך און אַריינדרינגענדיק אומעטום, אין אַלע
לעכער און שפּאַרעס. ווען זיין וואָיען האָט אויפגעהערט, האָט
אָנגעהויבן צו גיסן אַ רעגן. פריער האָט בלויז געגעגנט און אין
עטלעכע מינוט אַרום איז דער רעגן באַגלייט געוואָרן מיט אַ
שטאַרקן האָגל. דער רעגן האָט אָנגעזאַפּט די ערד און דער
הימל איז נאָך אַלץ געווען באַדעקט מיט געדיכטע שוואַר-
צע, ערטערווייז נאָר גראָע וואָלקנס. אַלץ האָט זיך געכמורעט,
פון אַלץ האָט געטריפט, אַלץ איז געווען פייכט און דורכגע-
ווייקט פון רעגן. ס'איז געווען זונטאָק.

פאַר דעם קאַפע מיריל זענען אויף דער וועראַנדע אונ-
טער אַ דינעם דאַך געזעסן גרופּעס מענטשן, וואַרטנדיק, ביז
ס'וועט אויפהערן רעגענען און דער הימל וועט זיך אויסלייטערן.
פון זייערע דיקע, פאַרמאַכטע דורכגענעצטע רעגנשירעמס האָבן
נאָך גערונען אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע שטראָמעלעך וואַסער.
פון יענער זייט פאַרהויכטע פענסטער האָט געפילדערט דער
עולם אין זאַל. גאַנץ לוסאַק—כמעט זיין גאַנצע באַפעלקערונג
האָט זיך דאָ געפונען. די אַרבעטער-באַפעלקערונג און די אָר-
טיקע פויערים האָבן דאָ פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג. זיי זענען
אַלע געזעסן אין קאַפע, געטרונקען, צוגעביסן און געפירט דיס-

קוטיעס וועגן וואָס איר ווילט. אַ נודנע אָפּקומעניש איז דאָס געווען פאַר פיל, דאָסדאָזיקע „ליידיק זיצן", דאָס ליידיק זיצן האָט פיל פון די דאָזיקע מענטשן מער אויסגעמאַטערט ווי די שווערסטע אַרבעט. אין קיין איין שטעטל און דאָרף פונם דאָזיקן געגנט איז נישט געווען דאָס, וואָס יעדעס פון זיי האָט געדאַרפט אַזוי בייטיק: קיין ביבליאָטעק אויף צו לייענען און שרייבן, קיין פאַרוויילונגס-זאַל... דערפאַר אָבער, איז דאָ, ווי עפעס מפייס צו זיין אָט דעם חסרון, געשטאַנען אַקעגן דער קאָנדיטעריי — אַ געביידע, ווו ס'האָבן זיך געפונען אַ קינאָ און אַ דאַנסינג, מיט אַ גרויסער שילד: „דאָס פאַרברעכן פון אוּאָטשעפל". פון דאָרט האָבן זיך געטראָגן טענער פון דזשאַז-באַנט און אין די פענסטער האָבן געשימערט טאַנצנדיקע פאָרלעך. די גאַנצע יוגנט פון לוסאַק האָט דאָ געטאַנצט און זיך געלאָזט ווילגיין...

פלוצלינג האָבן די געסט פון דער קאַפע דערזען פון דער ווייטן דעם באַקאַנטן שטייער-באַאַמטן. אַלע האָבן אים באַגריסט. ער איז געווען אַ העפלעכער און פיינער מענטש און אַלע האָבן פאַר אים געהאַט דרך-ארץ. ער האָט אויף די באַגריסונגען אַלעמען געענטפערט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל, וועלכעס איז כמעט קיינמאָל נישט אַראָפּ פון זיינע ליפן. דער באַאַמטער האָט לייכט צוגעהונקען אויף זיין הילצערנעם פוס (איין פוס פאַרלאָרן בעת דער לעצטער גרויסער מלחמה. ערגעץ ביי ווערדן) הער מוניע — אַזוי האָט ער געהייסן — האָט געוווינט נישט ווייט פון לוסאַק און איז איצט געקומען פון דאָרט צופאָרן.

צוליב זיין אָנקומען, האָבן די וכּוחים פון די געסט אין דער צוקערניע (וועגן די פרייזן אויף וויין, וועגן יקרות אויף לעבנס-פראָדוקטן), זיך אָפּגעשטעלט.

אין דער רגע, ווען דער לאָמער באַאַמטער האָט זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפ פון דער ווערענדע, כּדי עפעס דאָרט צוצובייסן און אויסטרינקען אַ גלאָז וויין, איז פון דער קינאָ-געביידע אַרויס אַ גרופע יונגעלייט, רעקרוטן אָנגעטון ווי קלאָונען אין ציִרק און זיך געלאָזט מאַרשירן איבער דער גאַס מיט אַ גע-

זאנג, טראָגנדיק פענער מיט פאַרשידענע אויפשריפטן. איינע פון די אויפשריפטן איז געווען — „כּבֿוד פאַר פּרייַנקרייך“ בעת הער טוניע האָט זיך אויפגעהויבן אויף דער וועראַנדע, האָט אים באַגעגנט, אָראָפּלאָזנדיק זיך פון די טרעפּ, דער בריגאַדיר פון זשאַנדאַרמעריע.

— וואָס מאַכט איר, לייטענאַנט, וואָס זאָגט איר עפּעס אויף די יונגאַטשעס, לייטענאַנט? — האָט ער באַגריסט דעם שטייער-באַאַמטן, אָנווייזנדיק אים אויף די מאַרשירנדיקע יונגעלייט אין די אויסטערלישע מלבּושים.

— וואָס זאָל איך זאָגן?

נאָר דאָ האָט זיך פּלוצלינג אין זייער געשפּרעך אַרייַנגעמישט אַ שיכּורער בירגער פון לוסאַק, וועלכן דער בעל-הבית פון דער צוקערניע האָט נאָר-וואָס אַרויסגעוואָרפן פון דאָרט און וועלכער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. דער שיכּור האָט דערקענט דעם בריגאַדיר, אים אויסגעשטרעקט זיין פּילע פליישיקע האַנט מיט די ווערטער:

— אַנטשולדיקט, חבר שעף!

און זיין עקזאַלטירטער פּאַטריאָטיזם, ביים אָנזען פון די מאַרשירנדיקע יינגעלייט, איז געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון אויסצושרייען:

— זאָל לעבן די אַרמיי!

ערנאָך באַקוקנדיק דעם מאַסקאַראַד פון די יינגעלייט, וועלכע האָבן זיך געלאָזט גיין איבער דער „גרויסער גאַס“ האָט ער זיך געלאָזט זיי נאָכגיין. קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס. דער בריגאַדיר האָט אים, ווי אין אַזעלכע פאַלן איז אָנגענומען, אָפּגעגעבן „טשעסט“, אויפהייבנדיק צוויי פינגער צום דאַשעק, מיט אַ בליק אָבער, פון פאַראַכטונג.

— דאָס איז בעזש, אַ היגער איינוווינער, האָט אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט, דער בריגאַדיר מיטגעטיילט דעם שטייער-באַאַמטן, — ער האָט היינט, צוליב זונטאָק, געמאַכט אַ גוטע כּוסה און די פיס און דער צונג פּלאָנטערן זיך נאָך ביי אים...

דער רעגן האָט בײני-לבֿיני אױפֿגעהערט. ס'האָט זיך זאַ גאָר באַװיזן אַ שטיק אױסגעלײַטערטער הימל.

ייִנגלעך, װײַסע-חבֿרה־ניקעס האָבן זיך שטאַרק אַמוזירט מיטן דאָזיקן מאַסקאַראַד און אײַנגיכן אַלײן צוגעשטאַנען צו די מאַרשירנדיקע יונגעלײַט. די װײַסע-חבֿרה-ניקעס האָבן אױך אָנגעהױבן צו זינגען, האָבן הילכיק געלאַכט און געפֿילדערט. דער „דיריזשאָר" האָט אָנגעפֿירט מיטן „כאָר" און ס'האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג:

שטאַרבן פֿאַרן פֿאָטערלאַנד —
דאָס איז אַ זײער שײנער גורל —
דאָס אײדלסטע פֿון אַלע װוּנטשן.

דער שטײער-באַאַמטער האָט געצוקט מיט די פּלײצעס. זײַן שמײכל איז איצט שױן געװען נישט אַזױ זיס.

— רעכטס, לינקס — האָט ער זיך געטראַכט — אַ שריט פֿאָרױס!... דאָס איז אַזעלכעס, װאָס מאַכט הינערפֿלײטן אין רום!...

און שלעפּנדיק זײַן הילצערנעם פֿוס, איז ער נעבעך אַ פּאָר געטון אין זײַנע קלײדער און זיך אױסגעצױגן אין זײַן גאַנצן לענג.

אױפֿן עק דאָרף — דאָרט, װוּ ס'זענען קאָנצענטרירט די פּױערים, אױפֿן װעג צו לאַרזשענטיער איז אַ גרױסער ערד-שטח מיט פֿיל געבײדעס געװען פֿאַרנומען דורך אַ גרױסער פֿאַבריק פֿון כעמישע אױסאַרבײטונגען, און דאָרט זענען אױך געשטאַנען אײנס אַקעגן דעם אַנדערן, הארט בײם װעג, צװײ פֿאַלװאַרקן מיט פֿאַרמאַכטע טױערן. אױפֿן שװעל פֿון אײנעם פֿון אָט די טױערן האָט זיך באַװיזן עפּעס אַ דיקע באַיאָרנטע פֿרױ. אױסנוצנדיק, װאָס דער גאָסרעגן האָט אױפֿגעהערט, איז זי אַרױסגעגאַנגען פֿון שטוב כּדי צו זען, װי די סבֿיבֿה זעט איצט אױס נאָכן רעגן. זי האָט באַמערקט אַקעגנאיבער שטײן בײם פֿענסטער איר שכנטע מאַדאַם פֿיגער. אײַנבײגנדיק זיך איבערן פֿענסטער-פּאַראַפּעט, האָט מאַדאַם פֿיגער נישט אַראָפּגעלאָזט די אױגן פֿון שמוציקן שאָסע און געקוקט מיט נײַגיריקײט אױף

יעדן מענטשן, וואָס איז דאָרט געגאַנגען אָדער געפאָרן. הער בעזו איז בעת מעשה מיט שווערע טריט פון אַ בער, וואַק־לענדיק זיך און מאַכנדיק אָנשטרענגונגען ניט אַנידערצופאַלן, געגאַנגען קיין לוסאַק.

— ער גייט שוין מאַכן אַ כוסה, דאָס מענדעלע מיינט — האָט פרוי בעזו געלאָזט פאַלן אויפן אַדרעס פון איר מאַן.

— ער וועט דאָרט, ווי דער שטייגער זיינער איז, ריידן וועגן פאַרשידענע עסקים, דיסקוטירן. דער שענק — דאָס איז דאָך זיין מאַרק, זיין בערזע און זיין קלוב. וואָס זשע — יעדער האָט זיך זיינע רגילות... — האָט מאַדאַם פיגער געזאָגט.

— איר מיינט עס מיין מאַן?

— חלילה!

מיט אַ גיפטיקן טאָן און שלעכטן רמז איז אַרויסגערעדט געוואָרן דאָס דאָזיקע וואָרט ח ל י ל ה און אויף אים האָט גע־ענטפערט נאָך אַ מער גיפטיקער פאַרדעכטיקער בליק.

לפנים האָבן די ביידע שכנטעס געהאַלטן זיך גוט, קאָ־רעקט, העפלעך און צייטנווייז אפילו געלעבט צווישן זיך, ווי מ'זאָגט, קוצעני־מוצעניו. אינדעראמתן אָבער, האָט צווישן זיי גע־הערשט אַ גרויסע קנאה־שנאה און איינע איז געווען גרייט די אַנדערע[illegible]צו דערטרונקען אין אַ לעפל וואַסער. מאַדאַם פיגער האָט פיינט געהאַט די כיטרע און פאַלשע בעזו, און בעזו, פון איר זייט, ווידער האָט פיינט געהאַט דאָס פאָר־פאָלק פיגער, דער עיקר דערפאַר, וואָס זייערע פעלדער און וויינגערטנער האָבן געגעבן אַ גוט געדעטעניש און נאָך אַ בעסערע הכנסה. דריי יונגעלעך פון קינדער־היים, וועלכע דער דעפאַרטאַמענט האָט צו זיי אַריינ־געגעבן אויף אויסצוהאָדעווען און דערציען, האָבן זיי געהאָלפן. זיי די יינגלעך — סאָלידע און גוט־דערצויגענע — האָבן אַזוי צו זאָגן, ממלא־מקום געווען די זין זייערע, וואָס זענען דערהרגעט געוואָרן־ בעת דער מלחמה. דאָס פאָר־פאָלק בעזו איז געווען קינדער לאָז און זיי פלעגן נעמען אויסצוהאָדעווען קליינע יתומלעך. דאָס אויסהאַלטן זיי האָט געגעבן דעם מאַן די מעגלעכקייט צו שיכּורן און דער פרוי צו עסן. זיי האָבן געזען, ווי די בעזוס פאַל־

וואַרק, איז צוליב דעם שיכּרות פון בעל־הבית ביסלעכווייז רוי־נירט געוואָרן — די פעלדער זענען געלעגן נישט באַאַרבעט און די דעכער זענען געווען לעכערדיק.

מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט שניידיקע געשרייען. די דיקע פרוי האָט אַ שפּרונג געטאָן אין איינציקן צימער אַריין, אין פאַרטער, וואָס האָט גלייכצייטיק געדינט אַלס שלאָפצימער פאַר אַלעם, אַלס עס צימער און קיך... דאָס האָט געקענט זיין נאָר זשול, וועלכער האָט געוויס, אַנשטאָט צו וואַשן דאָס גע־שיר, געפּייניקט מאַרקן. דאָס אַכט יאָריק יונגל, וואָס האָט אין שטוב געהאָרעוועט, ווי אַן אייזל, האָט זיין גאַנץ ביטער האַרץ אויסגעלאָזט אויפן צוויי יאָריקן קינד.

— וואָס איז שוין ווידער? — האָט די בייזע פרוי גע־שריען, אַריינלויפנדיק האַסטיק אין שטוב אַריין — אַהאַ, דו שמאָדער איינער, דיך געפּאַקט. די רגע וואַרף אַוועק די שיסל!

איינקלאַמערנדיק זיך אין דער שיסל, וועלכע זשול האָט ביי אים געוואָלט אַוועקנעמען, איז דאָס קליינע יינגל געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע. אַ שוואַרצער, ענלעך אויף אַ אויסגעטרוקנ־טע מאַלפּע, און האָט אַלץ געשריגן.

— כ׳וויל עסן — האָט זשול געזאָגט, אַרויסלאָזנדיק פון זיינע הענט די שיסל, און דאָס, וואָס איז געווען אינעווייניק, האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די הענטלעך פונם קליינינקן מאַרק־הענרי: ער האָט אָנגעהויבן נאָך העכער צו שרייען.

זשול האָט באַקומען אַ פּראַסק איבערן קאַרק און דער קליינער אַ פּאַטש אין באַק. דערשרעקנדיק זיך און מורא האָבנ־דיק צו באַקומען נאָך עטלעכע פּעטש, איז דער קליינער שטיל געבליבן.

די מרשעת האָט אַ כאַפּ געטאָן זשולן פאַר די האָר:

— האָסט געמאַכט דיין אַרבעט?

— געמאַכט. איר קענט אַ קוק טון.

— דאָס גיט דיר נאָך נישט קיין רעכט צו באַגנבענען קליינע קינדער, ווי דו האָסט עס געטאָן. מ׳קען מיינען, אַז דו האָסט נאָך היינט נישט אָנגעביסן.

— כ'וויל עסן!

— דו האָפּסט דאָך באַקומען אַ ביין פון דיין נעכטיקן קרופּניק און מער ווי אַ האַלב לעבל ברויט!

— כ'בין הונגעריק!

— ליגנער!

זי האָט זיך אַ וואָרף געטון צום בופעט, כדי איבער־צוציי‍גן... זי האָט זיך געהאַלטן פאַר נישט קיין קאַרגע, אַרויס־געבנדיק דעם אויסגעהונגערטן אַ פונט ברויט אויף אַ גאַנצן טאָג און אין אָוונט עטלעכע לעפל קרופּניק. אויף יעדן פאַל, איז עס נאָך געווען אַ מאכל פאַר די חזרים!

— דער פּרעסער האָט געוויס דאָרט אויך עפּעס אַוועקגעגנבעט...

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם קליינעם, האָט זי זיך באַמיט, ער זאָל דיק ווערן, האָפנדיק צום סוף יאָר צו באַקומען פאַר אים אַ פּרעמיע.

— דאָס איז שוין צופיל!... לאָבוס איינער! מערדער!

זי האָט אַ כאַפּ געטון זשוּלן און אים אַ צי געטון פאַרן אויער.

— זיך שוין דערוווּסט, ווו מיין קוכן ליגט, אַ רוח אין זיינע ביינער אַריין! מער ווי העלפט האָט ער אויפגעפרעסן דער ממזר, אַ דונער זאָל אים טרעפן! כ'האָב נאָר איינמאָל פאַרגעסן צו פאַרשליסן און שוין האָט ער דאָס דערשפּירט, דער זולל־וסובאניק.

זי האָט אויפגעהויבן די האַנט צו דערלאַנגען זשוּלן אַ פּאַטש. זשוּל האָט אָבער באַוויזן אַ שפּרונג אָפּ צו טון אָן אַ זייט און אַזוי אַרום אויסצומיידן דעם פּאַטש

— דאָס איז נישט איך...

— אפשר איז דאָס מעדאַר? ער איז דאָך אָבער צוגע־בונדן אויף אַ קייט, האָט ער עס דאָך נישט געקענט טון. זע, כ'זאָל דיך אויך נישט, ווי מעדאַרן, צובונדן צו אַ קייט!

זשוּל האָט אויף איר אַ וואָרף געטון אַ בליק, וועלכער האָט געקענט רירן אפילו אַ שטיין.

— כ'עס דאָך ווייניק, כ'בין שטענדיק הונגעריק.

— זאָלסט קיינמאָל נישט וואַגן דאָס נאָכאַמאָל צו זאָגן אין אַנוועזנהייט פון פרעמדע מענטשן, דו הערסט.

— כ׳בין הונגעריק...

— דו האָסט זיך איינגעשפּאַרט, איינגעעקשנט... וואַרט־זשע כ׳וועל דיר שוין ווייזן, ווער עלטער איז.

זי איז צוגעגאַנגען צום בופעט, האָט גענומען אַ שטיק שפּעק און כאַפּנדיק דאָס יונגל, האָט זי אָנגעהויבן אים צו רייבן מיטן שפּעק אַרום מויל. ער האָט געפּרוּווט אַ כאַפּ טון מיט די ציין דעם שפּעק.

— דו ווילסט זיך בייסן? כ׳וועל דיך שלאָגן מיטן שפּעק!

זי האָט אים אָפּגעלאָזט, צוריק אַוועקגעלייגט אין שאַנק אויף דער פּאָליצע דאָס ווערטפּול שטיקל שפּעק, האָט אַ דריי געטון מיט דעם שליסל און עס אַריינגערוקט אין טאַש אַריין און צופרידן זיך אָפּגערופן:

— אַזוי! איצט גיי זיך שפּילן! דו זעסט דאָך אויס גאַנץ גוט. דו גלאַנצט פונם שפּעק... איצט וועט שוין קיינער נישט זאָגן, אַז דו האָסט ביי מיר שלעכטע קעסט.

זי האָט אים אַרויסגעשטופּט פון יענער זייט טיר און דורכן שמוציקן פענסטער זיך איינגעקוקט, ווי ער איז אַרויסגעלאָפן אויפן וועג. פון דער זייט, ווו עס ליגט דאָס דאָרף, האָט זיך דערהערט אַ טרומייטעריי. אויף דער גאַס האָבן זיך באַוויזן ביי־געריקע. דער ליאַרם איז אַלץ גרעסער געוואָרן. פון אַ שכנות־דיקער קראָם איז אַרויסגעשפּרונגען אַ זעקסיאָריק יונגעלע און האָט זיך געלאָזט לויפן, שרייענדיק און פאָכענדיק, פון פרייד, מיט די הענטלעך:

— סאָדאַטן, סאָדאַטן!...

— וווהין לויפסטו מימיל? — האָט די מוטער אים גע־פרעגט ביים שוועל.

— סאָדאַטן גייען! קום!

— אַ, סאָלדאַטן!

— אַט איז לוי מיט אַ פאָן. קום גיכער!

מאַדאַם רצוועסט, רויט ווערנדיק פון שטאָלץ, האָט אַ באַפעל געטון:

— וואַרט. מיר וועלן זען, ווי דיין ברודער וועט דורכגיין.

נאָר מימיל איז שוין געווען ווייט און נישט געהערט, וואָס די מוטער האָט געזאָגט.

— פונקט ווי אַ צירק! — האָט זיך מאַדאַם בענז געטראַכט. דערנאָך, דערמאָנענדיק זיך אָן מאַרקן, האָט זי אין דער גיך פאַרלאָזן איר אָבסערוואַציע-פונקט און איז אַוועק אין קיך אַריין. זי האָט אַ כאַפּ געטון דאָס יתומל, וועלכער האָט נאָך געהאַלטן אין עסן דעם קרופּניק:

— דו וועסט ענדיקן שפּעטער

און נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף זיינע געשרייען און וואַרפן זיך מים די הענטלעך און פיסלעך, האָט זי אים אַריינגעשטופּט אין אַ שטייג, זי האָט די שטייג פאַרשלאָסן און דאָס קינד האָט דאָרט פאַרבראַכט ווי אַ געפאַנגענער, אַ גאַנצן טאָג...

— איצט, ווען כ'האָב דיר פאַרשלאָסן—האָט די מרשעת זיך געריצט מיטן קינד, — איצט מעגסטו פון מיינעטוועגן שרייען און זיך רייסן וויפיל דיין האַרץ גלוסט דיר... דערמאָנענדיק זיך אָבער אַז מ'קען זיין געשריי דערהערן אויף דער גאַס, האָט זי גענומען פון בופעט אַ שטיקל הויט פון שפּעק און אים אַריינגעשטאָפּט אין מויל:

— אָט האָסטו דיר, אַ קאַרמעלקע — און איז האַסטיק אַרויס, אַ פּראַל טוענדיק מיט דער טיר.

די גאַנצע גרופּע — די זעלבע, וואָס האָט געמאַכט דעם מאַסקאַראַד אין לוסאַק מיט די פּענער — איז געווען פון די פּאָלווארקן נישט מער ווי אויף אַ צוואַנציק מעטער. צו די אינסטרומענטן, וואָס זיי האָבן פריער געהאַט און אויף זיי „געשפּילט", איז צוגעקומען אַ האָרן, וועלכער האָט מיט זיך באַדעקט די אַלגעמיינע קאַקאָפאָניע, — דורך נצחון-טראָגנדיקע טענער... עטלעכע גייע רעקרוטן און סתם לײדיק-גייער זענען צוגעשטאַנען צום המון. אַלע זענען געווען שיכור.

די שמחה פון די דאָזיקע יונגעלייט וועלכע האָבן זיך

גענומען פון אַלקאָהאָל, פונם שטאָלץ און איבערנעמען זיך, וואָס זיי וועלן אַלס זעלנער דינען דעם פאַטערלאַנד, — איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָט באַגלייט אַן אַלגעמיינער שמייכל און סימפּאַטיע, וואָס איז אונטערגעוואָרעמט געוואָרן פון אַ נישט קלאָרן שאָוויניזם און אַ אומבאַוווסטזיניקע דאַנקבאַרקייט.

— זיי זענען טויט-שיכּור — האָט מיט אַנציקונג מאַדאַם בעזו פעסטגעשטעלט — וואָס וועט נאָך זיין אין אָוונט!

— זיי גייען אוועק אין פּאָלק אַריין — האָט געענטפערט די געוועלבערין, אָנבלאָזנדיק זיך ווי אַ אינדיק פון נאַרישע, גאווה — מוזן זיי דאָך זיך אָנטרונקען. זיי זענען דאָך איצט שוין נישט קיין יונגלעך — נאָר מאַנספּערשוינען.

— געוויס! — האָט פרוי בעזו באַשטעטיקט.

— געוויס! — האָט מיט אַ חוזק טאָן איר נאָכגעמאַכט די זקנה מישאָלע, רעוועסטס אַ קרובה און אַן אלמנה פון אַ זעלנער, וואָס איז געפאַלן אונטער ווערדן. זי איז געווען אַ דינסט ביי די רעוועסטס, וועלכע האָט זי געהאַלטן כּלומרשט פון רחמנות

— ווען זיי זענען שיכּור, איז זיי לייכטער צו פירן אין שלאַכט אריין!

די געוועלבערין האָט אַ מורמל געטון.

— שווייג שוין. ס׳איז אַ חרפה אַזעלכע ווערטער צו ריידן. ווען דו וואָלסט נישט געווען קיין אלמנה פון אַ סאָלדאַט...

— ווען מישאָלע איז אַוועק דינען — האָט די אַלטע עקשנותדיק ווייטער גערעדט — האָט ער געמיינט, אַז ער גייט נאָר אויף צוויי וואָכן. און האָט אויך דאָן געזונגען...

פרוי בעזו האָט איר פיינטלעך איבערגעשלאָגן די רייד.

— די דאָזיקע קענען שרייען! איצט זיין אַ סאָלדאַט איז שוין פיל בעסער ווי פריער. איצט זיין אַ סאָלדאַט — הייסט אַכצן חדשים געהאַלט פאַר גאָרנישט טון. די קאַזאַרמע — איז נישט קיין מלחמה!

— אַלציינס, איינס ווי דאָס אַנדערע.

— ווי קען מען אַזוי ריידן!... זעט נאָר, ער איז אויך דאָ!

זשול איז געלאָפן צו איר. ער האָט באַהאַלטן זיין פּנים אין איר קליידל. זי האָט זיך געמאַכט פאַר אַ גוטע — האָט אים אַרומגענומען מיט איין האַנט.

— דו וועסט זיין אַ גוטער סאָלדאַט, נישט אַזוי, קליינער? דו וועסט קענען שטאַרבן פאַרן פאָטערלאַנד?

זשול, שווער אָטעמדיק פון פיל לויפן, האָט, איבעראַשט מיט דערשראָקענע אויגן געקוקט אויף דער ארורה, וועלכע איז פאַר די צוזשויער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גוטע און צערט-לעכע מוטער.

נאָר דער קרעמער, אַרומלויפנדיק דעם וועג איידער די רעקרוטן זענען צוגעגאַנגען, — האָט אַ כאַפּ געטון זשולן.

— גנב! ער האָט אַראָפּגעשלעפּט פון מיין קאַסטן אַ באַרן. די בעסטע! אָט איז זי. ער האָט זי אַוועקגעוואָרפן.

— דאָס איז שוין גאָר מיאוס, — האָט רעוועסט אויסגע-שריען — אַנומלט האָט ער אַוועקגעשלעפּט אַ מער.

— נישט אמת!

— דאָסמאָל וועט מען דיך אַוועקפירן צו די זשאַנדאַר-מען און מ׳וועט אַריינגעבן אויף דיר אַן אָנקלאַגע.

אויסער זיך פון כעס, האָט די צעיושעטע מרשעת בעזו זיך אַ וואָרף געטון אויפן זינדיקן יינגל, וועלכן רעוועסט האָט געגעבן עטלעכע קלעפּ. זשול האָט דיך געלאָזט אַוועקשלעפּן אַ היים. די געוועלבצרין איז געגאַנגען פון הינטן, אַמפּערנדיק זיך מיט מישאָלען, וועלכע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אין תּפיסה אַריין! — האָט רעוועסט זיך געקאָכט און געבייזערט.

און בעזו.

— קען מען דען וויסן, פון וואַנען די דאָזיקע פייגעלעך זענען!... די זינד ליגט אין זייער בלוט!

גרויזאַמע, ווי די יוסטיץ, האָבן זיךביידע פרויען און דער קרעמער נישט ווילנדיק אויסגעגלייכט, פונקט ווי זיי וואָלטן פאַרקערפּערט מיט זיך דאָס פאַרשוועכטע רעכט און די העכערע מאַכט. דאָס קינד האָט געכליפּעט... מישאָלע האָט זיך דערנעג-

טערט צו אים, און אַ נעם טוענדיק אים פאַר דער האַנט, האָט זי שטיל געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו געגנבעט!

— כ״בין הונגעריק.

— ס׳פעלט דיר דאָך גאָרנישט, מ׳גיט דיר דאָך עסן צו זעט.

זשול האָט געמאַכט אַ צייכן אויף נישט.

— זאָג נישם קיין ליגן. ביי דיר איז דאָס פּנים שטענדיק אין פעטס.

דאַן האָט ער אַ קרומען קוק געטון אויף זיין קוועלערין, וועלכע איז געגאַנגען פאָרויס, כדי צו עפענען די טיר, און האָט גיך אַ שעפּטשע געטון, ארומפירנדיק דעם פינגער אַרום די ליפן:

— יאָ, אַלץ דאָ, פון אויסנווייניק!... (און עפענענדיק דאָס מויל, האָט ער צוגעגעבן): — אָבער איווייניק — גאָרנישט!

— אָ!

— כ׳שווער אייך, מאַדאַם! אָבער, ווי גאָט איז אייך ליב: איר זאָלט עס קיינעם נישט דערציילן. דאָס מוז בלייבן אַ סוד, ווען נישט, וועט זי מיך דערהרגענען.

פרוי בעזו האָט זיך געקליבן צו פאַרמאַכן די טיר, כדי קיינער זאָל נישט שטערן, ווי עפּעס אַ געגנשטאַנד וואָלט אויף איר אַרויפגעפאַלן פּלוצלינג אַזוי, אַז זי האָט זיך דערשראָקן:

— וואָס נאָך? וואָס נאָך פאַר אַן אָנשיקעניש?...

דאָס איז געווען איר מאַן, וועלכער האָט זיך אויסגעגליטשט אויף אַ טרעפּל און זיך אַראָפּגעקייקלט אַראָפּ.

דער טראַגיקאָמישער אויסגאַנג האָט אביסל פאַרבעסערט די סיטואַציע. דער קרעמער האָט אָפּגעלאָזט זשולן, וועלכער האָט געציטערט, שטייענדיק אין מיטן צימער און נישט ווייסנדיק וווהין צו אַנטלויפן; בינ־לבינ׳ האָבן דריי פרויען אויפגעהויבן דעם שיכּור און אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול ביי דער וואַנט וווּ ער האָט באַלד אָנגעהויבן צו כראָפּען. די גרויסמוטיקע באַשולדיקער און פרייוויליקע היטער פון געזעץ האָבן זיך באַרויִקט, ווען פרוי בעזו האָט געגעבן אַ שבועה, אַז זי וועט אַליין

טאָרגן גיין אין פּאָליציי און בעטן אַ אַנדער קינד אויפצוהאָדעווען.

— וואָס אַנבאַלאַנגט דאָס דאָזיקע געמיינע ייִנגל... (זי האָט זיך נאָכאַמאָל אַ וואָרף געטון אויף זשולן, וועלכן די נשמה איז שיער נישט אַרויס פון שרעק.)

— ביז וואָס ווען, אים אַריינזעצן אין קאַרצער! — נישט אינטערעסירנדיק זיך מיט דעם, וואָס עס וועט זאָגן מישאָלע, וועלכע האָט שטאַרק געבעטן מוחל צו זיין דעם שולדיקן (די דאָזיקע מישאָלע האָט שטענדיק באַזונדערע מיינונגען און אַנשויגנען!).

צופרידן פון אַזאַ באַשלוס, האָבן די רעוויזאָרס אַרויסגעשטופּט די אַלמנה אויף דער גאַס. פרוי בעזו איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, שלעפנדיק דאָס קינד אין קעלער אַריין...

ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט, האָט איר מאַן נאָך געכראָפּעט. זי האָט זיך שוין געהאַט מכין געווען אים אויסצופּאַטשן דאָס פּנים מיט אַ פייכט האַנטוך, ווי זי האָט פּלוצלינג דערפילט אַז עמעצער שלעפּט זי פאַרן פוס. דאָס איז געווען מאַרק, אויף וועלכן קיינער האָט אינם טאַראַראַם, וואָס איז אַקאָרשט אַנטשטאַנען, שטופּנדיק זיין שטייג (וואָס האָט זיך געקאָנט דרייען), האָט ער זיך שטיל אַזויאַרום צוגעקייקלט ביז צום טיש און איצט האָט ער אויפגעהויבן זיין קאָפּ צו דער פרוי, וואָס אין איר האַנט איז געלעגן זיין גורל.

— טאַטע! — האָט דאָס קינד געשטאַמלט.

מיטן דאָזיקן וואָרט „טאַטע” פלעגט דאָס קינד אויסדריקן אַלע זיינע פאַרלאַנגען און באַדערפעניש.

און ווען זי האָט אים אָפּגעשטופּט, האָט ער ווידער געשטאַמלט:

— טאַ—טע, טאַ־טע.

דאַן האָט די מרשעת באַמערקט אונטער אים אַ קאַלוזשע און אַ פייכטן שפּור, וועלכער האָט באַצייכנט דעם וועג, פון וואַנען ער האָט זיך צוגעקייקלט.

— חזר! דאָס קינד איז אויך אַ גרויסער פּאַסקודניאַק! פון אים האָב איך אויך פיל אויסצושטיין.

איבערלאָזנדיק דעם מאַן, האָט זי אַ כאַפּ געטון דאָס קינד פונם שטייג און עס אָנגעהויבן צאָרנדיק צו טרייסלען, אַז די גערעדעם זענען אים שיער נישט אַרויס.

— וואַרט, וואַרט: כ׳וועל זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען!

זי האָט גענומען דאָס קינד און זיין פּנים אַריינגע־שטעקט אין דער קאַלוזשע, אויפן זעלבן אופן, ווי זי פלעגט עס טון מיט אַלע קינדער, וואָס זענען געווען ביי איר אויף אויס־צוהאָדאָווען און דערציען...

דאָס קינד איז זיך פאַרגאַנגען פון כעס. נאָר די מכשפה און נקמה־נעמערין, וועלכער די ווילדקייט האָט צוגעגעבן אַ באַ־זונדער לייכטקייט, האָט עס אָפּגעטראָגן צו זשולס בעטל, דאָרט אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בעט אַ טאָפּ, אויף דעם אוועקגע־זעצט מאַרק־העגרין און אים צוגעבונדן צום רוקן פון בעטל.

— אָט האָסטו דיר! איצט טו וואָס דו ווילסט... אָבער אָן אַ געשריי, דו הערסט? וועסט אַנטשווייגן ווערן, דו עכברוש איינער!

זי איז נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צו איר קרבן און אַרומגע־בונדן אַרום קינדס פּנימל אַ פייכט האַנטוך. וואָס איז געווען באַ־שטימט פאַר איר מאַן. נאָר די פאַרטויבטע זיפצן פונם קינד האָבן נישט אויפגעהערט. אין דערזעלבער צייט האָט זיך פון הינטן דערהערט נאָך אַ שטאַרקערער כראָפּען.

פון יענער זייט פענסטער האָט ווידער געשמיסן דער רעגן דער ווינט האָט ווידער געוואָיעט, דער קלאָרנעט האָט געקלונ־גען און דער באַראַבאַן געקלאַפּט און דערוויטערנדיק זיך, האָט זיך געטראָגן דער מאָטיוו פונם פּאַטריאָטישן ליד:

שטאַרבן פאַרן פאָטערלאַנד —
דאָס איז דער שענסטער גורל,
דער בעסטער באַגער...

V

— וואָס איז דאָס אַזוינס ?

ספּי שמעקט די גומענע פּליטע, וואָס פּיער דערלאַנגט איר.

זי מאַכט אַ העויה,

— וואָס איז דאָס: ווייראָך.

דעד היוכער, דערער מאָסיע גראָ אַ אינזשענער נעמט אויף אין דער אָפּוועזנהייט פון טעאָ זשורדאַן, פּיער בערניען אייגעם פון די באַדייטנסטע קליענטן פון דער אומגעהייער גרויסער אונטערנעמונג.

גראָ דערקלערט:

— דאָס ברענגט מען צופירן פון אַזיען. דאָס איז אַן עכטער ווייראָך. מאָסיע זשורדאַן אימפּאָרטירט איצט אין דעם ווייראָך־בוים אין זיינע אָפּגעברענטע וועלדער. אַלס התחלה, האָט ער געמאַכט אַ פּלאַנטאַציע פון צען העקטאַר.

— און וואָס וועט זיין, אַז דער בוים וועט פאַרלירן זיינע אייגנשאַפטן? — האָט פּיער געפרעגט.

ספּי, וועלכע האָט מיט איר קליין באָטיק־ביכל אין די הענט, זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, האָט זיך געטראַכט: דאָס איז אַ קלייניקייט פאַר אַ פילפאַכיקן מיליאָנער. וועט דער עקספּערימענט זיין נישט קיין געלינגענער, איז אויך נישט קיין אומגליק: דאַן וועט דער מולטי־מיליאָנער האָבן אַ נישטיקן היזק. אין אין זעלבן זין האָט אויך געענטפערט דער אינזשענער גראָ.

— מיר וועלן נישט קענען אויף אים ווייטער וואַרטן, —

האָט פּיער דערקלערט, אַ קוק טוענדיק אויפֿן זייגער — איר וועט אַזוי גוט זיין אים איבערגעבן, אַז איך באַדויער, וואָס כ׳האָב אים נישט געטראָפֿן אינדערהיים.

— ער וועט באַלד קומען. ער האָט זיך געוואָלט זען מיט אייך. ער וועט מיר נישט מוחל זיין, וואָס כ׳האָב אייך אָפּגעלאָזט. חוצדעם׳ האָב איך נאָך עטלעכע אינטערעסאַנטע זאַכן אייך צו ווייזן. אָט האָט איר... (ער האָט אַראָפּגענומען אַ פֿלאַקאָן פֿון דער פּאָליצע) פּרוווט, גיט אַ שמעק...

פּיער אָטעמט און גיט עס איבער ספּיען, וועלכע שמעקט אויך מעשה־סוחרטע, וואָס איז אַ מבֿין אויף אַזעלכע זאַכן.

— דאָס איז פֿון פֿאַילכען.

גראָ שווייגט טריומפֿירנדיק.

— ניין, פֿריילן, איר האָט אַ טעות.

— מאַדאַם — פֿאַריכט אים פּיער, דערמאָנענדיק, אַז ער האָט זיך פֿאַרגעסן, איר, אַלס מאַדאַם פֿאָרצושטעלן פֿאַר גראָען.

— אַנטשולדיקט.

— הגם זיי האָבן נאָך נישט גענומען קיין חופּה וקדושין, האָט ער, פּיער דאָך געהאַלטן דעם דאַזיקן אַקט פֿאַר אַ געשעענעם פֿאַקט: דאָס מעלדן זיך אין מעריי*) האָט ער געהאַלטן פֿאַר אַ פּוסטע פֿאָרמאַליטעט, וועלכע וועט סוף־כּל־סוף דורגעפֿירט ווערן אין עטלעכע טעג אַרום.

גראָ האָט פֿאַרגעוצט מיט אַ בעלערנדיקן טאָן:

— דאָס איז אַן עקסטראַקט פֿון זייד־ווערעם, מאַדאַם.

— ספּי האָט אַ דערשראָקענע, אַ שפּרונג אָפּ געטון פֿון אָרט.

— אייך איז עס דערווידער? אָבער פֿאַרגעסט נישט, מאַדאַם, אַז אַלע בלומען פֿון פֿראַנקרייך וואָלטן נישט געקלעקט אויף צופֿרידן צו שטעלן אַפֿילו אַ פֿערטל טייל פֿון אונדזערע קליענטן — אַזוי גרויס איז די נאָכפֿראַגע אויף אונדזער פּאַרפֿומעריע! כּמעט אַלע אונדזערע פּראָדוקטן זענען געקינסטלטע, דער דאָזיקער עקסטראַקט איז אַ דערפֿינדונג און אַ מציאה פֿון אונדזערע כעמיקער ער קאָסט

*) מאַגיסטראַט.

ביליקער פאַר נאַטוראַלע פּאַרפומען און איז דופּטיקער. איך ראַט אייך...

— ווי אַזוי האָט מען אַ נאָמען געגעבן אייער זייד־וואָרעם?

— פון הינטן האָט געענטפערט אַגראָבע שטים. ספּי האָט אַ ציטער געטון.

— זשוראַנס פאַילכען איז צו אייער דיספאזיציע, יפת תואר... גוט מאָרגן, בערניע.

— טעאָ שזורדאַן דרוקט די האַנט פיערן און באַגריסט זיין סעקרעטערין.

— מיין ווייב — באַקענט זיי פיער — מאָסיע זשורדאַן.

— דער פאַבריקאַנט באַגריסט זיך ווידער, שוין מיט אַן אַנדער ניואַנס. ספּי וואָלט זיך גערן צעלאַכט פאַרן דאָזיקן קערפּעד פון אַן אַטלעט מיט אַ פלאַט געדריקטן קאָפּ, קאָמיש פנים און אַ נאָז מיט אַ בראָדעווקע. טעאָ זשורדאַן איז ענלעך צו אַן עלפאַנט, וואָס האָט אָנגעווירן זיין לאַנגן ביפל אין קאַמף.

נאָר נאָכמער ווי דער קוביק־פאָרמיקער העד זשורדאַן גופא, האָט דער „מאַדאַם בערניע" געוויילט זיין מאָדנער בליק, מיט וועלכן ער האָט געקוקט אויף איר. נאָך אַלץ אנטשולדיקנדיק זיך פאַר פיערן, האָט ער זיך פאַרהאַלטן איבערגעטריבן העפלעך, באַמיענדיק זיך מוצא־חן צו זיין...

גראָ האָט זיך שטאַרק פאַרנייגט און זיך געהאַלטן באַשיידן, נאָר ווייניק גערעכט,

ספּי האָט אין אירע געדאַנקען, בשעת־מעשה, געמאָסטן די מאַכט, וואָס אַ פרוי קען האָבן איבער יעדן מאַנספערשוין, אויב זי איז נאָר יונג און שיין!...

זי האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן בליקן אויף פיערן. דער אויס־דרוק פון זיין פנים האָט זיך געענדערט. ספּי שיינט מיט עפּעס אַן איגערלעכן פייער.

זייט זי האָט זיך צוריק געקערט פון אָרל איז זי נאָך בישט געקומען צו זיך, ווי אַ בין אין אַ זומערדיקן פרימאָרגן, דרייט זי זיך און פלאַטערט אַרום, פאַרשיכורט פון גליק...

איר פעטער פאַקאָ איז געווען גערעכט ווען ער פלעגט אין די מינוטען פון צרות און צער איר זאָגן:

— „קיינמאָל ווייסטו נישט, וואָסער גליק דאָס אומגליק וועט ברענגען... האָף און קיינמאָל זאָלסטו נישט מיד ווערן צו שטרעבן"...

פאַר אירע אויגן טראָגן זיך דורך די אומפאַרגעסלעכע פנימער... פראַנסואַ, יענער מנוול... איר פאַמיליע... דער פאָטער, די מוטער, דער ברודער און שוועסטער, וואָס זענען איר מער ווי פרעמדע, שונאים... זאָלן זיי זיך צו איר קיינמאָל נישט צוריקקערן, ווען זיי וועט זיך עס ווילן טון צוליב איר רייכקייט... זי וויל פון זיי מער נישט הערן און נישט וויסן... זי ביילט די פויסטן, פאַריאָגנדיק פון זיך די דערנידעריקנדיקע דערינערונג. פאַר איר עקזיסטירט גאָרנישט חוץ פיערן, חוץ איר טייערן פעטער פאַקאָ און חוץ איר עופעלע...

ס'דערטראָגן זיך צו איר פראַגמענטן פון געשפרעך, בעת זי איז נאָך פאַרטיפט אין אירע מחשבות. און איר קומט עפעס אין זין, דאָ אַ שאַכטעלע, דאָ אַ פלאַקאָן, כדי צו בעשטימען, צי דאָס וואָס זיי אַנטהאַלטן אין זיך, האָט דעם אמתן ריח, אָדער נישט.

איר קינד, איר עופעלע!... שוין דריטהאַלבן יאָר זייט זי האָט עס אַוועקגעגעבן אין אַזיל אַריין... ספי שמייכלט, זי זעט איר קינד, ווי ער ציט אויס צו איר די הענטלעך. ווו קען עס איצט זיין? צו וועמען האָט דער אַזיל עס געקענט אַוועקגעבן אויף אויסצוהאָדעווען און דערציען? גאָט ווייסט אין וואָסערע הענט דאָס קינד איז אַריינגעפאַלן, און אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד זי וועט עס געפינען, ווען זי וועט עס אָפזוכן... אַ דאַנק די השתדלות פון איר פעטער פאַקאָ און פיערס באַמיונגען, האָט זי שוין אַרויסבאַקומען אַלע פאַפירן, וואָס זענען נייטיק כדי צו פאַרפירן וועגן דעם אַ פראָצעס. באַלד נאָר ווי זי וועט חתונה האָבן מיט פיערן, וועט איר מאַן גיין צום פרעפעקט און זען, אַז דער ענין זאָל דערליידיקט ווערן, פיערן וועט געלונגען זיך צו דערשלאָגן דאָס, אין וועלכן מען וואָלט איר, אויב זי וואָלט געלעבט אַליין און נישט געווען פאַרהייראַט, געוויס אָפגעזאָגט, נישט קוקנדיק אויפן ערבות פון איר פעטער. אַלץ האָט

זיך איצט געענדערט. אַלץ איז איצט קלאָר און לייכט. זי קוקט אויפן גואל אירן מיט אַזאַ צערטלעכן בליק, אַז ער פילט אים און טוט זיך אַ קער אום צו איר. טעאָ זשורדאַן דערנענטערט זיך און זאָגט צו איר:

— ס׳וואָר, מאַדאַם, אַז איר וועט זיך נישט אָפּזאָגן מיט מיר היינט צו עסן מיטאָק?

זי זעט, ווי זייער וווּנדערבאַרער אָוונט זאַלבעצווייט אין קאַן, גליטשט זיך פון איר אַוועק...

— מיר וואָלטן געדאַרפט...

— בערניע זאָגט, אַז איר דאַרפט דעצידירן...

זי ווערט פאַרשעמט און מיט די אויגן באַמיט זי זיך אױ־בערצוּלייגן פיערס ווּנטש.

— יאָ... אויב ער וויל... נאַטירלעך.

— אין אַ מולדיקער שעה! ווען מיר וואָלט אָפּגעגליקט, און איך וואָלט באַגעגנט אַזאַ ווילאַ, געהאָרכזאַמע פרוי, וואָלט איך געטון דאָס זעלבע, וואָס איר... איר וועט נישט האָבן קעגן, מאַדאַם, ווען מיר וועלן זיין צו מיטאָק זאַלבעפירט. כ׳האָב איינגעלאַדן אַ גוטע באַקאַנטע, — נאָך ווען אייער מאַן האָט צו מיר געקלונגען. מיר דאַכט זיך, אַז איר קענט זי אַפילו... זשאַנע בענטאַם איז דאָס... דער דאָזיקער נאָמען איז אייך באַקאַנט?

— ניין.

— וואַרט נאָר! זי האָט אויך אַן אַנדער נאָמען... ראָסטאַן, רוסטאַן אויב כ׳האָב נישט קיין טעות...

—אפשר טיענו? — האָם ספי אויסגעשריגן... — צי איך קען זי? אַ שיינע פראַגע, כ׳לעבן... ווייסטו פיער, ווען כ׳בין געקומען צופאָרן קיין מאַרסעל... געוויס ס׳וועט מיר זייער הנאה טון זי צו זען.

זשורדאַנס ברייט פנים ציט זיך פאַנאַנדער אין אַ שמייכל.

— הייסט עס. האַלב ניין אין אָוונט באַגעגענען מיר זיך אין מאַנס־בילינג. היינט קומט פאָר די דערעפענונג פונם סעזאָן.

פיער האָט זיך אַנגעכמורעט;

— וואָס טוט מען אָבער? מיר האָבן געבראַכט מיט זיך בלויז איין וואַליזע, מיר האָבן אפילו נישט מיטגענומען קיין סמאָקינג, און דאָס איז דאָך אַזאַ יום-טוב: די דערעפענונג פון סעזאָן.

— און איך האָב אויך געבראַכט מיט זיך נאָר איין באַשיידן קליידל!

פראָטעסטירנדיק, איז צו ספין צוגעשווימען דער מגושמ־דיקער זשורדאַן און אַ קוש טוענדיק איר אין האַנט, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— וואָס באַשיידענער, איז אַלץ בעסער!... איצט וועל איך בעטן מיר אַנטשולדיקן: איצט מוז איך דורכקוקן און עקספּעדירן די פּאָסט.

— נישט קיין לייכטע זאַך־ — האָט פּיער נאָכזיכטיק באַמערקט.

טעאָ זשורדאַן האָט זיך באַגרענעצט דערמיט, וואָס ער האָט צוגעשטעלט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק נאַטוראַלע און קינסטלעכע פּאַרפומעריע, כעמישע פּראָדוקטן, עטלעכע מעטאַלן און דער עיקר, באַנק־אָפּעראַציעס, האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט פאַרן אַמאָליקן אַרבעטער — און איצטיקן אייגנטימער פון גיטער אין כינעזיש ־ אינדיען, אין בעלגיען און אין אַפריקע אַ פעלד נתעשר צו ווערן, וואָס איז אַלץ ברייטער און גרעסער געוואָרן, ער האָט אויך פינאַנסירט צוויי גרויסע צייטונגען: אַ ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע און אַ רעאַקציאָנערע. אַלס גרויס-אינ־דוסטריעלער, וואָס איז אויך געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער „מינעראַל־כעמיק-גרופּ", האָט זשורדאַן אויך דאָ ממש געשעפט גאַנצע אוצרות געלט און זיין קאָלאָסאַל פאַרמעגן איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

ער האָט גענומען פון פּיערן און ספין אָפּשייד.

— איך באַגלייט אייך נישט; איר ווייסט דעם וועג. אין אָוונט זעען מיר זיך ווידער. אַדיע!

זיי זענען אַוועק אין דער לענג פון די אַטעלייען. וואָס שטייען ווייט פון די אַלעגאַנדער ־ אָראַנזשערייען. ארום האָבן

זיך פערשפרייט כוואליעס פון אראמאטן, אזעלכע שטיקנדיקע, אז פיער און ספי האבן שיער נישט פארלארן דעם אטעם. מיט א זיפץ פון פארלייכטערונג האבן זיי זיך אריינגעזעצט אין אויטא־מאביל, וואס האט אויף אים געווארט.

— ווי באלד מיר בלייבן דא, — לאמיר נעמען א צימער אין א האטעל, ווי מיר וועלן זיך קענען אויסרוען.

— ווי דו ווילסט!... א מאדנער טיפ איז דער דאזיקער זשורדאן!... האט אזוי פיל געלט און איז דאך א פויער!

— ער איז אבער אלמעכטיק!

— מיט זיין מאנס־בילינג! כ'האב עפעס א מאדנע שרעק פאר די דאזיקע מקומות.

— בא!... איינמאל און דיר וועט זיין אנגענעם זיך צו באגעגענען מיט דיין טיענוועט.

— אמת. זי איז נישט קיין שלעכטע, דו ווייסט דאך, און בנוגע מיר איז זי געווען גאר א גוטע.

— ווי באלד אזוי, וועט מיר זיין אנגענעם. מיט איר זיך צו בעקענען.

ספי האט זיך צו אים צוגעטוליעט. די לופט איז געווען אנגעזאפט מיט אראמאטן פון זשאסמין און היאצינטן. שנעל קיין ביא!

פיער האט זיך געקליבן דארט צו דינגען א הייזל, וועלכעס ער האט שוין לאנג אנגעקוקט און ס'איז אים געפעלן געווארן. עס וועט צו הערבסט זיין פריי... די צוקונפט האט זיך אויסגעשפרייט אן א סוף און ס'האט געדופטעט ווי פון געווקסנער, באגאסן מיט זונשטראלן...

מאנס־בילינג...

די ווערענדע, וואס גייט ארויס אין ים, איז פול מיט מענטשן, וואס עסן מיטאק. א טייל וואס קומען גייען אוועק מיט באדויערונג אינווייניק, אין גרויסן זאל אריין, ווייל אויף דער ווערענדע איז שוין נישטא קיין ארט פאר זיי. אמת, אז אין זאל איז טאקע דושנע, נאר א ברירה האט מען: מוז מען דא פארנעמען א פלאץ און זיך באשטעלן א מיטאק. פיער דערקוני־

דיקט זיך, ווו ס'איז זשורדאַנס טיש, און ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז נאָך נישט געקומען.

דער מעטר־דע־אָטעל, אַן איטאַליענער מיט אַ גלאַט ראַזירט פּנים, ווייזט נאָכזיכטיק אָן אויף אַ רעזערווירט אָרט אין דער נישע, פון וועלכע מ'זעט די וועראַנדע, דעם ים און פון דער אַנדערער זייט אַ ריי זאַלן און אַ דאַנסינג, וואָס זענען אויסגעפּלאַסטערט מיט ראָזיקן און ווייסן מאַרמאָר.

— ביטע, זעצט זיך. מיין הערשאַפט.

אויפן טיש, וואָס האָט געפינקלט מיט קריסטאַל און זילבער, שטייען קונציק דערלאַנגטע מאכלים און משקאות. אַ גרויסע בלום אַריינגעשטעקט אין אַ קלאָש, בלאַנקט מיט אָראַנזשפּייער. די אַבאַזשורן פון עלעקטרישע לאָמפּן גיסן אויפן טאָג, וואָס הויבט שוין אָן בלוי צו ווערן, זייערע רויטע און געלע פּייערן.*)

אויף דער פּליאַזשע טריקענען זיך אָפּ די לעצטע באָדגעסט, ליגנדיק האַלב־נאַקעט אויפן זאַמדיקן געלעגער, בעת די קוים אָנגעטועטע פּרויען (זיי האָבן נאָר געוועקסלט דעם טריקאָ אין זייערע קורצינקע װאָונט־קליידער, שטעלן ווייטער אַרויס, — אַלע אַרום די טישן זאָלן זען — זייער אָפּגעברענטקייט.

— אָט זענען זיי! — זאָגט ספּי.

זי האָט דערקענט טיענון, וועלכע האָט זיך געשאַרט נאָכן גיגאַנט זשורדאַנען. די זעלבע טיענו, וואָס פריער: אַן עלעגאַנטע שאַטינקע, מיט אַ דיק פּנים, אויף וועלכן די שוואַרצע אויגן פינקלען ווי פּייער. זי איז נאָר אַביסל דיקער געוואָרן. זיי האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט.

— מיר האָבן זיך גאָרנישט געענדערט, — האָבן זיי ביידע אַרויסגערעדט אין איין שטים.

בעת די מאַנספּערשוינען האָבן אויסגעקליבן אַ מענו, האָט טיענו דערציילט וועגן דעם, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען פאַר דער צייט, וואָס זי האָט זיך נישט געזען מיט ספּין.

---

*) מיטאָג עסט מען אין פיל מקומות פּאַרנאַכט. באַמ. פון איב.

טיענו האָט אַ וואָרף געטון אויף איר באַגלייטער אַזאַ אַכזריותדיקן בליק, אַז ספּי האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז טיענו איז טאַקע די זעלבע, וואָס זי איז געווען פריער, מיט אַלע אירע אייגנשאַפטן, מיט אַלע פּיטשעווקעס...

פּונקט ווי זיי וואָלטן שטילערהייט אָפּגעמאַכט צווישן זיך האָבן די ביידע פרויען נישט באַרירט די פאַרגאַנגענהייט און נישט דערמאָנט קיין זאַך פון עבר. נאָר איבער זייער פריינטשאַפט, וואָס איז אויף אַ מינוט באַנייט געוואָרן, האָט געשוועבט אַ קליינער טייל פון יענער אַכטונג, וועלכע אויפריכטיקע מענטשן האָבן צו יענע, מיט וועמען זיי האָבן צוזאַמען געליטן און צוזאַמען געהאַט איינע און די זעלבע צרה.

דאָס פּערסאָנעל, — אָנהייבנדיק פונם מעטר־דע־אָטעל און ענדיקנדיק מיטן עקאָנאָם—האָט אַרומגערינגלט זשורדאַנען, וועלכער האָט מיט זיין אַנטשיידענעם טאָן דיקטירט, וואָסערע מאכלים און משקאות צו דערלאַנגען צום טיש. אַ קרייז פון שוואַרצע אַנצוגן האָט זיך פאַרנייגט פאַר זשורדאַנען, זיך פאַנאַנדערגעשאָטן און אויף זייער אָרט האָבן זיך באַוויזן נייע מענטשן וואָס האָבן געוואָלט אַ דריק טאָן די האַנט, וועלכע האָט געזופּטעט מיט גאָלד... דער פאַבריקאַנט האָט נאָכלעסיק זיי געלאָזט דריקן מיטן גרעסטן יראת־הכבוד זיינע שטאַרע פינגער, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס אַלס ענטפער אויף זייערע באַגריסונגען.

שאַמפּאַניער, צוביסן... ספּי איז שוין זאַט. דאָס בלוט האָט איר אַ שלאָג געטון איז די באַקן. איר דאַכט זיך, אַז נישט זי נאָר אַן אַנדערע זיצט דאָ מיט אַנטבלויזטע הענט און אַ אויסגעגלייכטער ברוסט, פון וועלכע זשורדאַן לאָזט גיריק נישט אַראָפּ קיין אויג. אין איר באַשיידענעם קלייד, וואָס דערוועקט אַ באַגער אויך ביי אַנדערע מאַנספּערשוינען און האַלט אויף זיך זייערע גלוסטיקע אויגן.

זי זשענירט זיך פון אַלץ, וואָס זי זעט דאָ: פונם גלאַנץ, און פּראַכט, פון דער ריי געריכטן, פון פּיערס שווייגן און פון טיענוס פּלאַפּלעריי. צו דער גרעסטער צופרידנהייט פון איר אייגנ-

טימעָר שיט טיענו מיט די ערשטע זילבן פון צינישע ווערטער,
מיט וועלכע ס'איז אָנגעפּאַקט איר מוח... דאָס געדויש און דער הו־
האַ פון זאַל, רער פרעכער גלאַנץ פון די ווענט מיט די שריי־
ענדיקע גאָלדענע פרעסקעס און דער דאָזיקער בלאַנקעדיקער
פּראַכט פון די טישען: די מאַנספערשוינען, וואָס רייסן ממש
די אויגן מיט זייער אַרט פאַרהאַלטן זיך.

אומזיסט באַהאַלט זי אירע פיס אונטערן טיש: זי פילט
אַ קוועטש פון אַ פרעמדן שיך...

זשורדאַן! דער קרעפ פון די גראָבע באַקן האָט אָנגענו־
מען אַ פיבערהאַפט־ציגלדיקן ניואַנס. זשורדאַן וויצלט זיך, מאַכט
שפּאַס. לאָזנדיק פאַלן גראָבע חוזק־ווערטער אויפן אַדרעס פון
די טאַנצנדיקע. דער געשפּרעך ווערט געפירט אויסשליסלעך
וועגן זשורדאַנען און טיענו. דער טאַנצפירער פון דאַנסינג
לייגט פאָר זיין דינסט טיענון..

— מערסי — ענטפערט זי, — נישט הייגט... ווענדט זיך
צום שכנותדיקן טיש (דערנאָך, אַ קער אום טוענדיק זיך צו
ספּין); אפשר אָט די מאַדאַם...

— איך טאַנץ נאָר מיט פיערן, — האָט זי טרוקן דער־
קלערט...

— ... ווילסט?

פיער וואָלט אויך גערן געכאַפּט אַ טענצל מיט ספּין
נאָר ער האָט זיך געפילט אַזוי מיד און אויסגעמאַטערט, אַז ער
האָט אָפּווישנדיק זיך מיטן פאַטשיילעכל דעם שווייס פונם שטערן
געענטפערט:

— ס'טוט מיר שטאַרק וויי דער קאָפּ.

זי האָט מיט אומרויִקייט אויף אים אַ קוק געטון:

— וואָלסט אפשר איינגענומען אַ פּראָשעק, ביי מיר אין
טאָרבעלע איז געבליבן איין פּראָשעק.

— ניין, נישט אַציגד:

אַ טראָפּן שווייס איז ביי אים אַרויסגעטרעטן אויפן שלייף.
זי האָט אים אַ נעם געטון פאַר די הענט. זיי זענען געווען
קאַלט, ווי אייז...

— ביזט נישט באַרויִקט? קום לאָמיר גיין אַהיים...

נאָך ער האָט זיך פון דעם אָפּגעזאָגט, מורא האָבנדיק צו באַליידיקן זשורדאַנען, הגם פּיער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער השׂגה פון זיין געשמאַק און מיט אַ קלאָרער אויפפאַסונג פון אַלע זאַכן אויף דער וועלט, האָט ער דאָך געהאַט גרויס דרך־ארץ צו מענטשן, וואָס האָבן זיך דערוואָרבן אַ אומאָפּהענגיקע סיטואַציע, אַ דאַנק זייער עשירות. (מיט אַנדערע ווערטער צו ער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר גבירים). אַלס סוחר, האָט פּיער אין זשורדאַנס פערזענלעכע קראַפט געשעצט די מאַכט פון קאַפּיטאַל.

קיינמאָל האָט זיך ספּי און יענע זעלטענע אָוונטן, ווען די פלעגט מיט פּיערן עסן מיטאָק אין די לוקסוסאָווע רעסטאָראַנען פון מאָנאַקאָ אָדער קאַן, קיינמאָל האָט זי נאָך נישט געפילט אַזאַ שאַרפן עקל נעבן דער דאָזיקער טיפּוס, ווי איצט. ביים אָנבליק פון דער דעגענערירטער אַריסטאָקראַטיע און שיכורים, וואָס וואַרפן אַרויס און איין שעה די פאַרדינסטן פון מענטשן, וואָס האָרעווען מיטן ביטערן שווייס שעהנלאַנג, עפּעס האָט זיך אין איר דערוועקט דער גרעסטער צאָרן, און איר געפיל פון יושר האָט דאַן שטאַרק געליטן. זי האָט דעמאָלט געטראַכט וועגן די אָרעמע, וואָס זייער שווערע אַרבעט, וועלכע זעטיקט אָן די דאָזיקע פּאַראַזיטן, — גיט זיי נישט די מעגלעכקייט עסן צו זעט... מיט אַ שאַרפער באַוועגונג, צו באַפרייען זיך פון זשורדאַנס פוס און צו אַנטלויפן פון דאָזיקן פאַרשאָלטענעם אָרט, האָט זי אַ קער אָפּ געטון איר שטול. זי האָט זיך שוין געגרייט אויפשטיין, ווי אַ צאָרנדיקער אויסגעשריי ביים שכנותדיקן טיש האָט צוגעצויגן איר אויפמערקזאַמקייט אויף דריי יונגע לייט צו וועלכען זי איז ביז איצט געזעסן מיטן רוקן. זיי האָבן אויפמערקזאַם געקוקט אויף אַ טאַנצנדיק פּאָרל.

— כ'וועל אים שפּאַלטן דעם שאַרבן!

ער איז געווען שיכור, די אויגן — ווי ביי אַ משוגענעם. זיינע פריינט האָבן זיך באַמיט אים צו באַרויִקן!

— לאָז אים געמאַך!... דאָס איז דאָך, סוף-כל-סוף, זיין עסק!

— ניין! אַלע מיידלעך, וועלכע ער וויל נאָר, צו עדמאָנד זשעניסאַל — האָט ער נישט קיין רעכט!...

— גיי שוין, גיי... דו פלירטעוועסט, ער פלירטעוועט, וואָס איז דען?...

די אומרויִקע שטים האָט ווייטער געשריגן:

— איך בין נישט קיין לייכטזיניקער מענטש, ווי ווי אַלע; איך האָב זי ליב עדמאָנען —

ספּי האָט דערזען דאָס טאַנצנדיקע פּאָרל. דאָס צאַרטע פּנים פון דער דאַמע איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ שאַרף געצייכנטן פּראָפיל...

— אָבער...

אַלץ האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן דרייען... די דאַזיקע שטריכן, די דאָזיקע מאַניערן... זי האָט זיך נישט געקאָנט דער-מאָנען, צי איז דאָס דאָזיקע געשטאַלט אַנטשטאַנען אין איר נשמה, אָדער עס האָט זיך באַוויזן אין דער טונקלקייט פון זאַל וווּ פונקט איצט, ווי אומישנע, איז דער העלער שיין פון פיל לאָמפּן פאַרוועקסלט געוואָרן אויף אַ בלאַסן שיין פון עטלעכע לעמפּלעך...

— ס'דרייט זיך מיר דער קאָפּ, — האָט זי זיך געטרייסט, אָדער איך גיי אַראָפּ פון זינען!... אַליוועט, דערמאָנט זי זיך, האַלט זי אין אויפן פּאָטאַלן בעט און דער זעלבער תאוהדיק-פרעכער בליק, וואָס דער אומבאַקאַנטער האָט געהאַט — זשאַן-זשאַק וויאַלען!... פאַר דעם... און דאָס געשטאַלט נאָכדעם: אַ פּנים מיט אַן אָנגעכמורעטן שטערן, מיט בייזע אויגן, מיט אַ ווילדן שמייכל!...

דער שיין אין זאַל האָט זיך מיטאַמאָל צעגאָסן אַזוי העל, אַז ספּי, — דערזעענדיק נישט ווייט פון זיך די נישט פאַרגעס-לעכע מאַסקע, וואָס האָט זיך מיט ליבע אָנגעבויגן איבער איר קרבן, — האָט אַ שפּרונג אָפּ געטון פון אָרט. כדי זיך אַ וואָרף צו טון אויפן געמיינעם יינג, כדי צו אַנטלויפן פון אים... זי

האָט אַליין נישט געוווּסט... זשאַן־זשאַק ווילען!.

דער דאָזיקער נאָמען האָט זיך איינגעקריצט אין איר מוח, ווי אַ אָרט אויפֿן קערפּער, צו וועלכן מ׳האָט צוגעלייגט אַ גליִענדיק שטיק אײַזן... און אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט אַ רעוואָלווער־שאָס. דער גאַנצער זאַל האָט זיך געשטעלט אויף די פֿיס.

אַטענטאַט?... מענטשן לויפֿן איבערגעשראָקן, צעמישט, זיי שרײַען איינער צום אַנדערן... היט זיך פֿאַר אַ באָמבע!... אַ פּחד און אימה האָט אַרומגענומען אַלעמען... אַנאַרכיסטן? פֿאַשיסטן?... ווייסט זיי דער רוח, ווער דאָס זענען. קען מען דען דערגיין אַ טאָלק?... אין מיטן זאַל שטייט דער מעטר־ד׳־אָטעל, נאָך אַ בלאַסער פֿון איבערעגונג.

— באַרויִקט זיך, מײַנע דאַמען און הערן. ס׳איז גאָרנישט געשען. איינער פֿון די געסט האָט צעבראָכן אַ לעמפּל, וואָס האָט אים געשטערט.

דער עולם האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, וועלכער האָט פֿאַרטומלט עטלעכע אויסגעשרייען פֿון עמפּערונג: „דאָס איז אַ אידיאָטיזם! ער האָט דאָך געקענט עמעצן דערהרגענען". אין אַ מינוט אַרום האָבן זיך אַלע שוין געהאַט באַרויִקט. דער דזשאַזבאַנד האָט ווידער אָנגעהויבן צו קלאַפּן, פּײַפֿן און סקריפּען.

ספּי קען שוין ווײַטער נישט זיצן.

— איצט — דערקלערט זי, קען מען שוין אַוועקגיין. דאָ איז דאָך אַן אמת משוגעים־הויז...

כּדי זיך צו באַהערשן, מאַכט זי אַזאַ אָנשטרענגונג, אַז אַ חותם פֿון לײַדן לייגט זיך אַרום די צענויפֿגעפּרעסטע ליפּן, רויטע ווי טריוואַקס. זי דריקן גיך טיצער די האַנט, און זשורדאַנען, וועלכער קושט עטלעכע מאָל שטאַרק ספּין דאָס הענטל און באַמיט זיך שטאַרק זיי אײַנצורײדן און איבערצוצײַגן, זיי זאָלן זיך דורכפֿאָרן מיט אים אין קאַזינע. זיי האָבן זיך האַסטיק דורכגעשלייכט צום אַרויסגאַנג. ספּי האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך די פּעלערין. פּיער האָט אויפֿגעהויבן דעם קראַגן פֿון זשאַקעט. דרויסן איז מסתמא נאָך אַזאַ „באָד" קיל. צום גליק האָט

זי געהאט מיט זיך אַ שאַרף. זיי גייען צו צום אויטאָ... ענדלעך, וועלן זיי אַוועקפאָרן. פּלוצלינג האָט פּיער, אָנשטאָט צו עפענען דאָס טירל פון אויטאָ, געשווינט אַרויסגענומען פון טאַש אַ פאַטשיילעכל און עס צוגעלייגט צו דער נאָז...

— וואָס איז מיט דיר? — האָט זי געפרעגט.

— גאָרנישט, גאָרנישט, בלוט האָט מיר אָנגעהויבן צו גיין פון דער נאָז... דאָס גאַנצע פאַטשיילעכל איז אין בלוט. זי ווערט בלאַס, שטאַרק איבערגעשראָקן.

— וואַרט!

זי נעמט אַראָפּ אַ שטיק פאַרגליווערט בלוט פון זיין ראָק און אַזוי ווי דאָס בלוט הערט ביי פּיערן נישט אויף צו גיין פון דער נאָז, איז זי ממש פאַרצווייפלט. וואָס טוט מען? אַנטיפירין? אַ פּראָשעק, וואָס זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך פון פּאָרזיכטיקייט... זיינע קאָפּ ווייטאָקן!... זי האָט שוין אויסגעשאָטן דעם פּראָשעק אויף דער דלאָניע.

— טו אַ שמעק!... און בייג אַראָפּ דעם קאָפּ צום רוקן!

מיט מורא און האַרצקלאַפּעניש וואַרט זי. ער קוקט אויף איר, שמייכלט, כדי זי צו באַרויקן.

— שוין בעסער! דו זעסט... דער קאָפּ טוט מיר אפילו שוין מער נישט וויי.

— טייע׳ער!

זי האָט אַ זיפץ אָפּ געטון.

— דו האָסט מיך דערשראָקן!

— געוויס.

איצט באַרויקנדיק זיך, חזרט זי איבער אויטאָמאַטיש פאַר זיך דעם נאָמען: „זשאַן־זשאָזו וויאַלען"... דאָס פּנים זיינס, דער נאָמען פאַרפאָלגן זי. זי וואָלט געוואָלט פּטור ווערן פונם דאָזיקן אָנשיקעניש. איר געלונגט עס נישט. זי פּליסטערט:

— ס׳אַר אַן אָוונט!

VI

דער שטייער־באַאַמטער מוניע האָט, אונטערשרייבנדיק די פּאַפּירן מיט נישט קיין דייטלעכן כּתב, איינגעאָטעמט אין זיך די פרישע לופט.

ער איז, ווי יעדן פרימאָרגן, געקומען צופאָרן פון פּאַנטען־וויוו, ווי זיין הייזל, אין גלחס גאָרטן, האָט אים געדינט אַלס אָרט זיך אָפּצורוען נאָך דער נודנער אַרבעט מיט די פּאַפּירן, פונם הייזל האָט זיך געעפנט אַן אויסזיכט אויפן באַנפלאַנט און אויף די דעכער פון לוסאַק.

ער האָט אַוועקגעלייגט די פעדער.

זיין פענסטער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן קרייץ־וועג, ווי ס'האָט, אונטערן שטענדיקן געדיכטן שאָטן פון פּלאַטאַנעס, געשטראָמט, מורמלענדיק, א באַרג־טייכל.

די פרישקייט פונם טייכל האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער פרישקייט פונם פרימאָרגן.

דער לאָמער באַאַמטער האָט ליב געהאַט אויסצופילן זיין אומאָנגענעמע אַרבעט אין די שעהן, ווען די זון ברענט נאָך נישט. פאַרענדיקט די אַרבעט, פלעגט ער אַ גאַנצן טאָג אָננעמען אינטערעסאַנטן... אָבער אין די פרימאָרגן־שעהן, ווען לוסאַק איז נאָך געשלאָפן, האָבן די אינטערעסאַנטן אים נאָך געלאָזט צו רו און אים אַזוי נישט דערנערווירט.

בלויז עטלעכע קולות פון בעל־הביתטעס, וואָס האָבן זיך אויפגעכאַפּט פאַר און איצט זיך צווישן זיך דורכגעשמועסט,

דערציילנדיק זיך איינע דער אַנדערער פּלאָטקעס און נייס, האָבן געשטערט די אָנגענעמע שטילקייט.

אַן אַלטער בחור, וואָס האָט פיינט געהאַט תּכלית־השׂנאה די גאַנצע געזעלשאַפט, האָט ער פונם ערשטן טאָג אָן, וואָס מ׳האָט אים באַשטימט אויפן פּאָסטן אין לוסאַקער קרייז, דערשפירט אַ געוואַלטיקן עקל צום דאָזיקן מקום. ער האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן דעם דאָרטיקן המון אַרבעטער און די דאָרטיקע פּויערים, די לעצטע דער עיקר דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען שרעקלעכע עגאָיסטן און מוסרים. ער האָט געפילט, אַז די דאָרטיקע איינוווינער האָבן אים אויך נישט איבעריק ליב פאַר זיין גראָדליניקייט און ערלעכקייט. מ׳פלעגט זיך מיט אים כלומרשט פריינדלעך באַגריסן, — אָבער נישט פון ליבע צו אים, נאָר צוליב דעם, וואָס מ׳האָט פאַר אים מורא געהאַט.

בכלל איז דער לאָמער באַאַמטער נישט געווען קיין שׂמח־בחלקו. נישט נאָר די געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, נאָר זיין פּערזענלעך לעבן האָט אים אויך נישט צופרידן געשטעלט און זיין אַמט איז אים שוין פון לאַנג אָן נמאס געוואָרן. איבערהויפּט האָט אים געפּייניקט די איינזאַמקייט, אויף וועלכער ער איז, אַלס אַלטער בחור, געווען פאַראורטיילט. לעצטנס האָט מוניען אָנגעהויבן שטאַרק צו שרעקן די פּערספּעקטיוו אַלט צו ווערן אין אָרעמקייט, אין איינזאַמקייט, נישט פאַרזוכנדיק דעם טעם פון אַ פאַמיליען לעבן, אָן אַ פרוי, אָן קינדערלעך, וועלכע גיבן צו דעם לעבן אַזאַ רייכן אינהאַלט. און נאָך אַזאַ לעבן האָט זיך, אַפילו שוין צו שפּעט, פאַרבענקט דעם לאָמען שטייער־באַאַמטן פון לוסאַקער סביבה. מוניע.

ער האָט אַ ציטער געטון. אַ שאַרפער קלאַנג האָט צעשניטן די לופט, רייסנדיק דאָס געהער... ס׳איז איצט דריי פערטל זיבן. דער ערשטער פייף פון דער פאַבריק פון כעמישע פּראָדוקטן קוילן דעם קאַליקע. די וואַרשטאַטן פון לוסאַק האָבן באַזאָרגט גאַנץ פּראָבקרייך מיט זייערע פּראָדוקטן. די דאָזיקע פּראָדוקטן זענען באַשטימט געוואָרן — אויפרייסונגס מאַטעריאַלן און גאַזן זענען דאָס געווען —, צו פאַרניכטן גאַנצע פעלקער...

מוניע האָט זיך אויפגעהויבן, כדי צו פאַרמאַכן דאָס פענסטער. דער געדאַנק וועגן דער צוקונפטיקער מלחמה איז אים געווען נאָך אומדערטרעגלעכער, ווי דער געדאַנק וועגן דער „לעצטער" מלחמה!... באַלד וועלן זיך אָנהייבן פאַרביי זיין הייזל צו ציען מחנות אַרבעטער אין יענע כעמישע פאַבריקן אַריין... פּראָלעטאַריער, וואָס העלפן טיט, אַז די מערדער זאָלן נתעשר ווערן!...

נאָר עמעצנס הענט פאַרהאַלט פון דרויסן די פענסטערראַם און לאָזט עס נישט פאַרמאַכן. דער דורכגייער, וואָס האָט עס געטון, שפּאַסט גוטמוטיק:

— אָהאָ, מאָסיע מוניע... איר האָט נישט געוואָלט מיט מיר זיך באַגריסן! וואָס איז מיט אייך? וואָס זייט איר אַזוי אָנגעבלאָזן אין אַזאַ שיין וועטער?

— מאָסיע פּאַקאָ!... אַזאַ אויסגעריכטער גאַסט.

— כ'בין נאָר וואָס געקומען צו פאָרן! וואָס מאַכט איר?

פּאַקאָ פּלעגט צוויי מאָל אַ יאָר קומען צופאָרן אויף עטלעכע טעג קיין פאָנטען-וויו צום אַלגעמיינעם פריינט דאָקטאָר ראַבענאָ, מיט וועלכן ער האָט אַמאָל זיך באַגעגנט אין כינעזיש-אינדיען און שפּעטער אין מאַרסעל, ווען ספּי האָט זיך דערנענטערט צו פּיערן.

ראַבענאָ — אַ סקעפּטיקער און מאַטעריאַליסט, וועלכן דאָס שטענדיקע אָנזען פון נאַרישקייט און לעבן האָט פאַרהאַרטעוועט, אָבער נישט גרויזאַם געמאַכט, — איז צופעליק פאַרוואָרפן געוואָרן אינם דאָזיקן פאַרגעסענעם ווינקל, ווו עטלעכע גוטהאַרציקע דאַמען האָבן אויסגעבויט אַ סאַנאַטאָריום פאַר טובערקולאָז-קראַנקע. נאָכן ענדיקן דעם קריג האָט ער — אַן אַלטער און קינדערלאָזער — זיך באַזעצט אינם דאָזיקן געגנט, ווו ער האָט געפונען אַ פריינט אין דער פּערזאָן פון מוניע. די סאָלידע פּראַקטיק, וואָס ראַבינאָ האָט געהאַט, האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו לעבן אָנשטענדיק און נאָך קורירן אומזיסט אַ גרויסע צאָל אומגליקלעכע. חוץ דעם איז ער נאָך געווען דאָקטאָר פון לוסאַקער קינדער-אַזיל.

מוניע האָט זיך פריינטלעך אויפגעהויבן, אַ דריק צו טאָן פּאַקאָס האַנט.

— גוט מאָרגן, וואָס מאַכט איר ?... דער דאָקטאָר וואַרט אויף אייך. מיר עסן צוזאַמען היינט מיטאָג.

פּאַקאָ, אויך דערמיט שטאַרק צופרידן, האָט דאָס באַשטעטיקט. ער האָט גוט געלעבט סאַי מיטן דאָקטאָר, סאַי מיט מוניען, געווען מיט זיי באַפריינדעט און אים איז דערום געווען אָנגענעם מיט זיי צו פאַרברענגען צוזאַמען אַ פּאָר שעה און עסן צוזאַמען מיטאָג. זייערע דריי פילאָזאָפיעס, מער אָדער ווייניק ביטערע, זענען זיך צוזאַמענגעגאַנגען אין אַן אַלגעמיינעם פּונקט, אַ טיילווייז הומאָריסטישן, — און פאַראַכטנדיקן צו מענטשן און בכלל צום אידעאַל פון דער מענשהייט.

בעת פּאַקאָ האָט אונטערהינקנדיק פּאַמעלעך, זיך דערווייטערט, האָט מוניע פאַרמאַכט דאָס פענסטער.

די אַרבעטער זענען גרופּנווייז, איילנדיק זיך, געגאַנגען צו דער אַרבעט אין פאַבריק אַריין. צווישן זיי זענען געווען פּראָוואַנסאַלער, איטאַליענער, סענעגאַלער און רוסן, — די גאַנצע מאַסע פון אַרבעטער, וואָס זענען אינטערנאַציאָנאַליזירט געוואָרן זייט דעם ג ר ױ ס ן מ אָ ר ד.

אָנגעבלאָזענע פּנימער, וואָס טראָגן אויף זיך אַ חותם פון קנעכטשאַפט, אַלקאָהאָל און שווערן לעבן. דאָ און דאָרט איז געווען צו זען אינטעליגענטע פּנימער, וואָס אין זייערע האַרבע שטריכן האָט נאָך געשטראַלט אַ געדאַנק עפּעס. בכלל אָבער איז דאָס געווען אַ גראָע מענטשן-מאַסע, וואָס איז שווער געווען צו זאָגן, ווי אַלט זיי זענען. דאָס זענען געווען מענטשן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן און וועלן שטאַרבן אַלס קנעכט פון דער אַ ל מ ע כ ט י ק ע ר כ נ ו פ י א ; מענטשן, וואָס דער גורל האָט זיי אַנטוישט און וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך פון זייערע ווייטע מקומות בענקשאַפט נאָך דער היימאַט און די פאַרביטערונג פון שטענדיקע דורכפאַלן און נישטגעלונגענקייט.

אַלטע — זיי האָט מען צווישן די אַרבעטער נישט געקענט זען, די, וואָס זענען אַלט געוואָרן פינפאונפופציק יאָר.

האָט מען אומבראַמנותדיק אַרויסגעוואָרפן און זיי מער נישט צוגעלאָזט צו דער אַרבעט. דאָס זענען געווען „אָפּפאַל" אין וועלכע מ'האָט זיך מער נישט געניטיקט. אַזעלכע אַרבעטער פלעגט מען, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעאַרבעט דרייסיק, פערציק יאָר און ביי דער אַרבעט אָנגעווירן אינגאַנצן זייערע כּחות, אַרויסגעבן אַ שטיצע פון דריי ביז פיר פראַנק אַ טאָג, — פּונקט אַזוי פיל, זיי זאָלן נישט שטאַרבן (דאָס וואָלט דאָך געווען צו גיך), נאָר לעבן אין דחקות און נויט.

דער צווייטער פייף, עס האָט זיך דערהערט ווי אַ פּאָך פון אַ בייטש. האָט געזשומעט און געפייפט אָן אַ סוף, גראָב און מעכטיק.

ס'האָט דערמאָנט אָן יעגער, וואָס רופט צונויף זייערע הינט... זיבן אַ זייגער! דאָס גערויש האָט אויפגעהערט... עטלעכע אַרבעטער וואָס האָבן זיך פאַרשפּעטיקט, זענען געלאָפן. דער לעצטער האָט ענדלעך זיך באַוויזן בעזו. מוניע האָט מיט פאַראַכטונג אַ קוק געטון אויפן שיכּור. אַ צעשויבערטער, אַ שמוציקער, האָט ער געשלעפּט זיינע פיס אין רויטע קאַמאַשן...

— ...דער דאָזיקער איז אויף אַלץ פעיק, נאָר נישט אויף קיין געדאַנק... בעזו, בעזו...

מוניע האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָר וואָס אָנגעשריבן אַ פּאָוויעסטקע אויפן דאָזיקן נאָמען... ער האָט זיך געוואָלט איבערצייגן, אויב ער האָט נישט קיין טעות און אַ קוק געטון אויף די פּאַפּירן. יאָ: בעזו פּיער 325 פראַנק 75 סי׳...

און אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ. האָט מוניע געטראַכט:

— יאָ מ'וועט מוזן אים מאַכן אַ זאַיעגטשע און פאַרקוילן די בעבעכעס!

ער האָט איינגעטונקט די פעדער און ווייטער אָנגעהויבן אונטערשרייבן, אונטערשרייבן און אונטערשרייבן...

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט האָט מען געגעסן מיטאָק אויף דער וועראַנדע, אונטערן שאָטן פון אַ גרויסן ליפּע־בוים אַרום דער אָנגעצינדענער לאָמפּ האָבן

זיך ארומגעדרייט שמעטערלינגען... דער מיטאָק האָט שוין געהאַלטן ביים סוף.

— געגוג שוין צו ריידן וועגן מיר: — האָט זיך אָפּגערופן דער דאָקטאָר ראַבינאַ, וועלכע האָט געהאַלטן און איין שיטן מיט אָנעקדאָטן און זכרונות פון זיין פראַקטיק...

— נו וואָס ווײַסט איר עפּעס דערציילן, טייערער פּאָקאָ מיינער? ווי גייען אייערע געשעפטן! וואָס מאַכט אייער פלימעניצע? זעט נאָר, ווי צעטראָגן איך בין: כ׳האָב פאַרגעסן ביז איצט, ביי איך אָנפרעגן זיך וועגן איר.

— כ׳דאַנק אייך. גאַנץ גוט. איך עטלעכע טעג ארום האָט זי חתונה מיט פיער בערניע... אייך איז באַקאַנט די פירמע „די געברידער בערניע"?

— יאָ, זייף־פאַבריקאַנטן? אן אויסגעצייכענטער שידוך!

— זיי ביידע פאַרגעטערן זיך איינער דעם אַנדערן... אין אַזוי ווי פאַר מיר געפינט זיך נישט קיין אַנדער פרייד, ווי דאָס גליק פון מיין פלעמעניצע...

מ׳האָט אים אָפּגעגעבן מזל־טוב, ער האָט געשמייכלט... איז דען אַלץ נישט געגאַנגען לטובה? פּיערס באַשלוס צוצונעמען איר קינד און עס אַדאָפּטירן... אין מאַרסעל! האָט דער פּרעפעקט, בערניעס אַן אַלטער פריינט, צוגעזאָגט צו שטיצן און זען, אַז די פאָרמאַליטעטן ביים אָפּזוכן און אַדאָפּטירן דאָס קינד זאָל וואָס גיכער דערליידיקט ווערן. נאָר ווי שנעל דער ענין זאָל נישט אָוועקגיין! מוז עס לפחות נאָך דויערן אַ חודש צייט און דאָך איז פּאָקאָ נאָך נישט אינגאַנצן זיכער... אין אַ וואָספערן צושטאַנד וועלן זיי געפינען דעם קליינעם מאַרק־הענרי? דריטהאַלבן יאָהר זיך געפונען אין פרעמדע הענט איז נישט קיין קאַטאָווּעס... ווער ווייסט, וואָס פון קינד איז געוואָרן און ווי עס זעט איצט אויס יאָ, צו אַ לאַנגער טערמין פאַר אַ קינדישער נשמה...

— פּעמי, גיכער אַ פלאַש שאַמפּאַניער!

— מיר וועלן מאַכן אַ לחיים לכבוד אייער שמחה, מיין פריינט!

זיי האָבן געטרונקן צו פּאָקאָן לחיים.

דערנאָך האָבן זיי געטרונקען לחיים צו זיין פּלעמעניצע.
פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער קלונג...
קאָלור, דער לוסאַקער שענקער, האָט אַ פּראַל אויף געטון די טיר.

— דאָקטאָר, מ׳דאַרף אייך האָבן וואָס גיכער. מ׳האָט אין שפּיטאָל אַריין נאָר וואָס געבראַכט אַ קליין קינד, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן. מ׳קען עס נאָך אפשר אָפּראַטעווען, דאָס קינד האָט זיך געהאָזיעוועט ביי בעזון. מ׳האָט עס געוואָלט אַרע-סטירן דערפאַר, וואָס ער האָט געגנבעט אַ ברויט אין בעקעריי.

— האָט מען פּרובירט דאָס קינסטלעכע איינאָטעמען?
קאָלור האָט נישט געוווסט, צי מ׳האָט געטון אָדער נישט.
— גוט, — האָט ראַבינאָ געזאָגט — איך גיי שוין.
— בעזו? — האָט מוניע זיך דערמאָנט בשעת ראַבינאָ האָט אָנגעטון דעם פּאַלטאָ... — בעזו... דער שיכור...
— יאָ, אַ שיכור און טויגעניכטס, — האָט קאָלור געוואָר-טשעט געזעגנענדיק זיך.
— פּעמי, דערלאַנגט קאַווע, צום ווידערזען, מיינע פריינט כ׳קום באַלד צוריק.

געבליבן זאַלבעצווייט, האָבן פּאַקאָ און מוניע זיך צוהערנ-דיק צום גערויש פונם אָפּפאָרנדיקן אויטאָ, געטראַכט וועגן דעם דאָקטאָרס איצטיקן ווידיט און זיך דייטלעך פאָרגעשטעלט, וואָס ער טוט אין שפּיטאָל מיטן אומגליקלעכן קינד!

פּאַקאָ איז געווען אויפגערעגט. ער האָט געהאַט אַ פּאָר-בעפיל פון עפּעס אַן אומגליק.

— אָרעמער!
נאָר מוניע, וועלכער האָט זיך שוין אָנגעזען אַזוי פיל טויטע, האָט געענטפערט:
— וואָס איז! ער וועט שוין מער נישט ליידן. אפשר איז דאָס נאָך פאַרן קינד בעסער. וואָס ווילט איר זאָל ווערן מיט די דאָזיקע פאַמיליענלאָזע? אן אומגליק... כּל-זמן מ׳וועט נישט אויסלערנען די מיידלעך צו ווערן מוטערס בלויז לויט זייער פאַרלאַנג...

— ריכטיק! — האָט פּאַקאָ אונטערגעכאַפּט, פאַררייכערנדיק זיין פּייקע — און דער עיקר, כּל־זמן דער מוטער, ווער זי זאָל נישט זיין, וועט נישט אַרויסגעוויזן ווערן קיין אַכטונג און הילף... קלאָר, ווי דער טאָג, אַז אין אַ געזעלשאַפט, וועלכע רעכנט זיך פאר אַ ציוויליזירטע, וואָלט די ערשטע זאָרג פון אַ מענטשן געמוזט זיין וועגן דער פרוי, וועגן אַ פאַרנונפטיקער מוטערשאַפט; און די מאַנספערשוינען וואָלטן געדאַרפט זאָרגן וועגן רייכער מאכן די ראַסע און נישט וועגן פאַררייניקן זי... קודם־כּל — די קוואַליטעט!... וואָס שייך דעם כּמות... (ער האָט מיט אַ זשעסט אויסגעדריקט זיין סקעפּטיציזם)... כ'האָב שטענדיק געטראַכט, אַז א פאָלק קען זיין עקאָנאָמיש, ס'הייסט פּאָליטיש, לגמרי געזונט נאָר דאַן, ווען עס וואָלט געקענט ברענגען צו אַ גלייכגעוויכט די צאָל מענטשן מיט זיינע הכנסות...

מוניע האָט פאַרלאָרן זיין רויִקייט.

ער האָט געדראָט מיטן פויסט דעם שרעקלעכן געשפּענסט, וואָס האָט באַהאַלטן אין דער פינסטערקייט פון דער נאַכט. מלחמה! דאָס איז דאָך אַ אומגעהייער, אַ אידיאָטיזם!

— צום אומגליק, וועט נאָך אויסקומען צו פאַרגיסן בלוט איידער די קולטור... דער מענטש בייט זיין הויט, אָבער נישט די נשמה. ער איז אַן אַלטרויִסט *) ווען ער האָט גאָרנישט, מיט וואָס זיך צו טיילן מיטן אַנדערן, און ער איז אַ גרויזאַמער עגאָאיסט ווען ער ווערט אַ אייגנטימער פון עפּעס. אין די דאָזיקע צוויי גרעניצן דרייט זיך דער גאַנצער פּראָגרעס. דאָס איז דאָס דרייען זיך אַהין און אַהער פונם אומרו.

— ניין! — האָט אויסגעשריען פּאַקאָ — נישט קיין פעסטע שריט, נאָר דאָך שריט, וואָס גייען פאָרווערטס. אין פינסטערקייט, אָבער צו ליכט. מיר קוקן אויף דעם אין־סוף מיט אַ בליק פון אַ בלינדן. מען מוז גלייבן אין פּראָגרעס, מוניע, ווי נאריש דאָס זאָל אייך זיך נישט אויסווייזן, מ'דאַרף גלייבן אין דער נשמה, אין איר נאָך נישט אויסגעפאָרשטער קראַפט!

*) דער היפך פון עגאָיסט. באַמ. פון איב.

דער פאַרנונפט פונם מענטשן האָט זיך אַזוי פאַרשפּרייט, ווי ס'האָט זיך אויסגעגליכן זיין חוט־השדרה, זייט ער האָט פאַרנומען אַן אָרט אויפן העכסטן שטאַפּל פונם לייטער פון יצירות...

— ספּיריטואַליסט!

— פונקט ווי איר, נאָר אַן איבערצייגטער, אַז מיר לעבן אין אַ צייט פון די ערשטע אַנטדעקונג פון די סודותפולע כוחות וועלכע וועלן איבעראַנדערשן דעם מענטשלעכן גורל. יאָ, מ'מוז האָבן אַן אמונה, צוגעשמידט צום גוף, כדי נאָכדעם, וואָס מיר האָבן געזען, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעליטן, כדי נאָכדעם צו האָפן, אַז דער מענטשלעכער געדאַנק וועט זיך ענדערן און ווערן גאָר אַן אַנדערער, ווי איצט. יאָ, די אַלטע וויסנשאַפט, וועלכע איז געווען אַ נאַציאָנאַלע, איז געבליבן טריי איר באַרוף! זי האָט געאַרבעט בלויז פאַרן ט ו י ט. די וויסנשאַפט פון דער צוקונפט, וועלכע וועט זיין אַ אוניווערסאַלע, וועט אַרבעטן פאַרן ל ע ב ן. דאַן וועלן זיך באַווייזן איבערזינלעכע אַנט־דעקונגען!

דאָס באַוועגן זיך פאָרווערטס וועט זיך קיינמאָל נישט באַגיין אָן בלוט־פאַרגיסונג. נעמט דעם באָלשעוויזם.

— ווייל דער האַמער און סערפּ זענען נאָך, סוף־כל־סוף, ווי דער שווערד גראָבע עמבלעמען! מאַטעריעלע צייכן פון דער אַלטער געצנדינערייי... די מענטשהייט, פונקט ווי די ערד, באַפרייט זיך מיט מי פון אירע לאַנגזאַמע איבערענדערונגען. זי הייבט נאָר דערוויילן אָן זיך צו דערקענען, באַמערקן, אַז זי גופא איז איר אייגענער ציל. וואַרט ביז דאָס מענטשלעכע וועזן, באַפרייענדיק זיך פון זיין איינגעבוירענער עבירה, וועט אַליין ווערן זיין אייגענער גאָט!... די גאָטהייטן, וועלכע זי האָט געשאַפן ביז איצט, אפילו דעם ליכטיקן אָלימפּ פון דער גריכישער חכמה, זענען נאָר געווען קינדער פון זיין פחד. און דאָך איז אין אַלע אמונות פאַראַן אַן אַלגעמיינער פּרינציפּ פון דער האָפענונג אין די הימלען: אין אַלע רעליגיעס איז פאַראַן די ליבע און די זון פון דעם קינפטיקן שלום!

מוניע האָט מיט אַזאַ גרייטקייט איבערגעחזרט:

— ליבע!...

אַז פּאָקאָ האָט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען די גאַנצע טיפקייט פון זיין איינזאַמקייט, — אַ אינערלעכע דראַמע, וועלכע ער האָט שטאָלץ פאַרבאָרגן.

ער האָט געמאַכט אַן אויספיר, נישט באַהויפטנדיק, אַז דאָס וואָס ער האָט געזאָגט, איז אַן אַבסאָלוטער אמת:

— גלייבט מיר, אַז אַלס אַקטיאָרן און גלייכצייטיק צו-שויער. בלאָנדזשען מיר נאָך אין דער פינסטערניש. נאָר איך בין איבערצייגט, — איר קענט מיך האַלטן פאַר אַן אָפּטימיסט, וואָס ווערט שוין קיינמאָל נישט אויסגעהיילט ווערן, — אַז נישט שפּע-טער, ווי אין צוויי טויזנט יאָר אַרום וועלן די קינדס-קינדער אייערע מיט מיטגעפיל און מיטלייד שאָקלען מיט די קעפּ, בעת זיי וועלן דערמאָנען אונדזערע נעמען און ווען מ'וועט אויפהייבן דעם פאַרגאַנג זייערן.

מוניע האָט אַ זיפץ געטון.

— מעגלעך, פאַר אייך, דעם מיסטיקער!... אָבער איך, וועלכער האָב געזען אַזוי נאָענט דעם נישט-זיין אין וועלכער, פאַרצייכנענדיק אַ ריי ציפערן, זעצט פאָרט איצט נאָך דעם סכום פון דער אָרעמקייט, — גלייב נישט. אַ מענטש — אַ גאָט?... נייך.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלונג, וועלכער האָט איבערגע-שראָקן זייערע טרוימערייען.

— ראַבינאַ!

נאָר דאָס איז געווען אַ דעפּעשע פאַר סעבאַסטיאַן פּאָקאָ וועלכע עס האָט געבראַכט אַ טעלעגראַפיסט פון לוסאָק.

פּאָקאָ האָט שטאַרק דענערווירט געעפנט די דעפּעשע און איז בלאַס געוואָרן, איבערלעזנדיק, וואָס דאָרט איז געווען אָנגעשריבן.

„קער זיך צוריק וואָס גיכער...” איז דאָרט געשטאַנען — „כ'דאַרף דיך זייער נייטיק צו האָבן. ספּי”

— אַלץ אין אָרדענונג - האָט זיך דערקוונדיקט דער קאַליקע באַמערקנדיק ווי פּאָקאָ איז איבערגעשראָקן.

— ניין. מיין פּלעמעניצע רופט מיך עקסטרע אַרויס. איז נאָך דאָ היינט אַ צוג ?

זיי האָבן אַ קוק געטון אויפן זייגער:

— יאָ, אין אַ האַלבער שעה אַרום.

פּאַקאָ האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט:

— באַלד אַזוי, גיי איך שוין פאָרן. דער וואָקזאַל איז פון דאַנען צוויי קילאָמעטער און כ׳וועל נאָך באַוויזן

— כ׳וועל אייך באַגלייטן,- האָט מוניע געזאָגט.

און נאָכגייענדיק פּאַקאָן, האָט ער זיך באַמיט אים דערווייזן, אַז דאָס קען נישט זיין קיין ערנסטע אָנגעלעגנהייט, ווי באַלד איר האָט ערשט נעכטן פאַרלאָזט מאַרסעל.

נאָר פּאַקאָ האָט דערקלערט, אַז פריער איז ער געווען און באַצירק און גאַנצע אכט טעג האָט ער נישט געהאַט קיין ידיעות...

...וואָס האָט געקענט געשען ?... באַזאָרגט, האָט ער זיך דערמאָנט וועגן אַ אַנדער בריוו, וועלכן ער האָט אַמאָל באַקומען אין פלאַן-ד׳אָרגאָן און וועלכער האָט פונקט געהאַט דעם זעלבן אינהאַלט, ווי די איצטיקע דעפּעשע... וואָסער אומגליק האָט איצט געקאָנט פאָרקומען ?...

און לוסאַק איז די דאָרטיקע מאַכט — דער בריגאַדער און דער מיטגליד פון דער מעריי — אוועק צו בעזון, כדי אויסצופרעגן די מכשפה און זיך דערוויסן די אומשטענדן, ביי וועלכע דער קליינער מאַרק-העברי איז דערטרונקען געוואָרן. און אַבאָנימער דאַנאַס. וואָס איז אָנגעקומען עטלעכע טעג פאַרן פאָרפאַל, האָט מיטגעטיילט אַז די מרשעת בעזוי פייניקט שרעקלעך די קינדערלעך, וואָס מ׳האָט איר אַריינגעגעבן אויפצוהאָדעווען און גיט זיי נישט קיין עסן...די—מכשפה האָט פאַרן אויספאָרשונגס—באַאַמטן אוועקגעלייגט אַ מענה-לשון, זיך געקלאָגט, אַז די קינדער זענען שרעקלעך פאַרדאָרבן און אַז מ׳דאַרף ממש זיין שטאַרקער פון אייזן, מ׳זאָל פון זיי קענען אויסהאַלטן. אויף זשולן האָט זי זיך געקלאָגט, אַז ער איז אַ גנב און אַ פוילער, דער צווייטער איז אַ בייזער ווי אַ הונט. די קינדער — האָט צוגעגעבן די מכשפה — האָבן איר

שוין אַזוי דערעסן, אַז היינט־מאָרגן וועט זי זיי צוריק אָוועק־געבן דער אַדמיניסטראַציע!...

זי איז געווען נישט אַזוי רויק, ווי זי האָט זיך באַמיט צו זיין. בעתן לעצטן וויזיט ביי איר, האָט דער דאָקטאָר באַפוילן, זי זאָל געבן די קינדער בעסער צו עסן, ווייל זיי זענען שרעק־לעך אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט. און זיי האַלטן ריין. די אַלטע געדענקט, ווי דער דאָקטאָר האָט דאַן געמאַכט אַ אומצו־פרידן פנים און אַוועקגייענדיק געזאָגט:

— כ׳האָף, צו מיין צווייטן וויזיט, די קינדערלעך צו גע־פונען אין אַ בעסערן צושטאַנד.

זי איז אין דער שטיל געווען מלא־חימה. זי וואָלט גע־וואָלט אויסגיסן איר מאַכטלאָזן צאָרן אויפן קינד, וואָס איז דער־טרונקען געוואָרן, באַגייענדיק זעלבסטמאָרד. זיין זעלבסטמאָרד האָט דאָך זי איצט געשטעלט אין אַזאַ שווערע לאַגע.

— קלאַבוס, לאָבוס! — האָט זי זיך געטראַכט — אַזאַ נבלה אָפּצוטון! ווען דו וואָלסט געלעבט, וואָלט איך זיך שוין מיט דיר אָפּגערעכנט ווי ס׳געהער צו זיין.

נאָר גלייכצייטיק האָט זי געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז די מעשה מיטן קינד פאַרשאַפט איר האַרצווייטאָק...

— אָרעם גנבל קליינס — האָט זי געקלאָגט, — אָרעם גנבל, וועלכן ס׳האָט אַזוי געשראָקן דער געדאַנק וועגן תפיסה!

זי האָט שטענדיק אין האַרצן געווונטשן די קינדער זיי זאָלן איינעמען אַ מיתה־משונה. דאָס זעלבע האָט זי אויך גע־ווונטשן אירע שכנים, וועלכע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט פאַר דער טיר פון איר דירה און שטאַרק געוואָלט וויסן, מיט וואָס די מעשה וועט זיך ענדיקן. בעת דער בריגאַדער האָט זיך גע־ווענדט מיט פראַגן דאָ צו איינעם און דאָ צו אַן אַנדער שכן, האָט דער מיטגליד פון מעריי לאַמבערט באַקוקט דאָס הויז. פון מאָסיע בעזו האָט מען גאָרנישט געקענט דערגיין. זיצנדיק ביים אויוון, האָט ער זיך געקייט זיין טאַבאַק און אויף אַלע פראַגן געענטפערט: יאָ... ניין... כ׳ווייס גאָרנישט.

מאַרק־הענרי האָט אַ זיפץ געטון און לאַמבערט איז צוגעגאַנגען צו זיין בעטל.

— אַ שרעקלעכער טיפוס...

די מכשפה האָט דערקלערט, אַז ס'איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט צו האַלטן דאָס קינד ריין. איצט האָט ער געהאַט אַ שלשול.

— זאָגט ווען ער וועט שטאַרבן, וועט איר האָבן אומאַנגענעמלעכקייטן...

דאָקטאָר ראַבינאַ, באַקוקנדיק אין שפּיטאָל דעם קינדס קערפּערל און פעסטשטעלנדיק דעם טויט, איז אַוועק צו בעזון. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז לאַמבערט געפינט זיך דאָרט, כּדי צו מאַכן אַן אויספאָרשונג און האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אים תּיכף מיטצוטיילן: דער קערפּער פונם קינד, אַ שרעקלעך מאָגערער האָט געהאַט אויף זיך סימנים פון קלעפּ.

נישט בעזו און נישט לאַמבערט האָבן שטייענדיק ביי דער דראָשקע, נישט געזען, ווי ער איז אַריינגעגאַנגען. ער האָט זיך שוין געהאַט איינגעבויגן איבערן קינד, וועלכן די אַלטע האָט געפּרוּווט באַרויִקן און האָט אויפגעהויבן די קאָלדרע. דער נאַסער שעניק האָט פאַרשפּרייט אַן עקלהאַפטן ריח. ראַבינאַ האָט זיך שנעל אויסגעגלייכט:

— ווי שעמט איר זיך נישט!

דאָס דאַר גופּעלע האָט זיך געקאָרטשעט אין אַ גרינגלעכן קליי. דאָס קראַנקע קינד איז געווען אַזוי שוואַך, אַז ווען ראַבינאַ האָט אים אויפגעהויבן, האָט עס קוים געעפנט די אויגנלעפּעלעך און שוואַך אָנגעהויבן צו זיפצן...

— מ'זעצט אַריין אין טורמע פאַרברעכער. וואָס זענען ווייניקער שולדיק, ווי איר! — האָט לאַמבערט געזאָגט.

— צי איז דען מיין שולד, וואָס עס האָט בויך־ווייטאָק (אין האַרצן האָט זי זיך געטראַכט: אַ כּפּרה זאָלסטו איינבעמען!) כ'האָב זיך פּונקט געקליבן מיטצוטיילן דעם דאָקטאָר אין לאַזשאַנטיער, ווי מ'האָט מיר מיטגעטיילט וועגן דעם צווייטן אומגליק... צו שווער צו האָבן צו טון מיט פרעמדע קינדער!

— גוט! — האָט ראָבינאָ זיך אָפּגערופן, — ווערט מען דעם כאָטש אָרויסרייסן פון אייערע נעגל... וואַשט אים אָפּ, פאַרוויקלט אים אין אַ ריינער קאָלדרע... כ'וועל אַליין אים אָפּפירן אין שפּיטאָל... איר האָט כשר פאַרדינט, מ'זאָל אייך אָרײַנפּאַקן אין חד־גדיא אַרײַן!

— גאָט אין הימל!... מיך, וועלכע האָט אַזוי ליב געהאַט דעם קליינעם.

VII

זיצנדיק אויף א שטול ביים גרויסן בעט, האָט ספּי מיט הארצווייטאָק געקוקט אויף פּיערס פּנים. היינט איז דער פופצנ־טער טאָג, זייט זיי האָבן זיך צוריקגעקערט פון זשואַן... און, דער צענטער טאָג, ווי ער ליגט אין טיפוס... זי פּרוווט טרעפן די צוקונפט לויט די אומבאַוועגלעכע שטריכן...

אינם דאָזיקן גרויסן צימער, ווו מ'האָט פאַר איר אָוועקגע־שטעלט א לעזשאַק, — פּונקט ווי אין דער גאַנצער וווינונג, וווּ זי וווינט נאָך נישט קיין גאַנצע דריי חדשים, — פילט זי זיך ווי אַ גאַסט.

די אָנוועזנהייט פון עפּעס אַנדערש אינם הויז, האָט אָוועקגענומען ביי איר דאָס גליק, און טיילט זי אָפּ פון די דאָזי־קע ווענט, וועלכע זענען דאָך איצט דער צענטראַל־פּונקט פון איר לעבן... די קרענק האָט, באַהערשנדיק פּיערן, אים געמאַכט פאַר א ניי באַשעפעניש. וועלכעס געהער איר נישט מער אינ־גאַנצן. אַרומקוקנדיק זיך מיט א אומרויקן בליק אונטער דער שרעקלעכער דראָונג, דערמאָנט זיך ספּי גלייכצייטיק אָן אירע צרות און יסורים... זי פילט אַ שוידער פון שרעק, וואס כאַפּט זי אַרום פון צייט צו צייט. דאָס זעלבע געפיל, וואָס זי האָט אי־בערגעלעבט, ווען זי האָט, גאָכן אָנפאַל אויף איר פונם נידער־טרעכטיקן יונג זשאַן־זשאָרע וויאַלעץ, מורא געהאַט טראָגנדיק צו ווערן... דערנאָך, ווען זי האָט זיך דערוווּסט וועגן פּראַנסואַס חתונה... דערנאָך ווען זי האָט געמוזט איבער־לאָזן איר זון... דאָס לעצטע מאָל איז דאָס געווען ביים ריכטער

ווען איך האָב מורא געהאַט פאַר טורמע... איר פריינט, איר קינפּטיקער מאַן! זי רעכנט: וואָסער טאָג האָבן מיר היינט? מיט אַ מידער האַנט הייבט זי אויף די צייטונג: פרייטאָק... דעם קינפּטיקן דאָנערשטאָק וואָלטן מיר געדאַרפט נעמען חופה־וקדושין... און נעכטן איז דער פּערטער, צוריקקערנדיק זיך פון לוסאַק, אַוועק אין מערריי, כדי מיטצוטיילן אַז די חופה־וקדושין איז אָפּגעלייגט געוואָרן... אָפּגעלייגט? טרערן שטיקן איר האַלדז. נאָר די האָפענונג פליסטערט: פאַרוואָס נישט? דאָס לעבן באַשטייט פון בלויז קאַטאַסטראָפעס... דו האָסט רעכט זיך אָפּצורוען?

— טרינקן! — פליסטערט פּיער.

ספּי האָט מיט איין באַוועגונג אָפּגעוואָרפן אַלע געדאַנקען. זי איז שוין אויף די פיס, שטעלט אַריין דאָס העלדזל פון טשייניק אין די איבערגעטריקנטע ליפּן. דער קראַנקער שלינגט, נישט עפענענדיק די אויגן... זי רירט זיך צו צו זיין האַנט, בייגט זיך איין; זעט, צי דער קאָמפּרעס ליגט גוט אויפן שטערן, און מיט אַ לייכטן קוש פאַלט זי צו צו דער געלער באַק...

— איצט שוין נישט אַזוי הייס... אַ גוטער סימן, מאָסיע פּיעראָ, ס'איז שוין פיר אַ זייגער.... די היץ ווערט צו אַוונט שטאַרקער!... דער בלאַסער שמייכל איז שוין פאַרשוווּנדן געוואָרן.

— אַ טאַז.

שוין פינף טעג, ווי ער, אָפּגעהיט כסדר פון ספּין, רעדט אַרויס בלויז נייטיקע ווערטער.

די איינציקע שטיצע, וועלכע ער פאַרטראָגט און וועלכע מאַכט אים שטאַרק. ער ווענדט זיך נאָר צו איר, אָנערקענט נאָר זי. קוים וואָס ער פאַרטראָגט די פלעגערין, וועלכע העלפט איר צו ביי די אַרומרייניקונגען און ביים אַרומוואַשן אים.

— האָסט שוין געענדיקט, מיין טייערער?

ער טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ.

זי הייבט אויף די קאָלדרע, וואַשט אים אָפּ און נעמט אַוועק דעם טאַז! שלעכט, — טראַכט זי זיך, שמייכלענדיק צום

פרעגעדיקן בליק, וואָס בעט וועגן שטיצע: — אויסגעצייכנט, פּיערא, דו הייבסט שוין,ווירקלעך, אָן זעלבסשטענדיק...

גלייכצייטיק טראַכט זי זיך:

— ווי שוואַרץ! פּונקט, ווי אַ געדיכטקייט פון קאַווע!...

אַרויסגייענדיק פון צימער, וואַרפט זי זיך צו דער פלעגערין, וואָס רוט זיך אָפּ נעבן איר:

— מאַדמואַזעל, מאַדמואַזעל, טוט אַ קוק!

די פאַרשלעפּערטע מאַדמואַזעל מאַרינגע גייט צו, קוקט און ווערט בלאַס:

— בלוט! כ'האָב זיך גערייכט אויף דעם.

— בלוט! וואָס טוט מען?... זאָגט גיכער, זאָגט, ווי גאָט איז אייך ליב, דעם אמת: ער איז אין אַ סכנה?...

— די פלעגערין לייגט אַרויף איר האַנט אויף ספּיס הענט, כדי זי צו באַרויִקן:

— באַרויִקט זיך.

הגם זי איז לויט איר פּראָפעסיע, שוין געוווינט צו פיזי־שע ליידן, האָט זי דאָך שטאַרק רחמנות אויפן חולה און אויף זיין פריינדין ביים אָנזען פון אירע מאָראַלישע ליידן, זי טוט האַסטיק אָן די בלוזע... ספּי פרעגט:

— אַ בלוט-שטורץ! דאָס איז דאָך געפערלעך!...

— ערנסט, דאָס איז אַנגאַזש. דאָס איז אָן אָפטע דערשיינונג ביי טיפוס. מאָסיע לאַרמואַ האָט אויף דעם געוואַרט.

— מ'דאַרף אים תיכף-ומיד אָנקלינגען.

— באַרויִקט זיך. יעדנפאַלס האָב איך ביי זיך אַלץ, וואָס איז נייטיק אין אַזאַ פאַל...

זי נעמט פונם טיש, ווו ס'שטייען די מעדיקאַמענטן, אַ שטיק פלאַנעל, אַ ברייטן מאַרלע־באַנדאַזש, אַ קאַוטשוק־רערל...

— גייט צו אים... כ'וועל באַלד אָנקלינגען צום דאָקטאָר.

ספּי גיט צו איר פּנים אַ רויִקן אויסדרוק און גייט שטיל אַריין. ער עפנט אויף די אויגן:

— טייערע מיינע!

— וואָס, פּיער לעבן!

— כ׳פיל זיך שוואך, שוואך...

זיינע פאר ווערטער האבן איר א קלאפ געטון איבערן הארצן, ווי מיט א פויסט. זי באמיט זיך פארבארגן פון אים איר אומרו, בארויקט אים:

— היץ, דיעטע...

— צי קען מען טטארבן פון אזא קרענק? — פרעגט ער איר.

זי מאכט אן אנשטעל, אז זי לאכט.

— דו ביזט משוגע! וואס רעדסטו? פון א גריפ־פארגיפטיקונג?

די פלעגערין באוויזט זיך מיט א גלעזערנער כלי אין פלאנעל...

— ווארט, אט איז די מאדמואזעל, זי וועט דיר צולייגן אייז צום בויך.

— צו וואס?

מיט א זיכערן טאן דערקלערט מאדמואזעל מארינגע.

— כדי אייך אויסצוהיילן, נאטירלעך.

ער דערלויבט צו טון מיט זיך אלץ וואס מען וויל. ספי מאכט צו רעכט די קאלדרע, זעצט זיך אנידער אויף דער שטול בעת די פלעגערין גייט ארויס, מאכנדיק א צייכן: „טעלעפאן”... מ׳הערט גארנישט, א חוץ דאס קלאפן פונם זייגער. האלב־אראפגעלאזן די אויגן־לעפלעך, מאכנדיק זיך שלאפן, כדי בעסער זיך צוצוקוקן צו אים, קוקט זי אויפן בלאס אויסגעמאטערטן פנים. פיער הייבט זיך אן פלוצלינג צו רירן.

ער האט אראפגערוקט פון שטערן דעם קאמפרעס. ספי טונקט איין דעם קאמפרעס אין עסיק און לייגט אים ווידער ארויף אויף זיין שטערן. דאס אפגעהאקטע אטעמען פונם קראנקן קלינגט אין דער שטילקייט, ווי די קלעפ פון א האמער.

געצוווּנגען צו אומבאוועגלעכקייט און נישט אויסצוהערן צו שמייכלען. צום אינערלעכן שרעק... קלאמערט זיך ספי ווי אן א דאך פון א הויך, הויך הויז... א שטיין פאלט ארויס... ספי פאלט, פאלט, טיף, טיף... א געדעמפטע שטים. זי ציטערט אויף:

— טייערע! גיב מיר דיין האנט...

זי זעט אין דעמדאָזיקן ווונטש זײַנעם אַ גײַסטיקן סימן, קלאַמערט זיך אָן אים: זי דריקט מיט אירע צאַרטע פינגער די מאַכטלאָזע האַנט.

— וואָס האָבן מיר הײַנט פאַר אַ טאָג?

— פרײַטיק.

מ׳וואַרט. אַ פיבערהאַפטע האַנט קוועטשט זיך צונויף.

— כ׳וויל, מ׳זאָל קומען אַהער, אונדז מסדר־קדושין זײַן, ביז דאָנערשטיק...

דאָס, וואָס ער טראַכט, דערשטוינט איר נאָך שאַרפער, ווי דאָס, וואָס ער רעדט... די פוסטקייט כאַפט זי באַכאַמאָל אַרום. זי פאַלט אַראָפ פון די וואָלקן, שטאַמלענדיק עפעס מיט אַ צוגעדריקטער שטים.

— וואָס דיר קען אײַנפאַלן. ניין!... בעסער צו צוּוואַרטן אַ וואָך צוויי... און גיין צום מער, ווי אַלע טוען עס.

ער שווײַגט. און אין אים קעמפן ליכט מיט פינסטערקייט: איז ער אין אַ סכנה, אָדער נישט? זײַט דער צײַט, וואָס, ער האָט געפונען זײַן גליק, יואָלט זיך אים אַזוי געוואָלט לעבן!...

ער קלאַמערט זיך פאַר דער האָפענונג, ער חזרט פאַר זיך איבער: „בעסער צו וואַרטן און טון ווי אַלע"... וואָס איז דאָס: אַ באַטרוג? אַ טרייסט? דאָס איז אַ פראַזע, וואָס איז רויק אַרויסגעזאָגט געוואָרן: — אַ רויז אָן דערנער?... ווער ווייסט? קראַנקע נאַרט מען שטענדיק אָפּ. פאַר זיי גייען דורך ווי טריבע, מאַנעקענען, קראַנקהייטן מיט זייערע סימפּטאָמען... און די שלייפן האַקן ווי מיט אַ האַמער. די צונג אין מויל איז האַרט געוואָרן, ווי אַ ציגל פון אַ גלאָק.

— טײַערע מײַנע.

— יאָ, וואָס ווילסטו. פּיערעלע?

— טרינקען!... (ער ווײַזט אויף דער צונג) נישט גוט, וואָס? ווייסט, מיר איז אַזוי הייס!

ער רוקט אַרויס די הענט פון אונטער די קאָלדרע.

ספּי דעקט זיי צוריק צו. ער איז, ווירקלעך, זייער רויט. די הענט ברענען. דער פּולס אַ האַסטיקער.

שוין באַלד פינף אַ זייגער... דער טערמאָמעטער 41 גראַד...
דאָס איז צום ערשטן מאָל אַזאַ טעמפּעראַטור... בעת דער דאָק־טאָר פאַרצייכנט די טעמפּעראַטור אויף צוויי בלעטלעך, טוט זיך אַ ריר דער חולה און פרעגט:

— וויפיל?

— איינגאַנצן אויף צוויי צעטל העכער ווי נעכטן: 38,4.

— ווייז!

ספּי דערלאַנגט אים אַ נאָכגעמאַכט בלעטל. ער לייענט:
38,4.

— נישט מער?... אַ חידוש. כ׳וואָלט געזאָגט 40... מיר דאַכט זיך, אַז כ׳וואָלט געדאַרפט אויפשטיין. איך האַלט, אַז איך בין קראַנק צוליב דעם, וואָס איך ליג כסדר.

איר איז גראָד געלונגען אים צו באַווייזן אויפצוהאַלטן און נישט דערלאָזן, ער זאָל זיך אויפהייבן און אַראָפּ פון בעט ער האָט שוין געהאַט מיט אַ שאַרפער באַוועגונג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרע.

— ליג רויק, פיעראָ, אייז!...

ער הייבט אָן אין כעס ווערן.

— כ׳פיל זיך גוט און וויל אויפשטיין!... די דאָזיקע אַלע מיטלען מאַכן מיך קראַנק.

דער אָנפאַל פון ריידן פון היץ הערט אויף. שטאַרק אָפּ־שוואַכנדיק אים.

ספּי לייגט אים צו נאָך אַ קאָמפּרעס און צערטלט אים געוון.
איצט איז אים קאַלט.

— דעם טאַז!

דאָס דאָזיקע וואָרט איז פאַר איר אַ שטאָך מיט אַ מעסער אין האַרץ אַריין.

זי זעצט אים אַוועק אויף אַ רגע און זאָגט אַרויסגייענדיק

— כ׳קום באַלד אַריין, כ׳וועל ברענגען הייס וואַסער.

זי מוז זיך איינהאַלטן, כדי נישט צו אַנטלויפן...

זי איז, ענדלעך, ביי דער טיר, זי האָט זי געעפנט און ווידער פאַרמאַכט. שוין צייט. זי שעפּטשעט:

— מאַדמואַזעל, מאַדמואַזעל!

די פּלעגערין, וועלכע אָפּוואַרטנדיק ביים פענסטער אויפן אָנקומען פון דאָקטאָר, דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, גיט זיך אַ קער אום. אַך, ס׳אַר אַ בלאַסקייט!... זי פאַרשטייט:

— ווידער

— יאָ.

אַ פראַגע־צייכן בלייבט צווישן זיי שטיין... די גרענעץ פון שרעק, אין וועלכן ספּי ווערט פאַרזונקען...

מאַדמואַזעל מארינגע דערקלערט:

— מעגלעך, אַז דאָס איז דער סוף פונם בלוטשטורץ...

דער דאָקטאָר איז נישט געווען אין דערהיים... מ׳דאַרף האָפן!

נאָך נישט אַלץ פאַרלאָרן, דער רוח זאָל עס נעמען!

ספּי איז שוין אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג. זי בייסט די הענט.

— כ׳קען שוין מער נישט, כ׳האָב שוין מער נישט קיין כּוח!... גייט איר צו צו אים. כ׳האָב נישט קיין דרייסטקייט... כ׳וועל דערווייל אָנקלינגען...

זי האָט מיט אַ שטילער שטים אַרויסגערופן דעם טעלע־פאָן־נומער... „דערווייל נישט! נאָר מ׳וועט אים מיטטיילן, ווען ער וועט אָנקומען”...

איצט צוטוליענדיק זיך צו דער טיר, הערט זי זיך צו... פאַרוואָס געדויערט עס אַזוי לאַנג, פאַרוואָס קומט זי נישט די פּלעגערין... די מינוטן זענען פּוסט, קורץ, זיי ווייזן זיך אויס פאַר אומענדלעכע... אַהאַ, אָט איז זי!

ספּי פירט איבער איר אומרויקן בליק פונם טאז אויף די פּלעגערין און פרעגט זי מיט די אויגן. יענע דרייט זיך אַרויס צו געבן אַן ענטפער.

ספּי רוקט זיך צו צו דער וואַנט, לייגט אַרויף איר האַנט צום האַרצן און דער פּאַיאַץ פון קאַרטאָן, אַרומגעבונדן מיט שנירלעך, טוט מיטאַמאָל אַ פאַל...

VIII

אָנגעשטרענגטקייט און ווילן. די נערוון זענען אָנגעצויגן, די מענטשלעכע פיגור איז אויף די פיס...

קיין שום אויסדרוק אויפן פּנים באַווייזט נישט די טיפע ווונד. די פלעגערין איז אַוועק נאָכן דאָקטאָר... זעקס אַ זייגער. ער דאַרף אַ ליאַדע רגע אָנקומען!... ספּי שטייט צוקאָפּנס און שווייגנדיק קוקט זי זיך צו. אַ שאָרך:

— ספּי!

זי בייגט זיך איין.

— לייג מיר אַוועק די האַנט אויפן שטערן.

זי הייבט אויף דעם קאָמפּרעס: דער שטערן איז פייכט, די שלייפן ברענען. ווי טרויעריק זעט אויס דאָס צימער מיט די אַראָפּגעלאָזענע שטאָרן! פלוצלינג בליצט אויף, אין דער טיפע- ניש פון צימער, אין דער פינסטערניש, אַ שיין. ס׳קומט אַריין דער דאָקטאָר אין אַ נימבוס פון זון-שטראַלן. דער לעצטער שטראַל. אין וועלכן עס טאַנצן שטויבעלעך, און וועלכער וואַרפט דורכן פענסטער פון קאָרידאָר אַ העלן שיין אויפן קראַנקנס בעט אַ שיין פון אַ פּראָזשעקטאָר.

— דאָקטאָר!

ספּי האָט אַרויסגערעדט דאָס דאָזיקע וואָרט, ווי איינער, וואָס באמת זיך צו ראַטעווען בעת אַ שיפס אונטערגאַנג, רעדט אַרויס דאָס וואָרט: ערד! די פרייהייט פון טון ווערט דאַן גע- געבן דעם אויסלייזער!

— קודם-כל ליכט!

בעת די פלעגערין פּאָרעט זיך מיט די שטאָרן צו מאַכן ליכטיק, באַמיט זיך ספּי אויפצוכאַפּן דעם איינדרוק פונם דאָקטאָרס אויגן. זי הערט זיך צו צו די באַרויִקנדיקע ווערטער, וואָס דער דאָקטאָר זאָגט דעם קראַנקן. קלאַנגען און טענער, וועלכע ווייזן אויס צו זיין נישט קיין באַדייטנדיקע ביי געווענלעכע אומשטענדן, באַקומען איצט אַ באַזונדער באַדייטונג פאַר דעם, וועלכער דרינגט אַריין אין טיפקייט פון זייער אינטאָנאַציע.

— גוט...

מאָסיע לאַרמוּאַ האָט געענדיקט זיין אונטערזוכונג. ער עפנט אויף דעם פּוטליאַר:

— כ'וועל אייך מאַכן אַן איינשפּריצונג.

פּעיר פרעגט:

— אַן איינשפּריצונג? פון וואָס?

— א דעזינפעקצירנדיקע, ווירקט זייער שטאַרק.

און ווענדנדיק זיך צו דער פלעגערין:

— די טעמפּעראַטור?

— אָט.

זיי זענען ביים פענסטער. לאַרמוּאַ מאַכט אַ אומצופרידן פּנים, שטודירנדיק דאָס בלעטל פּאַפּיר (אַן אמת בלעטל) ער פליסטערט: שלעכט, אַך, דאָס דאָזיקע שפּרינגעריי פון דער טעמפּעראַטור!...

ספּי איז געבליבן נעבן געלעגער. פּיער האָט גיך געעפנט די אויגן, כדי נישט צו לאָזן פון זיך אַוועקגנבענען קיין ברעקל אמת, וועלכן ער האָט דערוואָרבן אָן זייער וויסן. נאָר נאָך דער איינשפּריצונג, אין דער מינוט, ווען דער דאָקטאָר האָט זיך מיט אים געזעגנט, האָט ער אים פאַרהאַלטן און נישט געלאָזט אַוועקגיין.

— כ'האָב אייך געוואָלט עפּעס זאָגן... (ער האָט אָנגעוויזן אויף די פרויען)... אייך אַליין...

אַ רגע פון פאַרלעגנהייט, אומבאַשטימטקייט, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער מורא פון ספּין, וועלכע וואָלט

געוואָלט וואָרענען דעם דאָקטאָר, אַז ער זאָל לאָזן דעם קראַנקן צו רו... אַ שווידערלעכער געדאַנק. זי וואָלט אַזוי געוואָלט, אויב עס איז באַשערט, אַז ער זאָל נישט לעבן, אים אָפּהיטן פון דאגות וועגן איר, הגם דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער צו־שטערונג פון זייערע וואונדערבאַרע פּלענער!... פון זיך, וועגן איר גורל, וויל זי נישט טראַכטן!... ער — דאָס איז דער עיקר! מיט אַ שפּאַס־טאָן באַמיט זי זיך צו פאַרבאָרגן איר פאַרצווייפלונג:

— דו האָסט עפּעס אַזעלכעס, וואָס דאַרף פאַר מיר זיין, אַ סוד? — האָט זי אים געפרעגט.

פּיער שמייכלט. נאָר ער ענטפערט נישט.

ספּי לאָזט אים נישט אָפּ און פרעגט ווייטער:

— אפשר דאַרף איך אַרויסגיין?

בחינם באַגלייט זי אירע ווערטער מיט אַ צערטלעכן שמייכל.

פּיער זאָגט:

— נאָר אויף אַ רגע.

— גוט.

פאָרזיכטיק, איידער זי איז צוגעגאַנגען צו דער פּלעגערין וועלכע האָט שוין געהאַט געעפנט די טיר, אַרויסצולאָזן ספּין, טוט זי אַ ריר, אגב־אורחא, דעם דאָקטאָר, כדי צוצוציען זיין אויפמערקזאַמקייט.

פּיער האָט נישט געקענט זען, ווי איר געזיכט האָט בעת־מעשה אויסגעזען. זי האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן און איז אַרויסגעגאַנגען.

דעם קראַנקנס בליק האָט די רגע זיך געווענדט צום דאָקטאָר. די צייט דולדעט נישט. צו דער זאַך! צום צוועק!

— שלעכט מיט מיר, דאָקטאָר?

— ס'האָט געקענט זיין בעסער, נאָר...

— צי איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז איך...

ער האָט נישט געענדיקט די פראַזע. ער זעט שוין קלאָר אַז די מינוטן זיינע זענען געציילטע, אָבער דאָס וואָרט טויט קען ער עפּעס נישט אַרויסריידן... שטאַרבן, יאָ... אַן אַבסטראַק־ציע, וואָס פאַר אַ געזונטן איז דערלאָזבאַר!...

— איך וועל געזונט ווערן?...

לאַרמוּאַ, באַמיִענדיק זיך צו בלייבן רויק, טוט אים, מעשה־גוטער־פריינט, אַ קלאַפּ איבער דער האַנט:

— וואָסער פראַגע! געוויס!

אָבער דער אויסדרוק פון זיין געזיכט איז, קעגן זיין ווילן, נישט קיין זיכערער.

פּיער האָט פאַרהאַלטן אין זיין האַנט דעם דאָקטאָרס פינגער און געצוווּנגען לאַרמוּאַס אויגן, זיי זאָלן אַרויסגעבן זייער סוד:

— כ'מוז וויסן. ענטפערט מיר, אַלס מענטש, וועמעס כאַראַקטער איר שעצט.

— שטרענגט זיך נישט אָן. איר וואָלט נישט געדאַרפט ריידן.

דעם קראַנקנס שטים שמידט אויס די ווערטער:

— וואָסער גרויסע באַדייטונג האָט אַ טאָג. אַן איבעריקע שעה, ווען מ'מוז זיך געזעגענען!

— ס'איז דאָך אָבער נישט ווי איר מיינט: איר דאַרפט זיך, חלילה, נישט געזעגענען.

— טש!.. טוט אויף מיר אַ קוק. כ'האָב שוין מער נישט קיין מורא... מ'דאַרף טראַכטן וועגן די לעבעדיקע—ספּי'...

זיין שטים האָט זיך איבערגעריסן. אויף אַ רגע האָט ער צונויפגעפּרעסט די ליפּן, כדי צו דערשטיקן אין זיך די אויפרעגונג, וואָס האָט געהאַלטן ביים אויסגיסן זיך פון זיין נשמה.

— נאַרט מיך נישט אָפּ, דאָקטאָר. זאָגט מיר דעם אמת. כ'מוז באַצייטנס ברענגען מיינע עסקים אין אָרדנונג! כ'וועל שטאַרבן אין גרעסטן יאוש, ווען איך וועל עס נישט באַוויזן צו טון... (ער האָט קוים אַרויסגערעדט) וואָס איך בין מחויב צו טון... ער האָט אַ שעפּטשע געטון: — חתונה צו האָבן מיט מיין כלה!

ספּיס קרבן, איר ווונטש זיך אָפּצוזאָגן פון אַ מאַטעריעל־געזיכערטער צוקונפט, כדי אים נישט צו פאַרשאַפן די מינדסטע יסורים, — דאָס אַלץ האָט זיך מיטאַמאָל אים פאָרגעשטעלט.

דער האַריזאָנט פון דער האָפענונג איז געוואָרן פינסטער, זיך אוועקגערוקט... ער האָט זיך געפילט איינזאַם, אַלץ האָט זיך פאַר אים אָפּגערוקט און אָפּגעמעקט... מיט אַ געשטיקטער שטים האָט ער ווייטער געבעטן:

— איך וויל, אַז זי זאָל האָבן אַלע רעכט פון אַ געזעצ־לעכער פרוי... זאָגט, דאָקטאָר, צי דאַרף איך רופן מיין נאָטאַריוס?

— מהיכא-תיתא, פון דעם שטאַרבט מען נישט. איר קענט נאָך אים שיקן.

— כ׳פרעג אייך, צי איך דאַרף נאָך אים שיקן? כ׳וואָלט נישט געוואָלט אומזיסט פאַרשאַפן ספּין שבר־לב.

— גוט!.. (לאַרמוּאַ האָט אַ טראַכט געטון)... גוט! כ׳וועל אייך מאָרגן געבן אַן ענטפער.

די דאָזיקע פראַזע האָט ענטגילטיק געעפנט דעם שוואַרצן תהום. פּיער האָט אויף אַ רגע פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט מורא. נאָר, כדי זיך צו צווינגען צו קוקן, טיילט ער אויס דעם אמת, וואָס דעם דאָקטאָרס לעצטע ווערטער האָבן אַנטהאַלטן, — אַז מאָרגן הייסט ער אים שיקן נאָכן נאָטאַריוס. ער לאָזט אים, דעם חולה-מסוכן איבער די נאַכט אויף אָפּצורוען זיך...

— אויף וואָס אייגנטלעך, בין איך קראַנק? אויף טיפוס? האַלט מיך נישט, כ׳בעט אייך פאַר קיין פּחדן.

זיין בליק רייסט זיך דורך צום אמת, וועלכן ער געפינט.

— יאָ.

— איך האָב געצווייפלט... הייסט עס... (ער ווייזט מיט די אויגן אויף זיין בויך)... אַ בלוט־שטורץ...

— יאָ.

— דאָס איז דער סוף!

דער דאָקטאָר זעט דעם גאַנצן שווידער פונם איינדרוק, וועלכן די דאָזיקע ווערטער און דאָס באַוווסטזיין פונם סוף, האָבן געמאַכט אויפן קראַנקן. ער האָט אַנטשידן ריזיקירט:

— ניין! ... נאָר, ווי גאָט איז אייך ליב, רעדט נישט אַזוי פיל, רעדט נישט, כ׳בעט אייך, צוטרוי און רויקייט.

פּיער האָט פאַרגעזעצ־

– גיט מיר אייער ערן־וואָרט, אַז איר וועט מיך וואָרע־נען צו דער צייט.

– כ'זאָג אייך צו... נאָר מיר וועלן וועגן דעם נאָך ריידן מאָרגן... נאָך דער רויִקער נאַכט, וועלכע איך ווינטש אייך... און וועלכע איר וועט פאַרברענגען, יאָ, יאָ!...

אַ זשעסט פון פאַרצווייפלונג איז געווען פּיערס ענטפער אויף דעם דאָקטאָרס טרייסט־רייד.

– היינטיקן אָוונט מוזט איר זיך אָפּרוען און אַרויס־וואַרפן פון קאָפּ אַלע שוואַרצע מחשבות. מיר וואַרטן ביז מאָרגן.

שוואַרצע מחשבות, שוואַרצע קליידער, טרויער נאָך אים...

אַ דורכפליִענדיקע וויזיע, וואָס האָט אים ווידער געפּייניקט.

– וועט איר מיך וואָרנען. געוויס; קען איך זיך אויף אייך פאַרלאָזן? אָפּגעמאַכט?

ער שטרעקט אים אויס די האַנט, כּדי צו שליסן דעם אָפּמאַך.

דער דאָקטאָר דערלאַנגט אים די האַנט, ער וועט דאָך נישט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש זיין פּאַציענט? אַ האָפענונג איז דאָך סוף־כּל־סוף נאָך דאָ... ווי לאַרמוּאַ איז נישט געווען פאַרדאגהט, האָט ער דאָך נישט געגלייבט אינעם כּוח פונעם קראַנקנס אָרגאַניזם און אין די ווונדערבאַרע כּוחות פון דער נאַטור...

– מיין ערן־וואָרט... און איצט האָט מיר אַ גוטע נאַכט; ביז מאָרגן.

IX

די גאַס ד'אורפע, אין דער קליינער וווינונג פון איר פעטער, ווו ספי האָט זיך נאָך דער קבורה, פאַרשפאַרט מיט איר יאוש... ליוסיען בערניע און זיין פרוי טרייסטן זי, צו זייער צער, וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן זייער ברודער און שוואָגער, פאַרייניקט זיך אַ טיפער רחמנות-געפיל צו ספין. ליוסיען באַווייִנט מיטן זעלבן צער פיערן, ווי ער באַדויערט ספין. בערטע, זיין פרוי, האָט מיט אַ צערקלעכקייט פון אַ שוועסטער אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף ספי׳ס אַקסלען, וואָס האָבן זיך געטרייסלט דורך איר קראַמפּהאַפטן געוויין און שלוכצן. אַ שווייגן איז געהאַנגען איבערן באַשיידענעם צימער מיט די פאַרמאַכטע פענסטער. די צייט, ווען דער טרויער פון די קליידער איז נישט אַזוי טריב, ווי דער טרויער פון דער נשמה.

— סוף-כל-סוף, פייגעלע מיינס, קענט איר פרעגן אייער פעטער, צי איר דאַרפט איינגיין אויף אונדזער פּראָפּאָזיציע, אָדער נישט.

ליוסיען בערניע האָט גערופן אַלס עדות סעבאַסטיאַן פּאָקאָ, וועלכער האָט געמאַכט מיטן קאָפּ אויף יאָ...

— ניין, ניין — האָט ספי נעכליפּעט — כ'קען עס בשום-אופן ביי זיך נישט פועלן.

— דאָס, וואָס מיר לייגן אייך פאָר איז ווייניק אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס מיין אָרעמער פיער וואָלט געטון פאַר אייך, ווען איר וואָלט נאָר געוואָלט.

— איך באַדאַרף גאָרנישט. כ'וועל אים נישט איבערלעבן! כ'וועל אַוועק אַהין, ווו ער איז אַוועק!

— דו מוזט לעבן צוליב דיין זון... צוליב מיר.

לוס'ען גייט ווייטער איבער אין אַן אָנגריף:

— כ'האָב נעכטן געזען דעם פּראָפעסאָר, ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיר אָנקלינגען, באַלד נאָר ס'וועט מעגלעך זיין אייך אומצוקערן דאָס קינד. איר וואָלט איצט געדאַרפט טראַכטן נאָר וועגן דעם.

זי האָט נאָך אַלץ געוויינט:

— איך קען נישט! איך קען נישט

בערטע האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן ספּין, אונטערגעהויבן איר קאָפּ, כדי זי צוצוטוליען צו איר פּלייצע.

— אָרעם קינד וויינט! כ'פאַרשטיי אייך. די מאַנספּאַרשוינען ווייסן נישט, וואָס ס'איז נייטיק, דעם צער צו קענען אַריבערטראָגן און אויסצולייטערן די נשמה.

בערניע איז צוגעגאַנגען צו פּאַקאָן און אים געזאָגט האַלב־אינדערשטיל:

— וואַרט! אָט איז דאָס נאָטאַריעלע פּאַפּיר. איך וועל דערליידיקן די נייטיקע פאָרמאַליטעטן, ווייל מיין אָרעמער פּיער איז געשטאָרבן, נישט איבערלאָזנדיק קיין צואה... לייען איבער...

פּאַקאָ לויפט איבער מיט זיין בליק!... „טויזנט פראַנק אַ חודש אין משך פון איר גאַנץ לעבן, און אויב איך וועל שטאַרבן פאַר איר, וועט אָנשטאָט דער רענטע, איר אַרויסגעגעבן אַ קאַפּיטאַל פון צוויי מאָל הונדערט טויזנט פראַנק".

פּאַקאָ האָט אַ דריק געטון, מיט אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט, דעם פּאָביִיקאַנס האַנט.

— כ'דאַנק.

— ניין! כ'בעט דיך... דאָס, וואָס איך טו איז אַ קליי־ניקייט! נאָכדעם ווי זי וועט זיך אָפּרוען, וועט זי נאָטירלעך, זיך צוריקקערן אין ביוראָ צו אונדז. זי וועט בלייבן סעקרעטאַרין פון דער דירעקציע ווי פריער אויפן זעלבן פּאָסטן.

ספּיס טרויעריקע שטים:

— קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט! ווי אַזוי וועל איך קענען זיין אויף אַזויפיל רויק, כדי צו קענען אַרבעטן דאָרט, ווו כ׳פלעג אים זען יעדן טאָג!...

זי האָט נישט געקאָנט ענדיקן. איר קאָפּ האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אויף בערטעס פּלייצע.

— דו וואָלסט זי געדאַרפט אַוועקפירן ערגעץ, מאַכן מיט איר אַ רייזע אויף אַ חודש, אָדער צוויי. דאָס איז נייטיק פאַר איר געזונט. זאָרגט זיך נישט וועגן די הוצאות איך נעם זיי אויף זיך... זע אויף איר צו ווירקן, זי זאָל אויף דעם איינגיין.

— דאָס וואָלט געווען נייטיק, ווייל די פאַרצווייפלונג מאַטערט זי אויסערגעוויינטלעך און ס׳איז פון איר ממש געוואָרן אַ תל.

— באַטראַכט נאָר! דריי וואָכן כסדר, טאָג און נאַכט, צו זיצן ביים בעט פון קראַנקן, דערנאָך דאָס איבערגיסן איר בלוט... דערנאָך זיין גסיסה און איצט די ביטערע פאַרצווייפלונג צוליב זיין טויט... זי וועט דאָך עס נישט אויסהאַלטן!

— יאָ, מ׳דאַרף וואַרטן אויף ידיעות וועגן איר קינד.

זייער פליסטערן איז פלוצלינג איבערגעריסן געוואָרן דורך ספּיס וויינען און קלאָגן, וואָס האָבן זיך דערהערט פון שכנות-דיקן צימער „מיין טייערער פּיעראָ, מיין טרייסט, מיין נחמה, פאַרוואָס ביזטו פון מיר אַוועק? אויף וועמען האָסטו מיך איבער-געלאָזט! מיין ליבע צו דיר איז אַפּנים נישט געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך זאָל דיך קענען מציל זיין פון טויט און דאָס וועל איך זיך קיינמאָל נישט מוחל זיין...

אין צימער צו ספּין זענען באַלד אַריינגעקומען פּיער און בערטע און זי אָנגעהויבן צו טרייסטן. בערטע האָט צו איר געזאָגט:

— איר האָט זיך נישט אין וואָס פאַרצוואַרפן. איר האָט געטון אַלץ, וואָס איר האָט געקענט, כדי צו ראַטעווען פּיערן. איר האָט אַפילו געגעבן אייער בלוט.

— כ׳וויל אים אַוועקגעבן דאָס לעבן!

— איר האָט נישט קיין רעכט דאָס צו טון.

פאַקאָ איז אומרויִק צו איר צוגעגאַנגען. שאַטאַ־רוזש. דאָס פאַרסמען זיך...

— געדענקסט, ווי דו האָסט זיך פאַר מיר נעשוווירן אַז דו וועסט קיינמאָל שוין נישט פרוון...

— דאָס איז נישט מיין שולד, כ׳קען נישט אַריבערטראָגן דעם געדאַנק, אַז איך וועל אים שוין מער נישט זען, אַז זיין קערפּער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש. זיינע וווּנדערבאַרע אויגן, זיין שמייכל, זיין שטים — אַלץ איז שוין געענדיקט, געענדיקט!

— זיין נשמה לעבט, — האָט פאַקאָ זיך אָנגערופן, כדי צו באַהערשן זיין אייגענע אויפרעגונג און כדי זי כאָטש מיט עפּעס צו טרייסטן.

ספּי איז אָבער געבליבן טויב צו די טרייסט-ווערטער אומזיסט זענען אויך געווען בערטעס באַמיונגען זי צו באַרויקן זי האָט געהאַלטן אין איין וויינען און אין איין קלאָגן. ספּיס טיפע פאַרצווייפלונג האָט אַזוי גערירט לוסיענען אַז ער איז, נישט וועלנדיק אַרויסווייזן זיין שוואַכן כאַראַקטער, צוגעגאַנגען צום פענסטער און דאָרט אָפּגעווישט די טרערן, וואָס זענען ביי אים אַרויסגעטרעטן אויף די אויגן.

בערטע האָט ווייטער אָנגעהויבן:

— ווען פּיער וואָלט געלעבט, וואָלט ער אויך אַליין גע־זאָגט, אַז אַ מענטש האָט נישט קיין רעכט זיך צו דערהרגענען. איר מוזט גובר זיין אייער צער, כדי דער זכרון וועגן אים זאָל אין אייך לעבן.

זי האָט נישט געהערט, איבערחזרנדיק:

— ער איז געשטאָרבן! ער איז געשטאָרבן! ווי האָלט מען עס אויס!

— איר האָט אים אָפּגעהיט פון אימת-מות שוועסטערל, — איז צו איר צוגעגאַנגען לוסיען. — אַ דאַנק אייער דעליקאַט־קייט און זעלבסטאָפּפערונג, האָט ער נישט געוווּסט, אַז ער גייט אַוועק פון דער וועלט. דערמאָנט זיך, אַז נאָכן איבערגיסן דאָס בלוט, זענען זיינע לעצטע ווערטער געווען: איך פיל זיך בע־

סער, כ'מיין, אז מיר ווילן דאָך קענען נעמען חופה־וקדושין אין מעריי...

בערטע האָט נעשאָקלט מיטן קאָפּ, אז דאָס האָט ער טאַקע געזאָגט. זי האָט צוגעגעבן:

— נישט פיל זענען געווען קאַפּאַבל אויף אזא זעלבסט־אָפּפערונג.

א עמפּערטע, האָט ספּי אויפגעהויבן דאָס אויסגעטאַמערטע פּנים מיט די אויגן, געשוואָלענע פון טרערן:

— מ'וואָלט געדאַרפט זיין אַן אויסוואורף, כדי צו האַנדלען אַנדערש!

— ווי באַלד ער האָט גענומען פון דאָקטאָר א וואָרט, אז יענער זאָל אים וואָרענען....

— אָרעמער מיינער! ער איז געווען אַזוי גוט, נאָר ווען איך וואָלט געווען איינגעגאַנגען צו נעמען חופה־וקדושין ביי זיין טויטן־בעט, ווען איך וואָלט ביי זיך געפּועלט אים, צוליב פּערזענלעכע נוצן, זאָגן דעם אמת, אז זיינע מינוטן זענען געציילטע, וואָלטן די געוויסנסביסן מיך אומגעבראַכט פון דער וועלט. כ'וואָלט פון דעם אַראָפּ פון זינען.

לוסיען האָט זי אַרומגענומען;

— איך מוז האַנדלען לויט זיין ווילן און באַזאָרגן אייער עקזיסטענץ פּונקט ווי איר וואָלט געווען מיין אָפיציעלע אלמנה.

ספּי האָט ווידער באַהאַלטן איר פּנים אין בערטעס פּלייצע, שרייענדיק:

—ניין, ניין, איך באַדאַרף גאָרנישט, איך בין נישט געגאַנגען חתונה האָבן צוליב געלט.

— מיר ווייסן עס גאַנץ גוט, נאָר איך האָב געוווסט וואָס ער האָט בדעה געהאַט צו טון. די דאָזיקע געלט־סומע האָט ער געוואָלט באַשטימען פאַר אייך אַלס נדן. דאָס וואָס איך טו, דיקטירט מיר זיין ווילן.

— ווען כ'וואָלט כאָטש האָבן א קינד פון אים, וואָלט איך געקאָנט פּרווון קעמפן.

— איר האָט דאָך א קינד, וועלכעס ער וואָלט ליב געקריגן,

ווען ער וואָלט געלעבט, — כ׳ווייס עס. אין דעם באַשטייט איצט אייער חוב.

ער האָט זי ווידער ליבלעך אַרומגענומען.

— ביז מאָרגן, שוועסטערל, כ׳וועל אייך אָנקלינגען. ער וועט מיר דערלויבן פון היינט אָן אייך מדריך צו זיין און צו דינען אייך מיט עצות. דאָס וועט זיין אַ קליינער טייל פון אייער געליבטן, וועלכער וועט וואַכן איבער אייך.

X

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס סעבאַסטיאַן פּאַקאָ פלעגט זיך אַזוי זאָרגן וועגן זיין פלעמעניצע און מיט אַזאַ צערטלעכקייט זען מקדים צו זיין אַלע אירע פאַרלאַנגען; נישט געקוקט אויף די הייסע סימפּאַטיע פון לוסיען בערניע און זיין פרוי צו איר, איז ספּיס פאַרצווייפלונג דאָך געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. זי האָט פון צער איצט געהאַט אַ קליין אויסגעצויגן פּנימל, די הויט איז ביי איר געווען געל און די באַקן זענען געוואָרן איינגעפאַלן.

אויסנוצנדיק דאָס, וואָס די פעלד־אַרבעט האָט געפאָדערט פּאַקאָס אָנוועזנהייט, פלעגט זי בלייבן אַליין אין מאַרסעל, גאַנצע טעג פלעגט זי נישט אויפשטיין פון בעט; פאַרגראָבנדיק דעם קאָפּ אין קישן, פלעגט זי אַזוי אָפּליגן אַ האַלבן טאָג. נאָכמיטאָג פלעגט זי זיך אויפהייבן און אין איר שוואַרץ קליידל אַרומבלאָנקען איבער די צימערן, ווי אַ שאָטן, ווי אַ גוף, וואָס זוכט זיין נשמה.

די דינערשאַפט פלעגט שאָקלען מיטן קאָפּ, נישט וואַגנדיק מיט איר צו ריידן. אין די זונען־טעג פלעגט ספּי אין דער גיך פאַרמאַכן דאָס פענסטער כדי נישט צו זען די זון. און אין די זונטאָקן האָט די אומרויִקע צערטלעכקייט פון איר פעטער זי נישט געקענט מעורר זיין, זי זאָל חי נישט איז ארויס אין גאַס כאַפּן אַביסל פרישע לופט.

— קינד מיינס טו אַ קוק וואַסער שיין וועטער!

ער האָט זי געצווּנגען צוּצוּגיין צוּם פענסטער, נאָר זי האָט זיך תּיכּף אַוועקגעקערט מיטן רוּקן:
— כ'האָב מוֹרא פאַר ליכט.
— אָטעם כאַטש איין אין זיך פרישע לוּפט. דרויסן איז אַזוי וואַרעם. טוּ אַ קוּק ס'אַר אַ זוּן.
— ניין, מיר איז קאַלט. די זוּן איז אוּמגעהייער. אַלץ איז אוּמגעהייער... חוּץ אים!
זי האָט געוויזן אויף דער פאָטאָגראַפיע פוּנם פאַרשטאָרבענעם. אויף די מרה־שחוֹרהדיקע פאָרווּרפן פוּן איר פעטער האָט זי געטופּעט מיט די פיסלעך:
— כ'האָב פיינט די לעבעדיקע. ווער דאַרף זיי? פאַרוואָס דוּ, פאַרוואָס איך, אוּן נישט ער?...
אוּן אַזוי ווי פּאַקאַ האָט באַדויערט, פאַרוואָס ער איז פריער נישט געשטאָרבן, האָט זי געפילט די אוּמגערעכטיקייט פוּן איר צאָרן אוּן זיך אַנטשוּלדיקט:
— דאָס רעדט זיך נאָר אַזוי, פעטערל, פאַרשטייסט מיך? כ'וואָלט אויך דיך נישט געוואָלט פאַרלירן. נאָר איצט דאַכט זיך מיר, אָנווערנדיק אים, האָב איך אַלץ פאַרלאָרן?... אַלע אוּנדזערע טרוימען, פעטערל, אַלע אוּנדזערע טרוימען וועגן אַ האַרמאָניפוּל לעבן, אַלץ איז צעקלאַפּט געוואָרן?...
דער אַלטער האָט באַשטעטיקט:
— יאָ, יאָ, דאָס איז שרעקלעך, כ'ווייס עס...
זי האָט געוויינט:
— וויפיל האָב איך זיך שוין אָנגעזען! וויפיל האָב איך שוין איבערגעלעבט! אוּן אַלט בין איך איינגאַנצן צוויי אוּן צוואַנציק יאָר!
פּאַקאַ האָט אויסגעשריגן:
— דיין גאַנץ לעבן איז נאָך אין דער צוּקוּנפט!
לעבן?... כ'האָב אַזאַ געפיל, אַז כ'בין פאַרן לעבן נאָר אַ טרוּקן צווייגעלע. דאָס לעבן ברעכט מיך, ווי אַ גערטנער ברעכט די פאַרטרוּקנטע צווייגן פוּן בוים. אוּן ביי יעדן קלאַפּ זיינעם מיטן האַק, האַקט ער ביי מיר אָפּ אַ שטיק לעבן...

יאָ דער דאָזיקער בייזער גערטנער וועט מיך בקרוב איינגאַנצן צעברעכן און מאַכן פון מיר אַ תּל־עולם. ער וועט מיך, דאָס פאַרטריקנטע צווייגל, דערנאָך אַריינוואַרפן אין פייער אַריין, ווי ער האָט עס געטון מיט מיין אומפאַרגעסלעכן פיערן.

— דער גערטנער וועט אָבער בנוגע דיר ווייכער ווערן, דיינע נסיונות זענען שרעקלעכע, כ׳בין מיט דיר מסכּים. נאָר ווער ווייסט, ס׳קען זיין אַז אין צען יאָר אַרום וועסטו אויף דעם קוקן גאָר אַנדערש. וואָס קען מען וויסן וועגן אַ געשעעניש איידער זי האָט געבראַכט אירע פּירות? ס׳זענען פאַראַן יונגע וואָס ווערן פאַרטריקנט איידער זיי ווערן רייף, און ס׳זענען, ווי־דער, פאַראַן אַנדערע, רייפע, וועלכע פאַלן לאַנג נישט אַראָפּ פון בוים...

אַזוי פלעגט פאַקאַן אויסקומען צו ענטפערן זיין פלעמעני־צע, ווען מיט איר פלעגן זיך טרעפן אָנפאַלן פון יאוש. אַזוי פלעגט ער זי טרייסטן און זיך באַמיען צו פאַרטרייבן איר צער.

זי האָט איצט לוסיענען געזען זעלטן, אָפּזאָגנדיק זיך ענט־גילטיק ווייטער אָנצונעמען איר שטעל אין ביוראָ פון דער די־רעקציע. לוסיענס ענלעכקייט צו פיערן האָט ביי איר אַרויסגע־רופן טרויעריקע דערינערונגען. די איינציקע, צו וועלכע ספּי איז געווען צוגעבונדן, איז געווען בערטע. מיט איר פלעגט זי אָפּט ריידן וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם, דערמאָנענדיק זיינע אויסדרוקן, זיינע געוווינהייטן, זיין יינגלישן אופן צו קוקן אויף איר, אַביסל אויסציענדיק דעם קאָפּ, פּונקט ווי אַזוי אַרום וואָלט ער געקאָנט זי בעסער זען... דערנאָך האָט זי ווידער איבערגעלעבט דריי שרעקלעכע וואָכן פון זיין קרענק, איבערחזרנדיק יעדעס מאָל איינס און דאָסזעלבע. זי פלעגט אויך ריידן מיט בערטען וועגן זייער לוסט־רייזע קיין אַרל, זי פלעגט שטענדיק איבער־חזרן: „נאָך אין אַרל האָט ער געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז ער וועט אין גיכן שטאַרבן״. ער האָט מיר דאָרט געזאָגט: „ווען איך וועל שטאַרבן, וועט ביי דיר נישט קלעקן קיין טרערן, כּדי צו באַדויערן וועגן די ליידן, וואָס זענען מיר פאַרשאַפט געוואָרן״... און זי פלעגט מיט אַ זיפץ אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ אויף די הענט.

אין משך פון פופצן טעג האָט ספּי זיך אַזוי געענדערט, אַז ס'איז שווער געווען צו דערקענען די פריערדיקע ספּי. איר פּעטער האָט אָן אַ סוף געקלונגען צו לוסיענען, כדי זיך צו דערוויסן עפּעס וועגן דעם קינד.

הגם ספּי האָט פון זייט דער צייט פון איר טרויער, זיך נישט אינטערעסירט מיטן קינד, האָט פּאַקאָ דאָך געמיינט, אַז די אָנוועזנהייט זיינס וועט ביסלעכווייז אָנפילן די פּוסטקייט, וואָס האָט זיך געבילדעט צוליב פּיערס טויט... לוסיען האָט ווייטער געאַרבעט און זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען די נייטיקע פּאַפּירן, מ'זאָל ענדלעך קענען אַריינבעמען צו זיי אין שטוב ספּיס קינד. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געקענט טרעפן דעם פּרעפעקט אינדערהיים. אַן אַלטע געשיכטע: מיט רעגירונגס-באַאַמטע האָבן צו טון, איז נישט פון די לייכטע זאַכן, — אַ פּלאָנטער פון פאָרמאַליטעטן און שוועריקייטן, מ'האָט געמוזט ווייטער וואַרטן...

אַמאָל צוריקקערנדיק זיך אַהיים, האָט פּאַקאָ געפונען אין זיין בריוו־קעסטל ביי דער טיר צוויי בריוו מיט אַ שטעמפּל פון דער וווילטעטיקייטס-אינסטיטוציע. איין בריוו איז געווען אַ גרעסערס פּאַרן צווייטן. דער גרויסער בריוו, — ער האָט עס געוווּסט — האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַ גרין צעטעלע מיט אַ מיטטיילונג וועגן דעם געזונטצושטאַנד פונם קינד. ער האָט געעפנט דעם צווייטן בריוו, וועלכער האָט געוויס געזאָלט אַנטהאַלטן אַ דערלויבעניש אַרויסצונעמען דאָס קינד, ער איז אין דעם כמעט געווען זיכער. אַ גליקלעכער, האָט ער זיך גיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּ עפנענדיק דעם בריוו, כדי גיכער מיטצוטיילן די פרייטלעכע ידיעות.

ער האָט אָבער איבערגעלייענט:

מאַדאַם!

מיר מוזן, צום באַדויערן,
אייך מיטטיילן, אַז אייער
בקשה קען נישט דערפילט
ווערן...

„...וואָס? מיט אַן אָפּגעשטעלטן אָטעם, און שיס, וואָס זע־נען מיטאַמאָל געוואָרן שווער, ווי בליי, האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעלייענט און געדרייט אין אַלע זייטן דעם סודותפולן בריוו. אים איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דער בריוו איז נישט געווען פאַר ספּין. ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויפן אַד־רעס: „מאַדמואַזעל אַרעלי". אפנים, אַז דער באַאַמטער האָט זיך טועה געווען און האָט אַריינגעלייגט אין קאָנווערט אַ מיטטיילונג, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר אַן אַנדערער, נישט אַנדערש.

נידערגעשלאָגן דורך דעם דאָזיקן דורכפאַל, — וועלכן ער האָט באַשלאָסן צו האַלטן בסוד פון זיין פּלעמעניצע, האָבנדיק בדעה צומאָרגנס פּערזענלעך זיך צו אינפאָרמירן, — האָט פּאַ־קאָ פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן איבער די לעצטע טרעפּ. ער האָט זיך די זאַך שטאַרק גענומען צום האַרצן. כמעט געווען זיכער אין דערפאָלג, — אַז קיין אָפּזאָג וועט נישט קומען און מיטאַמאָל — אָט האָסטו דיר! אויף דעם האָט זיך פּאַקאָ נישט געריכט...

ער איז אַריין אין צימער צו ספּין. באַלד ווי ער האָט נאָר דערזען איר בלאַס אויסגעדאַרט פּנימל, האָט אים שטאַרק אַ קלעם געטון ביים האַרצן.

— פאַראַן עפּעס ידיעות, פּעטערל?

— פאַראַן, אָבער נישט די אויף, וועלכע מיר האָבן געוואַרט, זיי וועלן אָבער אָנקומען יענע ידיעות, הײַנט איז פאַראַן בלויז דער מאָנאַטלעכער באַריכט פון דער אונסטיטוציע.

ספּי האָט אויסגעצויגן די הענט נאָכן באַריכט, אין וועלכן פּאַקאָ האָט אפילו נישט אַרייַנגעקוקט.

— אפשר ליגט שוין דאָ אַ דערלויבעניש?

— אמת, ווי אַזוי איז עס מיר נישט איינגעפאַלן וועגן דעם אַ טראַכט צו טון? אַך, וואָסער נאַר איך בין.

און ביז ספּי האָט געעפנט דעם קאָנווערט, האָט ער זי איבערצייגט:

— דו באַקומסט איצט דעם באַריכט דאָס לעצטע מאָל כ'האָף, אַז דעם צווייטן חודש וועט מען דיר שוין נישט דאַרפ.

שיקן קיין באַריכע, ווייל דיין זינדל וועט שוין זיין ביי דיר ספּי זוכט:

— נישטאָ גאָרנישט, נישטאָ קיין דערלויבעניש.

בלויז אַ קאָרטע איז געווען אין קאָנווערט, וועלכע איר איז אויסגעקומען צו לייענען יעדן חודש, געשריבן אינם זעלבן נוסח, מיט די זעלבע אויסדריקן, אָבער דאָסמאָל — גאָט אין הימל! — איז אין דער רובריק, וווּ עס פּלעגט שטענדיק זיין פאַרשריבן דאָס וואָרט „לעבט” — דאָסמאָל געשטאַנען דאָרט שוואַרץ אויף ווייס: געשטאָרבן... יאָ, — דעם 12 סעפּ־טעמבער געשטאָרבן... נישט פאַרשטייענדיק, וואָס דאָ קומט פאָר, חזרט ספּי איבער דאָס אומגעריכטע וואָרט „געשטאָרבן”... דער־נאָך נעמט איר נעדאַנק פּלוצלינג אָן אַ פאָרם און טוט איר אַ שטאָך אין הארצן: געשטאָרבן!... איז דאָס מעגלעך?

— וואָס איז געשעען? — האָט פּאָקאָ דערשראָקן אַ גע־שריי געטון.

זי קען נישט ענטפערן קראַמפּהאַפט דריקט זי מיט די פינגער דאָס גרינע קאָרטל.

זי האָט אַ געשריי געטון און שווער אַ פאַל געטון אויף דער ערד.

דער אוראַגאַן האָט זיך איבערגעטראָגן...

צווייטער טייל

ס'איז א חרפה צו זיין גליקלעך
אין געגנוואַרט פון אַזוי פיל אומגליקלעכע.

פרידריך ניטשע

I

דערוויסנדיק זיך אין פּרעפּעקטור דורך לוסיענען, אַז דער קליינער מאַרק־העברי איז געשטאָרבן אין לוסאַקער שפּיטאָל, איז פּאַקאָ אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן צער, ער האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין, פאַרוואָס ער האָט זיך נישט דערוווּסט, אַז דאָס קינד געפינט זיך אין לוסאַקער שפּיטאָל. דאַן וואָלט ער עס געקאָנט זען נאָך אַ לעבעדיקס און אפשר וואָלט אים נאָך געלונגען דאָס קינד צו ראַטעווען.

זיין מאַכטלאָזיקייט, דער ביטערער חוזק, וואָס, דער גורל האָט פון אים אין ספּין געמאַכט. און די קלעפּ פונם גורל אָן אַ סוף, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף איר, האָבן דעם אַלטן שטאַרק מצער געווען. ער איז געווען שרעקלעך נידערגעשלאָגן און נישט אויפגעהערט צו זיפצן.

ער האָט בעסער ווי פיל אַנדערע פאַרשטאַנען דעם עם־פערנדיקן צער, וואָס באַשטייט אין דער רעזיגנאַציע פון די געפּלאָגטע און אין זייער נישט וועלן זיך. קלאָגן אפילו אויף זייער ביטערן גורל: „ביזטו דער שוואַכסטער — טאָ צו וואָס איז דער קאַמף? דער קאַמף וועט דאָך סאַי ווי סאַי זיין בחנם... דאָס בעסטע פאַר אונדז שוואַכע, איז — צו זען, אַז מיר זאָלן אָן זיך פאַרגעסן און מער גאָרנישט”... דערנאָך האָט פּאַקאָן אָבער די אומדערמידלעכע האָפענונג ווידער גובר געווען און אים ווידער באַפליגלט. די ז׳לבע האָפענונג האָט אַרומגענומען און געשטיצט ספּין, דערמאָנענדיק איר וועגן דער אומזיכטבאַרער

געגנוווֹרט פון פיערן. אַ ברעקל פון זיין אומשטערבלעכער נשמה.
נאָר ספּי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: ניין. פאַר איר האָט שוין גאָרנישט עקזיסטירט. די גאַנצע וועלט איז שוין פאַר איר אונטערגעגאַנגען. וואָס זאָל זי גיין קלערן וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך פון יענער זייט דאַזיין, זיך אריינלאָזן אין מיסטיק — זי איז אויף דעם נישט קאַפּאַבל, זי ווייסט קלאָר איין זאַך, אַז זי איז אומגליקלעך און אַז קיינער קען נישט זיין אומגליקלעכער, ווי זי.
פון די זכרונות וועגן פיערן, וועלכער איז אַוועק אויף אייביק, איז זי אַריבער אויף די זכרונות וועגן איר קינד. זי האָט באַטירלעך געוואָלט פאָרן אַהין, ווו דאָס קינד געפינט זיך... זיך דערוויסן אַלע פּרטים פון זיין לעבן: ווי אַזוי ער האָט געלעבט און פון וואָס עס איז געשטאָרבן?...
— דערנאָך וועל איך זיין רויקער, פעטער
זי מיט איר פעטער זענען געפאָרן קיין לוסאַק. דאָקטאָר ראַבינאָ האָט זיי געפירט איבערן שפיטאָל, געוויזן זיי דאָס בעטל, ווו דאָס קינד איז געשטאָרבן. ספּי האָט אויך געוואָלט זען דאָס הויז, ווו דאָס קינד האָט געלעבט. ראַבינאָ האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן, איר צו באַגלייטן אַהין... אַ דראַמאַטישער וויזיט איז דאָס געווען, כאָטש דאָס הויז איז שוין געווען פוסט און פאַרלאָזן.
אַרומגערינגלט מיט אַן אַלגעמיינער שנאה און פאַראַכטונג און מורא האָבנדיק, אַז נאָך זשולס טויט וועט מען זיך נעמען צו די „אַפּטרופּסים” פון די קליינע קינדערלעך, האָט בעזו נבאַציייטנס פאַרלאָזט איר הויז. נישט וואַרטנדיק אויף מאַרק-העוריס טויט. נאָכן ערשטן פאַרהער, אינם אָרנט, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער זעלבסטמאָרד פון זשולן, האָט מישאָלע אָפן באַשולדיקט בעזון, איבערחזרנדיק דאָס, וואָס דאָס קינד האָט איר געזאָגט מיט צוויי חדשים צוריק, בעת מ'האָט אים געכאַפּט ביים גנבענען באָרנעס...
די אויפגעבראַכטע באַפעלקערונג האָט געפאָדערט, מ'זאָל די מכשפה געהעריק באַשטראָפן. נאָר אַזוי ווי די מאַכט האָט

גאָרנישט געטון אין דערדאָזיקער ריכטונג, האָט עמעצער אין אָוונט אינטערגעציגנדן די בנינים פון בעזוס פּאָלוואַרק. דאָס הויז איז געלעגן אָפּצוראַטעוועז. נאָר דער בוידעם און אַ שטאַל זענען אָפּגעברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די היגער, געגנדז און חזירים. דערשראָקן דורך דער אונטערצינדונג און מורא האָבנדיק פאַר ווייטערדיקע פּײַנטלעכע אַרויסטריטן, האָבן די בעזוס בײַנאַכט צונויפגענומען אין דער אייגעניש זייער האָב און גוטס און כאָור זענען זיי אַנטלאָפן. מאַדאַם פיגער האָט געזען, ווי זיי זענען אַוועקגעפאָרן. אויף אַ פור, וואָס איז אָנגעלאָדן געווען מיט מעבל און פאַרשידענע בעבעכעס. זייט דעמאָלט האָט מען פון די בעזוס גאָרנישט געהערט און קיינער האָט נישט געוווּסט, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

נישט קוקנדיק אויף דעם ווידערשטאַנד פונם דאָקטאָר און פעטער, האָט ספּי אומבאַדינגט געוואָלט אויספרעגן די שכנים. דער באַזוך פון דער יונגער דאַמע מיטן עלטערן הער אין דער באַגלייטונג פונם דאָקטאָר האָט דערוועקט די גרעסטע נייגעריקייט ביי דער קרעמערין און ביי מישאָלע. זיי זענען אַרויס אויפן גאַניק. זיי האָבן זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און דערציילט אַלץ, וואָס מ'האָט זיי געפרעגט און אַלץ, וואָס זיי האָבן געוווּסט וועגן די בעזוס און די אומגליקלעכע קינדערלעך.

די קלאַנגען, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער סביבה, זענען, ווי טראָפּן צעשמאָלצן בליי געפאַלן אויף די אָפּענע ווונדן: — צי האָט טאַקע בעזו באַהאַנדלט אַזוי גרויזאַם די קינדערלעך ... אָהאָ! אַ מין גרויזאַמקייט! זי פלעגט פון זיי אַראָפּרייסן די הויט... זי האָט געצוווּנגען זשולן צו שלאָפן אין אַביידל פון הינט און אים געצוווּנגען צו קריכן אויף אַלע פיר... זי פלעגט זיי געבן „מאכלים”, געפּרעגלט אויף סטעאַרין מיט שריים פון די געטראַנקען, וואָס זי פלעגט געבן די חזירים...

— זייט נישט מגזם, — האָט אויף די שכנים אַ געשריי געטון דער דאָקטאָר ראָבינאָ — גאָט מיינער, אויף וואָס די מענטשלעכע נארישקייט איז פעיִק! — האָט ער אַ זיפץ געטון קוועטשענדיק מיט די פּלייצעס, בעת זיי האָבן זיך צוריקגעקערט

פון פאָנטען־וויוו... פונקט ווי דער אמת אַליין קלעקט נישט, כּדי צו דערוועקן רחמנות.

בחנם איז ספּי דעם דאָזיקן אָוונט געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פּאָטערלעכער איבערגעגעבנקייט פון איר פעטער פּאַקאָ און דורך אַ שטומער סימפּאַטיע מצד דעם דאָקטאָר ראָבינאָ. זי וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז זי וועט נאָך ווען עס איז פאַרגיסן אַזוי פיל טרערן, ווי זי האָט דעם אָוונט פאַרגאָסן... אומזיסט האָט דער שטייער־באַאַמטער מוניע, וועלכן זיי האָבן באַגעגנט אויפן וועג און וועלכן פּאַקאָ האָט איר פאָרגעשטעלט, מסכּים געווען מיט פּאַקאָס באַהויפּטונגען, אַז „דאָס אַלץ איז ליגן" וואָס זי האָט אויסגעהערט פון די שכנים! אומזיסט האָבן אַלע דריי אַפּעלירט צו איר שכל־הישר; זי האָט געוווסט, אַז איר קינד איז געשטאָרבן צוליב דעם, וואָס מ'האָט זיך וועגן אים קנאַפּ געזאָרגט און ווייניק אינטערעסירט. זי האָט אפילו פון זיך אָפּגעשטויסן מוניען, וועלכער האָט, גערירט פון אויפריכטיקן צער און פון איר שטאַנדהאַפטיק געוויסנסביסן, מיט אַ אינסטינקטיוון מיטגעפיל געפּרוווט איר איבערצייגן.

די נאַכט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין ראָבינאָס ווינונג, איז פאַר איר אַריבער אָן שלאָף.

— וואָסער פאַרברעכן איך טראָג אויף מיין געוויסן! — האָט זי זיך געטראַכט — נישט קיין אַנדערע, ווי איך אַליין האָב אים דערהרגעט. דאָס איז מיין שולד און נישט קיינעמס, דאָס בין איך זיין אמתע מערדערין... און דערפאַר בין איך באַשטראָפט געוואָרן אין מיין ליבע צו פּיערן. כ'האָב געמיינט, אַז מ'קען זיך באַפרייען פון דער משא, וואָס די השגחה לייגט אויף אונדז אַרויף. נאָר איצט ווייס איך אַז די משא, וועלכע מיר וואַרפן אַראָפּ פון זיך, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אייביקער שטראָף.

זי האָט געוואָלט אַליין גיין אויפן צמענטאַזש און איז אַהין אַוועק: אַן אומגעלייגט קבר. זי האָט זיך איינגעבויגן צו דער ערד, וואָס איז געווען באַדעקט מיט ווילד גראָז, און, פאַרדעקנדיק דאָס פּנים מיט די הענט, האָט זי געבעטן מחילה ביי

דער קלײנער באַפרײַטער נשמה דערפאַר, װאָס זי, ספּי, האָט עס נישט געהאָלפן לעבן...

אַביסל באַרויִקט, האָט זי אײַנגעאָטעמט אין זיך די פריש־קײט פון דער מאָרגנלופט, דעם ריח פון אַ רויזן־קוסט, װעלכע האָט פרעכטיק געבליט אונטער די שטראַלן פון דער זון. איבערן פעלד פון די טויטע האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרײט אַ ליכטיקער שײַן...

זי האָט זיך צוריקגעקערט, געבנדיק זיך אַ שבועה: פון איצט אָן װעל איך זיך װידמען די קינדער, װאָס האָבן נישט קײן מוטערס. היות מײַן לעבן, מײַן יוגנט איז פאַרענדיקט, װעל איך זיך װידמען דעם אומגליק פון אַנדערע און זען פאַר־לײַכטערן זײער שװערן גורל. מײַן קרבן װעט האָבן נאָר אײן עדות: דײַן נשמה, מײַן פּיער, און דו װעסט זײַן מײַן עצה־געבער...

צוריקקערנדיק זיך קײן מאַרסעל, האָט ספּי געקױפט אַ גראָבן העפט, אים געגעבן אײַנבינדן אין זײַן געליבטן קאָליר און האָט אָנגעשריבן אויף דער ערשטער זײַט:

„אַ באַריכט װעגן מײַן לעבן, װעלכער װערט אָפּגעגעבן פּיערן". זי האָט איבערגעבלעטערט אײן זײַט און אָנגעהויבן שרײַבן:

10 אָקטאָבער.

„הײַנט איז געװאָרן דרײַ חדשים זינט מ׳האָט אונדז פאַנ־אַנדערגעשײדט, מײַן פאַרגעטערטער... דרײַ חדשים קאָשמאַרן. כ׳װײס אַז זײ װעלן זיך קײנמאָל נישט ענדיקן. דו האָסט אַװעק־געטראָגן מיט זיך מײַן לעבנס־קראַפט. פון הײַנט אָן בין איך נאָר אַ אָפּנבאַרקײט, נאָר דאָ אויף די דאָזיקע בלעטער, װעלכע זענען מיר אַזוי בײַטיק, נאָר אין דיר, װײַל איך װידער זיך אויפזוכן: כ׳פּיל עס.

הײַנט האָב איך בײַ לוסיענען באַגעגנט דעם מאָסיע באַ־דאָ: דעם פּרעזעס פון די קינדער־אַזילן. מאָרגן װעט ער מיר װײַזן פאַרשידענע אָפּטײלונגען און װעט זען פאַר מיר צו געפי־

גען אין איינער פון זיי אַ שטעל פון אַ פלעגערין אָדער סעקרעטאַרין".

11 אָ ק ט אָ ב ע ר.

„וואָס פאַר אַן אומרויִקייט, מיין טייערער פּיעראָ; איז עס מעגלעך, אַז דאָס לעבן איז — אייביקע ליידן און אַרבעט! כ'האָב זיך צוריקגעקערט אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג און בעת דער פעטער איז געקומען, האָב איך נישט געפילט קיין דערלייכטערונג, בלייבנדיק איינע אליין.

דער פּרעזעס, מאָסיע נאַדאָ, וועלכע ווידמעט זיין גאַנצע צייט דער אומגליקלעכער יוגנט שוין זייט פינף און דרייסיק יאָר, האָט מיך צום לעצטן אַוועקגעפירט אין דער תפיסה שאַוו. כ'האָב אַביסל מורא געהאַט. כ'בין דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבן איבערגעטרעטן די שוועל פון אַזאַ „אַנשטאַלט". און ווען כ'האָב דערזען אַ הויך פּלעצל, פון וועלכן ס'גייען זיך פאַנאַנדער אין אַלע זייטן קאָרידאָרן, וואָס פירן אין די קאַמערן. ווען כ'בין, נאָכגייענדיק די אויפזעער, אַרויס אויף דער ווערענדע פון דעם וואַכפּאָסטן, פון וואַנען מ'זעט אַלע טירן,—אַ ווערענדע, וועלכע דינט זונטאָק אַלס אַלטאַר פאַרן גלח, וואָס האַלט דאָן אַ דרשה, בעת פון יעדער קאַמער, וועלכע איז דאַן אויף אַ געוויסער צייט געווען האַלב-געעפנט, האָבן די אַרעסטאַנטן נעקאָנט פאַרפאָלגן זיין יעדער באַוועגונג; — ווען כ'האָב, ענדלעך, אין די געדאַנקען צונויפגעזאַמלט אַלץ: די, וואָס זענען פאַרשפאַרט אין די דאָזיקע ווענט, די פאַרוועלקטע האָפענונגען, די צנטוישטע פאַרלאַנגען, די ליידן, אפשר גאָרנישט קיין פאַרדינטע — האָב איך זיך געמוזט טראָפּלאָזן אויפן שטול פונם אויפזעער, ווייל די אויפרעגונג, וועלכע האָט מיך אַרומגעכאַפּט, האָט מיר כמעט אונטערגעהאַקט די פיס.

מיינע באַגלייטערס האָבן געשמייכלט: „ווייבערשע עמפּינדלעכקייט"... זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז איך האָב אויך געקענט אַרייגפאַלן אין טורמע און, אַז איך האָב גאָרנישט געטון, ווייל די מענשן, וואָס צעמאַלט הערצער, קלייבט נישט אויס יענע, וועלכע זי כאַפּט אַריין אין זיך, ווען זיי שטייען נישט אויף וואָסער נישט איז סאָציאַלער מדרגה... ציטערנדיק בין איך נאָכ-

געגאַנגען דעם מאָסיע נאָדאָ אין די אָפּטיילונגען פאַר איינצלנע אַרעסטאַנטן, יונגערע פון אַכצן יאָר, אַזעלכע זענען דאָרט געווען אַ מאַן פופצן. צוועלף זעכצניאָריקע, וועלכע האָבן געוואַרט אויף זייער ריי זיך צו שטעלן פאַרן געריכט. עטלעכע פון זיי האָבן געהאַט גוטע פּנימער אויף קיינעם פון זיי איז נאָך נישט געווען צו זען קיין אָפּדרוק פון שלעכטס און פון חסרונות, וואָס קענען נישט באַזייטיקט ווערן. כ׳האָב זיי אויסגעפרעגט: וואָס־זשע האָט זיך אַרויסגעוויזן? עטלעכע פון זיי זענען אַריינגעפאַלן אין טורמע פאַר פאָרן אָן אַ בילעט, אָדער פאַר אַוועקגנבענען אַ בייטעלע, אַ רעוואָלווער, כדי צו שפּילן אין קינאָמאַטאָגראַף, א. א. וו. וואָס ווייסן נעבעך קינדער אין אַזעלכע יאָרן, אויב די עלטערן האָבן זיי נאָך אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ דעם באַגריף וועגן אייגנטום? כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז די עטיקעטן: „גנב, איינברעכער, מערדער", זענען נישט מער ווי שיידוועגטלעך, וואָס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן צווישן באַזונדערע באַשעפענישן, און אַז די, וועלכע האָבן אַוועקגעשטעלט די דאָזיקע שיידוועגטלעך, זענען אָפּטמאָל מער שולדיק און פאַרברעכעריש, ווי די, וועלכע זיי נעמען זיך אויסצובעסערן און באַשטראָפן, די דאָזיקע קינדער זענען שוין, מיטן מאָמענט, וואָס זיי קומען אַהער אַריין, אויסגעשטראָכן פון דער געזעלשאַפט... ס׳רוב זענען נישט באַוווסטזיניק, דאָס הייסט, זיי קענען נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע מעשים... איך האָב זיך געפילט זייער שלעכט, באַטראַכטנדיק די דאָזיקע מכּלומרשטע פאַרברעכער. דאָס הייסט דאָך, קומען קוקן אויף זיי, ווי אויף בייגעריקע חיות, בעת מיר האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָלט צונויפּטליען זיך איבער זיי מיט דער נשמה!... אָבער געדולד...

כ׳האָב אויך געזען דעם אַזיל פאַר מיידעלעך אויפן בולוואַר בול־און־קאַבאַ. די הייזער ווערן געהאַלטן גאַנץ גוט. אַלץ איז דאָרט ריין, ציכטיק, די שלאָפצימערן — גרויסע.

כ׳האָב געפרעגט אַ זייער אומעטיק מיידעלע: וואָס האָסטו געטון? זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— די בעל־הביתטע האָט מיר געהייסן געבן אַ פאַלשע

װאָג, און דערפאַר האָט מען מיך באַשטראָפט, — איז בעטן איר ענטפער.

— דו האָסט עלטערן

— נאָר אַ פאָטער, די מאַמע איז געשטאָרבן

איך האָב זי געטרייסט מיט פאַרשידענע באַנאַליטעטן, ווי דער שטייגער איז אין אַזעלכע פאַלן, נאָר אפילו אין אַזעלכע פאַלן פילט מען, ווי אומנוצלעך די ווערטער זענען, און כ'האָב איבערגעלאָזט, ווי אומעטום אַביסל געלט.

— פאַרוואָס האָט מען זי נישט אָפּגעגעבן דעם פאָטער? — האָב איך געפרעגט, אַוועקגייענדיק, ביי דער אויפזעערין.

— איר איז דאָ אַ סך בעסער. — האָט זי געענטפערט — איר פאָטער איז אַ פּראָסטער אַרבעטער אַן אויסוואורף און אַ שיכור. ער האָט באַהאַנדלט דאָס מיידעלע זיינס ערגער ווי אַן אונטערגעוואָרפן קינד... (זי איז רויט געוואָרן)... פאַרשטייט איר מיך?

דערנאָך זענען מיר געווען אין אויסבעסערונגס-הויז פאַר יונגלעך. אַזוי ווי ביי די מיידלעך האָב איך נישט געהאַט קיין שום אַרבעט, זענען מיר אַוועק אַ קוק טאָן, צי וועל איך דאָרט נישט געפינען קיין באַשעפטיקונג, וועלכער איך וואָלט זיך געקאָנט אָפּגעבן. אַלע קינדער זענען אויס גוט, די שלאָפצימערן זענען ליכטיקע, דער קלאַס און די אַרבעט-צימערן זענען באַקוועמע און גוט איינגעאָרדנט, און דאָס גאַנצע פּערסאָנאַל, סיי דאָס וועלטלעכע, און סיי דאָס גייסטלעכע, ווייזט אויס צו זיין זייער אַ גוטס. נאָר דאָך איז דאָס אַ טורמע!

13 אָ ק ט אָ ב ע ר.

פיעראָ, מיין טייערער, איינגערעכנט האָב איך געמוזט איבעררייסן מיין דערציילונג: מיך האָט אַרויסגערופן דער פעטער פּאַקאָ. און נעכטן האָב איך זיך צוריקגעקערט אַזאַ מידע און די נערוון מיינע זענען געווען אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז איך האָב בעסער געוואָלט אָפּעסן מיטאָק און זיך צולייגן, כדי רויק צו באַטראַכטן אַלץ, וואָס איך האָב געזען. ווער וועט איבערבויען

די דאָזיקע, אַזוי גערופענע, ציוויליזירטע געזעלשאַפט, ווו אַ קינד איז דאָס אייגנטום פון די עלטערן, וואָס האָבן אים געבראַכט אויף דער וועלט? אַ שוידער נעמט פשוט אַרום ביים געדאַנק, אַז דריי פערטל פון זיי זענען אידיאָטן, וואָס אַ העלפט פון זיי זענען שיכּורים און קראַנקע, און איין פערטל — זענען קוים באַשעפענישן מער אָדער ווייניקער נאָרמאַלע! און אַז מען באַשטראָפט קינדער, וועלכע מ׳לאָזט איבער אויף הפקר און וועלכע לערנען זיך לעבן אויף אייגענער ריזיקע! פאַר זיי זענען, נאַטירלעך, איצט פאַראַן ספּעציעלע געריכטן. און ערלעכע מענטשן, ווי דער פּרעזעס נאַדאָ, הייבן אָן ביסלעכווייז אַרויסרייסן די דאָזיקע אימגליקלעכע פון דעם טורמע-גיהנום, און ס׳זענען אָן שום ספק, פאַראַן ווילטעטיקע אַנשטאַלטן, ווו ס׳ווערן אָנגענומען, די דאָזיקע קינדער, נאָכדעם ווי דאָס געריכט האָט זיי פאַרמשפּט, אויב מ׳האָט זיי נאָר נישט פאַרמשפּט אַריינצוגעבן אין די אויסבעסערונגס-הייזער.

פאַרוואָס זאָל מען אָבער נישט קעמפן קעגן די סיבּות אָנשטאָט צו מילדערן די פאָלגן? פאַרוואָס זאָל מען נישט אַרויסגעבן אַ געזעץ אין אַלע לענדער, אַז אַלע ניי-געבוירענע געהערן דער מלוכה? ווען אַזאַ געזעץ וואָלט אַרויסגעגעבן געוואָרן און עקזעקוטירט, וואָלטן די קינדער פון רייכע און די קינדער פון אָרעמע, פון ערשטן טאָג אָן זיך געפונען אונטער אַ שוץ און השגחה. דאָס וואָלט בכלל נישט געקאָסט טייערער און געווען לפּחות לאָגישער.

כ׳האָב עס נעכטן געזאָגט דעם פעטער. ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, פּונקט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון די פּלייצעס אַ שווערע משא.

— דו ביזט גערעכט! — האָט ער געזאָגט — געוויס דו ביזט נאָך אַלץ עמפּערט און אויפגעבראַכט פון דער אומגערעכטיקייט. ווען דו וועסט זיין אין מיינע יאָרן!... די מענטשהייט, פאַרשטייסטו מיך, אַזעלכע ווי זי איז איצט, מיט איר גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט, — דאָס איז אַ גרויסער פּלאָט, אַן אויפגעבויטער אויף אַזוי ווייט שלעכט, אַז נישט קוקנדיק אויף די

באַמיִונגען און די איבערגעגעבנקייט פון אַ סך קאַפּיטאַנען און „אַדמיראַלן”, וועט ער דאָך גיין צו גרונט!... די אַלטע געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע! געבוירן פון באַרבאַריזם, קערן זיך די מענטשן אום צו איר צוריק. אַזוי וועט עס זיין, כּל-זמן אַלע וועלן נישט אָנהייבן צו גלייבן, ווי דו און איך, אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, אינם גייסט, מיט וועלכן מיר דאַרפן שטענדיק זיין דורכגעדרונגען, מיט אַ גייסט אַלס אַ וועגווייזער צום א י ד ע אַ ל... דעם אידעאַל, צו וועלכן מען שטרעבט שטענדיק און וועלכן מען דערגרייכט קיינמאָל נישט!.. דאָס, קען זיין, זענען נאָר פּוסטע ווערטער... דאָך פיל איך, ווי זיי באַרויִקן מיך און ווי זיי געבן מיר אַריין נייע כּוחות.

17 אָקטאָבער.

צנדלעך, טייערער פּיעראָ, האָב איך געפונען אַן אמתע באַשעפטיקונג. אין אַלע אַנשטאַלטן, וועלכע איך האָב ביז איצט באַזוכט, האָט מען מיר פאַרנעלייגט אַ שטעל פון א פרייוויליקער. דו ווייסט דאָך, אַז די דאָזיקע בראַווע מענטשן, וועלכע שאַרן גליענדיקע קוילן מיט פרעמדע הענט, וועלן בעסער זיך זאָרגן פאר די אָרעמע אַזוי, אַז אין איין העלן טאָג זאָלן די אָרעמע נישט אויסקומען זיך צו זאָרגן וועגן זיי!... זיי אַרבעטן מיט אויף די אויספאָרשונגען, וווינען ביי אויף די זיצונגען פון די ספּעציעלע געריכטן, און נאָכן פאַרמשפּטן אָדער פרייִשפּרעכן פונם מינדעריאָריקן אָנגעקלאָגטן, קלייבן זיי אויס קינדער פאַר דעם אָדער יענעם אַזיל. צווישן די דאָזיקע אַמאַטאָרן זענען אויך דאָ — מ׳מוז זאָגן דעם אמת — מענטשן וועלכע זענען מיט לייב און נפש איבערגעגעבן דעם ענין... אָבער מיט ווען איך בין באמת אַנציקט און ווער ס׳פאַרדינט די אמתע אָנערקענונג, — איז טאַקע מאָסיע גאַדאָ, וועלכער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן די אומגליקלעכע קינדער.

אַ דאַנק אים וועל איך קענען אָנקומען אַלס אָפּקאָמאַנדירטע סעקרעטאַרין אין דער אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפט אויף אָפּצוהיטן די מוטערשאַפט. דאָס איז אַ צווייג פון די אַמעריק

קאַנער און ענגלישע פאַרייגען פון דער „געבורט-קאָנטראָל".
די דאָזיקע געזעלשאַפט שטיצט גלייכצייטיק די פאַמיליעס, וועלכע זענען מטופל מיט פיל קינדער. דער דאָזיקער געביט איז באַזונדערס רייך מיט ווילדן און גיפטיקן גראָז, וועלכעס מ'דאַרף אויסרייסן, כדי געזונט צומאַכן דעם באָדן...

אַלס סעקרעטאַרין פאַר דרום-פראַנקרייך איז באַשטימט געוואָרן אַן אויסלענדערין... זייער אַ פיינע פרוי. מ'רופט זי... וואַרט... כ'זוך איר קאַרטקע: פרעדריקע לעווויסקאַ... זי איז אַ מאַקעדאָנערין. נאָר אירע עלטערן זענען, דאַכט זיך, געשטאָרבן בעת דער מלחמה. זי איז אַליין אַ דאָקטאָרין. וואָס וואָלסטו געזאָגט וועגן איר, דו, וועלכער פלעגסט מיך אָנרופן אומאָפּהענגיקע...

זי איז געקומען צופאָרן פון סאָפיע, כדי צו געבן דער קראַנק-געוואָרענער דירעקטריסע די מעגלעכקייט צו קומען צו זיך און זיך דערהוילן. פרעדריקע לעווויסקאַ איז זייער אַ שיינע, אַ ברונעטין, אַ הויכע, אַ דיקלעכע נאָר מיט אַ מאַטער הויט, וואָס האָט דעם קאָליר פון העלפאַנט-ביין.

כ'הייב אָן מאָרגן. די מאָרסעלער אָפּטיילונג — ס'איז איינע פון די וויכטיקסטע

II

— נו, וואָס, מיידעלע מיינס!

ספּי, וועלכע האָט פאַרענדיקט דאָס צוגרייטן צום טיש, קערט זיך אום און שמייכלט. זי איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט דערינערונגען פון היינטיקן טאָג, — דעם ערשטן טאָג, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפט אויף אָפּצוהיטן די מוטערשאַפט — אַז זי האָט נישט געהערט, ווי איר פעטער פאַקאָ איז אַריינגעקומען.

ער האָט אַ וואָרף געטון אַ פריינטלעכן בליק אויפן קליינעם צימער אַרום, אויפן טישטוך אין רויטע און גרינע קראַטקעס און אויף דער קריסטאָלענער וואַזע מיט אַ זייער גרויסער כרי־זאַנטעמע, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן טיש. זיין ליבע האָט באַמערקט, ווי זיין עגאָיזם, געפילט אַ סאַטעספאַקציע, זעענדיק, ווי זיין פלעמעניצע ווערט אומבאַוווסטזיניק און נישט באַמערקט פאַר איר אַליין צוגעבונדן צום לעבן.

— נו, ווי גייט די אַרבעט?

— אַ טרויעריקע אַרבעט! מיר דאַכט זיך, אַז דאָ וועל איך קענען ברענגען נוצן...

— כ'בין אין דעם זיכער, פונם דאָזיקן קליינעם סכום גוטס, וואָס מיר קענען טון ווערט סוף־כל־סוף, גאָרנישט פאַרפאַלן... מ'דאַרף נאָר זען נוצלעך צו זיין, דאָס איז אַלץ!..

ער האָט אַראָפּגענומען פון זיך די מאַרינאַרקע און זיך אָנגעטון אַ פּולאָווער. פלוצלינג האָט ער זיך אַ פּאַטש געגעבן

איבערן שטערן און גראַבלענדיק זיך אין טאַש פון דער אָראָפּ־געגומענער מאַרינאַרקע, האָט ער פון דאָרט אַרויסגענומען אַ נאָך נישט געעפנטן בריוו...

— וואַרט, איך וועל עס איבערלייענען... דערנאָך וועסטו מיר דערציילן... (ער האָט אָנגעטון די ברילן), — „לוסאַק, 17 אָקטאָבער".

— פון דאָקטאָר ראַבינאָ?

— ניין, פון מוניען...

— אַ! האָט זי געלאָזט פאַלן מיט אַ גלייכגילטיקן טאָן־נאָר, וויסנדיק, ווי פאַקאָ האָט געשעצט זיינע פריינט, — ער האָט זעלטן געהאַט אמתע גוטע פריינט — און וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן ער האָט געהאַט, איר אַלץ צו דערציילן, האָט זי צוגעגעבן:

— וואָס שרייבט ער?

פאַקאָ האָט קוים געקענט לייענען מוניעס בריוו, — מיט אַזאַ שווערן כתב־יד האָט דער שטייער־באַאַמטער געשריבן. פונקט ווי אַ הון וואָלט געבלאָנדזשעט איבערן פּאַפּיר. חוץ דעם שלעכטן כתב האָט מוניעס בריוו נאָך געהאַט אַ חסרון, וואָס ס'רוב ווערטער זענען אין אים נישט געווען פאַרענדיקט, אַזוי, אַז מ'האָט זיך געמוזט אָנשטויסן, וואָס ער מיינט... אין זיין מאָד־נעם כתב האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן זיין גאַנצער כאַראַקטער.

„טייערער פריינט, — האָט מוניע געשריבן —

כ'האָף אַז איר האָט זיך צוריקגעקערט בשלום, נאָך אייער אַוועקפאָרן געפין איך דאָס לעבן אינם דאָזיקן פאַרוואָרפענעם לאָך נאָך אומעטיקער און מיין איינזאַמ־קייט דריקט מיך נאָך מער. זאָגט אייער טייערע פלע־מעניצע, אַז די באַקאַנטשאַפט מיט איר האָט מיר פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן. און אַז איך בין מסכים מיט די לויב־ווערטער, מיט וועלכע איר האָט, נאָך איידער זי איז דאָ געווען, וועגן איר גערעדט... (אהאַ! פאַקאָ האָט אַ צופרידענער, אַ קוק געטון אויף ספין פון איבער די ברילן)... אַ! טייערער פריינט

מיינער, ווי שווער עס איז צו לעבן איינער אליין, אָן א פאמיליע, אָן א ווייב, וועלכע באשיינט אלץ ארום מיט איר חן און רייץ, באזונדערס ווען מ׳איז באשאפן געוואָרן, ווי איך צו א פאמיליע-לעבן! צי וועל איך טאקע קיינמאָל נישט געפונען קיין חברטע, וואָס וועט דערפילן די גאנצע צערטלעכקייט, וואָס איז פארבארגן אינעם ווילדן מענטשן, אין וועלכן איך און מיין טרויעריקער איינזאמקייט ווער אלץ מער און מער פארוואנדלט? צי איז מיין קראנקהייט דערצו א מניעה? דאָס וואָלט געווען שרעקלעך! כ׳בין דאָך איגגאנצן אלט פיר און דרייסיק יאָהר, און איך פיל אלע באגערן, אלע דערשיינונגען פון מיין יוגנט, וועלכע וואַרפן זיך צייטנווייז צו מיין הארצן, שרייענדיק צו מיר: „פארוואָס נישט?״

פאקאָ האָט א טרייסל געטון מיטן קאָפ:

— דאָס מוז באמת זיין שרעקלעך!

ספי האָט מיט א מידן זשעסט אויפגעהויבן די האַנט:

— דאָס איז אָבער בעסער, ווי צו זיין טויט!

— כ׳ווייס נישט.

— יאָ, ער לעבט דאָך לפחות.

— נאָר אויב ער מוז, צוליב זיין קראנקהייט, פון אלץ זיך אָפזאָגן, איז שוין בעסער נישט צו לעבן...

מיט טריבע אויגן האָט ספי, טראכטנדיק וועגן איר אייגענער אומהיילבארער קראנקהייט, געענטפערט:

— צי וואָס זאָל ער זיך אָפזאָגן? צי וועט ער דען זיין דער ערשטער פארהייראטער קאליקע? לעז ווייטער... אויף אים איז נישט אזא רחמנות, ווי אויף אנדערע!

פאקאָ האָט, דערשטיקנדיק אין זיך א זיפץ, ווייטער געלייענט:

יעדנפאלס האָב איך נאָך אייער אוועקפאָרן באשלאָסן, אויף ווייטער נישט צו פארבלייבן אין לזיסאק. און האָף ביי דער ערשטער מעגלעכקייט ערגעץ ווו-אנדערש זיך איבערצוציען אויפן זעלבן פאָסטן.

מיך ציט מאַרסעל. דאָס לעבן איז דאָרט, לפּחות, אַן אַקטיווער, רייזיקירסט נישט אַראָפּצופֿאַלן זיך... כ׳וואָלט זיך געוואָלט איינאָרדענען אין דער סביבה פֿון מאַר-סעל. כ׳האָב אָפּגעדרוקט אַן אַנאָנס אין דער צייטונג און וועל אייך מיטטיילן וועגן דעם רעזולטאַט. כ׳וועל זיין גליקלעך, אויב מיין אַרבעט וועט מיך דערנענ-טערן צו אייך. אַ האַרציקן גרוס דער מאַדמואַזעל ספּיריטאַ. זאָגט איר, אַז איך טראַכט אָפט וועגן אירע נסיונות, און ווינטש איר, זי זאָל זיך באַרויִקן. נעמט אָן, מיין טייערער פריינט, מיינע אויפריכטיקע באַגריסונגען.

ע ד ו אַ ר ד מ ו נ י ע.

פּאַקאָ האָט צונויפגעלייגט דעם בריוו, נישט אַרויסריידנ-דיק קיין וואָרט.

ספּי האָט די ערשטע איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— כ׳מיין, אַז אין לוסאַק איז נישט פריילעך, באַזונדערס, ווען ס׳איז פאַראַן אַ גרונט צו געפינען דאָס לעבן פאַר נישט פריילעך.

פּאַקאָ האָט זיך אָפּגערופן;

— ס׳וועט מיר הנאה טון צו זען מוניען אָפּטער. ער איז אַ אינטערעסאַנטער מענטשן, וועסט זען.

ספּי האָט זיך אויפגעהויבן פֿון אָרט:

— אָ, איך, די ווייסט דאָך!

— יאָ, איך ווייס. ער גייט דיך נישט אָן!.. (ענדערנדיק דעם טאָן)... אַלזאָ, וואָס איז מיט דיין באַשעפטיגונג?

זי האָט זיך געקליבן צו דערציילן, נאָר צוויי קלונגען ביי דער אינטערשטער טיר האָבן אָנגעזאָגט עמעצנס אָנקומען.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט

— ווער קען עס זיין?

בעת ספּי האָט זיך געוואָלט באַהאַלטן און איר צימער, איז פּאַקאָ געגאַנגען עפענען די טיר. זשאַנע באַנטאַם, אָנגעלאָפן מיט פּאַקעטן, איז געשטאַנען אין פּאָדער-צימער

— ספּי איז אין דערהיים?

— יאָ, יאָ.

ער האָט איר אָנגעוויזן אויף דער פּאַרמאַכטער טיר און
א רוף געטון:

— ספּי, מאַדמואַזעל עטיענעט איז געקומען.

— גיי גיכער, מ׳דאַרף דערלאַנגען נאָך, א געשיר... כ׳בין
געקומען עסן מיטאָק... דו האָסט אויף מיר נישט געוואַרט!

זי האָט כיטרע אַ מאַך געטון מיט די אויגן צו פּאַקאָן,
פּונקט, ווי ער וואָלט געקענט וויסן, מיט וואָס זי איז געקומען.
נאָך אַ זשעסט פון איבעראַשונג האָט זיך באַוויזן ספּי. זינט זי
האָט זיך צוריקגעקערט פון לוסאַק האָט ספּי געזען איר חברטע
נאָר איינמאָל און האָט נישט געקענט איבערטראָגן דעם נישט
אָנגענעמען, רוישיקן אויסדרוק פון אויפריכטיקן מיטגעפיל און
ער. ספּי איז פון איר אַמאָליקער חברטע געוועזן אַנטוישט...
זייער אַ לייכטזיניק באַשעפעניש איז דאָס געווען און זייער אַ
רייכע... היינט האָט זי זיך געפילט נאָכמער אָפּגעפרעמדט פון
איר, ווי פריער, ביי דער ערשטער באַגעגעניש.

— וואָס מאַכסטו טייערע מיינע! די זעסט אויס בעסער.
(זי האָט דאָס גאָרנישט געמיינט, נאָר געגלייבט אַז בלויז די
קלאַנגען פון אירע ווערטער וועלן שוין ווירקן)... כ׳בין היינט
געבליבן אַליין, זיך געקליבן צו דיר און אָט בין איך דאָ, כ׳האָב
דיך אַזוי געוואָלט זען!

— אָבער וואָס טוט מען מיר האָבן דאָך נישט, מיט וואָס
דיך מכבד צו זיין.

— אַזוי גאָר... (זי האָט אַ נעם געטון אין האַנט די פּאַקעטן,
וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך און אָנגעהויבן מיט זיי צו פּאַכען)...

— דו האָסט געמיינט, אַז איך האָב זיך גערעכנט אויף
דיר? דו זעסט, וואָס איך האָב דאָ?

זיי זענען אריינגעגאַנגען און עס־צימער. עניעט,האָט פּאַנאַנדער־
בינדנדיק די פּאַקעטן, זיך געוועדטלט, בעת פּאַקאָ האָט דערלאַנגט
די מאכלים צום טיש.

ספּיס חברטע האָט מיט זיך מיטגעבראַכט די טייערסטע

דעליקאַטעסן, עסנוואַרגן און משקאות און אַלע דריי האָבן מיטן גרעסטן אַפּעטיט דאָס אַלץ פאַרצערט.

נאָר אין מיטן עסן האָט זיך ספּי דערמאָנט אָן איר אומגליק, אָן וועלכן זי האָט אויף עטלעכע מינוט. אונטערן איינדרוק פון איר חברטעס הייטערקייט, געהאַט פאַרגעסן, און איז ווידער געוואָרן אומעטיק, זי האָט ווידער אָנגעהויבן ריידן וועגן איר פאַרלוסט און וועגן דעם, ווי איר איז אוממעגליך דעם פאַרלוסט איבערצוטראָגן.

די חברטע האָט זי אָנגעהויבן צו טרייסטן:

— דו וועסט נאָך זיין גליקלעך, דו וועסט זען. ערשטנס, דערפאַר, וואָס דו האָסט עס פאַרדינט... און צווייטנס...

ספּי האָט אַ צוק געטון מיט די פּלייצעס.

— וועסט זען! און אונדזערע יאָרן איז נישטאָ קיין אייביקע אומגליקן, נישט אַזוי, מאָסיע פּאָקאָ?

און אַזוי ווי די חברטע האָט געזען, אַז ספּיס אומעטיקע אויגן ווערן פאַרנעפּלט, האָט זי אָנגעגאָסן די גלעזלעך מיט וויין אין זיך צווינגענדיק צו זיין לוסטיק, אויפהייבנדיק זיך פון אָרט, האָט זי אויסגעשריען:

— צום געזונט! צום געזונט! הער אויף, ספּי, צו קלאָגן, טרינק אויס מיט אונדז.

— מיר ווילט זיך נישט!

— ס׳איז דאָך נישט אָנשטענדיק פון אייער זייט, מאַדאַם! איך בין איצט אייער גאַסט... אַזוי נעמט מען אויף געסט, טרינקט צו מיר פאַרן געזונט. איר טאָרט מיר און דעם נישט אָפּזאָגן. טרינקט זשע!

ספּי האָט זיך אָנגערירט גלאָז צו גלאָז מיט דער חברטע און אויסגעטרונקען אַ האַלב גלעזל וויין.

דערנאָך האָט ספּי אָנגעהויבן דערציילן איר חברטע וועגן אירע איבערלעבענישן פאַר דער לעצטער צייט. זי האָט איר אויך דערציילט וועגן דעם, אַז זי האָט אָנגענומען אַ שטעל אַלס סעקרעטאַרין און דער אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפט. זי האָט איר אין אַלגעמיינע שטריכן, געשילדערט די צילן פון דער געזעל-

שאפט אין אין וואס עס באשטייט איר, ספּיס, אַרבעט.

אויפן צווייטן טאָג איז ספּי צוריקגעקומען אַ היים שפּעט. דאָס באַשיידענע מיטאָק, וואָס פּאַקאָ האָט צוגעוואַרעמט, איז געוואָרן טרוקן אויף דער גאַז־פּליטע... דער פּעטער ,איז געוואָרן אומרויק, וואָס די פּלעמעניצע קומט אַזוי שפּעט ב׳שט; נאָר אָט, האָבן זיך דערהערט לייכטע טריט אויף די טרעפּ. ספּי איז אריינגעקומען מיט אַן ערנסט פּנים.

פּאַקאָ האָט זי אַ נעם געטון פאַר דער האַנט.

— כ׳בין געווען אומרויק... קיין אומאָנגענעמלעכקייטן?

— ניין. כ׳האָב נאָר געהאַלטן פאַר נייטיק צו באַזוכן לוסיענען מיט זיין פרוי און זיי מיטטיילן, אַז כ׳האָב ענטגילטיק פאַרנומען די שטעל פון אַ סעקרעטאַרין און דער געזעלשאַפט... זיי האָבן זיך דאָן פּונקט געקליבן גיין אויף אַ מיטאָק צו קייסנאַרן מיט זייערע פריינט... (זי האָט זיך געקוועקלט)... און...

— זיי איז דיין באַשלוס נישט געפעלן געווען?

— יאָ... נאָר... כ׳האָב דייטלעך געזען און געפילט, אַז זיי פאַרשטייען נישט, פאַרוואָס איך זאָג זיך אָפּ צו בלייבן ווייטער ביי זיי אויפן פּאָסטן און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי זענען געווען אַביסל קאַלטער צו מיר — נישט אַזאַ באַציונג כּתמול־שלשום.

— דאָס דערווייזט, ווי שטאַרק זיי האָבן דיך ליב.

— יאָ... יאָ... אויב עס דערווייזט נאָר נישט, אַז די צייט גייט אַריבער און זייער ווונטש מיר צו העלפן איז געווען נישט מער ווי אַ געוויינטלעך רחמנות, ווי...

— פאַרזיכטיק! דו ווילסט זיין אומדאַנקבאַר.

— ניין, כ׳ווייס עס געוויס; זיי האָבן זיך געענדערט.

— ס׳איז אוממעגלעך, קינד מיינס! כ׳קען גאַנץ גוט די לוסיענס כּדי אַזעלכעס צו גלייבן.

זי איז שטיל געבליבן... נישט באַמערקנדיק, אַז ביי איר אַליין איז פאָרגעקומען אַזאַ ענדערונג. אונטערן אומזיכטבאַרן איינפלוס פון די מינוטן און שעהן, — האָט ספּי צוגעשריבן לוסיענען, נאָכמער ווי זיין פרוי, געפילן, וועלכע דאָס לעבן האָט

אומבאמערקבאר אָנגעהויבן צו באדעקן אין איר אייגענע בשמה מיט
אזא דינעם שיכט, אז אפילו פאקאָס דורכדרינגענדיקע אויפמערק-
זאמקייט האָט זי נאָך נישט געקענט באמערקן.

III

ספּי איז, ווי יעדן אינדערפרי, שוין זייט צוויי וואָכן, געזעסן ביי אַ גרויסן טיש און איבערגעקוקט די פּאָסט וועלכע מ'האָט איר נאָר וואָס דערלאַנגט.

אַ זייער גרויסע פּאָליצע האָט פאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט. עטלעכע שטילן האָבן דערגענצט די באַשיידענע מעבלירונג פונם צומער. אין אַלע דריי קאַבינעטן, איז פּונקט ווי אין דעם צימער, געווען נאָר דאָס סאַמע נייטיקע אין קיין איבעריק מעבל־שטיק איז דאָרט נישט געווען צו זען. דאָך איז די אינסטיטוציע געווען אַ רייכע און אַלע אירע הכנסות זענען איבערגעגאַנגען צו אָרעמע לייט.

ספּי האָט באַקומען אַ פּענסיע פון דריי הונדערט פראַנק אַ חודש און געהאַלטן, אַז זי קריגט גוט באַצאָלט פאַר איר אַרבעט. צוזאַמען מיט די הכנסות פון איר פעטער און איר אייגענע רענטע איז די דאָזיקע באַשיידענע סומע פאַר ספּין געווען כדי צו לעבן גאַנץ אַנשטענדיק... אָפּזאָגנדיק זיך פונם פאַרלאַנג און שטרעבונג צו געפעלן מאַנספערשוינען. איז זי געוואָרן אַזוי עקאָנאָמיש אין אירע הוצאות, פּונקט ווי אין די צייטן, ווען איר איז אויסגעקומען צו פירן אַ שווערן קאַמף פאַר איר עקזיסטענץ. צייטנווייז פלעגט זיך איר אַפילו דאַכטן, אַז די דאָזיקע צוויי יאָר גליק. וואָס זענען אויסגעפאַלן אויף איר גורל, זענען געווען בלויז אַ חלום, קומענדיק ווידער אין באַרירונג מיט דער מאַטעריעלער נויט, וואָס אין דער טיפעניש פון איר

האָט זי איצט געזען פרעמדע און נישט זיך, האָט ספּי איצט, מער ווי ווען עס איז, זיך געפילט גרייט צום קאַמף פאַר דער זאַך, צופאַרבעסערן דעם גורל פון די אומגליקלעכע.

זי האָט אריינגעוואָרפן אין קאָרב דעם לעצטן קאָנווערט. די אויסזאָרטירונג פון דער פּאָסט איז געוואָרן פאַרענדיקט. די בריוו זענען צוזאַמענגעלייגט געוואָרן אין דריי שטויסן.

— זייט אַזוי גוט און גיט מיר די גרופּע „ג" — האָט געבעטן מאַדמואַזעל לעוויסקע, צוזעענדיק זיך נעבן ספּין, כדי איר צו העלפן זיך אָריענטירן אין דער קאָרעספּאָנדענץ. זי האָט זיך אויפגעהויבן און, שטייענדיק פאַר דער פּאָליצע, וואָס איז געווען באַדעקט מיט בונטע פּאַפּיר־אומשלאָגן מיט דאָקומענטן, האָט זי צונויפגעלייגט לויטן אלף־בית די פּאַפּירן, וועלכע ספּי האָט איר דערלאַנגט. די פּאַפּירן, באַצייכנט מיטן אות „ג", זענען געווען די, אויף וועלכע ס'האָט געזאָלט אַוועקגיין אַן ענטפער אויף „ניין", ד. ה. אַז די בקשה, מיט וועלכער מ'האָט זיך געווענדט און דער אינסטיטוציע, איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

דאָס דאָזיקע „ניין" פלעגט אָפטמאָל זיין אַ פאַטאַלע פאַר די וואָס האָבן איינגעגעבן די בקשה, אין זיי פאַראורטיילן, אָן שום טענות און מענות, אויף טויט. פאַרענדיקנדיק די ארבעט איבער די דאָזיקע פאַטאַלע פּאַפּירן, האָט זיך די דאָקטאָרין לעוויסקע ווידער אַנידערגעזעצט. איצט האָט זי זיך פאַרנומען מיט דער צווייטער גרופּע „ע" (ענטפער), ד. ה. אַזעלכע, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ לענגערע קאָרעספּאָנדענץ, אַ חקירה ודרישה און נישט בלויז קיין קורצן אָפּזאָג.

— מ'דאַרף פאָרדיקטירן זעקס בריוו. כ'וועל זיך מיט דעם פאַרנעמען. בלייבן נאָך איבער אייערע אויסקונפטן.

דאָס איז געווען די דריטע גרופּע און די וויכטיקסטע, ביי די וויזיטן, ד. ה. ביי דער חקירה ודרישה, וואָס די אינסטיטוציע פלעגט מאַכן דורך אירע אָנגעשטעלטע ביי די אינטערעסאַנטן, האָט מען געמוזט באַזיצן אַ שאַרפן בליק און זיין אַ מזג־טוב. ווילנדיק וואָס גיכער עקזאַמינירן אַלע אייגנשאַפטן פון איר געהילפן, האָט פריילין לעוויסקע באַשלאָסן, אויך אין דער

הינזיכט זיך צו פארלאָזן אויף ספין, ווייל צו ספין האָט זי גע־האַט דאָס גרעסטע צוטרוי, ווי צו אַ פרוי, וואָס באַזיצט אַלע מעלות פון אַ סעקרעטאַרין און איז ווי צוגעפּאַסט צו אַזאַ פאַ־ראַנטוואָרטלעכער שטעל.

— וויפיל איז אייך נאָך געבליבן?

— גאָך פיר.

— טיילט זיי פאַנאַנדער צווישן מאַדאַם קסאַוויע און מאַ־דאַם לאַוואַלעד. איר'ט היינט האָבן פיל אַרבעט.

פרעדריקע... — (איר וועט מיך אַזוי רופן!... האָט זי נאָך דעם ערשטן טאָג געזאָגט ספין) האָט גערעדט פראַנצויזיש כמעט אָן אַקצענט. זי האָט פאַרלאָזן איר פאָטערלאַנד ערשט נאָכן ענדיקן דעם קריג, נאָכדעם, ווי ס'זענען אומגעקומען אירע נאָענטע קרובים. איר פאָטער, אַ דאָקטאָר אין סאַלאָניקי, האָט נישט איבערגעלעבט דעם טויט פון זיין ווייב, וועלכע די סערבן האָבן דערהרגעט בעת איינעם פון די פּאָגראָמען איבער די מאַ־קעדאָנישע יידן. מיט צען יאָר צוריק איז דאָס געווען!... אין אירע דרייסיק יאָר, האָט זי נאָך אָפּגעהיט די איינדרוקן פון די קינדערשע יאָרן און די זכרונות פון יענער גילדענער צייט, וועל־כע קענען נישט אָפּגעמעקט ווערן. די קינדערשע יאָרן האָט פרעדריקע פאַרבראַכט אין ביטאָם. פאַר פרעדריקען האָט אויף דער וועלט גאָרנישט עקזעסטירט, חוץ איר פּראָפעסיע, איר פאַר־שקלאַפט פאָטערלאַנד און גערודפט פאָלק.

אַ גערויש פון קולות האָט זיך דערטראָגן פון שכנותדיקן צימער, וואָס די טיר זיינע איז אַרויסגעגאַנגען גלייך אין הויז אַריין און געגעבן די בעזוכער די מעגלעכקייט אַריינצוגיין נישט אָנקלינגענדיק.

— אין קליענטן איז נישט פאַראַן קיין דוחק, נישטאָ וואָס צו זאָגן! איר קענט ווידער עפענען...

זיי האָבן זיך ביידע פאַרשלאָסן, כדי קיינער זאָל זיי נישט שטערן פאַנאַנדערצוסאָרטירן די בריוו.

ספּי האָט אַ דריי געטון דעם שליסל, געעפנט די טיר און זיך אַנידערגעזעצט נעבן איר לייטערין, וואָס איר פשטות און

ענערגיע האָט צוביסלעך דערוואָרבן ספּיס גענייגטקייט, נישט קוקנדיק אויף אַ געוויסער טרוקנקייט, וועלכע איז, איבריקנס, פאַרטושט געוואָרן דורך איר מזרח-אָפּשטאַמונג.

שאַרכנדיקע טריט. אַ זקן מיט ציטערדיקע הענט איז געשטאַנען ביים טיש. פרעדריקע, מיט אַ בליישטיפט און אַ נאָטיץ-בלאָק אין דער האַנט, האָט געפרעגט:

— אין וואָס האַנדלט זיך עס?

מיט אַ שטילער שטים האָט דער זקן דערקלערט:

— דאָס ווייב איז פּאַראַליזירט געוואָרן און איז שוין יאָרן־לאַנג צוגעשמידט צום געלעגער; פיר קינדער: צוויי מיידלעך, צוויי ייִנגלעך; איינער איז דערהרגעט געוואָרן בעת דער מלחמה, דער אַנדערער איז פאַרפאַלן געוואָרן און מ׳ווייסט נישט, ווו זיין געבייין איז אַהינגעקומען; איין טאָכטער איז אַן אלמנה; זי העלפט זיי נישט, אַליין האַלט זי קוים אויס מיט איר שווערער אַרבעט אירע דריי קינדער; די אַנדערע טאָכטער, נישט קיין פאַרהייראַטע, איז געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק זיי אַ דריי יאָריק קינד. אים אַליין נעמט מען שוין אין ערגעץ נישט אָן: שוין צו אַלט! הגם ער איז אינגאַנצן אַלט זעכציק יאָר. פון צייט צו צייט קריגט ער אַ ביסל אַרבעט: אָפּטראָגן ערגעץ אַ זאַך אָדער צוקערן די טרעפּ, נאָר דאָס זענען דאָך קלייניקייטן. ווי קען מען לעבן?

— און די פענסיע פאַר אייער דערהרגעטן זון?

— ער איז געווען אַ פאַרהייראַטער, האָט געהאַט קינדער.

— איר דאַרפט זיך ווענדן אין מעריי נאָך הילף.

—כ׳בין דאָרט געווען פאַריקן חודש, ס׳איז געקומען אַ דאַמע פּאַטראָנעסע און איבערגעלאָזט צען פראַנק; זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט מיר אויסשרייבן דרייסיק פראַנק אַ חודש. זייט דעמאָלט וואַרטן מיר.

— מ׳דאַרף נאָכאַמאָל זיך ווענדן אַהין. דאָ, צום באַדויערן, קענען מיר פאַר אייך גאָרנישט טון מיר העלפן נאָר פאַמיליעס, וואָס זענען מטופל מיט פיל קינדער, און נישט קיין זקנים.

— כ׳האָב ס׳רעכט אויף אייער הילף, קוים ווי איך האָב געהאַט נאָר פיר קינדער.

— איר האָט זיי מער נישט, די קינדער און גייט נישט אריין אין אונדזערע קאַטעגאָריעס.

די הענט זענען פאַרגליווערט געוואָרן, דער ציטער איז איבערגעגאַנגען אויף דער אונטערשטער ליפּ. דער אַלטער האָט קוים ארויסגערעדט!

— ס׳בלייבט נאָר איבער איין זאַך — זיך צו דערהרגע־נען — מיר האָבן נישט וואָס צו עסן.

ספּי קוקט מיט היץ אויפן רויקן פּנים פון איר שכנטע. זי דערוועגט זיך נישט אַריינצומישן, נאָר זי האָט געפונען פאַר אוממענשלעך די דאָזיקע אייזקאַלטע רויקייט מיט וועלכער פרעדריקע האָט אויסגעפרעגט דעם אַלטן און אים געענטפערט.

— נעמט!... (פרעדריקע האָט אָנגעשריבן עטלעכע ווער־טער אויף אַ בלעטל פּאַפּיר)... גייט לויטן אַדרעס, וואָס דאָ איז אויפגעגעבן, דאָס איז אַן אַנשטאַלט פאַר זקנים. דאָרט וועט מען פאַר אייך געוויס עפּעס טון.

און אזוי ווי דער אַלטער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט האָט זי צוגעגעבן:

— אונדזערע באַשיידענע מיטלען דערלויבן אונדז נישט אייך צו העלפן. ס׳זענען פאַראַן אַזוי פיל נויטבאַדערפטיקע... מיר קענען אַלע נישט העלפן, — ס׳טוט מיר זייער לייד.

שלעפנדיק די פיס, איינגעהויקערט, שלעפנדיק אויפן פּליי־צע זיין אומפאַרשטענדלעכן יאוש, איז דער אַלטער אַרויס מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ספּי איז דעם אַלטן נאָכגעגאַנגען אין פּאָ־דערצימער. זי האָט אַ גריבל געטון אין איר טאַרבעלע. איר איז אַריינגעפאַלן אין האנט אַ פופציק־פראַנק־שטיק.

— נעמט!

— אַ דאַנק אייך!

ער האָט נישט געוווּסט, מיט וואָס אויסצודרוקן זיין דאַנק־באַרקייט. ווי צוגענאָגלט צום אָרט, האָט ער איבערגעחזרט:

— אָ! אָ!...

און געלאַכט דורך טרערן...

כדי צו מאַכן אַ סוף צום אַלטנס התפעלות, האט ספּי אים

אָנגעווייזן אויפן צימער הינטער זיך, וואָס איז געווען פול מיט באַזוכער:

— איצט גייט אייך געזונטערהייט.

אַרייַנגייענדיק אין ביורא, האָט ספּי באַמערקט, אַז פרעד-ריקע האָט אויף איר געוואָרפן אַ איראָנישן בליק.

— פאַרמאַכט די טיר, מיין טייערע... אַ רגע! — האָט זי אַ געשריי געטון צו די אומגעדולדיקע, וואָס האָבן זיך אויפגע-הויבן פון זייערע ערטער בעת ספּי איז דורכגעגאַנגען...

פרעדריקעס זינגענדיקער קול האָט געפרעגט:

— איר זענט אַ רייכע?

ספּי האָט געמוזט אויפהייבן דעם קאָפּ און ווייזן, אַז זי איז פאַרשעמט.

— ניין. כ'בעט מיר אַנטשולדיקן, מאַדמואַזעל, נאָר איך האָב אין דעם פאַל אַנדערש נישט געקענט האַנדלען.

— פאַרוואָס? דאָס איז שוין די צוואַנציקסטע נדבה זייט איר זענט דאָ אויפן פּאָסטן... איר וועט זיך מאַכן אַזוי אומגליק-לעך, ווי זיי, און מיט אייער הילף וועט איר סאַי ווי סאַי גאָר-נישט ראַטעווען...

— כ'האָב מער נישט געקאָנט... דאָס איז דאָך אַזוי שרעק-לעך... אַזאַ עלטער!

— איך בין אויך געווען פּונקט ווי איר... מ'געוויינט זיך אָבער צו... און מען באַמערקט גיך, אַז גוטהאַרציקייט און רחמנות, אפילו די ברייטסטע און וואַרעמסטע, פאַרלייכטערט און לינדערט די נויט נישט אויף לאַנג... אָרעם קינד, איר האָט געדאַרפט אַביסל אַרומרייזן!

— אַ נדבה גיט דאָך פאָרט אַביסל האָפענונג, אַ מעגלעכ-קייט אָפּצואָטעמען... דאָס גיט אַריין כוחות, כדי ווייטער צו קעמפן.

— צו קעמפן קעגן וואָס?

אַ רויק פּנים מיט זייער גרויסע אויגן האָט געשטעלט די דאָזיקע פראַגע...

ספי האָט געמאַכט אַ אומבאַשטימטן זשעסט. וועלכער האָט אנטהאַלטן די גאַנצע אומברחמנותדיקייט פון גורל.

— וויפיל האָט איר אים געגעבן?

— זופציק פראַנק.

— דאָס איז דאָך געוויס פאַר אייך אַ גרויסע סומע?

— יאָ.

— לאָמיר אָננעמען, אַז דערדאָזיקער אַלטער האָט איצט נישט קיין אַנדער הוצאה, חוץ צו עסן פאַר דריי פעריזאָן, — וועט אייער נדבה קלעקן בלויז אויף פינף טעג... און נאָכדעם?

— ס'קען זיין אַז אין מושב-זקנים...

— אָבער אַלע אַזעלכע אינסטיטוציעס זענען איבערפולט ס'זענען פאַראַן אַזויפיל נויטבאַדערפטיקע, אַז ס'איז שווער צ געבן יעדן וואָס עס איז.

דעמדאָזיקן מענטשן איז נייטיק געווען נישט פופציק, נישט הונדערט און אפילו נישט פינפהונדערט פראַנק. ער וואָלט גע־דאַרפט האָבן אַן אָנשטענדיקע רענטע. צי קענט איר אים דען באַפרייען פון אַלע זיינע קראַנקהייטן און צרות, וועלכע פאַר־וואַנדלען אים אין אַ נוצלאָזן פאַראַזיט? אין פינף, אָדער אין צען טעג אַרום, — אויב ער וועט נישט באַקומען נאָך אַ נדבה, — וועט ער צוריקקערן: איר וועט ווידער געבן פופציק פראַנק, נאָכ־דעם צוואַנציק, נאָכדעם גאָרנישט: ווייל אייער בייטעלע וועט שוין זיין פוסט. דאָס וועט נישט שטערן דערצו, אַז, ווי איר וועט נישט אַ קוק טון, וועט איר דערזען איינגעפאַלענע אויגן און אויסגעשטרעקטע הענט! ווען איר וועט האָבן מיין פראַקטיק, וועט איר זיך איבערצייגן, אַז ס'איז באמת בעסער צו זיין נוצ־לעך פאַר עטלעכע, איידער אומזיסט אָפּצושלעפן דעם מאַרגנ־דיקן אומכאַרמיידלעכן סוף.

— באַלר אַזוי, איז די אַלטע מענטשן?...

— דאַרפן שטאַרבן...

ספי האָט נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן...

דער ליאַרעם, וואָס די קינדער האָבן געמאַכט, שפּילנדיק

זיך און קריגנדיק זיך, אויפֿן הויף, האָט ממש פֿאַרטויבטביידע פֿרויען.

פֿרעדריקע האָט אַ געשריי געטון:

— שטילער זאָל זיין!

— וואַרט, — האָט זי געזאָגט צו ספּין — נעמט איינע פֿון די דאָזיקע פּאַפּיר-טעקעס, וועלכע ס׳וועט אייך איינפֿאַלן היינט אין אָוונט, אויב ס׳וועט אייך בלייבן אַביסל צייט נאָכן צוריקקערן פֿון די וויזיטן, זאָלט איר די פּאַפּירן איבערבלעטערן און אין זיי אַריינקוקן: כ׳בין זיכער, אַז נאָכדעם, וועט איר שוין נישט וועלן פֿאַרשווענדן אין אויסגעבן, נישט אייער רחמנות און נישט אייער געלט. אַלץ דאַרף מען צעשטערן און איבערבויען אויפֿסניי!...

(אַ פֿונק האָט זיך אָנגעצונדן אין אירע אויגן, וועלכע זענען געוואָרן פֿיבערהאַפֿט)... נאָר דאָס איז אַן אַנדער זאַך... אַ גרויסע זאַך... ווען מענטש ריי איז איצט? לייענט נישט ווייטער... כ׳בעט אייך.

אַ יונגע פֿרוי מיט אַ קליין קינד אויף דער האַנט איז אַריינגעקומען און דער באַגלייטונג פֿון דריי שטיפֿערישע יינגלעך און איין מיידעלע, די עלטסטע פֿון אַלע קינדער, וועלכע איז נאָך נישט אַלט געווען קיין אכט יאָר. די מוטער איז געווען אַ מאָגערע, זי האָט שטאַרק געהוסט און איר האָט געגעסן די שווינדזוכט. די יינגלעך זענען געווען קרענקלעכע געלבזיכטיקע, שוואַציקע, זיי האָבן זיך באַהאַלטן הינטער דער מיטערס קלייד. פֿרעדריקע האָט מיד אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— איר זענט שוין ווידער דאָ, מאַדאַם שערצע!... כ׳האָב אייך שוין פֿאַריקע וואָך געזאָגט, אַז איך קאָן גאָר נישט טון ביזן קינפֿטיקן חודש. מיר האָבן חוץ אייך, אויך ווען צו העלפֿן, זאָרגט זיך נישט. איר זענט צווישן הונדערטער ביי אונדז נישט קיין בת-יחידה. כ׳האָב אייך שוין געגעבן גענוג בילעך פֿאַרן קלענסטן קינד. באַמיט זיך אַליין אויסצוהאַלטן די איבעריקע קינדער.

— מיין מאַן קען נישט געפֿונען קיין אַרבעט. אומעטום זאָגט מען, אַז מ׳דאַרף נישט.

פרעדריקע האָט, קוקנדיק אויף ספּין, אַראָפּגעלאָזט די הענט אויף די קני.

— דאָס איז דאָך שרעקלעך! ער איז דאָך אַן אינוואַלידן! ער האָט נאָר איין פוס! ער איז אַ זעלטן גוטער מעכאַניק, נאָר מ׳וויל אים אין ערגעץ נישט צונעמען. כ׳האָב אים געגעבן אַדרעסן פון עטלעכע וואַרשטאַטן!... (ווידער זיך חענדנדיק צו דער פרוי) די בעלי־הבתים פון די וואַרשטאַטן זענען דאָך אָבער מחויב אָנצונעמען דרייסיק פּראָצענט פון די אינוואַלידן! ווען ער וואָלט גוט געזוכט...

מיט אַ טויבער שטים האָט די קראַנקע דערקלערט:

— ער זוכט. ער איז ממש פאַרצווייפלט. איין פאַבריקאַנט האָט אים אפילו געזאָגט, אַז ער וויל בעסער צאָלן שטראָף. איידער אים צונעמען צו דער אַרבעט, ווייל דער שטראָף וועט אויסקומען ביליקער, ווי צאָלן מיין מאַן פּענסיע.

פרעדריקע האָט גרויזאַם אַ פרעג געטון:

— ווער האָט עס אים אַזוי געענטפערט?

— כ׳געדענק נישט.

— הייסט אייער מאַן קומען אַהער און מיר מיטטיילן דעם נאָמען פון דעם, וועלכער האָט אים געגעבן אַזאַ ענטפער. אויב ס׳וועט אַמאָל פאָרקומען אַ אויפרוימונג און רייניקונג...

זי האָט פאַרענדיקט די פראַזע מיט אַ אומדערבאַרעמטע באַוועגונג פון דער האַנט.

— דערווייל קען איך, ליידער, גאָרנישט טון פאַר אייך. און איר אַליין זענט אויך ווערט אַ שטראָף. ווי איז מען אַזוי לייכטזיניק: צו וואָס האָט איר געדאַרפט אַ פופט קינד?... איר וואָלט נישט באַדאַרפט קינדלען, בפרט נאָך ווען איר זענט נישט קיין געזונטע!...

די פאַרשעמטע פרוי האָט זיך מודה געווען, אַז דאָס איז געווען זייער איינציקע מינוט פון פאַרגעסן זיך... און חוץ דעם ווען אין צימער געפינען זיך זעקס נפשות, איז אוממעגלעך זיך קעגנצושטעלן... אָדער גיין זיך וואַשן...

— זאָגט וואָס איר ווילט, נאָר ס'איז פּשוט אַ פאַרברעכן אין אייער לאַגע צו פּראָדוצירן אויף דער וועלט נויט.

— געוויס. ווען דו ביזט אַ קבצן, ביזטו שטענדיק דער שולדיקער.

און זי האָט זיך צעהוסט.

ספּין האָט פאַרדראָסן, וואָס זי האָט גראָד איצט ביי זיך נישט קיין געלט. איר פּנים איז געוואָרן פאַרכמורעט.

— איר האָט נאָך טראָן־אייל? — האָט זי ספּין געפרעגט.

— ניין, מאַדמואַזעל.

— אָט האָט איר אַ טאַלאָן אין אַפּטייק...

— אַ דאַנק אייך.

די פרוי איז אַרויסגעגאַנגען, אַוועקפירנדיק מיט זיך די קליינע קינדער.

אויף איר אָרט איז אַריינגעקומען אַן אַנדער פרוי, וואָס איז שווער געווען צו זאָגן, ווי אַלט זי איז, אַן אָנשטענדיק אויס־זען. אַן אָפּגעטראָגן היטעלע אויפן קאָפּ, אַ באַשיידן שוואַרץ קליידל, מיט לאַטעס, אָבער אַ ריינס. זי איז געגאַנגען, באַמיענ־דיק זיך, מ'זאָל נישט זען אירע צעריסענע קאַמאַשן. זי האָט גע־בעטן, רויט פון פאַרלעגנהייט, מ'זאָל זי פאַרשרייבן. זי איז געווען אַן אלמנה, געהאַט פיר קינדער. צוויי פון זיי זענען געווען מיידלעך. זי האָט מיט די קינדער געלעבט אין שרעקלעכן דחקות נישט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן.

— ווען איר קענט עפּעס טון פאַר אונדז — האָט זי גע־זאָגט, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, — וואָלט עס געווען אַ גרויסע מצווה.

אין איר דערנידערונג איז געווען אַ געוויסער טייל געפיל פון באַליידיקטן מענטשלעכן חשיבות, אַ צאָרן פון אַ פאַראָרעמטן בורזשואַק, וועלכער קען נישט פאַרשטיין די סיבה פון זיין מאַ־טעריעלע ירידה.

זי האָט געהערט צום מיטעלן קלאַס, וועלכער איז דורכן גאַנג פון די געשעענישן, אַריינגעשטופּט געוואָרן צווישן די

אַלטע און נייע גבורים און נאָכדעם אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אין דער סביבה פון פּראָלעטאַריאַט.

די פרוי האָט צוגעגעבן מיט אַ ניואַנס פון שטאָלץ:

— איך בין גישט שטענדיק געווען אָרעם! מיין מאַן, אַ צאָל-באַאַמטער, איז פאַר אַ יאָר געשטאָרבן. מיר האָבן געהאַט אָבליגאַציעס פון די רוסישע הלוואות און עטלעכע מלוכהשע פּראָ-אָבליגאַציעס... ס׳איז אויסגעקומען זיי צו פאַרקויפן צו דריי צענט-פּאַפּירן... פראַנק פאַר הונדערט. דאָס וואָס עס איז פאַרבליבן, קלעקט פונקט כדי צו באַצאָלן יעדן טאָג דעם בעקער פאַר פיר לעבלעך ברויט, וואָס מיר מוזן האָבן. און זייענדיק אַ העפטערקע, אַרבעט איך פופצן שעה אין מעת-לעת און פאַרדין אַרום דריי הונדערט פראַנק אַ חודש. נאָר אַזוי ווי מ׳האָט אונדז עקסמיסירט פון מיין וווינונג, איז אונדז אויסגעקומען זיך איבערצוציען אין מעבלירטע צימערן. כמעט אַלץ גייט אַוועק אויף דירה-געלד פאַרן צימער מיט איין בעט, וווּ איך שלאָף מיט מיינע טעכטערלעך און דאָס נעבן צימער איז פאַר די יינגלעך... כ׳בעט אייך, האָט רחמנות...

אירע אויגן, האָבן געהאַט אַן אויסדרוק פון אַ חיה, וואָס האַלט ביים אַרויסלאָזן איר לעצטן אָטעם. זיי זענען איבערגעגעגאַנגען פון פרעדריקען אויף ספּין:

— איך אַליין — האָט זי ווייטער געזאָגט — קען נאָך איבערטראָגן נויט, אָבער מיינע קינדער!... וואָס וועט זיין מיט זיי! היינט אינדערפרי האָב איך געהאַט בלויז אַ שטיקל קעז... אויף אָוונט-ברויט האָב איך שוין גאָרנישט.

אַן אויפגערעגטע, האָט זי ספּי געצוווּנגען איבערחזרן דאָס וואָס זי האָט דערציילט און אַלץ פאַרשריבן. די מאַקעדאָנערין האָט אָבער די פרוי אָפּגעפּטרט און משלך געווען:

— צום ווידערזען. כ׳וועל אַליין היינט אַריינגיין צו אייך. אין אָוונט, — האָט זי צוגעגעבן, ווייכער ווערנדיק... ווער ווייטער?

ס׳איז אַריינגעקומען אַ מאַנספּערשוין פון אַ יאָר פערציק, אַ דאַרער, מיט שיטערע האָר און האָט זיך געהאַלטן זייער נישט דרייסט. אַ פּנים אַז ספּי און פרעדריקע האָבן אים זשעניררט.

— איר זענט פאַרשריבן?

— ניין.

— נאָך וואָס זענט איר געקומען?

— נאָך אַרבעט. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז איר ווייזט אָן, וווּ מ'קען געפינען אַרבעט. כ'בין אַ מטופל מיט זעקס קינדער.

די שטאַרקע מאַדמוּאַזעל לעוויסקע האָט געענטפערט, אַז ער וואָלט נישט געדאַרפט די קינדער ברענגען אויף דער וועלט. אויב ער איז נישט געווען זיכער, אַז ער וועט זיי קענען אויס-האַלטן.

— צי האָב איך דען געקאָנט וויסן? די צייטונגען, די דעפּוטאַטן לאָקן אַלץ און געבן צו חשק צו האָבן וואָס מער קינדער, וועלכע זענען ממש אַ גליק פאַר דער מלוכה... מ'הערט נישט אויף צו ריידן וועגן שטיצע פאַר די פאַרפאַלקן, וואָס האָבן פיל קינדער!... איך זוך איצט אַ שטעל. פאַר מיין מוזיניקל, וויל מען מיר נישט געבן די פּרעמיע פון 56 פראַנק, ווייל מיין מו-זיניקל איז אַ מיידעלע... צי הייסט עס נישט, אַז געבנדיק פּרע-מיעס (מ'שטיינס געזאָגט, וואָסער פּרעמיעס) בלויז פאַר ייִנגלעך, טוט עס די מלוכה בלויז צוליב דעם, וואָס זי בייטיקט זיך אין קאַנאָנען-פלייש?...

ספּי האָט איבערגעשלאָגן...

— כ'האָב געמיינט, אַז די פּרעמיע ווערט געגעבן אָן אונ-טערשייד, צי דאָס קינד איז אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל.

— אַנטשולדיקט! אַ ייִנגל — באַקומט מען די „פּרעמיע". ווען אָבער אַ מיידל — איז קדחת מיט קרענק. זיי גייט עס נישט אָן, וואָס דאָס האָבן אַ מיידעלע איז פאַרבונדן מיט די זעלבע ליידן און הוצאות, ווי ביים האָבן אַ ייִנגעלע. זיי דאַרפן זעלנער און מער גאָרנישט.

— איר האָט דאָך פונדעסטוועגן באַקומען אַ פּרעמיע פון הונדערט פראַנק פאַר אַ קינד? — האָט פּרעדריקע באַמערקט.

— כ'האָב אָנגעגעבן אַ בקשה, אָבער גאָרנישט באַקומען.

— דאָס וועט לאַנג נישט דויערן. דאָס זעקסטע קינד! דאָס מאָל וועט אויסקומען דערויף זעקס הונדערט פראַנק.

— יאָ, נאָר דריי הונדערט פראַנק באַלד, און דריי הונ־דערט אין אַ יאָר אַרום, אויב דאָס קינד וועט לעבן. איר פאַר־שטייט דאָך אָבער גאַנץ גוט, אַז ביי אַ פאַמיליע פון אַכט נפשות קען מען גוט אויסזען ביי אַזאַ נישטיקער שטיצע, ווען מ'פאַרדינט אַליין גאָרנישט... היינט די קראַפּאָטן, וואָס מ'האָט ביים אַרויסבאַקומען דידאָזיקע שטיצע!...

ספּי און פרעדריקע האָבן דאָ געהאַט צו טון מיט אַ שווערן בעל־דבר, אַ מענטש, וואָס איז ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט, וואַרפט אַרויף די גאַנצע שולד אויפן כלל, פאַרגעסנדיק אָן זיין אייגענעם גרעסטן חלק שולד...

— די מלוכה טוט אַלץ, וואָס זי קען, מיין פריינט. ווען ס'ווערט געבוירן אַ קינד, באַקומט איר שטיצע פון אומעטום: אַ קימפּעטאָרן־אַנשטאַלט אומזיסט, אַ פּרעמיע, אַפּטייק, אַ פּרעמיע אויף אויסצוהאָדעווען דאָס קינד, שטיצע פאַר פאַמיליעס מיט פיל קינדער, שטיצע פון פּריוואַטע געזעלשאַפטן און פאַל פון אַ קרענק. אויב דאָס איז נישט גענוג און אויב דאָס אַלץ קען נישט באַזייטיקן די נויט — טאָ ווער איז שולדיק?... אַ, זאָגט?

— שולדיק זענען די גבירים, וואָס באַהאַלטן אויס וואָס זיי האָבן איבער און איבער, אַנשטאָט דאָס אַוועקצוגעבן אונדז.

— ניין, מיין פריינט. אָרעמעלייט, ווי איר, זענען פאַראַן אין די טויזנטער. אַרבעט אויף מקצר צו זיין דעם קאַפּיטאַל און דעם ווילן פון דער מלוכה, און די מלוכה, זייענדיק אַ פאָטער פון אַלע קינדער, וועט העלפן אַלעמען גלייך... נאָר דאָס זענען בלויז ווערטער, מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך?

— כ'בין אַ געוויינטלעכער אַרבעטער.

— פאַרשרייבט, מאַדמואַזעל... אייער פרוי אַרבעט?

— זי ליגט צו בעט... האָט נאָך אַ קימפּעט־פיבער!

פרעדריקע האָט אַ צוק געטון מיט די אַקסלען. זי איז געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט פון אַזאַ אומבאַוווסטזיניקייט.

— גוט, מ'וועט נאָך היינט זיין ביי אייך.

ער האָט באַדאַנקט און איז אַוועקגעגאַנגען.

— מער שוין קיינער נישטאָ?

אַ געוויש פון פאַרמאַכנדיקע טירן און פאַנאַנדערפּענען די פענסטער. פרעדריקע האָט זיך צוריקגעקערט:

— וואָסער שלעכטער ריח עס איז און פאָדער-צימער! איך האַלט, אַז דאָס דערנידעריקסטע אין אָרעמקייט איז דער שמוץ... כל-זמן מ'קען נאָך בלייבן ריין, — ווי די קליינע קליינבירגערלעכע פרוי, וועלכע האָט אייך אַזוי גערירט, — איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג. אָבער מיטן שמוץ קען מען פאַרפאַלן ווערן... נו, מיין עמפּינדלעכע נשמה, איך לאָז אייך איבער אַליין. כ'מוז גיין באַגעגענען אַ חברטע... איר וועט אָנעמען די איבעריקע אינטערעסאַנטן... ביז מאָרגן! זייט מיר געזונט און שטאַרק?

אַ דריק טוענדיק די האַנט, מעשה-מאַנספּערשוין איר געהילפין, האָט פרעדריקע אָנגעטון דעם הוט אויף אירע קורץ-געשוירענע האָר און איז אַרויס פון ביוראָ, ממזריש-פריינטלעך אַ מאַך טוענדיק מיטן קאָפּ ספּין.

בלייבנדיק אַליין, האָט ספּי ווייטער סאָרטירט די אָנגעקומענע פּאַפּירן מיט בקשות וועגן שטיצע. זי האָט אָנגעקלונגען. איר האָט זיך געוואָלט אויסנוצן די שטילקייט, כדי זיך דורכצושמועסן מיט אַ פּאָר דאַמען, וואָס שטעלן צו אינפאָרמאַציעס וועגן די, וואָס וועגדן זיך אין דער אינסטיטוציע נאָך הילף. ס'איז אָבער אַריינגעקומען די מאַשיניסטקע און האָט מיטגעטיילט, אַז מאַדאַם קסאַוויע און מאַדאַם לאַוואַלאַד, וואָס שטעלן צו די דאָזיקע אינפאָרמאַציעס, זענען שוין אַוועקגעגאַנגען.

אַ אָנגעמאַלעוועטע בלאָנדינקע איז די דאָזיקע מאַשעניסטקע געווען מיט אַ מאַט שמייכעלע, געקליידט האָט זי זיך שרייעדיק-עלעגאַנט און איז געווען אַזוי צערטלעך ליבנסווירדיק, אַז ספּי האָט פון די ערשטע טעג אָן שוין פאַרשטאַנען, און וואָס עס האַנדלט זיך און וואָס פאַר אַ פייגעלע דאָס דאָזיקע מיידעל איז. צומאָרגנס האָט ספּי זיך דערוווסט פון דער מאַדאַם לאַוואַלאַד, וועלכע האָט געהאַט ניין מאָס רייד, אַז די שיינע בלאָנדינקע איז געווען אין נאָענטע באַציונגען... מיט וועמען?... מיט דער מאַדאַם קסאַוויע וועלכע האָט אויך, פּונקט ווי די בלאָנדינקע, מורא פאַר מאַנספּערזאַנען...

וועגן דעם האָט געוווּסט דאָס גאַנצע בּיורא.

ספּי האָט געעפענט דאָס פענסטער. די שאַרפע פאַרפּוס-ריחות פון דער בּלאָנדיקע האָבּן זי געשטיקט. זי איז איבּערגעלאָפן דעם ראַפּאָרט, וועלכן יענע האָט אַריינגעבּראַכט. וואָס מער דער תהום פון ליידן האָט זיך פאַרבּרייטערט און פערטיפט פאַר ספּין, אַלץ ווייניקער האָט זי פאַרשטאַנען דעם פאַקט, וואָס פרעדריקע ווערט אַזוי פון איר אָפּגעפרעמדט זי איז צוגעגאַנגען צו א פּאָליצע און אַראָפּגענעמענדיק פון דאָרט אַ טעקע נאָך א טעקע, האָט זי קאָנטראָלירט די אינפאָרמאַציעס מיט פריערדיקע אויסקונפטן:

„מאַרשע, אַנטואַן, עמיל, 37 יאָר אַלט אַ פאָ-טער פון פינף מיידלעך. פאַרגיפטעט אויף דער מלחמה דורך גאַז. אַרבּעטן זיצנדיק איז אים פאַרבּאָטן, פונקט ווי האַנט-אַרבּעט. א קאָמיוואָיאַזשער. האָט פיר הונדערט פראַנק א חודש. (ער האַלט אויס אַ פאָטער—אַן אַר-בּייטער מיט אַ עמיראַטור פון 150 פראַנק אַ חודש נאָך 52 יאָר אַרבּעט אויף איין און דער זעלבּער פאַבּריק)...

מאַרשאַל לויזע, אַ פאַבּריק-אַרבּעטערין. אַן אַלמנה פיר קליינע מיידלעך. זיך צעבּראָכן א פוס מיט צוויי חדשים צוריק. ליגט נאָך אין שפּיטאָל. דער פאָטער, א קראַנקער, קען נישט אַרבּעטן רעגולער. איבּער די קינדער האָט די השגחה א שכנטע.

פערעז, לעאָן, אַ הוליאַוש, אַכט און פערציק יאָר אַלט, ניין קינדער. פאַראַליזירט. אַ מוטער, וועל-כע איז קורץ פאַר דעם אויסגעהיילט געוואָרן פון טיפוס. אַרבּעט איבּער די כּוחות...

ספּי האָט, טיף אָפּזיפצנדיק, אַוועקגעלייגט צוריק אויף די פּאָליצעס די שוידערהאַפטע צייגנישן פון טרויעריקע גורלות. איר האָט אַרומגעכאַפּט אַ מאַכטלאָזער צאָרן קעגן דעם מענטש-לעכן עגאָיזם, וועלכער שאַפט אַזא טרויעריקע לאַגע. ספּי האָט געקריצט מיט די ציין, אויפגעבּראַכט קעגן דער מאָדערנער

ציווילִיזאַציע, וועלכע טאָלערירט אַזאַ לאַגע," און קעגן דער
עשירות, וואָס איגנאָרירט די לאַגע פון די אומגליקלעכע...

מענטשן מיט שטריכלאָזע פנימער, וואס רייצן, קאָן זיין נאָכמער, צוליב זייער נאָמענלאָזיקייט... אַזעלכע פנימער אָן שטריכן זענען געוואָרן אַלץ מער און מער. זייער פאַרצווייפלט אַרט שטויסן זיך האָט איר פלוצלינג דערמאָנט אָן מעקעדיקע סטאַדעס בהמות, וועלכע זי האָט געזען אויפן וועג, וואָס מען פירט צום שלאַכט-הויז... אויך דאָ איז די מענטשלעכע בידלע געגאַנגען צום טויט מיט חילבלאָזע געשרייען, בחינם אויפהייבנדיק זיך אויף די הינטערשטע פיס...

ז׳

שוין דריי חדשים זייט ספי אַרבעט אין דער געזעלשאַפט.
זי פילט, אַז זי וועט קיינמאָל נישט דערגרייכן צו פרעדרי־
קס קלוגשאַפט און פראַקטישע אָנשוויונגען אויף מענטשן. אין
דער טיפקייט פון ספיס נשמה פאַרנעמט נאָך דער אַלטרויזם
און רחמנות־געפיל אַ נישט קליינעם אָרט, און דערדאָזיקער אַל־
טרויזם וואַרעמט און דערקוויקט איר צאַרטע נשמה.. אָבער די
איבעריקע, אירע קאָלעגעס — דאָס זענען אַלע מענטשן מיט
אַ גרויסע דאָזע עגאָיזם מענטשן מיט פאַרשטיינערטע הערצער,
וואָס דער גורל פון די אומגליקלעכע און געפּלאָגטע הייבט זיי,
אייגנטלעך, נישט אָן צו אינטערעסירן. די דירעקטריסע פון דער
געזעלשאַפט. וואָס האָט קורצלעך ווידער אָנגענומען איר אַמט,
זעט אין ספין אַ מין קאָנקורענטקע און שטעלט אונטער אַ
חשד איר איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט. דאָס איבעריקע
פּערסאָנאַל, די מאַשיניסטקעס און די קאַסירער... דאָס זענען
אָנגעשטעלטע, וועלכע גייען אַוועק צו דער ארבעט. ווי דער
הונט אין ביידל אַריין, שטענדיק וואַרטשענדיק אויף די, וועל־
כע די געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט פאַר אַ צוועק אָנצונע־
מען און פאַרטיידיקנדיק, זיי צו דערציען.

דאָס וואַרעמסטע רחמנות־געפיל האָט אַלץ מער און מער
באַהערשט ספין און זיך אין איר אַנטוויקלט אויפן רעכענונג
פון פיל אַנדערע געפילן. זי איז געוואָרן אַן אמתע אַפּאָסטעל,
באַגנוגנדיק זיך מיט קלייניקייטן, טיילנדיק זיך מיט איר

הכנסה און פאַרקלענערנדיק איר קאָמפּאַרט, אָפּרייסנדיק זיך נאָר עטלעכע שעה אין מעת-לעת און מאַכנדיק זיך פאַרוואָרפן פאַר די קלענסטע באַקוועמלעכקייטן, וועלכע זי פלעגט זיך דערלויבן...

זי איז נאָך מאָגערער געוואָרן, ווי פריער. פּאַקאָן איז עטלעכע מאָל אויסגעקומען איר צו זאָגן מוסר און פאָרוואַרפן, הלמאי זי הוט זיך נישט אָפּ און זאָרגט זיך נישט וועגן איר געזונט אפילו...

צו וואָס? זי האָט זיך קיינמאָל נישט געפילט מונטערער, וויפילמאָל האָט זי שוין איבערגעחזרט, אַז פון איר איז געבליבן בלויז נשמה.

אַלץ מער און מער באַאומרויקנדיק זיך וועגן זיין פלעמעניצע, האָט דער גוטער פּאַקאָ, געשטיצט פון לוסיענען, נעפּרוווט זי אָפּרייסן פון דעם, וועלכעס זי האָט געהאַלטן פאַר איר מיסיע און וואָס ס'איז פאַר איר געוואָרן ממש אַ באַדערפעניש, עטיענעט. וועלכער פּאַקאָ האָט אָנגעשריבן אַ בריוו און איר אַלץ דערציילט וועגן ספין, האָט אומזיסט איר פאָרגעלייגט אין נאָמען פון שזורדאַנען, אַ שטעל פון אַ סעקרעטאַרין אין גראַס.

אויב זי שרייב נאָך אַ ביסל אין טאָג-בוך, וועלכע זי ווידמעט פיערן, זעט שוין די חיה אויס וועלכע האָט נאָך מיט עטלעכע חדשים צוריק געריסן איר הארץ –, איצט, ווען זי רופט אַרויס דאָס געשטאַלט פונם פאַרשטאָרבענעם, שוין אַ סך באַרויקטער, זי רייסט שוין איצט נישט אַזוי ספין דאָס הארץ. די ווונד ווערט אין איר אויסגעהיילט אונטער דער לאַנגזאַמער, וואונדערבאַרער ווירקונג און קוראַציע פונם טעגלעכן לעבן אין וועלכן די דערינערונג גופא ווערט אַ מין פאַרגעסונג.

זי פילט צייטנווייז אַ באַוווּנדערונג פון אַ מענטשן, וואָס ווערט געזונט פון אַ שווערער קרענק. איר אָרגאַניזם, וואָס האָט אַריבערגעטראָגן אַזוי פיל נסיונות, האָט פאַרלאָזן די פעיקייט צו ליידן. אירגוף, נאָך אָן ליידנשאַפטן, פילט נישט קיין שום באַגער. קיינמאָל, דאַכט זיך איר, וועט זי נישט אויפגערעגט ווערן. דאָס איינציקע, וואָס איז נאָך מסוגל אַרויסצורופן ביי איר אַ ציטער, — איז דער שרעק פון די צרות און ליידן, וואָס

זי זעט זיך אָן די גאַנצע צייט, וואָס זי קומט אין אַזאַ ענגער באַרירונג מיט די אומגליקלעכע אָרעמע מענטשן, וועלכע ווענדן זיך נאָך שטיצע אין דער אינסטיטוציע, ווו זי אַרבעט אלס סעקרעטאַרין, אַ ציטער פון פאַרדרוס קען ביי איר אויך אַרויסרופן דאָס באַוווסטזיין, אַז מ'איז נישט בכוח די אַלע אומגליקלעכע צו העלפן און צו פאַרלייכטערן זייער שווערן גורל. ספּי האָט זיך געפילט שטאַרק נידערגעשלאָגן פונם באַוווסטזיין, אַז אויף דער וועלט הערשט אַזאַ אומגערעכטיקייט און אַז ס'זענען פאַראַן אַזוי פיל, אַזוי פיל אומגליקלעכע, געדרודפטע און געפּלאָגטע, פאַר וועלכע דאָס לעבן איז ממש אַן אָפּקומעניש, אַן אמתער גיהנום, זי האָט שטאַרק מאָראַליש געליטן און זיך געפילט אַזוי איינזאַם. זי האָט זיך צוגעבונדן צו עטלעכע פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך געווענדט אין דער אינסטיטוציע נאָך הילף, און פלעגט זיי באַזוכן אלס גוטער פריינט. שפּעטער איז זי געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז סוף-כל-סוף איז אַלץ, וואָס מיט איר איז געשען, געווען לטובה. „ווען פּיער וואָלט געלעבט, — האָט זי זיך געטראַכט, — וואָלט איך געוואָרן אַ קליינע עגאָיסטקע. וואָס לעבט נאָר פאַרן אייגענעם גליק און ווויל, נישט זאָרגנדיק זיך וועגן דער צוקונפט".

פּאַקאָ האָט געהאַלטן, אַז מיט דער צייט וועט מיט ספּין פאַרקומען אַ אינערלעכע איבערקערעניש און אַז איר איצטיקע ליידנשאַפט, איר הייסע שטרעבונג צו אַרבעטן אויפן געביט פון פילאַנטראָפּיע, וועט מיט דער צייט איבערגיין אויף אַ יחד, מיט אַנדערע ווערטער, אַז זי וועט זיך נאָך פאַרליבן אין עמעצן.

— זי איז דאָך אַלט אינגאַנצן דריי און צוואַנציק יאָר, — האָט ער זיך געקלערט -- דער לעבנס-אינסטינקט האָט נאָך ביי איר נישט אַרויסגעזאָגט זיין לעצט וואָרט...

מוניע איז נאָך דריי חדשים באַמיונגען, ענדלעך איבערגעפירט געוואָרן אויף אַן אַנדער אָרט. ווער ווייסט, אפשר איז דאָס אַ זווג פאַר ספּין און אפשר וועט אים באַשערט זיין צו ווערן איר גואל?

דער קאַליקע, וועלכער איז שטאַרק אין איר געווען פאַרליבט, (אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך אין דעם מודה געווען

פאַר זיין פריינד פּאַקאָן), האָט געטרוימט וועגן דעם, ווי אַזוי צו קענען ווירקן אויף ספּין, זי זאָל אים ליב קריגן. פּאַקאָ, וועלכער האָט אין דעם פריער נישט געגלייבט, האָט אָנגעהויבן אויף דעם צו האָפן. מ׳דאַרף נאָר וויסן, ווי אַזוי צוצוטרעטן צום ענין. מ׳דאַרף זי פּאַמעלעך צו דעם צוגרייטן, אַז זי זאָל גאָר נישט קענען חושד זיין.

לעצטנס האָט ספּי שטאַרק אָנגעהויבן צו אַכטן פרעדריקען וועלכע האָט אונטער אַ קאַלטער אויסערלעכקייט געהאַט אין זיך אַ גוט, וואַרעם האַרץ. ספּי איז איצט שוין געווען כמעט אינגאַנצן איינשטימיק מיט איר וועלט-אנשויונג, און וואָס מער זיי זענען ביידע געוואָרן באַפריינדעט, האָט ספּי אַלץ מער איינגעזען, אַז זייערע ביידעס אנשויונגען זענען זייער ענלעך. ספּי האָט זיך אויך באַפריינדעט מיט איר חברטע, געניע פּריסלאָוויע וועלכע פרעדריקע איז אַמאָל אַוועק באַגעגנען. תחילת האָט זיך ספּי געהאַט באַצויגן צו איר מיט מיסטרוי, דערנאָך שוין מיט אַ אינטערעס.

דאָס ערשטע מאָל אויף איר לעבן האָט ספּי זיך אָנגעהויבן צו באַגעגענען מיט פרויען, נישט נאָר פון אַן אַנדערער נאַציאָנאַליטעט, נאָר באַכמער, מיט פרויען, וואָס געהערן צו א ראַסע, וועלכע איז, אָנשטאָט דער פאַרדינטער סימפּאַטיע, געווען אַ געגנשטאַנד פון אַ אומגערעכטיקער און נישט פאַרדינטער שנאה. געניעס, פּונקט ווי פרעדריקעס מוטער זענען געווען יידישע טעכטער און אַלס געבוירענע פון יידישע מוטערס, זענען זיי ביידע אויך געווען יודישע טעכטער. טראָץ די געוויינטלעכע פאָראורטיילן, בנוגע יידן, האָט ספּי אינגיכן געמוזט אָנערקענען אַז זיי ביידע באַזיצן אַ טיף געפיל פון אחדות און אַז זייער פאַרשטאַנד צייכנט זיך אויס מיט אַ זעלטענער ביינזאַמקייט און טיפקייט, מיט וועלכע מענטשן פון דער לאַטיינישער ראַסע קענען זיך נישט איבערנעמען.

געניע פּריסלאָוויע איז לויט איר אָפּשטאַמונג געווען א רוסישע. זי איז אָבער אויך געבוירן געוואָרן אין מאַקעדאָניען און דאָרט האָט זי זיך — אין די טעג פון דער מלחמה – באַ-

פריינדעט מיט פרעדריקען, וועלכע האָט, ווי זי, שטודירט מעדיצין.

געניע פריסלאָוויע האָט — אַ חוץ אירע איינגעבוירענע מעלות און איבערגעגעבנקייט צום ענין פון די סאָוויעטן, געהאַט נאָר געפילן, וועלכע זי האָט אָנגערופן אינדיווידועלן קאָמוניזם.

דאָס איז געווען אַ פּאַראַדאָקסאַלער נאָמען, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל אַרויסגערופן אַ שמייכל ביי ספּין, וועלכע האָט אָבער ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרשטיין זיין זין. אַ רעוואָלוציאָנערין, בלייבנדיק איבערגעגעבן דעם באָלשעוויסטישן אידעאַל, האָט זי בנוגע אים אָנגעווענדט אַ בייגזאַמע דיסציפּלין און פרייהייט — וואָס ווערט אָנגעווענדט אויפן רעכט פון דענקען און טאָט.

זי איז געווען אַ קליינינקע, אַ רונדע, מיט אַ קערפּער־בוי פון אַ מאַנספּערזאָן.

זי איז געווען געהילפין און סעקרעטאַרין פון אַ באַקאַנטן כירורג — נאָר קיין רעכט אויף פּראַקטיצירן, אַלס אייגנטימערן פון אַ אויסלענדישן דיפּלאָם, האָט זי נישט געהאַט. זי האָט מיט פרעדריקען געלעבט זייער גוט און זי געשעצט מאַטעריעל, בעת זי האָט געוווינט אין מאַרסעל. פריסלאָוויע האָט אפילו אַרייַנגענומען פרעדריקען צו זיך אין וווינונג און איר דאָרט אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער. נעבן דעם צימער, וועלכעס זי האָט פאַרדונגען דעם יונגערן ברודער פון דער מאַקעדאָנערין, אַלעקסאַנדער לעוויסקע. נאָכן ענדיקן דעם יורידישן פאַקולטעט האָט אַלעקסאַנדער לעוויקסע אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין מאַרסעל. אַ פראַנצויז כמעט אויף אַזוי פיל, ווי אַ מאַקעדאָנער, איז ער, — פּונקט ווי זיין שוועסטער נאָך דער מלחמה געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זיין היימאַט, וואָס פאַר איר אומאָפּהענגיקייט האָט ער אַזוי ליידנשאַפטלעך געקעמפט.

ספּי האָט פון דער ערשטער רגע אָן זיך אָנגעהויבן צו באַציִען צו אים מיט סימפּאַטיע, ער איז איר שטאַרק געפעלן געוואָרן צוליב זיין כאַראַקטער, אַ פיל עקספּאַנסיווערן, ווי פרעדריקעס, נאָר מיט דיזעלבע שטריכן פון גראָדליניקייט, ווי אירער.

ספי האָט זיך נישט געשעמט אים צו דערציילן וועגן איר פאַרגאַנגענהייט, אפילו וועגן פיערן. זי האָט אַלעקסאַנדערן אַלץ דערציילט מיט א פאַרשטענדלעכער צופרידנקייט — אגב וואָס זי האָט געפונען אַ חבר כמעט אין אירע יאָרן, וואָס איז גרייט זי אויסצוהערן און פאַרשטייט זי טאַקע. זי האָט אויך גאַנץ גערן אויסגעהערט זיינע דערציילונגען, וואָס ער האָט איר חבריש פאַרטרויט.

צווישן זיי האָט זיך גיך אָנגעקניפּט א פריינטשאַפט. דאָס איז געווען א ליבע פון היציקע נשמות, וואָס מיינען, אַז דער גוף וועט נישט פאָדערן זיין חלק שפּ...

אַלעקסאַנדער לעוויסקע האָט זיך נישט פאַרנומען מיט קיין זעלבסט-אנאַליז אָפּגעבנדיק זיך גאַנצע טעג זיין פּראָפּעסיע און די פּאַטריאָטישע פליכטן פון א עמיגראַנט.

ספי האָט אינגיכן באַמערקט, אַז געניעס וווינונג איז געוואָרן א צענטער פון די באַלקאַנישע ביעזשעניצעס. כמעט אַלע פּאָליטישע קעמפער, וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן די רעגירונגען פון מזרח און צענטראַל-אייראָפּע, וועלכע האָבן יעדער אין איר מלוכה — אונטערדריקט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אָדער פשוטער, דעם סאָציאַלן פּראָגרעס.

געניע אַלעקסאַנדער און פרעדריקע זענען געווען די נשמה פונם דאָזיקן קרייזל, ווו ס'פלעגן אָנקומען אַרבעטער-צייטונגען, ווו ס'פלעגן אָרגאַניזירט ווערן פאַרשווערונגען קעגן דער טריומפירנדער רעאַקציע, ווו ס'פלעגן צוזאַמענגעשטעלט ווערן אַרטיקלען און אויפרופן פאַרן מאַקעדאָנישן ענין, וואָס איז געווען פאַרבאָטן אין דער טעריטאָריע, ווו ס'האָבן געווילדעוועט די סערבן און די גריכן און זי אונטערדריקט.

נישט איינער פון דיזאָזיקע יונגע לייט איז נישט געווען אויסן זיינע פּערזענלעכע נוצן און אינטערעסן און וועגן דעם גאָרנישט געטראַכט. אַלע האָבן געטראַכט פון איין אידעאַל און מיט דעם אידעאַל זענען זיי אַלע געווען באַגייסטערט — צו פאַרייניקן זייערע קליינע פעלקער אין אַ פאַרבאַנד פון רעפּובליקן...

וויפיל מאָל האָבן געניע און פרעדריקע געוויזן ספין —

אין דער נייער מאַפּע. וואָס געניע האָט געקויפֿט און וואָס האָט אַנטהאַלטן אַלע ענדערונגען פֿון די גרענעצן — די שטעט פֿון זייער היימאַט! ביטאָליע, פּרילעפּ... נאָר, פֿאַרנומען מיט אירע פּערזענלעכע איבערלעבונגען און (נישט קוקנדיק אויף די דערקלערונגען, וועלכע דער פֿעטער האָט איר געגעבן) שוואַך זיך אָריענטירנדיק אין דער געשיכטע פֿון דער לעצטער תּקופֿה, — אין דער, וועלכע גאָר ווייניק מענטשן קענען בכלל, — האָט ספּי ביז איצט זיך באַצויגן צו די דאָזיקע ווייטע באַשעפֿענישן און ווייטע געשעענישן מיט אַ העפֿלעכע גלייכגילטיקייט.

איצט, ווען פּאַקאָ האָט געמאַכט זיין געשעפֿטלעכע רייזע, און איז געווען אין וועג, האָט ספּי געגעסן מיטאָק ביי אירע נייע חברטעס.

ווען מ'האָט זיך איבערצייגט, אַז אויף ספּין קען מען זיך פֿאַרלאָזן און מען מעג צו איר האָבן דעם גרעסטן צוטרוי, האָט מען זי צוגעצויגן, זיך צו באַטייליקן אין די פֿאַרזאַמלונגען, וואָס קומען פֿאָר אין אָוונט. דאָס איז געווען אַ מין איבעקערעניש אויף וועלכן איר פֿעטער האָט זיך נישט געריכט און נישט פֿאָרויס געזען. די עקזיסטענץ פֿון זיין פֿלימעניצע האָט נאָכאַמאָל געמוזט באַקומען אַ טרייסט.

V

אַלעקסאַנדער און סאַנטאַ וועלן דאָ באַלד זײַן — האָט אַמאָל אין אָוונט פרעדריקע מיטגעטײלט מיט אַן אויסערגעוויינ־לעכער אויפרעגונג.

— ס׳וועלן קומען נאָך עטלעכע פרײַנט, — האָט גענינע געזאָגט, אַפּרוּימענדיק פון טיש די שריים פונם באַשיידענעם מיטאָג, בעת פרעדריקע האָט אַרויסגענומען פון שראַנק טשאַס־טעס. וועלכע זי האָט אָנגעגרייט צוליב סאַנטאַס קומען. זי האָט אויסגעטרייסלט דאָס טישטוך און אַוועקגעשטעלט אַרום דעם סאַמאָוואַר ריינע מעצלעך.

ספּי, נישט וועלנדיק קיינעם זשענירן מיט איר אַנוועזנהייט, האָט זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין.

— כ׳גיי אַוועק.

— פאַרקערט, טייערע מײַנע, כ׳מיין, אַז...

— איר דאַרפט בלייבן!

גענינע האָט באַפעלעריש פאַרענדיקט די איינלאַדונג.

זיי פלעגט אָפט אויסקומען, איינס דעם אַנדערן, צו פאַרענ־דיקן די אָנגעהויבענע פראַזע, אויף וויפיל זייערע געדאַנקען זענען זיך נישט סותר געווען און ווען זיי האָבן פון דער אָדער יענער זאַך געהאַט איינע און די זעלבע מיינונג.

— איר דאַרפט וויסן, אַז סאַנטאַ איז מײַנער אַ קרוב. ער האָט טעלעגראַפירט, אַז ער איז געצוואונגען אין דער גיך

צו פאַרלאָזן די היימאַט... ער קומט צו פאָרן ניין אַ זייגער...
אַלעקסאַנדער איז אַוועק אים באַגעגענען.

— איך שטער אייך נישט!

געניע האָט פאַרוואונדערט אויף איר אַ קוק געטון.

— איר זענט אונדזער פריינט, אָדער נישט? איר דאַרפט אַליין וויסן. וואָס אָנבאַלאַנגט די אַנדערע חברים, זענען עס צוויי סטודענטן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין חשק זיך צו באַקענען מיט דער רומענישער יוסטיץ איוואַן פּרעטאָוו און כריטאָ מאַניוסיו; דער דריטער איז אַ סוחר פון סקאָפּיע מיטן נאָמען פּעאָוו, וואָס די באַנדע פון דער ווייסער האַנט האָט צעראַבירט זיין מאַגאַזין... דער פערטער איז קיריל סאָרגעוו, אַ אַרבעטער אין אַ טאַבאַק-פאַבריק, וועלכן ס'איז, ווי סאַנטאָן, געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון די הענט פון דער סערבישער פּאָליציי... פּעאָוו, קיריל און סאַנטאָ זענען מאַקעדאָנער פון אַ ריין בולגאַרישער אָפּשטאַמונג. כ'בין זיכער, אַז ער וועט וויסן ווי אָפּצושאַצן אייער כאַראַקטער... מיר וועלן אייך אַרויס אַ זייער גרויסן ציטרוי, ווייל מיר, כמעט אַלע מוזן זיך אויסבאַהאַלטן...

— זייט רויק! איך, פּונקט ווי איר, שעץ זייער ערלעכקייט. נאָר אין דעם אַלעם איז פאַראַן אַ נישט קלאָרקייט, וועלכעס אינטערעסירט מיך... די אַלע פריינט אייערע, פון וועלכע איר רעדט, זענען נישט צופרידן — צו וואָס פאַר אַ מלוכה זיי זאָלן נישט געהערן — מיט דעם, וואָס עס קומט פאַר נאָכן קריג כ'האָב געמיינט, אַז די מלחמה האָט געבראַכט צו דער זעלבסטבאַשטימונג פון די פעלקער, און אַז דער ווערסאַילער טראַקטאַט...

געניע האָט אויסגעשריען:

— דאָס איז אַ פּולווער-קעלער אין מיטן פון אַ אַליוון-וועלדל.

— פאַרוואָס? און די רעכט פון די פעלקער?

דער אויסדרוק פון געניעס פּנים איז געוועזן אַזאַ קאָמישער, אַז אַלע דריי האָבן זיך צעלאַכט.

— ספּי, איר ווייסט אַליין נישט, ווי חנעוודיק איר זענט...

אָבער גלייכצייטיק זענט איר דאָך שרעקלעך אומוויסנדיק! איר קענט געאָגראַפיע?

— איך בין אַ פּראָווינציאַלקע — האָט ספּי איראָניש זיך אַנטשולדיקט, נאָר זייענדיק זייער פֿלייסיק, וועל איך, קען זיין, סוף־כּל־סוף קענען אונטערשיידן בוקאַרעשט פֿון בודאַפּעשט!

— יאָ, איר זענט קלוג, נישטאָ וואָס צו זאָגן... און איר האָט אַלגעמיינע באַגריפֿן. כ׳ווייס עס... דערפֿאַר טאַקע האָבן מיר אייך ליב, אָבער אַנדערע...

— ס׳זענען פֿאַראַן פֿיל, וואָס זענען מער געבילדעט, ווי איך.

— וואָס קומט אַרויס אַז זיי זענען געבילדעט, אַז זיי אינטערעסירן זיך נישט מיט קיין זאַך, וואָס האָט נאָר נישט קיין שייכות צו זייער אייגענער פּערזאָן און צו זייערווירטשאַפֿט! ווי אַזוי וואָלטן זיי, ווערנדיק אַזעלכע עגאָיסטן, זיך געקענט אינטערעסירן מיט דער פּאָליטיק פֿון זייער לאַנד און בפֿרט נאָך מיט דער פּאָליטיק פֿון אַנדערע מלוכות! און וואָס וואָלטן זיי געטון מיט דער וואַל־ליסטע?

— אײ־אײ־אײ, זענט נישט ברוגז, מיין טייערע, און רעגט זיך נישט אויף! וואָס־זשע ווילט איר, אַז אַלע זאָלן זיין אַזעלכע ערלעכע און קלוגע, ווי איר? איר זענט דאָך כּמעט אַ אוניקום — איינע פֿון יענעם הייפֿעלע מענטשן, וואָס האָבן ליב דעם אמת און גערעכטיקייט און זוכן זיי...

— כ׳קען וועגן זיך נאָר זאָגן, אַז כ׳האָב, לפּחות, פֿיינט דעם ליגן. כ׳ווייס, אַז דער ליגן עקזיסטירט אין אַלע אַלטע געזעלשאַפֿטן און אַז די מענטשהייט ליידט אומעטום פֿון אים. כ׳וויל דינען דעם אמת, — אויף וויפֿיל כ׳וועל זיין בכּוח.

— יאָ, איר וועט זיין אונדזערע! כ׳האָב עס געוווּסט פֿון דער ערשטער באַגעגעניש מיט אייך! איר וואָלט געדאַרפֿט מאַכן אַ רייזע קיין מאָסקווע!... דאַן וואָלט איר פֿאַרשטאַנען, אויף וואָס עס זענען פֿעיִק די באַשיידנסטע פֿרויען, וואָס געניסן אויף אַלע געביטן די זעלבע רעכט, וואָס די מאַנספּערשוינען... נאָר לאָמיר זיך צוריקקערן צו דער זעלבסבאַשטימונג פֿון די פֿעלקער. שטעלט אייך פֿאָר, אַז אין ווערסאַל...

— און אין ניילי? — האָט פּרעדריקע אויסגעשריען מיט כּעס און אויפרעגונג, וועלכע האָבן דערוועקט ספּיס נייגעריקייט.
— און אין ניילי? — האָט זי איבערגעחזרט.
— זי ווייסט אפילו נישט, אַז די זיגער האָבן מיט געוואַלט אָנגעוואָרפן אויף די באַזיגטע נישט איין טראַקטאַט נאָר גאַנצע פינף אומגעהייערע טראַקטאַטן!... טריאַנאָן, סען-זשערמען, לאָזאַנאָ... דערקלער איר, גענין.
— גוט. שטעלט אייך פאָר, מיין טייערע, אַז אייערע רעכט פון אַ פאָלק זענען נישט נאָר געטראָטן געוואָרן מיט די פיס, נאָר אין יעדן פון די אויסגערעכנטע טראַקטאַטן האָט מען דידאָזיקע רעכט פאַרניכטעט!... כּדי צו פאַרגיטיקן די קליינע פאַרייניקטע, מיט וועלכע מ׳האָט „געאַרבעט" צוזאַמען, האָבן די גרויסע מלוכות פאַנאַנדערגעטיילט צווישן זיי, אַבי צו דעקן זייער התחייבות בנוגע זיי, אַלע פעטע חלקים פונם שלל. איטאַליע, רומעניען, גריכנלאַנד, יוגאָסלאַוויען, אַלע שיילאָקס האָבן פאַר זייערע בלוטיקע פאַרלוסטן באַקומען טויזנטער פונטן פלייש און הונדערטער טויזנטער קילאָמעטער לאַנד: אַזוי אַרום איז אונדזער פאָלק, דורכן ניילער אָפּמאַך איבערגעגעבן געוואָרן די ביעלגראַדער און אַטענער תּליונים.
— די סערבן און גריכן האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן היסטאָרישע רעכט אויף מאַקעדאָניען, — האָט פּרעדריקע באַמערקט.
גענין האָט אָנגעהויבן ריידן העכער:
— רעכט פון אַלטע פאַרכאַפּער, רעכט, וואָס זענען באַשטימט און איינגעפירט געוואָרן דורך אַ ריי יאָרהונדערטער! דאָס האָט פונדעסטוועגן אים דאָך נישט געגעבן דאָס רעכט צו הרגענען, אַליעטשען און פאַרגעוואַלטיקן און צו לאָזן טויזנטער שמאַכטן אין די טורמעס אומזיסט און אומנישט, צו האַלטן זיי און עיפּשדיקע תּפיסות נאָכדעם, ווי מ׳האָט זיי שרעקלעך געפּייניקט; דאָס האָט די פאַרכאַפּער נישט געגעבן דאָס רעכט צו ראַבעווען, ברענען און דורך שרעקלעכן טעראָר אַרויסיאָגן אַ האַלבע נאַציע און זיי פאַרטרייבן אין גלות, צו צווינגען האַלב-הונגעריקע מענטשן אָן שום מיטלען זיך אויסצובאַהאַלטן און בולגאַריען, ווו

דער הונגער אין קעלט מאַכן פון זיי אַ תל-עולם!... די מאַקעדאָנער גוסטן, מיין קליינע פּראָנצויזין...

— אַ שרעק, אַ גרויל!

— וואַרט, דאָס איז נאָך נישט אַלץ! — האָט פרעדריקע געזאָגט... (זי האָט אַרויסגענומען פון קעסטל אַ בראָשור מיט אַ פאָטאָגראַפיע)... לייענט דאָס איבער... און דאָס איבערלייענענדיק, בין איך זיכער, אַז איר וועט ווערן איינשטימיק מיט אונדז און באַגרייפן דעם ענין פונקט אַזוי, ווי עס באַגרייפן עס אונדזערע פריינעך, סטודענטן, עמיגראַנטן, וועלכע באַמיען זיך אין אַלע לענדער, וווּ זיי זענען מגולגל געוואָרן, צו באַקעמפן דאָס עם-הארצות און צו צעטרייסלען די גלייכגילטיקייט פון די ציוויליזירטער איראָפּע, און אַמעריקע, צו דערוועקן אין זיי דאָס געוויסן, זיי צו דערווייזן, אַז ס'איז דאָס גרעסטע פאַרברעכן גלייכגילטיק זיך צוקוקן ווי ס'ווערן אויסגעראָטן גאַנצע גאַציעס, ווי ס'ווערט פאַרטיליקט אַ נאַציע פון העלדן, וועלכע מוז מיט די אייגענע כּוחות זיך פאַרטיידיקן פון אַלעמען און פון אַלץ!... יאָ, ווען איר וועט זיך וועגן דעם אַלעם דערוויסן, וועט איר טיילן מיט אונדז אונדזער צער און אונדזער גלויבן!... מיר ווילן נישט ווערן נישט סערביזירט און נישט גרעקיזירט דורך פייער און שווערד.

געניע האָט נערוועזיש פאַרלאָשן איר פּאַפּיראָס.

— די געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ באַשרייבונג פון מאַרטירער! נאָך אונטערן יאָך פון טערקיי...

— ווילנדיק! — האָט פרעדריקא מיט אַ יראת-הכבוד אַ שעפּטשע געטון.

— יאָ, דער אויפשטאַנד אינעם טאָג פון אליהו-הקדש!... דאָס ווידער אויפלעבן פון אונדזער פאָלק און דעם ווידערגעבורט פון זיין אַלטער קולטור איז אינעם דאָזיקן טאָג געוואָרן געטויפט אין מאַקעדאָנישן בלוט. צום אומגליק זענען, עסטרייך און רוסלאַנד, פון וועלכע ס'איז באַשטאַנען דער דרייבונד און די גרויסע אַנטאַנט, אַריינגעטרעטן אין קאַמף פאַר העגעמאָניע אויף די באַלקאַנען און ווען גריכנלאַנד און סערביען, פאַרייניקנדיק זיך מיט בולגאַריען,

פּדי פאַנאַנדערצוטיילן דעם רעשט פון טערקיי, זענען אַריינגעטרעטן אין אַ זיגרייכע מלחמה מיט סאָפיע — האָט דאָס אונדזער פאָלק ווידער טייער געקאָסט. אין יאָר 1913 זענען מיר דורכן אָפּמאַך פון בוקאַרעשט, צעטיילט געוואָרן אויף דריי חלקים. דער קלענסטער טייל איז איבערגעגאַנגען צו די בולגאַרן, אַ פאָלק, וואָס איז אונדז דאָס נאָענסטע פון אַנדערע, און די איבעריקע צוויי — צו סערביען און גריכנלאַנד. ס'האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה, אונדזער לאַנד איז ווידער געוואָרן אַ שלאַכטפעלד. און ווען ס'האָט געשלאָגן די שעה פון אָפּרעכענען זיך — שליסן שלום מיט נוצן פאַר אַנדערע — האָט דער אָפּמאַך און ביילי באַשטעטיקט עס, אַ קאַפּעטשע נאָר ענדערנדיק, די פריעריקע חלוקה פון אונדזער לאַנד. מיר זענען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער קאַרטע פון אייראָפּע, אָפּגעמעקט און באַזייטיקט געוואָרן פון דאָרט אויף שטענדיק. אויסגעשטעלט אויף דער ווילדקייט פון די זיגער, די גרויזאַמסטע פון אַלע זיגער, וועלכע די געשיכטע האָט נאָר געוווּסט, מחמת איצט ציוויליזירן זיי אונדז כלומרשט אין נאָמען פון נאַציאָנאַליזאַציע!... לייענט איבער, לייענט עס אַלץ איבער!... דאָרט האָט איר בולטע ראיות. באַווייזן, וואָס קענען נישט קוועכציאָנירט ווערן!... איבערלייענדיק די דאָזיקע בראָשור, וועט איר פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר זענען אין אונדזער ריי, געווען געצוווּנגען אַרויסצוטרעטן פון די ראַמען פון געזעצלעכקייט... זיך נעמען פאַרן געווער!... עין תחת עין, שין תחת שין!...

ספּי האָט זיך דערמאָנט, וואָס פאַר אַן אויפרעגונג די שוועסטער לויט די ליידן האָבן אַרויסגעוויזן מיט עטלעכע טעג צוריק, קאָמענטירנדיק די ידיעות, וואָס זיי האָבן גענומען פון אַ סערבישער צייטונג, וועלכע געניע האָט מיט זיך געבראַכט. דאָרט איז געווען אַ ידיעה מיט אַ קעפּל: „דער דירעקטאָר פון דער נאַציאָנאַלער באַנק אין סקאָפּיע — אַ קרבן פון אַ נידערטרעכטיקן פאַרברעכן". דאָס אַלץ, וואָס איז שוין איצט אַזוי ווייט, האָט ביסלעכווייז אויפגעטויכט אין זכרון, ווו דאָס איז שוין געשטאַנען באַגראָבן, און איז ווידער געוואָרן לעבעדיק...

— דערפאַר, אַפּנים האָט אַ מאַקעדאָנער יענע וואָך געשאָסן אין דאָזיקן באַנקיר?...

זי האָט זיך באַמיט צו דערמאָנען, ווי ער האָט געהייסן. פרעדריקעס בלאַסע באַקן האָבן זיך אָנגעצונדן.

— וואַסאַניטש. אַ געמיינער יינג! דער פּרעזעס פונם טעראָריסטן־קאָמיטעט, וועלכע גיט אַרויס טויט־אורטיילן אָן אַ געריכט. און רעקרוטירט תּליונים!.. קיין ספק נישט, אַז מ'האָט אויסגעקליבן איינעם פון אונדזערע, כּדי אַראָפּצולאָזן דאָס צינגל פונם רעוואָלווער. ווער?.. כאַנטאָ וועט אונדז זאָגן... מ'קלינגט! דאָס איז ער!..

ניין, — האָט געניע געזאָגט — אַלעקסאַנדער האָט דעם שליסל.

נאָך פרעדריקען, וועלכע איז געגאַנגען עפענען די טיר, האָבן זיך באַוויזן פּעאָוו און קיריל סאָרגעוו. ביידע האָבן געהאַט שוואַרצחנעוודיקע פּנימער און גלייכע פיזיאָנאָמיעס, אַזוי אַז ספּי האָט נישט געקאָנט באַשטימען, ווער פון זיי איז דער סוחר, און ווער דער געוועזענער אַרבעטער פון אַ טאַבאַק־פאַבריק. זיי האָבן אויסגעזען צו זיין קרובים, נישט נאָר לויט זייער פיזישער ענלעכקייט, ווי לויטן געמיינזאַמען אויסדרוק פון אַ מרה־שחורידיקן און שטאַרקן ווילן.

אָט ווי אַלע, אַפילו געניע, האָבן גערעדט אויף דער מאַקעדאָנישער שפּראַך, האָט ספּי זיך אָנגעהויבן צו פילן פאַר אַ פרעמדע צווישן די דאָזיקע אויסלענדער. נאָר קיריל, באַמערקנדיק, אַז זי שווייגט, האָט פריינטלעך אויף איר אַ קוק טוענדיק, אָנגעהויבן ריידן פראַנצויזיש.

— מיר זענען נישט העפלעך... די מאַדמואַזעל וועט מיינען, אַז מיר טוען דאָ אָפּ אַ זאַך, וואָס דאַרף פאַר איר בלייבן אַ סוד... (ער האָט פאַרגעזעצט מיט זיין באַס־שטים, ווענדנדיק זיך צו געניען)... כ'מוז זיך אַנטשולדיקן אין נאָמען פון רומענישע חברים: איוואַן און כריסטאָ האָבן געמוזט אַוועקגיין אויף אַ פאַרזאַמלונג און קאָמוניסטישן קרייזל...

— איז דאָך אוודאי גוט! — האָט געניע געזאָגט — מיר

וועלן זיין צווישן אייגענע, פאַר איר — זי האָט אָנגעוויזן אויף ספּין מיטן עק פון פּאַפּיראָס, — בין איך פאַראַנטוואָרטלעך.

— דאָס מאָל!... (פרעדריקע האָט זיך צוגעהערט)... דאָס זענען זיי.

אַלע זענען געבליבן שטיל, קוקנדיק אויף דער טיר. קיריל האָט זיך דער ערשטער אַ וואָרף געטון אַקעגן די געקומענע און, נישט אַ דריק טוענדיק אַפילו די האַנט אַלעקסאַנדערן, האָט ער שוין געהאַלטן אַרומגענומען זיין טייערן סאַנטאַ, זיין פריינט פון די קינדערשע יאָרן און חבר לויט דער אַרבעט.

סאַנטאָ איז, אַרומנעמענדיק זיך מיט פרעדריקען און איר חברטע, געשטאַנען אינמיטן צימער. אביסל פאַרשעמט און אין פאַרלעגנהייט צוליב דער פרעמדקייט פון דער סביבה, האָט ער געקוועטשט אין דער האַנט זיין היטל און זיך געפילט נישט באַקוועם. אים האָט זשענירט דאָס אומבאַקאַנטע פריילין — ספּי-ריטאָ — וועלכע איז דעמאָלט געווען אָנוועזנד אין צימער און ביי זיין אַריינקומען, אים מיט נייגעריקייט באַקוקט. ער האָט זיך פאַר איר פאַרנייגט, נישט געשיקט אַ דריק געטון די האַנט, וואָס זי האָט אים אויסגעשטרעקט און האָט זיך האַסטיק אָפּגעקערט, פונקט, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט אַרויסווייזן, וואָס פאַר אַן איינדרוק זי האָט אויף אים געמאַכט. די איבעראַשטע ספּי האָט באַקוקט דאָס דאָזיקע קליינע דינגע און שטייפע באַשעפעניש, וואָס האט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען אויסגעגאָסן פון שטאָל און וואָס זיין בליק איז געווען אַזאַ ברענעדיקער און אַזאַ טריבער, אַז ווען ספּי האָט דעם דאָזיקן בליק נאָכאַמאָל דערפילט אויף זיך, האָט זי זיך דערשפּירט אומבאַקוועם.

פרעדריקע האָט מיטגעוואָלד אַנידערגעזעצט סאַנטאָן ביים טיש און געניע האָט אים דערלאַנגט עסן וואָס ס׳איז איבערגעבליבן פון מיטאָק.

— דו ביזט דאָך מסתמא הונגעריק... לען אַביסל אונטער ס׳האַרץ.

ער האָט אָפּגערוקט די טעלער און גענומען בלויז אַ שטיקל קוכן

— כ'האָב געגעסן אין צוג.

— טרינק־זשע כאָטש!

זי האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז טיי, ער האָט, זופּנדיק פּאַמעלעך, אויסגעטרונקען דעם טיי און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, פאַרטראַכט אַ פּאַפּיראָס. ער האָט נאָך אַ ביסל געשוויגן און דערנאָך מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו ריידן. זיין בלאַס פּנים, זיינע איינגעפאַלענע באַקן און די טונקעלע אויגן — אַלץ האָט ביי אים אָנגעהויבן צו שיינען, זיין שטים, נאָך אַ טויבערע, ווי קירילס קול, נאָר אַ מער זונגעדיקס, האָט שנעל אַרויסגערעדט ווערטער פון דער מוטער־שפּראַך.

ספּין האָט זיך אויסגעוויזן. אַז זי זעט דאָס דאָזיקע צימער, וואָס איז פול מיט טאַבאַק־רויך מיט דער אומגעריכטער געזעלשאַפט נישט און דער ווירקלעכקייט, נאָר אין טרוים. זי האָט בפועל־ממש זיך אַרומגעטאַפּט, כּדי זיך איבערצייגן, אַז דאָס אַלץ איז נישט קיין חלום, נאָר ווירקלעכקייט. פון צייט צו צייט האָט סאַנטאָ געוואָרפן אויף איר פאַרדעכטיקע בליקן.

ענדלעך, נאָך אַ קורצן געשפּרעך מיט אַלעקסאַנדערן — האָט ספּי פאַרשטאַנען, אַז יענער האָט ערוב געווען פאַר איר אומשעדלעכקייט — ער האָט באַשלאָסן צו ריידן, ווי קיריל האָט עס געטון, פראַנצויזיש, נאָר זיין פראַנצויזיש, איז נישט געווען אַזאַ דינער, הגם אַ גראַמאַטיקאַליש־ריכטיקערער ווי קירילס.

קענטלעך, אַז ער האָט ווייניק גערעדט פראַנצויזיש.

— סאַנטאָ — האָט אַלעקסאַנדער מיט שטאָלץ דערקלערט — איז נישט שטענדיק געווען אַן אַרבעטער. ער רעדט אויף רוסיש און ענגליש נאָך בעסער, ווי פראַנצויזיש מיר אַלע דריי זענען צוזאַמען מיט קירילן פאַרן קריג געווען סטודענטן.

— זיי זענען געווען אויסגעצייכנטע שילער, — האָט פּעאָוו באַשטעטיקט, וועלכער פלעגט זיי בשעתו, אַלס עלטערער, אויפנעמען ביי זיך אין הויז. פּעאָווס עלטערן זענען און די צייטן פון די טערקן, געווען באַפריינדעט מיט לעוויסקאָס עלטערן.

— און איצט ריכטן מיר אָפּ גלות — האָט קיריל זיך געוויצלט און מיר זענען, חוץ אַלעקסאַנדערן און פּעאָוון, וועלכע

זענען פאַרמעגלעכע, אָרעמע פּראָלעטאַריער... דו ווייסט, סאַנטאַ, פאַר דיר וועט זיך געפינען אַ שטעל אויף דער פאַבריק, וו איך אַרבעט.

— וועגן דעם וועלן מיר נאָך ריידן. איצט דאַרפן מיר דאָס אַלץ באַהאַלטן...

ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש און, פילזאָגנדיק אַ ווינק טוענדיק, איבערגעגעבן פרעדריקען פּאַפּירן און אַ קליינעם העפט.

— דאָס זענען אינפאָרמאַציעס און נאָטיצן וועלכע וועלן אונדז צונויץ קומען...

די דאָזיקע ווערטער, וואָס זענען אַרויסגערעדט געוואָרן מיט אַ באַזונדער אַקצענטירונג, האָבן דערוועקט ספּיס אויפמערקזאַמקייט. זי האָט געקוקט אויף סאַנטאָן און זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט.

ער האָט ווייטער דערציילט.

— מ'האָט מיך שיער נישט געפּאַקט, כ'האָב אָט דאָס אַלץ באַהאַלטן אונטערן באַנדאַזש, וועלכן מיר האָט געמאַכט דער דאָקטער איוואַניטש. כ'האָב וועמען מ'האָט געדאַרפט, געזאָגט, אַז די רעכטע האַנט איז ביי מיר צעבראָכן, ביז דער בולגאַרישער גרענעץ בין איך געפאָרן אַלס כלומרשט אַ קראַנקער. אין קוסטאַנדיל האָט אַ פּאָליציאַנט געוואָלט קאָנטראָלירן צי איך פיר נישט אונטערן באַנדאַזש קיין פאַרבאָטענע צייטונגען, גאָר אַן אַנדערער באַאַמטער האָט זיך, צום גליק, באַגנוגנט מיט מיינע פאַלשע דאָקומענטן און מיט דער מעדיצינישער באַשטעטיקונג, וועלכע מיר האָט אַרויסגעגעבן דער דאָקטאָר איוואַניטש.

פּעאָוו, ציטערנדיק פון אומגעדולד, האָט זיך דערקונדיקט:

— און וואָס איז געוואָרן מיט כאַדזשי פּאַנצאַוס פּראָצעס? דאָס, וואָס מען דערציילט, איז אמת?...

— צי ס'איז אמת... (אַ ווײַלע שווייגן, דערנאָך אַ זיפץ. אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדט אויפן סוחר וועלכער האָט געמוזט זיך אָנשטרענגען, כּדי ווייטער צו דערציילן)... צי איז אמת... אַז, כּדי זיי צו צווינגען אונטערצושרייבן, אַז זיי

זענען זיך מודה, האָט מען סלאָווקאָ גאַנטשעוון און שאַקאַלצעקאָוון אַוועקגעפירט ביינאַכט אויפן צמענטאַזש און...

— יאָ, — האָט סאַנטאָ צאַרנדיק איבערגעשלאָגן — זייערע קברים זענען שוין געווען אויסגעגראָבן און ביי די אָפענע קברים האָבן פּאָליציאַנטן, האַלטנדיק די לופעס פון די רעוואָלווערן ביי די שלייפן פון די אומגליקלעכע, זיי געצוווּנגען אונטערצושרייבן די מיטגעוואָלט אויסגעפּרעסטע באַשטעטיקונג, אַז זיי זענען זיך מודה.

— אַ שרעק! אַ גרויל! — האָט זיך אַרויסגעריסן פון ספּיס מויל,

— אָ! מאַדמואַזעל, דאָס איז נאָך גאָרנישט. ווען איך וואָלט געוווּסט, אויף וואָס פאַר אַ טייוולאָנישע איינפאַלן זיי זענען מסוגל!... ס'וועט נישט אַריבער קיין צען יאָר, — ווען מיר וועלן נאָר שווייגן — ווי ס'וועט נישט בלייבן קיין איין מאַקעדאָנער (ער האָט זיך אַ קער אום געטון צו קירילן). פּאַוועל טאַטשעוו איז יענע וואָך געשטאָרבן פון די שווערע ענוים, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין.

— פּאַוועל?—האָט אַלעקסאַנדער אַ געשריי געטון, בעת קיריל האָט בלאַס ווערנדיק, איבערגעחזרט: חיות זענען דאָס! ווילדע חיות!

ער איז אַריינגעגאַנגען צום ריכטער אַ גלייכער און בייגזאַמער, כ'האָב געזען, ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען... (ער האָט צונויפגעביילט די פויסטן, דערמאָנענדיק זיך בלויז אָן דעם): אָן איינגעהויקערטער, געפירט פאַר די הענט... די פיס זענען געווען אין בלוט.

ספּי האָט אין שרעק געבראָכן די הענט.

— איז דאָס מעגלעך? וואָס האָט ער געטון?

— זיך באַטייליקט אין אַ פאַרבאָטענער פאַרזאַמלונג.

— דאָס איינגאַנצן? און דערפאַר האָט מען אים אַזוי שרעקלעך געפייניקט?

— יאָ, נאָר דערפאַר. זיי האָבן אויך געוואָלט, אַז ער זאָל אַרויסגעבן דעם אָנפירער: אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אין שטאָט, כדי אים צו צווינגען צורייד, האָט מען אים בוכשטעבלעך

איבערגעבראָכן די ביינער, ביי אונדז, קומען פאַר יעדן טאָג רציחות, רויבערייען, פון רדיפות איז שוין אָפּגערעדט.

— און מ׳קען גאָרנישט טון? הייסט עס, אז ס׳איז בישטאָ קיין געזעץ?

— פאַר אונדז — נישט!

— אָ, איך פאַרשטיי אייער לאַגע!

סאַנטאָ, זייענדיק נאָך פאַרזיכטיק, האָט אויפמערקזאַם אויף איר געקוקט.

— איצט שטעלט איר זיך פאָר, מאַדמואַזעל, וואָס פאַר אַ אוראַזשאַי פון יאוש ס׳גייט אויף אויפן דאָזיקן באָדן, וועלכער איז אַזוי דורכגעזאַפּט מיט בלוט. איר פאַרשטייט, ווי אַזוי מען רעכנט זיך אָפּ מיט אַזעלכע רוצחים?...

— יאָ, געוויס. דאָס איז אַפּילו אַ חוב פון יעדן, אויב ס׳איז נאָר פאַראַן אַ מעגלעכקייט דערצו.

— נישט אַזוי?

ער האָט איר דאָסמאָל באַדאַנקט מיט אַ ווייכן בליק, אין וועלכן ס׳האָט זיך געלויכטן אַ סאַטיספאַקציע.

— אָרעמער פּאַוועל! — האָט קיריל געזיפצט.

אין אַ נערוון־אַטאַק, וואָס האָט מיט אים איצט פּאַסירט, האָט ער אָנגעהויבן שלוכצן, פאַרדעקנדיק מיט די הענט דאָס פּנים. געניע האָט אים אַ ריר געטון פאַר דער פּלייצע.

— פּאַוועל און אַלע מערטירער פאַרדינען מיטלייד נישט מער ווי אַלע דורות־מאַרטירער האָבן זיך מקריב געווען, כּדי צו פאַרזיכערן די אומאָפּהענגלעכקייט פאַר זייערע קינדס־קינדער און פאַר די קינפטיקע דורות. פאַרלירט נישט אייער צייט אויף צו וויינען און רעדט וועגן פרייהייט! באַווייַנט קיינעם נישט. מיר האָבן אַ פּיל ווירדיקערע באַשעפטיקונג, ווי פאַרגיסן טרערן — ווי זי טוט עס... (זי האָט געוויזן אויף ספּין), נעמענדיק זיך אַזוי צום האַרצן די מינדסטע ליידן פון אירע לאַנדסלייט. ווען זי וואָלט געוווסט, וויפיל צער ס׳איז פאַנאַנדערגעגאָסן אויף דער וועלט! אַ גאַנצער ים!...

— די חברטע איז גערעכט — האָט זיך אָפּגערופן סאַנטאָ — מיט טרערן איז מען זיך נישט נוקם.

זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט, אַלעקסאַנדער האָט זיך אויפגעהויבן ;

— לאָמיר געבן אַ שבועה, אַז אונדזער שנאה וועט נישט איינשלאָפן כל-זמן דאָס מאַקעדאָניש בלוט וועט זיך גיסן אויפן עשאַפאָט אָדער אונטערן שווערד !...

— לאָמיר שווערן, האָט קיריל אויפגערעגט געזאָגט — אַז מיר וועלן זיך נישט אָפּרוען איידער דאָס מאַקעדאָנישע פאָלק וועט נישט באַפרייט ווערן !...

סאַנטאָ האָט, אין זיין ריי, אָנגעהויבן מיט אַ התלהבות פון אַ תפילה :

— מאַקעדאָניען פאַר די מאַקעדאָניער ! און זאָלן מיר אַריינגיין אַלס גלייכע און פאַרבאַנד פון די באַלקאַנישע פעלקער!

פרעדריקע האָט מיט אַ מעטאַלענער ציטערדיקער שטים אויסגעדרוקט די אַלגעמיינע האָפענונג :

— פאַר דער מאַקעדאָנישער רעפּובליק! פאַר די פאַרייניקטע שטאַטן פון די באַלקאַנען !

מיטגעריסן דורך זייער ענטוזיאַזם האָט ספּי אויפריכטיק אויסגעדריקט איר ווונטש, אַז די גערעכטיקייט זאָל טריומפירן איר נצחון, וועלכן אירע פריינט טרוימען צו דערגרעכן.

— פאַר דער מאַקעדאָנישער רעפּובליק ! — האָט זי איבערגעחזרט — פאַר אייך, העלדן !

סאַנטאָ איז ביי די דאָזיקע ווערטער רויט געוואָרן. דאָס ליבן אים האָט באַוועגט אָנצושטרענגען זיינע מוסקולן און האָט פאַריאָגט זיין אומרויקייט. ער האָט אַרומגענומען די דאָזיקע יונגע פרוי, וואָס איז געווען אַזוי נישט ענלעך צו די שיינע פרויען פון זיין לאַנד, און מיט א נייעם לאַנגן בליק האָט ער זיך געווענדט צו זיינע לאַנדסלייט אויף מאַקעדאָניש. ער האָט, ווייזט אויס, זיי מיטגעטיילט עפּעס אַ סענסאַציאָנעלע ידיעה, ווייל אַלע פּנימער זענען מיטאַמאָל לעבעדיקער געוואָרן. אַלע האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבןריידן, אַלעקסאַנדער און קיריל האָבן גערדיקט

סאַנטאָן און זייערע אָרעמס. געניע און פרעדריקע האָבן אים בראַטולירט. נאָר ער האָט געזוכט מיט זיינע אויגן ספין, וועלכע האָט זיך באַשיידן געהאַלטן אָן אַ זייט.

— כ׳קען עס איצט זאָגן אויך פאַר... אונדזער פריינט...

אים האָט באַהערשט נישט קיין קלאָר געפיל, אין וועלכן ס׳האָט זיך צונויפגעמישט אַ מורא זי צו באַליידיקן. דורך מיסטרוי, מיט זעלבסטצופרידנקייט נאָר ספי האָט דערקלערט:

— איך גיי אַוועק. ס׳איז שוין באַלד צוועלף אַ זייגער.

זשענירט זיך נישט צוליב מיר.

— מאַדמאַזעל, בלייבט! אַנישט קען איך אייער אַוועקגיין אויסטייטשן, אַז מיר האָבן אייך באַליידיקט.

— וואָס אייך קאָן איינפאַלן? כ׳גיי אַוועק פשוט צוליב דעם, וואָס כ׳האָב נישט ליב שפעט זיך צוריקצוקערן אַ היים איבער די מאַרסעלער גאַסן.

— כ׳וועל אייך באַגלייטן, ווי שטענדיק, — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט.

— מיר וועלן אייך אַלע באַגלייטן —, האָט מיט היץ סאַנטאָ געזאָגט.

געניע האָט, מעשה-גוטער פריינט, זי געצוווּנגען זיך צו זעצן און נאָך פאַרבלייבן.

— כ׳האָב זיי מיטגעטיילט, — האָט סאַנטאָ אָנגעהויבן מיט אַ ניואַנס פון שטאָלץ — אַז דאָס האָב איך פאַרווונדעט (ער האָט דורך אַ זשעסט אויסגעדריקט באַדויערונג)— בלויז פאַרווונדעט... וואַסאַניטשן.

אַ קורץ שווייגן. ספי האָט פלוצלינג אים אויסגעשטרעקט די האַנט.

— ווי באַלד עס זענען פאַראַן אַזעלכע נידערטרעכטיקע מענטשן, האָבן זייערע קרבנות דאָס רעכט זיי צו דערהרגענען. כ׳דאַנק אייך פאַר אייער צוטרוי כ׳וועל אייך נישט פאַראַטן.

פרעדריקע האָט ערגסט פאַרגעוואָרפן דעם יונגנמאַן, הלמאי ער, אַליין נישט באַמערקנדיק דאָס, רעדט ווייטער אויף

זיין מוטער־שפּראַך און גייט נישט איבער אויף פראַנצויזיש צוליב דער אָנוועזנהייט פון זייער פּריינט ספּי.

— כ'ווייס, — האָט ער זיך אַנטשולדיקט... מיין אומגעשיקטקייט איז ממש נישט צו פאַרצייען. דער געמיינער יונג וועט נעמען נקמה.

נאָר געניע האָט קאַלט באַמערקט:

— עמעצער וועט אים דאָס צווייטע מאָל שוין אויסקלייגן. איר וואָלט געדאַרפט וואָס זעלטענער זיך באַווייזן אויף דער גאַס. לאָז אַלעקסאַנדער אליין באַגלייטן ספּין.

סאַנטאָס אויגן האָבן זיך פאַנאַנדערגעבערענט:

— סאַנטאָ וועט קיינמאָל נישט זיין קיין פחדן! מאַדמואַזעל, כ'בין צו אייער דינסט. כ'באַגלייט אייך.

— איך וועל זען אים אָפּהיטן — האָט קיריל געזאָגט, — ער וועט וווינען ביי מיר. כ'וועל מאַכן אַזוי, אַז מ'זאָל אים אָננעמען אויף דער גלאָז־פאַבריק, ווו מ'נעמט איצט אָן אַרבעטער...

— אָבער גלאָז דרייט מען דאָך נישט צונויף אַזוי, ווי פּאַפּיראָסן, — האָט סאַנטאָ באַמערקט.

— די הייבסט אויך אָן פון דעם, פון וואָס איך האָב אָנגעהויבן. דו וועסט אריינשטעלן פלעשער אין אויוון. דו וועסט זען, אַז דאָס טון, קען יעדער.

די אומעטיקע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו שיינען:

— גוט, מיר וועלן פּרוּוון... קומט.

געזעגנדיק זיך מיט פרעדריקען, האָט ספּי זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר.

סאַנטאָ האָט, אַ קער אום טועגדיק זיך, כדי צו נעמען זיין הוט, שיער נישט פאַרטשעפּעט ספּין. ער האָט זיך נישט־געשיקט אַ רוק געטון. זי איז דורכגעגאַנגען, שמייכלענדיק:

— פּאַרדאָן!

ער איז אויף אַ רגע ווי פאַרגליווערט געוואָרן אויפן אָרט. אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ אומבאַקאַנט געפיל פון צערטלעכקייט, וואָס האָט אים איצט דערוואַרעמט און וואָס איז אים ביז איצט נישט געווען באַקאַנט.

VI

ספּי האָט פאַרבראַכט די נאַכט און קאָשמאַרן און אָן שלאָף. זי האָט שוין נישט געוווּסט, וואָס איז געווען חלום און וואָסווירקלעכקייט. דער האָריזאָנט איז פאַר אירע אויגן אַליין ברייטער און ברייטער געוואָרן אַפילו דאָרט וווּ זי האָט נישט געמיינט, אַז עס קענען עקזיסטירן נאָך גרעסערע ליידן, ווי די, וועלכע זענען איר שוין געווען באַקאַנט, דאָס זענען נישט קיין פּאַסיווע אָקסן פון אַ הכנעהדיקער טשערעדע, מיט וועלכער זי פלעגט זיך יעדן טאָג באַגעגענען. די מענטשלעכע חיה, וועלכע מ'האָט אַזוי געפייניקט, האָט געבושעוועט פון משוגענעם כעס צווישן באַנדעס פון ווילדע באַשעפענישן, באַמיענדיק זיך אָפּצוצאָלן אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ, אַ זעץ פאַר אַ זעץ...

וועגן דעם אַלעם האָט זי זיך פאַרטראַכט, אַוועקגייענדיק צוזאַמענגעבס אויף אייגענע פון אירע געוויינטלעכע קאָנטראָל-וויזיטן.

— גוט מאָרגן!

ספּי האָט אַ ציטער געטון... זי איז שוין אויף דער גאַס פון סען אַנטואַן. זי האָט זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּ, וואָס פירן צום אַלטן מאַרסעל. אַוועקיאָגנדיק אירע מחשבות, האָט זי מעכאַניש געענטפערט:

— גוט מאַרגן אַ, מאָסיע מאָרעל!... גוט מאָרגן, כ'האָב אייך נישט געזען.

דאָס איז געווען איינער פון אירע „קליענטן", וועלכער האָט מיט דאַנקבאַרקייט זי באַגריסט, צופרידן, וואָס ער האָט זי

באַגעגנט. דאָס איז אויך געווען אַ „קליינער גוטסאָזעצער", וו פרעדריקע האָט זיך אויסגעדריקט, אַ גרויסער סוחר, וועלכער איז בעת דער מלחמה רויִנירט געוואָרן. און פאַרלעבט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט.

— איר האָט געקאָנט קומען אַהער נאָר לשם-מצוה !... איר האָט זיך געקליבן מיך צו באַזוכן ?

ספּי שמייכלט בלאַס און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— כ'האָב באַקומען אַ פּאָסטן מאַדמואַזעל ?

— ווו ?

— אין אַ פאַבריק פון דיוואַנעס. קינפטיקן מאַנטאָק הייב איך אָן צו אַרבעטן.

— אייך וועט נישט זיין צו שווער ?

פאַר איר איז געשטאַנען אַ לאַנגע דינע פיגור, אויף וועלכער דער פּאַלטאָ איז געהאָנגען ווי אויף אַ דראָנג, — לייכט וואַקלענדיק זיך אויף די פיס. זיין דאַר פּנים איז געווען אַרומגעצויגן מיט אַ גראָער הויט, וועלכע האָט, צוזאַמען מיטן האַרטן פּנים פון זיינע וואָנסעס, געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ בר-מנן. בלויז די שאַרפזיכטיקע שוואַרצאַפּל האָבן געמאַכט לעבעדיק דאָס דאַזיקע פּנים, אויף וועלכן דער טויט האָט שוין אַרויפגעלייגט זיין סטעמפּל...

— כ'האָף, אַז ניין. כ'וועל זען. זיי נעמען פונקט אָן איצט מענטשן וויל איך אויסנוצן די געלעגנהייט ?

דער אומגליקלעכער האָט געכאַפּט די שווינדזוכט (פאַרגיפטנדיק זיך מיט גאַז אין יאָר 1917) און פאַר אים איז געווען נייטיק אַבסאָלוט רו און צו לעבן און אַ דאָרף, אויף דער פרייער לופט, און נישט צו אַרבעטן און סתם זיך אָנשטרענגען. נאָר אַ ברירה האָט ער געהאַט ? ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט פיר קינדער, זיי געמוזט מפרנס זיין — און אַרבעטן, שווער און ביטער ביז דער לעצטער רגע !

ער האָט אַ צוק געטון מיט די אַקסלען.

— מ'וועט שוין זען... ווען דער געזונט-צושטאַנד פון די

קינדערלעך זאָל זיך נאָר פאַרבעסערן! צווײ הוסטן. אָט גײ איך טאַקע נאָך סיראָפּ פאַר זײ.

ספּי האָט זיך אַ גריבל געטון און איר רידיקול אין פון דאָרט אַרויסגענומען צװײ אַסיגנאַציעס צו צען פראַנק יעדער:

— נעמט!

— אַ מאַדמואַזעל איר זענט דאָך אַן אמתער מלאך! אַזאַ גוט האַרציקע, אַזאַ גוט האַרציקע, וואָס ס׳איז שווער הײנטיקע צײטן צו טרעפן.

ער האָט גענומען דאָס געלט און געוואָלט אַ שמײכל טון. די ליפּן האָבן זיך פאַנאַנדערגערוקט, אַנטבלײזנדיק קינבאַקן אין אַ מויל פון אַ סקעלעט. זי איז אַוועק װײטער... „מיט וואָס קען מען אים העלפן? די מלחמה האָט פון אים געמאַכט אַ קאַליקע וואָס איז נישט פעיק צו דער אַרבעט. דער שלום האָט נישט אָנגענומען דעם נײעם קבצן. די מאַשין פון טויט טוט װײטער אירס".

איצט איז ספּי געגאַנגען איבער אַ לאַנג געסל מיט אַ צעגראָבענעם ברוק, איבער װעלכן ס׳איז געפלאָסן אַ טײכל פון זײף־וואַסער, מיט שטיקער אָפּפאַל, וואָס זענען געשוואומען איבער דער אויבערפלאַך. ספּי האָט, דורכשלאָגנדיק זיך אַ וועג צווישן אַ מחנה שפּילנדיקע קינדער מיט הינט, זיך אײנגעקוקט אין די שמוציקע הײזלעך. די נומערן בײ די טירן, וואָס פירן און די עיפּושדיקע קאָרידאָרן, זײנען ס׳רוב געווען אָפּגעריבן און אָפּגעמעקט זי איז אַרײַן אין אַ קלײן געוועלבל. דאָ האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון נאַפט און פון קעז.

— קענט איר מיר נישט זאָגן, וווּ וווינט דאָ מאַדאַם זשאַנפּרע?

פון יענער זײט קראָמטיש איז אַרויסגעגאַנגען אַ דיקע פרוי. זי האָט געגעסן פלוימען, אויסשפּײענדיק בעתן געשפּרעך די בײנדלעך.

— ס׳דריטע הויז פון דאַנען, פירטן שטאָק.

— זי איז אין דערהײם? איר װײסט נישט

— כ׳מײן, אַז יאָ, מאַדאַם. הײנט איז דאָך זונטאָק און זי איז, נאָר וואָס דאָ געווען קויפן אײער. אײך באָרג, נעבעך!...

ספי האָט, ווי איר שטייגער איז, געשטעלט דער פרוי עטליכע פראַגן.

— זיי זענען עטלעכע מענטשן, מאַדאַם! — איז געווען דער קרעמערינס ענטפער אויף ספּיס פראַגן וועגן יענער פאַמיליע — נאָר דאָס מזל האָט זיך פון זיי אָפּגעקערט... ס'גייט זיי נישט. ער איז נישט קיין פוילער... באַמיט זיך צו דערציען די קינדער, ווי ס'געהער צו זיין! זי איז אַ גוטהאַרציקע פרוי!...

די משפחה זשאַנפרע, צווישן זיי דער פאָטער, איז געווען אין דערהיים. זיי זענען אַלע געשטאַנען אַרום אַ גלח, וועלכער איז געזעסן ביים פענסטער און געהאַלטן פאַר די הענט אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף. דאָס יינגל האָט געוויינט. ספּי האָט געזאָגט, ווער זי איז. איר טרויער-קלייד האָט ביי איר אָוועקגעגעבעט איר יוגנט, צוגעבנדיק איר אַ מער סאָליד אויסזען.

— קומט אַריין, מאַדאַם, אַלע זענען אין דערהיים.

דער גלח האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. ספּיס וויזיט איז פאַר אים געווען אַ אומאַנגענעמלעכע איבעראַשונג. דערהערנדיק דעם נאָמען פון דער ווילטעמיקער אינסטיטוציע, וווּ ספּי איז געווען אָנגעשטעלט, האָט ער נישט צופרידן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן. די מוטער האַלטנדיק דאָס יינגסטע קינד אויף די הענט, האָט פאָרגעשטעלט ספּין דעם גלח:

— מאָסיע ל'אַבע גאָנטראַן. ער איז אַזוי גוט צו אונדז... (אָוועקלייגנדיק ס'קינד אין קעסטל, וואָס האָט געדינט אַלס וויגל, האָט זי זיך געווענדט צום גלח):

— פוילט ביי מימילן, מאָסיע ל'אַבע. מיר האָבן שוין אָנגעוווירן די כּוחות אין אים אַריינצוטענהן.

זי האָט אַ שטופּ געטון איר זון צום גלח, וועלכער האָט אים אָפּגעפירט אָן אַ זייט, אין ווינקל, און מיט אים אָנגעהויבן ריידן און דער שטיל.

ספּי האָט באַמערקט, אַז די שטוב און די קינדער האָט מען דאָ געהאַלטן ריין, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אין אַלגעמיין האָט דאָ געהערשט אַ אומאָרדנונג.

די דריי איבעריקע קינדער, מיידלעך, זענען שווייגנדיק,

געשטאַנען אין אַ גרופּע און האָבן מיט נייגעריקייט איבערגעטראָגן זייערע בליקן פון ספּיס שוואַרצע קליידער אויף דעם גלחס שוואַרצע בגדים.

דער פאָטער דער שפּייזער פון משפּחה... ווי אַלט קען ער זיין ?... זי האָט נישט געקאָנט באַשטימען : פופציק יאָר פאַר אַ רייכן מענטשן, איז דאָס זעלבע ווי פערציק יאָר פאַר אַן אָרעמען מענטשן, ווייל אַן אָרעמאַן זעט שטענדיק אויס עלטער... מאַסיוע זשאַנפּרע איז געשטאַנען אָנגעטון און היטל, האַלטנדיק די הענט און די טאַשן. די אויגן זיינע זענען געווען פאַרבאָרגן דורך שוואַרצע ברילן. די מוטער האָט, וויגנדיק ס׳וויגעלע, אין וועלכן ס׳האָט געקווייטשעט דאָס קינד, אָנגעהויבן מיט אַ זיפץ:

— שווער ! אָך, ווי שווער. ווען אויף דער וועלט וואָלטן נישט געווען קיין גוטע מענטשן...

ספּי איז אַריין אין אַ געשפּרעך מיטן מאַן. בשעת־מעשה האָט די פרוי, וועלכע האָט זיך צוגעקוקט צו דער אויפפירונג פונם קליינעם בעל־עבירהניק, זיך מיטאַמאָל אויף אים אַ וואָרף געטון און אים דערלאַנגט עטלעכע פּעטש.

— וואַרט, וועסט שוין האָבן !... דאָס וועט דיך שוין אָנלערנען, דו נאַר איינער !

די פרוי האָט אין דער גיך אַ כאַפּ געטון די פופציק־פראַנקאָווע אַסיגנאַציע, וועלכע דער גלח האָט מיטגעוואָלט אַריינגערוקט דעם קינד אין הענטל אַריין און וועלכן, דאָס קינד האָט מיט כעס אַ שליידער געטון אויף דער פּאָדלאָגע.

— ער טוט אַלץ, כדי צו ווערן אומדערטרעגלעך ! זאָג: אַ דאַנק, דו אומדאַנקבאַרע חיה איינע !... (זי האָט זיך אַ קער אום געטון צו ספּין)...

— ווען נישט דער הער... גייסטלעכער, — האָט זי געזאָגט — וואָלטן מיר אַלע שוין לאַנג אויסגעגאַנגען פון הונגער; דער מאַן מיינער אַרבעט נישט... און אָט איז שוין צוויי וואָכן — זי האָט אַ דראָ געטון צום יינגל מיטן פויסט — ווי דער דאָזיקער ימח־שמוניק וויל נישט לערנען דעם קאַטעכיזם.

דער גלח האָט געפּרוווט אָפּשטעלן דאָס געוויטער; אַ פּע־

טער און אַ גלאָטער, האָט ער נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן בארמהאַרציקייט און יראת־שמים.

— מ׳דאַרף אים נישט שלאָגן. ער וועט זיך אַליין צוריק־קערן אויפן דרך־הישר.

און ווענדנדיק זיך צום ייִנגעלע:

— דו וועסט אין מאי נישט קענען זיך מתוודה זיין, אויב דו וועסט נישט רעגולער קומען צו די לעקציעס.

דאָס ייִנגל האָט, פאַרקלייבנדיק זיך אין אַ ווינקל, ברוגז געשוויגן.

— שלאָגט אים נישט. כ׳וועל נאָך קומען!

דער גלח האָט זיך פאַמעלעך אָפּגעטראָגן. ספּי איז צוגע־גאַנגען צום ייִנגל, וועלכער האָט זיך אָפּגעווישט די טרערן מיטן עק פונם אַרבל.

נישט וויסנדיק, ווי אַזוי צו באַנייען דאָס געשפּרעך, האָט זשאַנפּרע זיך אָפּגערופן:

— דער קאַטעכיזיס וואָלט נישט געווען אַזוי וויכטיק, נאָר מ׳קען דעם ייִנגל צוליב איר אויסשליסן פון דער קירך־שול. דאָרט לערנט מען מיט אים אין די טעג, ווען די קינדער באַ־זוכן נישט די שול. מ׳פאַרנעמט זיך דאָרט מיט די קינדער, מ׳פירט זיי שפּאַצירן, זיי פאַרנעמען זיך מיט ספּאָרט. און ווען זיי וואַקסן אונטער, גרייט מען זיי צו צו מיליטער־דינסט. און דער עיקר, מ׳גיט זיי פיל זאַכן; און מיר, ווייסט איר דאָך, האָבן קוים אויף אויסצוקומען...

ספּי האָט צערטלעך צוגעצויגן צו זיך דאָס ייִנגעלע:

— דיר געפעלט נישט ביים גלח? דיר איז דאָרט, אין דער שול נישט גוט?

ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, נישט ענטפערנדיק. די מוטער האָט דערהערנדיק ספּיס פראַגע, זיך אָפּגערופן:

— כ׳מיין, אַז אים איז דאָרט שווער צו זיין און ער פילט זיך דאָרט נישט גוט. אָבער אונדז וואָלט אויסגעקומען שווער און ביטער, ווען דער גלח וואָלט אים אַרויסגעוואָרפן פון דער

שול, ווארום, ווי נישט ווי, האבן מיר דאך דערפון א געוויסע באטעריעלע שטיצע.

— לאזט מיך מיטן קינד אביסל זיך דורכריידן, — האט ספי געבעטן.

איר האט זיך אויסגעוויזן, אז מ׳האט נישט געוווסט, ווי אזוי זיך צו באגיין מיטן יינגעלע. זי האט עס צוגעפירט צום פענסטער, עס צערטלעך צוגעטוליעט צו זיך, און גאר אין דער שטיל, איינבייגנדיק זיך איבער זיין אויפגערעגט פנימל, האט זי אים געפרעגט:

— זאג, קעצעלע, דיר איז דארט נישט גוט?... זאג דעם אמת?... דער גלח באנטראן באגייט זיך מיט דיר נישט גוט?

דאס קינד האט א זיפץ געטון.

— מ׳האט דיך דארט געשלאגן?... זאג, האב קיין מורא נישט...

ער האט ווידער א שאקל געטון מיטן קאפ.

— וואס ווילסטו נישט דערציילן? זאג...

דאס קינד האט, ענדלעך, א ברום געטון:

— ער טוט אפ מיט מיר אזעלכע זאכן...

— וועלכע זאכן?

— מאוסע... שמוציקע...

דערשיטערט פון דעם, וואס זי האט דערהערט, האט ספי כמעט אויסגעשריען:

— טאקע באמת?

— יא.

זי האט אויפגעהויבן זיין פנים און הויך א זאג געטון:

— דאס דארף מען דערציילן דיינע עלטערן.

— ניין, ניין!

אבער ספי האט אליין דערציילט וואס זי האט זיך דערוווסט פונם קינד. זיי האבן געהערט עפנענדיק דאס מויל... זיי זענען נבהל־ונשתומם געווארן פון דעם, וואס זיי האבן זיך דערוווסט.

כדי זיי איבערצוצייגן, אז די מעשה איז נישט קיין אויסגעטראכטע, נאר אן אמתע, האט דאס קינד זיי געמוזט דערציילן

גענוי וועגן אַלץ... ער איז איינגעגאַנגען צו דערציילן די פּרטים באַקומענדיק אַ צוזאָג, אַז, מ׳וועט אים דערפֿאַר נישט שלאָגן.

דאָס קינד איז געוואָרן אַ קרבן פֿון אַ אויסגעלאַסענעם מענטשן. כּל-זמן די זאַך האָט זיך באַגרענעצט בלויז מיטן צורירן זיך מיט די הענט, האָט דאָס קינד געשוויגן, קענענדיק שוין, טראָץ זיינע יינגע קינדערשע יאָרן, אָפּשאַצן דאָס איבערגעוויכט פֿון מאַטעריעלע נוצן און באַקוועמלעכקייטן איבער פּערזענלעכע אומבאַקוועמלעכקייטן. נאָר ווען דער גלח האָט אים בעת דער לעצטער לעקציע, ווידער פֿאַרהאַלטן נאָכן קאַטעכיזיס, האָט ער דעם קינד פֿאַרשאַפֿט יסורים...

מימיל האָט, צוטוליענדיק זיך צו ספּין, איבערגעחזרט:

— כ׳האָב פֿאַר אים מודה! כ׳וועל מער צו אים נישט גיין.

די מוטער האָט געוויינט:

— גאָט אין הימל, צי איז דאָס מעגלעך!...

דער פֿאָטער האָט געדראָעט צו דערהרגענען „דעמדאָזיקן חזר”. זייער כּעס איז נאָך שטאַרקער געוואָרן פֿונעם באַוווסטזיין וואָס עס שטייט זיי פֿאָר צו פֿאַרלירן נאָך דער דאָזיקער אַנטדעקונג...

באַרויקנדיק זיי אַ ביסל, האָט ספּי ווייטער אָנגעהויבן אויסצופֿרעגן דעם קינד. זי האָט עס געטון, ערפֿילנדיק איר פֿליכט אַלס אָנגעשטעלטע אין דער ווילטעטיקער געזעלשאַפֿט, צו וועלכער די משפּחה זשאַנפּרע האָט זיך געווענדט נאָך הילף און פֿאַר וועלכער ספּי האָט געמוזט גיין זיי צו קאָנטראָלירן, אויף ווי ווייט זייער ביטע דאַרף באַריקזיכטיקט ווערן.

ספּי האָט זיך דערוווּסט, אַז זשאַנפּרע איז מיט זעקס חדשים צוריק געווען געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן די פֿאַבריק פֿון קונסטלעכן זייד, ווו ער האָט געאַרבעט. ער האָט געוויזן זיינע הענט: די נעגל זענען געווען רויט, די פֿינגער — צעפֿרעסן...

דאָס איז פֿון די פּרעפּאַראַטן, וועלכע ווערן באַנוצט אין דער פֿאַבריק. זיי האָבן מיר אויך אויסגעברענט די אויגן. כ׳בין כּמעט בלינד געוואָרן.

ספּי האָט אַ פֿרעג געטון:

— איר באַקומט עמיריטור ?

ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אויף ניין:

— דידאָזיקע קראַנקייטן זענען נישט אָנערקענט פאַר קיין פּראָפעסיאָנעלע און איך האָב נישט קיין רעכט אויף קיין שום שטיצע.

ספּי האָט נישט פאַרשטאַנען: ווי קען עס געמאָלט זיין, אַז אַן אַרבעטער וואָס איז קראַנק געוואָרן ביי דער אַרבעט צוליב די שעדלעכע פּראָפּאַראַטן, וואָס ווערן באַנוצט אין דער פאַבריק זאָל נישט האָבן קיין רעכט אויף עמיריטור אָדער, לפּחות, אויף אַ געוויסע שטיצע.

— ווייל אַזעלכע קראַנקהייטן — האָט זשאַנפּרע איר מסביר געווען — זענען, בלייספּיק, זעלטענע פאַלן, און די געזעצגעבערישע קערפּערשאַפטן האָבן אַזעלכע פאַלן נישט פאָריסגעזען.

— זעלטענע פאַלן! — האָט איבערגעחזרט די פרוי זשאַנפּרע, מיט אַזאַ טאָן. ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגן: ווי מיינט איר, איז דאָס מעגלעך?

מיט זיין נישט דרייסטער שטים האָט זשאַנפּרע באַשטעטיקט, אַז זיין באַשעפטיקונג אין דער פאַבריק איז געווען אַ געפערלעכע.

— מיט עטלעכע וואָכן צוריק זענען צוויי אַרבעטער פון דער דאָזיקער פאַבריק אַראָפּ פון זין צוליב דעם וואָס זיי זענען פאַרסמט געוואָרן דורך עטער, און דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל; גיכער און אָפטער פון אַלץ כאַפּט מען דאָרט אַ טובערקוליאָז. די אויסשוויצונג פון עסיק-וויערקייטן זענען דאָס זעלבע, ווי די גיפטיקע גאַזן בעת דער מלחמה... קונסטלעכער גרוב, יאָ, יאָ!...

פאַר ספּיס אויגן זענען פּלוצלינג אויסגעוואַקסן די פּרעכטיקע לוקסוס-מאַגאַזינען מיט זייער ים עלעקטרישע ליכט — און העלבאַלויכטענע רייכע וויסטאַוועס... קונהטעס, וואָס גייען ממש אַראָפּ פון זין צוליב דער וואַקכאַנאַליע פון פאַרבן און קאָסטבאַרע אַרטיקלען... דער פיבער פון ציטערדיקע הענט, און גיריק פינקלדיקע אויגן...

— איר וואָלט זיך געדאַרפט אָרגאַניזירן. פאָדערן אָנצונעמען שוץ-מיטלען...

— פאָדערן... פאָדערן!...

— יאָ.

— ס׳איז לייכט צו זאָגן: פּאָדערן. אָבער, צו ווייסט ,איר, מאַדאַם אַז די, וועלכע פּאָדערן, טרייבט מען אַרויס, ווי די הינט... ס׳איז לייכט צו זאָגן ; אָרגאַניזירן זיך ! געוויס, די אַרבעטער־סינדיקאַטן וואָלטן געדאַרפט זיין די סאַמע שטאַרקסטע ! געוויס!... פּאָדערונגען... שטרייקן... ביז וואָס, ווען ריזיקירן די אַרבעטער מיט אַלץ. זענען מקריב די ווייבער מיט די קינדער, און סוף־כּל־סוף, וואַרפט מען זיי אַרויס — און גיי, קלאָג אונדז אָן צום ונתנה־תוקף.

— אָבער נישט אין אַלע בראַנזשעס איז אַזאַ „אָרדנונג״ !

— און אַלע... כ׳האָב געאַרבעט אין אונדזערע בראַנזשעס אויך. די באַדינגונגען זענען אומעטום שרעקלעכע. די אַרבעט ווערט אַזוי נישטיק באַלוינט. איך בין געווען אַ סעקרעטאַר פון אַ סינדיקאַט. כ׳האָב געפאָדערט אַ העכערונג פונם אַרבעט לוין און בעסערע באַדינגונגען פאַר דער אַרבעט. כ׳האָב, צוזאַמען מיט מיינע חברים געשטרייקט, ווייל די בעל־הבתים האָבן זיך אויסגעלאַכט פון אונדזערע פאָדערונגען און זיי נישט נאָכגעגעבן אויף קיין האָר...

— און דער פועל־יוצא פון דעם — האָט מאַדאַם זשאַנפּרע באַשטעטיקט — דער פועל־יוצא איז געווען, וואָס מ׳האָט אים פאַרגעלייגט זיך אָפּצוזוכן אַן אַנדער שטעל ! אָט צו וואָס מ׳דערשלאָגט זיך, ווען מען שטרייקט און מען קעמפט.

ספּי האָט מיטן גרעסטן מיטלייד געקוקט אויף די מיידלעך וואָס זענען אַלע געשטאַנען אַרום דעם וויגעלע, און אויף מי־מילן, וועלכער האָט געסאָפּעט, אַריינרוקנדיק אַ פינגער אין נאָז אַריין. די שפּראָצונגען פון דלות ! ווען זשע וועלן די קבצנים ענדלעך, אויפהערן צו זייען פאַר די רייכע ?...

זי האָט איבערגעלאָזט הונדערט פראַנק. פאַרשרייבנדיק פאַר די זשאַנפּרעס אַזאַ בייטראָג אַלס מאָנאַטלעכע שטיצע.

ספּי האָט זיך געקליבן אויסנוצן איר זיין אינם דאָזיקן ראַיאָן, כּדי אַריינצוגיין צו שערצען, וועלכע האָט געוווינט נישט ווייט פון די זשאַנפּרעס. די קינדער זענען געווען אויף דער גאַס און דערזעענדיק ספּין, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון צו איר זי האָט זיי ליב געהאַט, און די קינדער האָבן עס געפילט.

— אייער מוטער איז אין דערהיים?
— זי ליגט. מיר שפּילן זיך אויף דער גאַס, כדי נישט צו מאַכן קיין ליאַרעם. נענעט איז געבליבן איר צו באַדינען. נעבעט איז געווען די עלצטע.
— אייער פאָטער האָט באַקומען אַ פּאָסטן?
— ניין. שוין זייט צוויי טעג, ווי ער איז נישט געווען אין דערהיים...
ספּי האָט מורא געהאַט, אַז מיט אים זאָל נישט האָבן געטראָפן אַן אומגליק. זי האָט געהאַט רחמנות אויפן אייבּפּוסיקן מעכאַניק... מ'האָט אים אײן פוס אַמפּוטירט, פונקט, ווי מוניע... ער זאָל באַר עפּעס נישט אָפּטון דער דאָזיקער אומגליקלעכער קאַליקע אין אַן אָנפאַל פון פאַרצווייפלונג.
— איר האָט אין דערהיים ברויט?
— היינט האָט דער בעקער זיך שוין אָפּגעזאָגט אונדז צו געבן ברויט אויף באָרג... די שכנטע, די וועשערין, האָט געגעבן נענעטן אַ שטיק ברויט.
ספּי איז אין באַגלייטונג פון דריי הונגעריקע קינדער, אַריין צום געוועלבער, וועלכער איז מיטאַמאָל ווייכער געוואָרן און געעפנט דער משפחה פונם איינפוסיקן מעכאַניק אַ קרעדיט: צוויי קילאָ ברויט אַ טאָג ביזן קינפטיקן חודש. און בעת די מחנה קינדערלעך — יעדעס מיט אַ שטיק ברויט און אַ פּליטקע שאָקאָלאַד אין די הענט — האָט געגעסן ספּין מיט די אויגן, האָט זי דעם עלצטן פון זיי אָנגעטרויט אַ צוואַנציק פראַנקאָווע אַסיגנאַציע.
— דו וועסט עס געבן דער מאַמען, און איר זאָגן, אַז די טעג וועל איך אַריינקומען צו אייך.

VII

צוריקקערנדיק זיך אַ היים, איז ספּי ווידער פאַרבייגעגאַנגען פאַר דער בעקערײַ, ווו זי האָט דאָ נישט לאַנג באַקומען אינפאָרמאַציעס. דער אָנזען פון געבעקס האָט איר דערמאָנט, אַז מוניע, וועלכער האָט זיך, נאָכן איבערפירן אים אויף אַ נײַער שטעל, באַזעצט אין עסטאַק, האָט געדאַרפט קומען צו מיטאָק, ווי ער פלעגט עס טון יעדן מיטוואָך, אײַנגייענדיק אויף דער אײַנלאַדונג פון איר פעטער. זי האָט געפונען דעם שטייער־באַאַמטן פאַר אַ סימפּאַטישן, געליבט אים, ווי פּאַקאָ, פאַר זײַן אינטעליגענץ און נישט געקענט באַקעמפן אין זיך דאָס רחמנות־געפיל צו אים. דאָס דאָזיק געפיל האָט זי באַוויגן, מיט אַ פרישער דעליקאַטקייט, צוצוגעבן צו איר באַציונגען צו מוניען אַ ניואַנס פון ליבנסווירדיקייט...

זי האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער.

— ס'וועט מיר נאָך בלײַבן צײַט. מ'דאַרף נאָר צוווּאַרעמען דאָס פלייש, און קויפן מאָקע פאַרן פעטער.

אַראָפּלאָזנדיק זיך איבער די טרעפּ אויף דער גאַס דלופּאַניע, האָט זי זיך אויסגעמישט מיט אַ מענגע מיידלעך, וועלכע האָבן געשווירבלט און געגריבלט בײַ יעדן טויער — מיידלעך אין צעריסענע קליידלעך, און ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט אויף די געלענדערס. זי האָט געטראַכט וועגן די וויזיטן, וואָס זי האָט נאָר וואָס געמאַכט בײַ די געפּלאָגטע

און געוווּדפטע. אַ באַמערקונג, וואָס אַ קינד האָט געמאַכט, האָט זי געצוווּנגען אויפצוהייבן דעם קאָפּ.

— אָך, וויפיל בודעס מ׳האָט דאָ אָנגעשטעלט!

זי האָט אַ שמייכל געטון. איר געדאַנק האָט זיך אַ גליטש געטון פון די „בודעס" צו די „פּאַלאַצן", זי האָט זיי היינט אָנגעזען זייער פיל: גאַנצע טרופּעס, אַזעלכע לעכערלעכע אָדער אַזוינע, וואָס רופן אַרויס אַ רחמנות צו זיך, זענען פאַר איר דורכגעגאַנגען, זשעסטיקולירנדיק און קלאָגנדיק זיך... טרויעריקע געשטאַלטן, וועמענס אָפּשפּיגלונג זי האָט געזען אויף איר וועג... דער גלח גאָנטראַן איז אין דער ערשטער ליניע, אַרויסגעשווומען פון דער פינסטערניש, וווהין אים האָט פאַרטריבן איר גראָדליניקייט און ערלעכקייט. זי האָט פון אונטערן שטערן אויף אים געקוקט, טורא האָבנדיק אָנצוקוקן מיט אַ פולן בליק זיין מיאוסן מאָראַלישן פּרצוף...

גייסטלעכע האָבן פריער ספּין זיך אויסגעוויזן, ווי גע־שלעכטלאָזע באַשעפענישן, ווי מענטשן פון אַ „מיטעלן" מין, וואָס איז נישט קיין מענלעכער און נישט קיין ווייבלעכער. איר איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז די דאָזיקע מענטשן, די פאַרשידענע גייסטלעכע אָנהייבנדיק פון די וואָס זענען אויסגע־דאַרט און אויסגעקוואַרט דורך די שטענדיקע תּפילות און ענדיקנ־דיק מיט דיקע געזונטע און פרישע גלחים, אַז זיי זאָלן זיך אַרומטראָגן מיט בייזע זינדיקע מחשבות, אַז אויסער רוחניות זאָלן זיי האַלטן פאַרבאָרגן אין זייער קאָפּ אַזעלכע זינדיקע גע־דאַנקען. וואָסער אַנטוישונג... זי האָט זיך דערמאָנט, ווי דאָס זעלבע געפיל פון אַנטוישונג האָט זי אַמאָל איבערגעלעבט אין די קינדערשע יאָרן. באָדנדיק זיך אין שאַטאָ־רוזש, האָט זי אַ כאַפּ געטון מיט די הענט אַ שלענגעלע, מיינענדיק, אַז דאָס איז אַ פלום. דאָס איז געווען אַ מין שליימיק היזלע און די דערינערונג וועגן דעם אומאָנגענעמען אָנרירן זיך צו דעם רופט נאָך עד־היום ביי איר אַרויס אַן עקל.

די דערינערונג וועגן דעם האָט, לויטן לאָגישן געזעץ פון דער געדאַנקען־אַסאָציאַציע, איר דערמאַנט אינם שטרענגן פּנים פון

גלח, וועלכער האָט איר געוויזן דאָס הויז פון אַרבייטזאַמקייט. די דערינערונגען וועגן דעם האָט ווייכער געמאַכט דאָס אומאָנגענעמטע געפיל, וואָס איז ביי איר אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער אַנטדעקונג, אַז דער גלח איז גלייכצייטיק אַ מאַנספּערשוין, און צייטנווייז, ווי איינם פאַל מיטן גלח געטראָפן, אַ תאוהדיקע חיה. זי האָט געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין אַ יוצא-מן-הכּלל.

— אומעטום זענען דאָך פאַראַן קראַנקע, — האָט זי זיך בעטראַכט און בארויקט... און ער איז איינער פון די דאָזיקע קראַנקע.

איילנדיק זיך אַרויסצוגיין אויף דער אורפּעגאַס, איז ספּי געגאַנגען דורכן אַראַבישן קוואַרטאַל. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי דאַרף קויפן קאַווע פאַרן פּעטער און איז אַריין אין אַ קראָם, וווּ זי פלעגט שטענדיק קויפן דעם דאָזיקן פּראָדוקט. אַרויסגייענדיק פון קראָם, האָט זי זיך בעגעגנט פּנים-לפּנים מיט סאַנטאָן.

— ווי קומט איר אַהער?

די אומגעריכטקייט פונם באַגעגעניש מיט סאַנטאָן האָט זי געצוווּנגען מיטאַמאָל זיך אָפּצושטעלן. זייט דער טאָג ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט ביי פּרעדריקען, האָבן זיי ביידע מער זיך נישט געזען, און זי האָט נישט געטראַכט, נישט וועגן אים און נישט וועגן זיין פריינט — קיריל. דעריבער האָט זי זיך אַביסל געשלאָגן מיט דער דעה און זיך געקווענקלט, איידער זי האָט גענומען די אויסגעשטרעקטע האַנט. פון אַלע יינגעלייט, וועלכע זי האָט באַגעגנט (אין משך פון די לעצטע עטלעכע חדשים, אין פאַרלויף פון וועלכע זי האָט זיך, אַליין עס נישט פילנדיק דערווייטערט פון אַזאַ באַנעמער, און איצט שוין אַזאַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט) איז נאָר אַלעקסאַנדער אַריין אין קרייז פון איר באַקענטע... דער ענגער קרייז, וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון עטינעטן, לוסיען און בערטע בערניע, מוניע און נאַדאַ.

— איר האָט זיך נישט געריכט מיך צו זען? — האָט מיט אַ פאָרוווּרף דער מאַקעדאָנער געפרעגט.

ער האָט דערפילט איר וואַקלעניש, נישט פאַרשטייענדיק די סיבה... זאָל עס זיין אַ אומחן צו אים פון איר זייט?... ער האָט דאָך וועגן איר די גאַנצע צייט אויף קיין איין רגע אפילו נישט אויפגעהערט צו טראַכטן!... בלויז דער געדאַנק וועגן דעם — אַז זי האָט נישט צו אים קיין סימפּאַטיע — האָט געצופּט און געריסן זיין האַרץ... גלייכגילטיקייט?... ניין, אפילו דאָס האָט ער נישט געקאָנט דערלאָזן. ער האָט דאָך יעדן טאָג געפּרוווט זי צו באַגעגענען אין ראַיאָן, ווו דאָס ביוראָ פון דער ווילטעטיקער געזעלשאַפט געפינט זיך אָדער אויף דער אורפּע־גאַס.

געפונענדיק זיך ווידער נעבן ספּין, האָט סאַנטאַ ווי־דער דערפילט, ווי עפּעס אַ סודותפולער שטראָם, וועלכער האָט אים דורכגענומען ביי זייער ערשטער באַגעגעניש, האָט אים איצט אַ קלאַפּ געטון, ווי אַ בליץ און ווי אין אים עפּעס אָנגעצונדן. ליבע פלעגט ביז איצט צו אים קומען ווי אַ פּאַרי־בערגייענדיק פאַרגעניגן, וואָס פלעגט אים העלפן אוועקשטופּן און דערהרגענען די צייט. פלוצלינג אָבער האָט ער איצט דערשפּירט אַ ביז איצט אומבאַקאַנטע שטרעבונג און באַגער, אַ געפיל, וואָס איז ענלעך צו דער בענקשאַפט פון דעם, וואָס שווימט איבערן ים. צו דער אומבאַקאַנטער יבשה, צו אַ ראַיאָן פון נייע וועלטן.

נאָר נישט איינע פון די דאָזיקע איבערלעבענישן האָט זיך נישט אָפּגעשפּיגלט אויף זיין פּנים, וועלכעס האָט זאָרגפעלטיק אָפּגעהיטן די סודות פון זיין האַרצן. דער שטאָלצער יינגערמאַן האָט געהערט צו יענע קאַטעגאָריע פּילזייטיקע נאַטורן, ביי וועל־כע די אייגנליבע איז שטאַרק, פּונקט ווי די ליידנשאַפט.

ספּין איז אַזוי ווייט פרעמד געווען יעדער געדאַנק וועגן ליבע־געפיל און אפילו דער קלענסטער רמז אויף קערפּערלעכע אינטינקטן, אַז זי האָט נישט געקענט באַגרייפן, פאַרוואָס סאַנ־טאַ איז אַזוי אויפגערעגט.

— איר וועט מיר דערלויבן אייך אַביסל צו באַגלייטן? — האָט ער זי געפרעגט.

— ביטע זייער, אויב איר האָט נאָר נישט מורא, מ׳זאָל אייך נישט דערקענען...

ער האָט איר באַרויִקט. האָט איר געענטפערט, אַז ער האָט פאַר דעם נישט קיין מורא, און אַז ווען מ׳וועט אים אפילו יאָ דערקענען, קען מען אים גאָרנישט טון. דערצו האָט ער נאָך געהאַט אַ פּראָפעסיע, וועלכע אים איז נישט אַרויסגעקומען צו האַלטן פאַרבאָרגן.

זי האָט ליבנסווירדיק געפרעגט:

— דאָס גלאָז-פּאַך

— יאָ. נישט קיין לייכטע פּראָפעסיע איז דאָס. די מענטשן דרייען זיך אַרום האַלב-נאַקעט פאַר די צעגליטע אויוונס, שטראָמען פון פאַנאַנדערגעשמאָלצן גלאָז וואָס כאַפּט זיך אָן, פונקט ווי בלאָנדזשענדיקע פייערלעך... די לופט איז פונקט ווי אין גיהנום! איך בין געוואָרן אַ מאַשיניסט, נאָכדעם. ווי כ׳האָב אַ וואָך צייט אָפּגעאַרבעט ביים פּאַקן די פלאַשן.

— וואָס איז איצט אייער עובדה?

— איך זיץ אונטער די ווענטילאַטאָרן און קוק זיך צו צו דער צעשמעלצונג. חוץ דעם ברענג איך אין באַוועגונג די פאָרמען, פון וועלכע די פלאַשן גייען אַרויס נאָך רויטע... דאָס איז נישט אַזוי געפערלעך, ווי זיך צו פאַרנעמען מיט מלוכה-פאַרראַט, דאָרט...

— איר בענקט נישט נאָך אייער היימאַט?

ער האָט געענטפערט זייער שנעל, נישט קוקנדיק אויף איר:

— ניין, ניין!... דאָ איז אַזוי לייכט, די לופט אָטעמט זיך איין אַזוי פריי! דאָ אָטעמסטו מיט האָפענונג...

די דאָזיקע לוסטיקייט זיינע, אין וועלכע ספק האָט נישט איינגעזען קיין הינטער-געדאַנק, האָט אויף איר געווירקט, נאָכן שווערן טאָג, וואָס האָט זי אַזוי אויסגעמאַטערט, פונקט ווי אַ שטראָם פרישע לופט.

אינם דאָזיקן יינגמאַן האָט, פונקט ווי אין אַלעקסאַנדערן לפּחות געלעבט אַ ג י י ס ט. זיי זענען געווען כהנים פון אַן

אידעאל. זי איז געווען אנטציקט פון זייער ענערגיע. קיין זאך האט בישט געקאנט אפשוואכן איר ענטוזיאזם. פאר איר איז געווען גענוג צו זען, ווי די דאזיקע יינגעלייט האבן בישט געלייגט קיין אכט אויף די תענוגים און הנאות, וואס דער גוף איז מסוגל צו געבן, און ווי זיי דערהייבן זיך צו די העכסטע שטאפלען פון זעלבסטאפערונג, כדי זי זאל ווערן זייערס אן אידעישע חברטע.

ספי און סאנטא זענען, שמועסנדיק צווישן זיך, געגאנגען הין און צוריק איבער דער אורפע־גאס.

באגייסטערט פון זייער געשפרעך, אין וועלכן ספי האט געהערט אן אפקלאנג פון אלעקסאנדערס שטים, האט זי אינגאנצן פארגעסן וועגן איר מיטאק. איר איז אפילו בישט איינגעפאלן, אז דער אינטערעס, וועלכן זי האט אין איר באגייסטערונג ארויסגעוויזן צו סאנטאן, וואלט געקאנט אויסגעטייטשט ווערן ווי אן אויסדרוק פון געוויינטלעכע טימפאטיע צו אים. ביני לביני איז דאס אדער יענץ ווארט און די אינטאנאציע פון איר שטים, טיף אריינגעדרונגען אין דער עקזאלטירטער נשמה פון איר באגלייטער... און איר צערטלעך און שטאלץ געשטאלט האט הינטערוויילעכץ באהערשט אלע זיינע געפילן. סאנטא האט אנגעהויבן צו שפירן, אז ער וועט מיט דער זעלבער עקשנות, מיט וועלכער ער האט געקעמפט פאר זיין פאטערלאנד, אנהייבן שטרעבן און דערגרייכן, אז ספי זאל אים אינגאנצן געהערן.

זיי האבן שוין דאס צענטע מאל זיך דערנענטערט צו דער טיר און זיך געקליבן ווידער פארבייגיין פאר איר און ווייטער שפאצירן איבער דער גאס. נאר פלוצלינג האבן זיי זיך אנגעשטויסן פנים־לפנים מיט פאקאן און מוגיען. ספי איז רויט געווארן, אליין בישט וויסנדיק פארוואס, און פארלעגן האט זי זיי פארגעשטעלט איר מיטגייער. סאנטאן האט שוין געהאט ארומגעכאפט אן אייפערזוכט און די שטריכן פון זיין פנים האבן אנגענומען א גרויזאמען אויסדרוק.

— ביז מארגן, בישט אזוי? — האט ער געפרעגט, — מארגן קלייבט מען זיך צונויף ביי לצוויסקאן.

— יאָ, יאָ, פרעדריקע האָט מיר געזאָגט.

בעת זיי האָבן זיך פאַמעלעך — צוליב מוניען — אויפגעהויבן אויף די טרעפּ אויפן דריטן שטאָק, האָט ספּי דערקלערט.

— כ'האָב אים באַגעגנט, ווען כ'האָב זיך צוריקגעקערט אַהיים. ער האָט מיך פּאַראונטערעסירט... מיר האָבן זיך פאַררעדט און אַזוי אַרום האָב איך פאַרשפּעטיקט.

— כ'וועל אַליין אַלץ מאַכן, — האָט פּאַקאַ געזאָגט — ס'וועט ביי מיר אַוועק שנעל און מיר וועלן באַלד עסן מיטאָק.

אָנצינדענדיק דאָס אייבערשטע לעמפּל, האָט ספּי באַמערקט:

— כ'דאַרף נאָר וואַרעם מאַכן די זופּ און ס'פלייש... (זי האָט זיך אַ קער אום געטון צו מוניען)... ביני־לבני וועט מיין פעטער זיין אַזוי גוט און עפענען די שאַכטל מיט געענדזן־פּאַשטעט... מיר האָבן זיך דערמאָנט, אַז איר האָט עס ליב?

— אָ, ווי ליבנסווירדיק דאָס איז פון אייער זייט!

— צו דעם דאַרף מען נאָך אַביסל סאַלאַט מיט אוקראָפּ...

— דאָס וועט זיין שוין איינמאָל אַ מאכל, — האָט מוניע פריילעך באַמערקט.

— און אייערע טשאַסטעס!... דאָס איז שוין געווען איבעריק! כ'האָב אייך שוין פאַריקן דאָנערשטאָק געזידלט!... אָט האָסטו דיר... (זי האָט אַ רוק געטון פּאַקאָן אונטער דער נאָז אַ פּאַקעט, וואָס זי האָט פאַר אים געקויפט..) דאָס איז פאַר דיר!... טו אַ שמעק.

ער האָט פאַרזשמורענדיק די אויגן, אַריינגעצויגן און זיך דעם ריח פון זיין געליבטער קאַווע.

— דיר ליגט אַלץ אין קאָפּ! — האָט ער צערטלעך אַ זאָג געטון.

— איצט, די טעלער!

זי האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו פאָרען אַרום דער ווירטשאַפט, איז לוסטיק אַרומגעלאָפן אַהין און אַהער.

— כ'וועל אייך העלפן, — האָט זיך מוניע אַרויסגערופן, באַגייסטערט פון דער דאָזיקער, אינטימער סביבה.

— אויב איר ווילט, ביטע זייער!

— איך, — האָט פּאַקאָ דערקלערט — וועל שוין באַזאָרג דאָס איבעריקע.

איידער זי איז פאַרשווּנדן געוואָרן אין קיך, האָט פּאַקאָ אַ וואָרף געטון אַ צופרידענעם בליק אויף זיין פלעמעניצע. ער האָט זי שוין לאַנג נישט געזען אין אַזאַ גוטער שטימונג, ווי איצט. פּאַקאָ איז געווען צו שאַרפזיניק, אַז ער זאָל צושרייבן די דאָזיקע שטימונג מוניעס אָנוועזנהייט. פּאַקאָ האָט זייער גיך פאַרשטאַנען, אַז ספּי, וועלכע פלעגט מיט פאַרגעניגן זיין און מוניעס געזעלשאַפט, וועט קיינמאָל זיך נישט איינלעבן מיטן געדאַנק, צו ווערן זיין ווייב.

— גוט, — האָט ער אַליין צו זיך געזאָגט, קוקנדיק אויף די צוויי פּאָנעס, וואָס זענען געשטאַנען אויפן פּייער, גוט איז כאָטש דאָס, וואָס זי פאַרקערט אין געזעלשאַפט פון יונגע לייט. ס'קען זיין, אַז איינער פון זיי וועט איר צוריקקערן דאָס איבער־לעבע גלייכגעוויכט, וואָס זי האָט פאַרלוירן זייט פּיערס טויט. זי איז אינגאַנצן אַלט דרייאון צוואַנציק יאָר, די האָפענונג איז נאָך נישט פאַרלוירן. און דערהערנדיק פון יענער זייט וואַנט די נישט גלייכע טריט פונם קאַליקע און דאָס קלאַפּן פון הילצערנעם פוס, האָט ער אַ דריי געטון מיטן קאָפּ ביים געדאַנק, אַז נאָך איינער וועט איצט ליידן. — יאָ, ליידן — און נישט ער, נישט ספּי און עמעצער אַ דריטער, וועלן גאָרנישט קענען טון, כדי צו פאַרלייכטערן די דאָזיקע ליידן...)

מוניע, וועמענס געדאַנקען ס'האָבן זיך, כאָטש מיט אַ קלענערן ברען, ווי ביי דעם עקזאַלטירטן סאַנטאָ, קאָנצענטרירט אויפן זעלבן צוועק, האָט זיך שוין געפילט ווי אַ מענטש, וועלכער איז שוין אַריין און דער משפחה, וואָס יעדער מיטגליד אירער האָט זיך מקריב געווען פאַר די אַלע איבעריקע. מיט אַנדערע ווערטער, ער האָט זיך שוין געפילט אין דער קלייגער משפחה, וואָס באַשטייט פון פּאַקאָן מיט זיין שיינער פלעמעניצע, ווי אַן אייגענער מענטש. אים האָט זיך געדאַכט, אַז, עס האַלט שוין דערביי, אַז ער זאָל זיך שוין קענען פאַרייניקן מיטן דאָזיקן יונגן און שיינעם באַשעפעניש, כדי, צוזאַמען צו קעמפן קעגן דער איינזאַמקייט, די פשוטע ליבנסווירדיקייט, מיט וועלכער מ'פלעגט

אים יעדעס מאָל אויפגעמען, האָט אויסגעוויזן פאַרן קאָליקע, וועלכער איז געווען אינגאַנצן איינגעשלונגען דורך זיין טרוים, פאַר אַ שטערן, וואָס ווייזט אָן דעם וועג צום רעטונג־האַפן. שוין צייט אויפהערן צו זיין אַן אָפּגעבראָכן שטיק פון אַ שיף, וואָס האָט געליטן אַ שיפקאַטאַסטראָפע! שוין די העכסטע צייט צו וואַרפן אַן אַנקער פון לעבן אויף דער יבשה... צו האָבן, ווי אַנדערע, אַן אייגן פאַמיליען־ווינקעלע!

— אין וואָס אַריינלייגן די טשאַסטעס, מאַדמואַזעל ספּי־ריטאָ?

— רופט מיך נאָר נישט ספּיריטאָ, כ׳בעט אייך זייער דאָס מאַכט מיך אַלט. מען רופט מיך ספּי.

— כ׳האָב נישט געוואַגט.

— פאַרוואָס?.. אָט האָט איר די וואַזע.

זי האָט אים געהאָלפן אַריינלייגן דאָס געבעקס און די ביסקוויטן.

— אָט... מיר האָבן שוין געענדיקט. און דו פּעטערל?

— כ׳גיי, כ׳גיי!...

און ווען זי איז אַריין נאָך אים אין קליינעם קיכל, האָט ער איר ליבלעך אַ שטויס אָפּגעטון פון זיך:

— גיי, זעץ זיך צו, דו ביסט דיך שוין אַ גאַנצן טאָג אָן דעם אויך גענוג אָנגעלאָפן. און איר, מוניע, אויך. כ׳גיי.

זי האָט געהאָרכזאַם זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעהויבן אויספרעגן מוניען, ווי אַזוי ער האָט זיך איינגעאָרדנט. מוניע האָט אויסגעטייטשט ספּיס לעבהאַפטע אויפמערקזאַמקייט צו אים ווי אַ גינסטיקן סימן און האָט זיך שוין פאַרגעשטעלט אין זיין צעהיצטער פאַנטאַזיע ספּין אין זיין וווינונג, וועלכע ער האָט איצט שוין כמעט איינגעאָרדנט, און וועלכע איז געווען גענוג גרויס, כדי אין איר צו קענען וווינען מיט אַ פאַמיליע.

— ס׳איז נאָר געבליבן צו באַקלעפּן דעם זאַל מיט טאַ־פּעטן. דאָס צימער, פאַרשטייט איר מיך, איז זייער אַ גרויס... דער פריערדיקער שכן האָט דאָרט געוווינט כמה יאָרן, אַ דאַנק נאָר אַ גליקלעכן צופאַל — זיין מוזיניק איז קראַנק געוואָרן

און די דאָקטוירים האָבן אים געהייסן ענדערן דעם קלימאַט, — איז ער איינגעגאַנגען צו באַפרייען די דירה. כ׳האָב דאָרט אַזוי פיל פּלאַץ אין מיין דירה, ווי אין מיין פריערדיקער דירה אין מאָסקווע. ס׳וואָלט געקלעקט פאַר פינף נפשות...

ער האָט פאַרגעסן וועגן זיין געמאַכטן פוס און איז אים אויסגעצויגן אין אַ טרוים, וועלכער האָט דעם ווּנטש פאַרוואַנדלט אין ווירקלעכקייט... פּלוצלינג האָט ער באַמערקט דעם אָנגעשטרענגטן בליק, וועלכן ספּי האָט, נישט טראַכטנדיק וועגן זיין געמאַכטן פוס, געוואָרפן אויף זיינע קאַמאַשן. כדי נישט אַרויס צו ווייזן זיין פאַרלעגנהייט, האָט ער זיך טיפער אַריינגעזעצט אין דער שטול און אויסגעצויגן זיין מעכאַנישן פוס, פונקט ווי ער וואָלט זיך אין אים געשפּירט להלוטין פריי.

— באַלד נאָכדעם, ווי מ׳וועט דאָס צימער אַרומקלעפּן מיט טאַפּעטן — האָט ער ווייטער דערציילט — וועט מיין דירה ווערן אַ זעלטן שיינע און באַקוועמע. נאַטירלעך, וועט אין איר פעלן דער לעצטער שטריך, וועלכן ס׳קען מאַכן נאָר אַ ווייבערישע הענטל; וועט איר אפשר וועלן מיר העלפן מיט אַן עצה...

ספּי האָט איבערגעפירט דעם געשפּרעך אויף אַן אַנדער טעמע:

— איר האָט שוין געפונען אַ דינסט.

ער האָט געמאַכט אַ זויער פּנים:

— יאָ. זי קומט צו גיין יעדן פרימאָרגן און רוימט מיר אויף די שטובן אין מיין אָנוועזנהייט. ווען איך קום אַ היים, בין איך שטענדיק אַליין, און דאָס, פאַרשטייט איר מיך, איז זייער שווער.

זי האָט געענטפערט:

— איר זענט אין דעם אַליין שולדיק... (ווי ווייט זי איז געווען אים צו פאַרשטיין) איר דאַרפט חתונה האָבן.

ער האָט געהאַלטן, אַז דער וועג, איר זיך צו דערקלערן אין ליבע, איז איצט אָפן. און האָט זיך אַ הייב אויף געטון פון אָרט, נאָר אינסטינקטיוו האָט ער מיט אַ טאָן פון שפּאַס, פאַר-

מאַסקירט די ווערטער, וואָס זענען געגאַנגען פון דער טיפעניש פונם האַרצן:

— פאַר אייך, ווען איר וואָלט אויף דעם איינגעגאַנגען...

ספּי איז מיטאַמאָל געוואָרן ערנסט. אונטערן לייכטן טאָן פון כּלומרשטן שפּאַס האָט זי דערשפּירט אַ ציטער פון אַ דער־קלערונג אין ליבע. זי האָט אים איבערגעשלאָגן זיינע ווייטער־דיקע רייד:

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן.

דאָס איז נישט געווען קיין קאַטעגאָרישער אָפּזאָג. ער האָט אָנגעהויבן דורכויס פאָדערן.

— איך רייד דאָך גאַנץ ערנסט; איך טרוים נאָר וועגן דעם.

— בחינם.

— איר האָט ליב אַן אַנדערן?

אַ בייזער בליק, מיט וועלכן זי האָט אים אָפּגעמאָסטן, האָט געוויזן, אַז ער האָט זי באַליידיקט. ער האָט וועגן דעם באַדויערט נאָר גלייכגילטיק האָט אים הנאה געטון, וואָס נישט קיין איין לעבעדיקער מענטש איז נישט דער הערשער פון אירע געדאַנקען און זי ליבט נאָך קיינעם נישט, טריי דעם אָנדענקען פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן.

— יאָ... — האָט זי געענטפערט — כ'האָב ליב איינעם, אָבער נישט דאָ אויף דער וועלט... און וועל קיינמאָל נישט חתונה האָבן.

ער האָט מיט אַ ציטער אין זיין שטים געמאַכט נאָך אַ פּרוּוו:

— אפילו נישט צוליב דעם, כּדי צו פאַרדינען אַ מצוה? און קויפן זיך עולם-הבא?

ער האָט געמיינט אָנצורירן איר שוואַכע סטרונע.

ספּי האָט אינסטינקטיוו דערשפּירט אין זיינע ווערטער אַן אויסגערעכנטן פּלאַן און האָט געלאָזט פאַלן מיט אַ שאַרפקייט, וואָס האָט מוניען אַנטמוטיקט:

— זיך מקריב זיין צוליב אַן אַנדער קרבן. — שוין בע־סער טון עס פאַר טובת-הכּלל און נישט פאַר אַ יחיד.

אין דעם מאָמענט האָט פאקאָ געבראַכט פון קיך די זופ און זיי האָבן זיך געזעצט פארן טיש עסן. ספין האָט, אונטער מוניעס בעטנדיקע בליקן, באַהערשט אַ טויבער פאַרדרוס, וואָס האָט זיך דורכגעריסן אין יעדן וואָרט אירס.

מוניע האָט נישט געוואָלט אָנערקענען זיין מפלה, האָט געהאָפט, אַז זי וועט ביסלעכווייז ווייכער ווערן, אַז זיין איבערגעבנקייט און טאַקט וועלן פאַרבעסערן דעם ערשטן איינדרוק און איר איבערצייגן. ס'איז נייטיק געווען פאַקאָס גאַנצע גוטמוטיקע שאַרפזיניקייט, כדי צו ברענגען צו אַ „וואָפנשטילשטאַנד" דאָס געפיל פון אומבאַקוועמלעכקייט און אומגעשיקטקייט, וואָס איז נעשאַפן געוואָרן דורך מוניעס ווענדונג און פאָרשלאַג צו ספין און איר אָפזאָג. ספי האָט שוין באַדויערט וועגן איר שאַרפקייט און זי האָט זיך באַמיט צו דערטרינקען איר נערוועישקייט און צעטראָגנקייט אין א שטראָם פון ווערטער און האָט כמעט גאָרנישט געגעסן. פאַקאָ האָט איר אָנגעהויבן צו מאַכן אַ פאָרוורף דראָענדיק איר מיטן דאָקטאָר.

— דו שטרענגסט זיך צו פיל אָן און אַרבעטסט איבער די כוחות.

— אַנטשולדיקט מיר. כ'האָב ווידער געהאַט אַ שרעקלעכן טאָג! יעדעס מאָל, ווען איך באַזוך די קליענטן פון דער וווילטעטיקער געזעלשאַפט און זע זיך אָן דעם ים פון עלנט און נויט, דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב שוין אַלץ אַנטדעקט, אַז שרעקלעכערס קען שוין נישט זיין; ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז מיט יעדן נייעם באַזוך, וואָס איך מאַך ביי די אומגליקלעכע, מאַך איך יעדעס מאָל אַלץ נייע און נייע שרעקלעכע אַנטדעקונגען אויפן געביט פון דלות און דחקות און גיי פון דאָרט אַוועק ממש אויסמאַטערט פון פאַרביטערונג און רחמנות. הייינט, למשל...

זי האָט דערציילט די מעשה מיטן גלח גאָנטראַן און ייַנגעלע זשאַנפרע.

— נישט ווייניגער ווי דער פאַקט גופא — האָט ספי זיך געקאָכט — ברענגט מיך אויף דעם פאַרבלענדעניש פון די על

טערן, זייער עקשנותדיקער ווונטש דווקא צו באַקומען שטיצע פון אַזאַ קוועלע, נישט רעכנענדיק זיך מיט דעם, פאַרוואָס די שטיצע ווערט זיי געגעבן. ווען איר וואָלט געזען, ווי דעם קינדס עלטערן האָט פאַרדראָסן און ווי ס׳האָט זיי באַנג געטון, וואָס זייער יינגעלע האָט „אויסגעזאָגט פון חדר" און געמאַכט אַזאַ שרעקלעכע רעוואָלוציע. דאָס איז געווען אַזוי קאָמיש און גלייכ־צייטיק אַזוי טרויעריק... ס׳וואָלט נאָך געפעלט, אַז זיי זאָלן זאָגן צום קינד: דו טיפּוש איינער, צוואָס האָסטו עס געדאַרפט דער־ציילן. — געדאַרפט בעסער אַזאַ זאַך האַלטן פאַר זיך, דו ליי־מענער גולם איינער, קוים, דערציילנדיק אַזאַ זאַך פאַר עדות צווינגסטו אונדז צו מאַכן וועגן דעם אַ סקאַנדאַל; פון וואַנען און וויאַזוי וועלן מיר נאָכדעם לעבן!

— אַ סקאַנדאַל? — האָט מוניע געפרעגט, מורא האָבנדיק, אַז ספּי זאָל נישט אַריינגעצויגן ווערן, אָן שום נוצן פאַר איר, אין אַ אומאָנגענעם פּראָצעס - וואָס וועט איר טון, ווען דער גלח וועט לייקענען שטיין און ביין? און, זאָרגט זיך נישט! ער וועט האָבן, ווער ס׳זאָל זיך פאַר אים אָננעמען! די געזעלשאַפט, אין וועלכער ער בייטיילִיקט זיך, וועט אַרויס מיט אַ געהיימען קאַמף קעגן אייער געזעלשאַפט און וועט מאַכן אַ געוואַלט, אַז דאָ קומט פאַר אַ שאַנטאַזש און אַז דער גלח איז נעבעך אַ קרבן פון אינטריגעס קעגן אים. איך האַלט, אַז בעסער פון אַלץ איז צו פאַרגעסן וועגן דעמדאָזיקן מנוול... און זיך באַמיען אַרויסצורייסן פון זיינע נעגל אייער נייעם קליענט... איך קען זיי גוט. זיי זענען, די דאָזיקע חברה לייט, זייער מעכטיק, און איינפלוסרייך. כ׳האָב זיי געזען, געזען זייער געזעלשאַפט ביי דער אַרבעט אין לוסאַק, און געזען די פרוכטן פון זייער טעטיקייט... זייער סאָבאָטאַזש פאַר די גייסטלעכע אין דרום-פראַנקרייך איז באמתן געווען אַ מקלט פון מיליטאַ־ריסטישע גלחים, וואָס האָבן זיך קאָמפּראָמיטירט און וועלכע די קירך האָט אויף אַ געוויסער צייט באַזייטיקט פון אַלטאַר. ווייסט איר מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך אין זייער „התבודדות"... זיי פאַרנעמען זיך, אין הככם מיטן פאַריין פון דער קאַטוילישער

יוגנט, מיט דעם, וואָס די קאָמפּלעטירן און לערנען אויס מיליטעריש די זעלנער פון דער צוקונפט — קעגן אַלץ, וואָס אונדז איז אַזוי טייער... די פּעדעראַסטן, וואָס די דאָזיקע חברה פאַרמאָגט אין איר סביבה, זענען פאַר אונדז נישט אַזוי געפערלעך, ווי די פּראָפעסאָרן.

— וואָס'טו אויף דעם זאָגן, פעטער? איך גלייב נישט, אַז צווישן זיי זאָלן זיין פיל גלחים, ווי נאָנטראָן.

פאַקאָ האָט פאַררייכערט זיין פייקע. מוניע האָט, כדי נאָכצוטון ספּין, נישט גערייכערט.

— כ'מיין — האָט זיך פאַקאָ אָפּגערופן, — אַז צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג איז פאַראַן אויך אַזוי פיל פאַרדאָרבענע און דעגענערירטע מענטשן, ווי צווישן די מיליטער לייט. די געשלעכטלעכע, אומנאַרמאַלע באַציונגען ווערן אַלץ אָפטער און מערער. אין אונדזערע צייטן זענען דאָך אין אַלע געזעלשאַפטלעכע שיכטן פון דער באַפעלקערונג פאַראַן זייער פיל יונגעלייט, וועלכע טרייבן די דאָזיקע זינד און באַטראַכטן די דאָזיקע אומנאָרמאַלע באַציונגען, ווי אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. ווער ווייסט עס נישט, וואָס פאַר אַ סדום-זינד ס'ווערן באַגאַנגען אין די אינטערנאַטן, סעמינאַריומס, אין די קאָלאָניעס א. א. וו.

— דאָס זענען משוגעים, אומגליקלעכע משוגעים.

מוניע האָט אַ שמייכל געטון, ספּי איז געוואָרן אויפגעבראַכט.

— כ'האָב צו דעם, דעם זעלבן עקל, וואָס איר, — האָט ער זי באַרויקט, — כ'האָב נאָר געוואָלט זאָגן, אַז מאָראַל איז אַ זייער עלאַסטישער באַגריף, אַ פּראָדוקט פון דער עפּאָכע, אין וועלכער מיר לעבן, פונם קלימאַט פון די זיטן און מנהגים!.. דאָס וואָס אונדז ווייזט אויס אומגעהייער, איז דאָך דערלויבט געווען ביי אייגעם פון די קולטורעלסטע פעלקער. אַלקיוויאַדעס לערער, סאָקראַט, האָט, כידוע זיינע שילער געגעבן לעקציעס נישט נאָר פון פילאָזאָפיע...

— גאַנץ ריכטיק, — האָט פּאַקאַ מספּים געווען, צעלאַכנ-דיק זיך, אין זיין ריי, — און סאַפאַ מיט די לעסביאַנקעס! מיט די דאָזיקע קולטן פון זייער אייגנזייטיקע, ווי איך וואָלט עס אָנ-גערופן, שיינקייט און אָנשווינגען וואָלטן מיר כ'לעבן, שנעל ראַ-דיקאַל געלעזט דאָס פּראָבלעם פון פּריה-ורביה. הכלל ס'איז שוין אויס וועלט, אויב מ'האָט שוין אַזעלכעס דערלעבט. מיין נעאָ-מאַלטוזיאַניזם, מוז איך אייך זאָגן, איז אַזוי ווייט נישט אַוועקגעגאַנגען.

— אָט האָט ער לעבהאַפט אויסגעשריען — אָט האָבן מיר זיך דערגעדט: דאָס איז דאָך געמיין, נידעריק...

— געמיין, נידעריק — האָט מוניע איבערגעחזרט.

ספּי איז געווען אַזוי עמפּערט, אַז זי האָט דערקלערט:

— ער האָט פאַרדינט, אַז די גאַנצע שטאָט זאָל אים שפּייען אין פּנים אַריין.

— ווער ווייסט, — האָט פּאַקאַ פאַרענדיקט, — צי אים וועט אויסבעסערן די מורא, ווי באַלד ער האָט נישט קיין גע-וויסנסביסן? לאָמיר פּרווון פאַרשטיין אַלע מענטשלעכע שוואַכ-קייטן, באַזונדערס די, פון וועלכע אונדז האָבן געראַטעוועט אונדזער דערציונג, ערבשאַפט און פאַרשידענע אומשטענדן.

— אָבער, פּעטערל, דו ביסט צופיל מלמד-זכות!..

— איך בין מלמד-זכות בלויז סאָקראַטן! און אַפילו די, וועלכע האָבן געשטופּט אויפן פאַלשן וועג דאָס לעבן אין די ליצייען, אָנשטאָט איינצופירן געזונטע פּרינציפּן פון קאָעדו-קאַציע, קלייבט מען צונויף גרויסע און קליינע און... אָדער אין די קאַזאַרמעס, ווו דער אייגעשלאָסענער מוז אויסקלייבן: אָדער פּעדעראַסטיע, אָדער אַ שאַנדהויז!..

— ווער ווייסט, ווי איך וואָלט געהאַנדלט אויפן אָרט פון די וואָס פאַלן דאָרט אַריין! מ'דאַרף קיינמאָל נישט, פאַרשטייסטו מיך, זיין אויף אַזוי פיל זיכער אין זיך אַליין, מ'זאָל קענען אַ פריאָרי אַרויסטרעטן אין ראָל פון אַ אומבארחמנותדיקן ריכטער פון אַן אַנדערן. לאָמיר איבערלאָזן פאַר די נאַראָנים און עמי-

הארצים אַזאַ איידעלע עובדה — נישט אַריינקלערנדיק אין עצם־
הענין צו שטעמפּלען אַנדערע מיט פאַראַכטונג. רחמנות — איז
די פאַראַכטונג פון אַ קלוגן מענטשן, ער קען עס נישט
איבערטראָגן.

VIII

עטיענעט איז געזעסן צוקאָפּנס בײַ ספּי, װעלכע איז אין האַלבפינסטערקײט געלעגן אויף דער אָטאָמאַנע (זי איז שוין זײַט עטלעכע טעג געװען פּאַרקעלטערט און דער דאָקטאָר לאַרמואַ האָט איר פאַרװערט אַרויסגײן פון שטוב). עטיענעט האָט זיך אײַפּגעהויבן און מיט אַ לײַכטן שטויס געעפנט די לאָדן.

— אין דרויסן איז אַזוי שײן!... די זון װעט דיר נישט שאַטן: דײַן צערע איז איצט װי בײַ אַ בר־מינן... כ׳זאָג דיר נאָכאַמאָל. דאָס איז אַלץ, װאָס דיר בלײַבט איבער פונם אָרט לעבן, װאָס דו פּירסט! דאָס, זײַ מיר מוחל, איז נישט קײן לעבן באַר, כ׳װײס אַלײן נישט, װי מ׳קען עס אָנרופן. אַזאַ מין לעבן גיט דיר אפילו נישט קײן שום אָרט אין דער געזעלשאַפט. טעא אויב דו געדענקסט, האָט דיר אויך דאָס זעלבע געזאָגט, דאָרט, אין רעסטאָראַן...

ספּי האָט, כדי נישט צו באַלײדיקן עטיענעטן, יענע װאָך אָנגענומען טעאַ זשורדאַנס פאָרשלאַג צו עסן מיטאָק צוזאַמען מיט אים און עטיענעטן. זשורדאַן איז געקומען צופאָרן קײן מאַר־סעל צוליב אײנעם פון זײַנע פיל גרויסע עסקים. עטיענעט איז דאָ פאַרבליבן עטלעכע טעג, כדי צו קויפן אַ הויז מיט אַ פּלאַץ. זי איז געבליבן שטאַרק צוגעבונדן צו איר געבורט־שטאָט און איר איז פיל אָנגענעמער און ליבער געװען דער װולגאַרער גע־לאַרעם פון מאַרסעל. װי די שײנקײט און פּראַכט פון גראָס און

באַליע. דאָרט האָט זיך עטיענעט געפּילט שטענדיק, ווי אויף אַ פּאַראַד, אין מאַרסעל אָבער — ווי ביי זיך אין דערהיים.

זי האָט ווידער אָנגעהויבן צו ריידן:

— דאָס, מיט וואָס דו באַשעפטיקסט זיך, איז אַ ברכה־לבטלה. דאָס ברענגט דיר נישט שום נוצן און מאַכט דיר נאָר קאַליע דאָס בלוט און דעם געמיט. דו מיינסט, אַז דו ברענגסט עמעצן נוצן מיט דיין אַרבעט?... וואַרף נאָר אַוועק דיין פּאָסטן, וועסטו זען, ווי ס׳וועלן זיך באַלד געפינען צען פּרויען, וואָס וועלן גערן אים פאַרנעמען.

— אויף מיין פּאָסטן באַקום איך גאָרנישט אַזוי גוט באַצאָלט, אַז ער זאָל קענען אַרויסרופן קנאה.

— כ׳זאָג גאָרנישט, אַז זיי, די וואָס וואָלטן פאַרנומען דיין פּאָסטן, וואָלטן געווען אַזוי נאַריש ווי דו. ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע פּרויען, וועלכע האָבן ליב צו שפּילן אַ ראָל פון פּאַטראָנעסן, פון גבאיטעס, אַנדערע ווידער האָבן חשק צו באַקומען פאַר זייער אַרבעט אַן אויסצייכנונג, אַ צלמל. מאַלע, ס׳אַרע טעמים פאַרשידענע פּרויען קענען האָבן זיך צו באַשעפטיקן מיט וווילטעטיקייט!... זאָרג זיך נישט. דיין פּאָסטן וועט קיין איין טאָג נישט בלייבן וואַקאַנט. און די אָרעמעלייט וועלן באַקומען זייער חלק וויזיטן, אָן דיר אויך.

— וויזיטן! אָבער נישט קיין אמתע הילף.

— דו ביסט נאָך יונג! דו ווייסט נאָך נישט, אַז די אָרעמעלייט ווילן בעסער קריגן מזומן געלט איידער אַ פּאָרציע שיינע און גוטע רייד און טרייסט־ווערטער. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב נישט פיינט די קבצנים, הגם אַליין געהער איך נישט צו זיי און האָב זיך נעמאַכט אַ קאַריערע. כ׳קען נישט פיינט האָבן די אָרעמע און געפּלאָגטע מענטשן שוין דערפאַר אַליין, וואָס אויף מיין לעבן האָב איך זיך אַליין אויך גוט אָנגעליטן, און ווייס גוט דעם טעם פון נויט. נאָר כ׳בין נישט ערוב אַז אויף די עלטערע יאָרן, אויב כ׳וועל נאָר זיין ביי געלט, וועל איך אַליין נישט עפענען עפּעס אַן אַזיל. „געגרינדעט דורך דער מאַדאַם רוסטאַן!" דאָס קלינגט דאָך, דער רוח זאָל עס נעמען,

אַזוי שטאָלץ און געקיצלט אַזוי מחיהדיק די אַמביציע... אָבער פאַר־לירן די יוגנט, פאַרשווענדן די בעסטע כּוחות, ווי דו טוסט עס, כּדי צו שטערן די מענטשן, זיי זאָלן נישט זיין אומגליקלעך און אויסבעסערן די וועלט... — איז לויט מיין מיינונג אַ גרויסע נאַרישקייט.

— כ'האָב דאָך אָבער נישט קיין אַנדערע אינטערעסן אין לעבן.

— אינטערעסן... כאַ, כאַ, כאַ! וואָלסט נאָך געדאַרפט כ'לעבן, זאָגן. אַז מ'קען אויסטרוקענען דעם ים, איינשלינגענדיק אַ ביסל בעזאַלצן וואַסער זיינס... דיין אַרבעט, וועלכע דו גיסט, אוועק דיין יוגנט און די בעסטע כּוחות קען אויך סוף־כּל־סוף געבן דעם זעלבן רעזולטאַט, ווי דאָס אויסטרוקענען דעם ים דורך איינשלינגען עטלעכע ליטער ים־וואַסער... ווייסט, ספּי, אַז כ'פאַרשטיי דיך נישט. מיר הייבט אָן פון דיר און דיינע חלומות צו עקלען.

— ווען מיר וועט געלונגען עמעצן צו ברענגען אַ טרייסט אין זיין צער, וועט עס אויך זיין אַ טרייסט אין מיין צער.

ביי עטיענעטן האָבן זיך פון פאַרווונדערונג פאַנאַנדערגע־שפּרייט די שווארצאַפּל.

— וואָס? און צוליב דעם דאַרפסטו זיך אַזוי נאַריש אויפפירן! דו האָסט געהאַט צרות און פּיין פון ליבע און פּלוצ־לינג האָסטו אַנטדעקט, אַז די איינציקע סאַטיספאַקציע פאַר דיר קען זיין נאָר דאָס אַנזען פון מענטשן, וואָס זענען נאָך מער אומגליקלעך ווי דו? צי איז דיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז דו וואָלסט דער מענטשהייט געקאָנט טון אַ פּיל גרעסערע טובה (זי האָט איראָניש אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט דער „מענטש־הייט" מיט אַ פּייערלעכן זשעסט), ווען דו וואָלסט אַביסל פאַר־גרעסערט דאָס פעלד פון דיין טעטיקייט און פאַרברייטערט דיין פאַרשטעלונג וועגן דער מענטשהייט?

— כ'בין צוגעבונדן געוואָרן צו עטלעכע פאַמיליעס און האָב ליב געקריגן זייערע קינדער.

— זוער וועט דיר שטערן זיי צו באַזוכן ווען דו ווילסט

זיין באַשעפטיקט מיט עפּעס אַנדערש ? דיין שכל און אינטעלי־גענץ פאַרדינט, אַז מ׳זאָל זיי אָנווענדן אויף עפּעס וויכטיקערס. דו לעבסט פּונקט ווי אַ ראַנטיע, וואָס האָט זיך זיינע אָרעמע לייט. אַרבעט! אַרבעט נישט בלויז צוליב דעם, כדי צו באַפרי־דיקן און איינשטילן אין זיך דיין פילאַנטראָפּישע מאַניע נאָר כדי צו פאַרדינען פיל געלט און טון מענטשן פיל טובות, באַלד דו האָסט אַזעלכע איידעלע געדאַנקען מיט אַלטרויִסטישע נטיות.

ספּי, אָנערקענענדיק, אַז איר חברטעס אַרגומענטן זענען גאַנץ ריכטיקע, האָט נישט געוווּסט וואָס איר צו ענטפערן. דאָך האָט זי זיך אָפּגערופן:

— און דו? דו אַרבעטסט דען?

עטיעגעט האָט געמאַכט אַ גרימאַסע.

— אָ, לאַ־לאַ!... וואָס־זשע מיינסטו? דו מיינסט אפשר אַז איך בין רייך געוואָרן, דרייענדיק איין גרויסן פינגער אַרום דעם צווייטן!... כ׳האָב זיך געַנוג אָנגעאַרבעט. נישט ווי־ניק מי און טרחה קאָסט צו כאַפּן אַזאַ העכט ווי טעאָ. דו מיינסט, אַז אַזאַ אוצר קומט אָן אַזוי לייכט?... חוץ דעם, דאַרפ־סטו נישט פאַרגעסן, אַז איך האָב נישט דיין קאָפּ. איך בין אַ אָנהענגערין פון פיזישע תענוגים כל־זמן איך בין יינג, דערנאָך, ווען כ׳וועל זיך שוין האָבן אָנגעזעטיקט מיט אַזעלכע תענוגים און שוין ווערן אַ פרוי אין די יאָרן — דאַן ערשט וועל איך אַ טראַכט טון וועגן „ראַטעווען די נשמה". און דו האַנדלסט פּונקט קאַפּויער, טוסט פּונקט דעם היפוך פון דעם, וואָס אַנדע־רע טוען. מיט דעם האָב איך מורא, וועסטו זיך קיין טובה נישט טון...

ספּי האָט מיט אַ זשעסט איר געהייסן שווייגן.

— דו מאַכסט מיך מיד. גענוג שוין ריידן. לאָמיר בעסער טרינקען טיי און אויב שוין ריידן, טאָ בעסער ריידן וועגן אַנ־דערע זאַכן.

ספּי האָט אַראָפּגעוואָרפן די פאַטשיילע, מיט וועלכער זי האָט זיך געהאַט צוגעדעקט די פיס. נאָר קוים געמאַכט עטלעכע טריט, האָט זי דערשפּירט אַ מידקייט.

— הער אויס, ביז כ'וועל אויפקאָכן ס'וואַסער, זיי אַזוי גוט, נעם דעם שליסל און לויף אַראָפּ זען, צי איז נישט פאַראַן עפּעס פאַר מיר קיין בריוו אין קעסטל.

— גוט, מאַדמואַזעל!

טיענע האָט שוין אויף די טרעפּ מיט אַ עזותדיקער באַוועגונג אויפגעהויבן ביזן גאַרטל דאָס קליידל, — וואָס איז אַזוי אויך נישט דערגאַנגען ביז די קני — האַלטנדיק עס מיט די פינגער פאַרן זוים — אַזוי, וועל איך געוויס נישט צוקערן די טרעפּלעך! — האָט זי דערקלערט אַ קער אום טוענדיק זיך צו איר חברטע, דערנאָך איז זי אַראָפּ אונטן.

צוגרייטנדיק טיי, האָט ספּי געטראַכט וועגן דעם גליקלעכן כאַראַקטער פון איר חברטע. עטיענעט האָט זיך צוריקגעקערט, האַלטנדיק אין דער האַנט דריי בריוו.

— הער נאָר אויס, אַלטיטשקע, די פירסט דאָך אַ קאָרעספּאָנדענץ, ווי ביים פּרעזידענט פון דער רעפּובליק.

זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט. ספּי האָט איבערגעלעזן די בריוו:

מאַדמואַזעל!

און נומער צען אויף דער גרויסער גאַס, האָט געלעבט אַן אַרבעטער־פאַמיליע: דער מאַן זשאַן וואַלוואַ דריי און פערציק יאָר אַלט, און זיין פרוי, יונגער פון אים אויף צען יאָר. און אַט אין דער נאַכט פון זונטאָק אויף מאָנטאָק, איז די פרוי וואַלוואַ געשטאָרבן, ברענגענדיק אויף דער וועלט דאָס צענטע קינד;

— נאַרישקייטן — האָט עטיענעט אויסגעשריען—דאָס טאַקע האָט זי דערהרגעט.

...וועלכעס האָט, איבעריקנס, נישט איבערגעלעבט די מוטער. די טאָפּעלע לויה איז פאָרגעקומען נעכטן.

וואַלוּאַ איז לויט זיין פּראָפעסיע אַ שטובנמאָלער און גייט אַרום אָן אַרבעט שוין זייט צען חדשים.

ער איז געבליבן אַליין מיט זיין שוויגער. אַ הילפלאָזע זקנה, און מיט ניין קינדער אויף די הענט (זעקס מיידלעך און דריי ייִנגלעך). דער עלצטער איז אַלט דרייצן יאָר, דער ייִנגסטער דרייצן חדשים. דער פאָטער, וועגן וועלכן אַלע וועלן אייך געבן די בעסטע אַטעסטאַציע, טראַכט נאָר, נישט געקוקט אויף זיינע אַלע צרות, וועגן איין זאַך — ווי אַזוי אויסצוהאַלטן די משפּחה. אַ רחמנות ממש זיך צוצוקוקן, ווי ער ליידט צווישן זיינע ניין יתומים, וועלכע באַוויינען ביטער זייער מוטער.

מיר האָבן אים אַריינגעגעבן אַ האָפענונג, אַז איר וועט נישט בלייבן גלייכגילטיק צו זיין יאוש און אַז איר וועט וואָס צומשנעלסטן אים בייהילפיק זיין. מ'דאַרף זיך אָבער באמת צואיילן, מחמת, כאָטש מיר האָבן פאַר אים עפּעס צונויפגעזאַמלט, וועט די גאַנצע פאַמיליע אינגיכן בלייבן אָן אַ שטיקל ברויט.

אין נאָמען פון די לאָקאַטאָרן
הויז נומ. צען, איוו. גאָרדאָן.

ספּי האָט אַ־אָפּגעלאָזט דעם בריוו אויפן טיש.

— איצט זעסטו, אַז דאָס וואָס איך טו, איז נישט אינגאַנצן אומנוצלעך.

— דאָס דערווייזט גאָרנישט. מ'האָט צו דיר אָנגעשריבן דאָס זעלבע וואָס מ'וואָלט אָנגעשריבן צו יעדער אַנדער פרוי, וואָס פאַרנעמט זיך מיט צדקה. אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר דער דאָזיקער מאָלער איז אַזוי קלוג, ווי מיין האָן!.. און זי די פרוי זיינע, זאָל זי מיר מוחל זיין און האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן — איז געווען אַן אמתע קוואַטשקע. וואָס לייגט אייער! צען קינדער!.. און אינגאַנצן אַלט געווען דריי און דרייסיק יאָר... הי-

קען מען עס ביי זיך פועלן אזויפיל צו קינדלען... דאָס איז א חולאת!

— כ'וועל אהין גיין, — האָט ספּי בעזאָגט.

— ס'אַרע נאַרישקייטן ! כדי ווידער זיך צו פארקעלטערן?.. (דערנאָך, נישט ענדערנדיק דעם טאָן). גיב מיר די בריוו איך וועל אהין גיין.

— ווי שיין דאָס איז פון דיין זייט ! וואַרט... (ספּי האָט אָנגעהויבן זוכן אין איר רידיקול)... כ'וועל דיר...

— מ'דאַרף נישט ! כ'האָב מער געלט, ווי דו! לאָמיך געמאַך.

— דו זעסט, דו ביסט דאָך אויך א גוטהאַרציקע.

— ס'הייבט זיך נישט אָן ! דאָס טו איך נאָר צוליב דעם אַז דו זאָלסט נישט באַגיין קיין נאַרישקייטן... גוט, גוט. ליי-ען ווייטער. דעם צווייטן בריוו.

דאָס זענען געווען תחנונים פון אירס א שטענדיקן קלי-ענט : מאַרעל דעם סוהר, דעם יוריד. ער האָט געשפּיגן מיט בלוט און דעריבער האָט ער נישט געקענט בלייבן אַרבעטן אין דער דייוואָן-פאַבריק. איצט האָט ער געבעטן ספּין, זי זאָל זען פאַר אים צוגעפונען אַן אַנדער אַרבעט... זי האָט פאַר זיך דערזען א טובערקולאָז-ליידנדן זקן, ענלעך צו א סקעלעט... פאַר אים איז שוין, דאַכט זיך, אין ערגעץ נישטאָ קיין אָרט. א חוץ אויפן צמענטאַזש.

— נאָך אים וועלן בלייבן פיר מיידלעך, וויסטע יתומות,— האָט ספּי א זיפץ געטון.

— נישט קיין שלעכטע ירושה !

נאָר זעענדיק, ווי ספּיס פּנים ענדערט זיך ביים לייענען דעם דריטן בריוו, האָט עטיענעט, די שטיפערן אויפגעהערט זיך צו וויצלען.

— וואָס איז מיט דיר, ספּי ?

— ספּי האָט פון פאַרלעגנהייט נישט געקאָנט אויפהייבן די אויגן און איבערגעחזרט :

– דאָס איז דאָך שוין צו פיל! צו פיל... נעם, — האָט זי געזאָגט, כדי צו פאַרבאָרגן איר אויפרעגונג, — לייען!

עטיענעט האָט האַלב אין דער שטיל אָנגעהויבן צו לייענען:

טייערע ספּיריטאָ!

דערלויבט מיר אייך אַזוי צו רופן. אייער נאָמען, וועלכן איך חזר איבער אָן א סוף אין דער הויך כדי צו הערן זיין מוזיק, איז אויסגעקריצט אויף מיין האַרצן...

– אָ, אָ, זעט נאָר... (עטיענעט האָט אַ ווייז געטון מיטן פינגער אויפן בריוו)... דו האָסט פון מיר דאָס געהאַלטן בסוד?

ספּי, וועלכע האָט זיך דערשפּירט געשמייכלט, האָט נישט ווילנדיק אַ לאַך געטון.

– לייען ווייטער! דו וועסט זען, אַז איך האָב קיין שום שייכות נישט אין דער דאָזיקער אידיאָטישער מעשה. דער דאָזיקער סאַנטאָ געהערט צו אַ גרופּע חברים, וועגן וועלכע כ'האָב דיר שוין דערציילט, (עטיענעט האָט כיטרע אַ ווינק געטון מיטן אייגל)... כ'שווער דיר! כ'קען אים גאָר ווייניק, נאָך ווייניקער, ווי פרעדריקען און איר ברודער.

עטיענעט האָט ווייטער געלייענט מיט עקספּרעסיע:

...גיט אַכטונג אויף זיך. איך שטאַרב פון אומרויִקייט וועגן אייך. איך האָב אייך ליב! כ'האָב אייך ליב, מעגלעך, נאָך מיט אַ גרעסערער ליבע, ווי מיין פאָטערלאַנד. פאַר אייך בין איך אויך גרייט מקריב צו זיין מיין לעבן, ווי פאַר מיין פאָטערלאַנד.

– ווי אַזוי זשע וועסטו מיר נאָך גיין איינריידן, אַז דו האָסט צו דער „דאָזיקער מעשה" קיין שום שייכות נישט, דו ממזרת איינע.

– געוויס נישט, און נאָכאַמאָל נישט! דאָס איז אַ יונגערמאַן מיט אַ איידעלן כאַראַקטער און שיינע מידות. נאָר אָפּ-

געזען דערפון, גייט ער מיר, בנאמנות, גאָרנישט אָן און כ׳בין צו אים לחלוטין גלייכגילטיק... און זאָגן דיר דעם גאַנצן אמת, — ער הייבט אָן, אפילו מיר נמאס צו ווערן און זאָגאר מיך צו שרעקן... א שרעקלעכע זאַך — מענטשן, וועלכע ווילן מיט גע־וואַלט זיך דערשלאָגן, מ׳זאָל זיי ליב קריגן. ווען איך גיב יאָ אָפּ וועמען עס איז פאַרצוג... ווען כ׳בין צו אַן אַנדערן מער אויפמערקזאַם... (זי האָט זיך צורעכטגעמאַכט די פריזור און קלייד)... ווען כ׳וואָלט געווען פריי צו האָבן אזא געפיל, וואָלט איך זיך ליבערשט אָפּגעשטעלט אויף אַלעקסאַנדערן.

— אַהאַ!

— נאָר דו ווייסט דאָך, אַז דאָס קען שוין מיט מיר מער נישט פאָרקומען און אַז כ׳האָב מיט דעם שוין געמאַכט אַ סוף. כ׳וועל שוין קיינמאָל נישט, אין קיינעם זיך נישט פאַרליבן. (טיענו האָט באַמערקט: אַזוי זאָגט מען נאָר, ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי)... און, יעדנפאַלס — גישט יענעם... נאָר לאָמיר אויפהערן צו ריידן נארישקייטן.

— נאַרישקייטן! ווי געפעלן דיר די דאָזיקע נאַרישקייטן! מיר ווייסן שוין, קעצעלע מיינס, וואָס פון אַזעלכע נאַרישקייטן קומט אַרויס.

— נו, הער שוין אויף!

— מיך אַמוזירט עס, פאַרגינסט מיר נישט?

טיענו האָט ווייטער גענומען לייענען:

היט זיך. כ׳וועל נישט קענען איבערטראָגן, אַז אַן אַנדערער זאָל זיך אַרומדרייען אַרום אייך. באַמי־ענדיק זיך, אַז איר זאָלט אים ליב קריגן. כ׳וועל אים דערהרגענען... דעריבער בעט איך אייך זייער: דער־לויבט נישט אַלעקסאַנדערן אַרומצודרייען זיך אַרום אייך. ווען איר קוקט אויף אים, פיל איך, אַז מיין האַרץ בלוטיקט אין מיר. מיר ווילט זיך דאַן נעמען אייך אויף די הענט און אייך אַוועקטראָגן ווייט,

ווייט — פאַר מיר אַליין!.. כ׳האָב אייך ליב,
כ׳ליב אייך !..

אייער סאַנטאַ

פיענו האָט אַ פייף געטון.
— יאָ, דער חברהמאַן נעמט זיך פאַרן עסק גאַנץ ערנסט.
— דער דאָזיקער בריוו צערודערט מיך.
— וואָס? דו האָסט גאָרנישט באַמערקט, אַז ער ליבט דיך?
— כ׳האָב נאָר באַמערקט, אַז איך געפעל אים, אָבער אויף אַזוי פיל האָב איך זיך נישט גערעכנט. נאָר...
— דו וועסט דאָך נישט לייקענען, אַז דו האָסט, כאָטש אַ קאַפּעטשקע, נישט ווילנדיק, לאָמיר זאָגן, מיט אים קאָקעטירט. נישט אַזוי?
— כ׳שווער דיר!... איך — קאָקעטירן? ווי קען עס דיר איינפאַלן? דו קענסט דאָך מיך! נישט מיט אים און נישט מיט קיין אַנדערן. ס׳אַרע משוגענער דאָס איז! זיין עקזאַלטאַציע וווּנדערט מיך.
— דו האָסט אים טאַקע באמת נישט ליב? גאַנץ באַשטימט נישט? ווי באַלד אַזוי, וואָלט איך, אויף דיין אָרט, אים געצוווּנגען אַביסל זיך אָנטאַנצן און זיך אָנליידן. נאָר דערווייל גיב מיר דעם ערשטן בריוו, יענעם בריוו, ווו ס׳ווערט גערעדט וועגן ביין וועלפּעלעך... זיי זענען דאָך, ווי-נישט-ווי אינטערעסאַנטער פון אַנדערע, און כ׳מוז שוין גייך.
זי האָט זיך אָנגעהויבן אָנצוטון.
— ווען וועל איך דיך נאָכאַמאָל זען? — האָט ספּי געפרעגט.
— מאָרגן עס איך מיטאָק מיט מיין מוטער. נאָך מיטאָק וועל איך אַריינגיין... (אויף דער שוועל האָט זי זיך אַ קער אום געטון מיט אַ שעלמישן אויסזען...) אַ דאַנק דיר פאַרן טיי.
— אָך, אַנטשולדיקט מחשבותן! ס׳וואַסער איז שוין געוויס אויסגעזאָטן! כ׳האָב גאָר פאַרגעסן!
ספּי האָט זיך אַ וואָרף געטון אין קוך אריין, בעת אויף

די טרעפּ האָט זיך פֿאַנאַנדערגעשאָטן איר חברטעס קלינגענדיק געלעכטער... ס'האָט געשמעקט מיט גאַז. ס'וואַסער האָט אַזוי שטאַרק געזאָטן, אַז עס האָט פֿאַרגאָסן דעם פֿלאַם פֿונם גאַז־לעמפּל. ספּי איז צוריק אַרײַנגעקומען אין צימער, האָט זיך אַני־דערגעזעצט און זיך פֿאַרטראַכט... סאַנטאָס בריוו האָט באַהערשט אירע געדאַנקען. ווען זי האָט געהערט זײַנע הייסע ווערטער, וועלכע ער פֿלעגט אַרויסריידן מיט אַ הייזעריקער שטים — זײַ־אַלע נישט אויסשליסנדיק פֿרעדריקען, האָבן גערעדט מיט אַזאַ שטים — פֿלעגט אַ לייכטער ציטער אַריבער איבער איר לײַב. אַ מאָדנער ציטער איז דאָס געווען! אַ אומבאַשטימטער; פּונקט ווי דאָס אויפֿוואַכן פֿון פֿייגל אין דער ווייט, איז דערדאָזיקער ציטער געווען אַ מין אינסטינקטיווער אַקאָמפּאַנימענט צו איר מעלאַנכאָליע, אַ נישט דרייסטער רמז אויף אַ נײַעם, גאָר פֿרישן פֿרימאָרגן.

— אָך, ווי נאַריש דאָס איז! — האָט ספּי זיך געטראַכט — ער שרעקט מיך דאָך טאַקע נישט אויף קאַטאָוועס!

עמעץ האָט נישט דרייסט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

זי איז געגאַנגען עפֿענען.

סאַנטאָ!..

זי האָט זיך אויף אַ טריט אַ רוק אָפּ געטון צוריק אַן אַנטוישטע.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו אירע פֿיס און אָנגעהויבן צו קושן דעם זוים פֿון איר קלייד.

— וואָס טוט איר!... לאָזט מיך געמאַכט! דאָס איז דאָך אַ משוגעת!

זי האָט אויף אים געקוקט בייז און שטרענג.

— כ'קען אײַך נישט אויפֿנעמען.

אונטערן בייזן בליק פֿון ספּיס אויגן און איר שטרענגער באַוועגונג האָט ער אין איין רגע זיך אַ הייב אויף געטון.

— פֿאַרוואָס קענט איר מיך נישט אויפֿנעמען? איך בין אַן ערלעכער מענטש און האָב בנוגע אײַך די ערלעכסטע כּוונות.

— נישט אין דעם האַנדלט זיך איצט. נאָר אייער בריוו־
דאָס איז אַ באַליידיקונג אי פאַר מיר אי פאַר אייך.

— דערלויבט מיר אייך אַלץ אויפצוקלערן. כ׳מוז מיט אייך
זיך דורכריידן.

ספּי האָט זיך געקווענקלט. ער האָט דורכויס געפאָדערט,
זי זאָל אים אויסהערן:

— מיין ערנוואָרט. כ׳שעץ אייך אַזוי שטאַרק, ווי איר
קענט זיך נישט פאָרשטעלן.

זי האָט צוטריילעך פאַרמאַכט די טיר און אים אַ וויז געגע־
טון אויף אַ שטול, ער זאָל זיך צוזעצן, נאָר אַליין איז זי גע־
בליבן שטיין.

— כ׳מוז אייך פריער זאָגן, אַז כ׳האָב זייער ווייניק צייט.
אינגאַנצן עטלעכע מינוט. כ׳בין אַזוי אויסגעמאַטערט.

ער האָט זי שטאַרק געבעטן, זי זאָל זיך זעצן און אים
אויסהערן. נאָר, אויפריכטיק אויפגעבראַכט, האָט זי אים פאַרגע־
וואָרפן פאַר זיינע ליבעס־דערקלערונגען. ווי אַזוי האָט ער גע־
קאָנט מיינען, אַז אַזאַ געפיל וואָלט זי געקאָנט באַהערשן, ווי
באַלד יעדער געדאַנק וועגן ליבע איז איר געווען פרעמד און
ער האָט וועגן דעם געוווסט?

זי האָט אים דערמאָנט און דערציילט וועגן דעם אומגליק,
וואָס איר האָט געטראָפן, וועגן איר באַשלוס צו בלייבן טריי
דעם אָנדענקען פון יענעם, וועלכן זי האָט פאַרלאָרן.

סאַנטאָ האָט יעדע רגע איבערגעריסן אירע רייד, מיט
אויסגעשרייען פון אַ פאַרליבטן: אירע אויגן, אירע הענט, איר
זיסע שטים... ער האָט זיך נעפילט אויפן זיבעטן הימל פון גליק
בלויז פון איר אָנוועזנהייט. סוף־כל־סוף האָט זי אים אָפּגעשטעלט:

— איר באַליידיקט מיך. הערט אויף צו ריידן!

ער האָט אויסגעזען ווי שיכּור.

— כ׳האָב אייך ליב! איר האָט באַהערשט מיין גאַנץ וועזן.

— דאָס איז לעכערלעך! לאָזט זיך נישט אַריין אין ווילד־
דע אַוואַנטורעס. רעדט זיך נישט איין...

ער האָט איבערגעחזרט, קלאַפּנדיק זיך אין ברוסט:

— כ׳ליב אייך! כ׳ליב אייך! פאַר מיר עקזעסטירט מער גאָרנישט, אַחוץ אייך אַזאַ קלוגע, אַזאַ שיינע, אַזאַ גוטע און ווילע...

— גענוג! איר זענט פאַרשיכורט דורך אייערע ווערטער. ער האָט זיך אויפגעהויבן, ברעכנדיק די הענט.

— איר קענט נישט פאַרשטיין. איר האָט קיינמאָל נישט געליבט אַזוי שטאַרק, ווי איך ליב אייך! פאָדערט פון מיר מיין לעבן, און איר וועט זען, אויב איך וואָלט זיך אַ רגע געוואַקלט און נישט מקריב געווען מיין לעבן פאַר אייך.

— כ׳בעט אייך נאָר דאָס, וואָס איך אַליין קען אייך געבן: פריינטשאַפט. ווען נישט, וועלן מיר מוזן אויפהערן זיך צו באַגעגענען.

מיט איין שפּרונג איז ער שוין געווען ביי אירע פיס און האָט אַרומגענומען אירע קני.

— כ׳וועל נישט אויסהאַלטן, כ׳וועל שטאַרבן, ווען איר וועט מיך אָפּשטויסן פון אייך!

זי איז געוואָרן שטאַרק אין כעס...

— לאָזט מיך געמאַך!

זי האָט זיך באַפרייט.

אַן אומבאַוועגלעכער, האָט סאַנטאָ אין עקסטאַז ממש מתפלל געווען:

— גאָט אין הימל! ווי שיין זי איז!

— נאָך איין וואָרט, און איך וועל אייך אַרויסוואַרפן פון יענער זייט טיר, איר הערט?

געוואָרן ממש משוגע און אין כעס, איז ער ווידער מיט איין שפּרונג שוין געשטאַנען פאַר איר, צונויפביילנדיק די פוסטן פנים־לפנים:

— איר ליבט אַן אַנדערן?

— אַרויסגעבראַכט פון געדולד, האָט זי געלאָזט פאַלן:

— אויב איר ווילט, — יאָ?

— גאָט אין הימל!... וועמען? לאָזט מיך אים דערהרגענען, דעמדאָזיקן כלב, דעמדאָזיקן גנב.

פֿר האָט דראָענדיק, צו איר זיך דערנענטערט:

— איר האָט אַ געליבטן? יאָ!... כ'וועל אים דערהרגענען, אויב דאָס איז אמת!... איר וועט זיין מיינע אָדער קיינעמס נישט, פֿאַרשטייט איר?... דאָס איז אַלעקסאַנדער. נישט אַזוי? (ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר, פּונקט ווי איין אַן אָנפֿאַל פֿון משוגעת) זייט־זשע זיך מודה! לאָזט מיך, וועל איך אים מיט די נעגל צעררייסן דעם האַלדז!... (ער האָט זיך צו־ריקגעקערט מאַכנדיק גרויסע טריט) ביז אייך האָב איך נישט ליב געהאַט קיין אמתע פֿרוי. כ'האָב אָפּגעהיט מיין ריינקייט פֿאַר אייך. איך בין נישט קיין „ווייבערניק" ווי אַלעקסאַנדער און אַנ־דערע, כ'בין נישט קיין מענטש, וואָס האָט ליב זיך אַרומדרייען אַרום פֿרויען און ליב האָבן זיי לייכטזיניק. אַזאַ ליבע ווי זיי־ערע, איז נישט ווערט קיין שמעק טאַבאַק. מיין ליבע איז אַן ערנסטע, די דויערהאַפֿטסטע און די שטאַרקסטע, וואָס קען נאָר געבן.

— איר זענט מיר מאוס געוואָרן. איך שפּיי אויף אַלעק־סאַנדערן, פּונקט ווי אויף אייך! מיט וואָסערע רעכט מאַכט איר מיר אַזאַ סצענע? צי בין איך דען נישט געווען שטענדיק גוט און ליבנסווירדיק צו אייך? יאָ. דעריבער בעט איך אייך, תּיכּף־ומיד מיך צו לאָזן צו רו!... און דאַן: מיין טיר איז פֿאַר אייך אויף ווייטער פֿאַרמאַכט.

די דראָונג האָט אויף אים געהאַט אַזאַ ווירקונג, אַז ער איז געבליבן שטיין, ווי אַן איינגעגראָבענער. ער האָט אויף איר געקוקט מיט אַן אויסזען פֿון אַ רויב־חיה, וואָס איז גרייט זיך אַ וואָרף צו טון אויף איר קרבן.

זי האָט זיך געקווענקלט צווישן דער מורא פֿאַר אַ זיגלאָזן קאַמף און דער ווונטש צו געפֿינען גענוג שטאַרקע אַרגומענטן, כּדי צו באַרויִקן זיין ווילדע משוגעת, וועלכע האָט איר נישט נאָר אויפֿגעבראַכט, נאָר אויך פֿאַרשאַפֿט יסורים. זי האָט באַ־שלאָסן צו פּרוּוון נאָר באַרויִקן, אויב נישט איבערצייגן.

— הערט אויס, סאַנטאָ. כ'האָב געהאַט און האָב נאָך איצט צו אייך אַן אמתע סימפּאַטיע. כ'גיי איין, נישט קוקנדיק

אויף אייער אומפאַרצײַלעכער אַרט האַנדלונג, צו האָבן ווייטער בנוגע אייך דאָס געפיל, וועלכעס איר האָט נאָר וואָס אַזוי באַליידיקט. כ'וועל פאַרגעסן אייער אויפפירונג אויב איר וועט מיר צוזאָגן ווי אַ שוועסטער...

— ניין! ניין! כ'קען גאָרנישט צוזאָגן...

— דאָס איז פאַר אייך נאָך ערגער. גייט אייך געזונטערהייט!

איר קאַטעגאָרישער באַפעל האָט, ווי אַ שעפל קאַלט וואַסער מיטאַמאָל אָפּגעקילט זיין פיבערדיקע היץ. ער האָט אָנגעהויבן זיפצן, דערנאָך איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזעלכע קאָנוווּלסיעס, אַז זי האָט מורא געהאַט פאַר אַ נערוועזשן קריזיס... זי האָט זיך צו אים איינגעבויגן, צו ריידן מיט אים מיט אַ מוטערלעכן טאָן.

— באַרויקט זיך, סאַנטאָ. אייער פיין און ליידן רירט מיך. איר דאַרפט זיך באַמיען, פון דעם אויסצוהיילן. אויב דאָס אַלץ, וואָס איר זאָגט, איז אמת, טאָ פאַרוואָס זאָלט איר אויף אַ געוויסער צייט נישט אַוועקפאָרן? אין פאַריז, אָדער ליאָן וועט איר געפונען פריינט — מאַקעדאָנער.

ער האָט געכליפּעט:

— כ'וועל זיך נישט שיידן מיט אייך.

— ווי באַלד אַזוי, מוזט איר שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז איר האָט אין מיין פערזאָן נאָר אַן איבערגעגעבענעם פריינט... באַציט זיך מיט דרך־ארץ צו מיין טרויער און קלאָג; פאָדערט נישט פון פאַרוווּנדעטן האַרצן מער, וויפיל עס קען געבן. האָט געדולד. איר וועט נאָך געפונען אַ יונג מיידל, וועלכע וועט, פונקט ווי איר, האָבן אַ יונגע נשמה. איר וועט זאַלבעגאַנט פאַרווירקלעכן דאָס, פון וועלכן איר האָט אַזוי לאַנג געטרוימט... יענץ גליק, וועלכעס איז געשטאָרבן גלייכצייטיק מיט דער גרויסער איינציקער ליבע פון מיין לעבן.

סאַנטאָ איז אַ פּנים געוואָרן גערירט פון דער טרויעריקער דערציילונג. ס'האָט אויסגעזען, אַז ער האָט ספּין פונקט דערזען איצט אַזעלכע, ווי זי איז באמת געווען און האָט פאַרשטאַנען די ווירדיקייט, איידלקייט און, דער עיקר, די אומבייגזאַמ־

קייט פון איר אָפּזאָג. גאָר גלייכצייטיק האָט ער דערזען, אַז דער פּרעכטיקער גוף אירער, וועלכן ער האָט שוין געהאַלטן, אַז ער געהער אים און וועלכן ער האָט פיל מאָל אין זיין פאַנטאַזיע באַדעקט מיט קושן, אַרומגענומען, געצערטלט און אים געהאַלטן, אַז דאָס דאָזיקע גאַנץ וועזן אויף וועלכן ער האָט אַזוי פיל געהאָפט אין דער ראָל פון זיין בעל־תבית, צו זעטיקן זיין באַגער — אַז דער דאָזיקער פּרעכטיקער קערפּער אירער דערווייטערט זיך פון אים אויף שטענדיק. די לופּע פון זיין ברויניגנ איז שוין געווען צוגעדריקט צו דער ברוסט...

ספּי האָט אין שרעק אַ געשריי געטון:

— מאַכט זיך נישט צום נאַר!

די דערשיטערונג, — אַ צושטאַרקע אין איר צושטאַנד, — האָט ביי איר אַרויסגערופן טרערן. דאָס דערזעענדיק, האָט סאַנטאָ ווידער אָנגעהויבן צו האָפן און האָט גיך באַהאַלטן דעם רעוואָלווער.

איך ווייגט! הייסט עס, אַז איר האָט מיך ליב, ווי באַלד איר האָט מורא פאַר מיין לעבן.

זי האָט זיך נערוועזש שטאַרק צעוויינט.

— גייט אַרויס, כ'בעט אייך זייער!

— זאָגט אַז איר האָט גאָר געוואָלט מיך אויספּרובירן, אַז איר טרייבט מיך נישט אַוועק, און איך וועל אַוועק גיין.

— יאָ, יאָ, כ'בעט אייך, גייט אַרויס פון דאַנען...

— כ'דאַנק אייך, אייער גוטסקייט וועט מיך באַגלייטן מאָרגן וועל איך צוריקקומען, ס'וואָרט

איר האָט זיך אַזוי געוואָלט, אַז ער זאָל אַרויס גיין, אַז זי האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי איז מסכים. ער האָט געפּרואווט איר אַ נעם פון פאַר דער האַנט, זי האָט אָבער די האַנט אַוועקגענומען:

— ניין, ניין, דאָס מאָל לאָזט מיך געמאַך... כ'בין אינגאַנצן נידערגעשלאָגן.

פיל מיט האָפענונגען, איז ער פון איר אַוועק, אומדרייענדיק זיך עטלעכע מאָל און שיקנדיק איר קושן אין לופטן...

זי האָט פריי אָפּגעאָטעמט ערשט נאָכדעם, ווי די טיר פון אַרויסגאַנג האָט זיך נאָך אים, פאַרמאַכט.

— אָך, וואָס פאַר אַ חיה דאָס איז!.. כ'וועל אים אָנ־שרייבן און פאַרווערן צו קומען... מאָרגן, און אויף שטענדיק. ער איז אַ משוגענער מענטש אין דערצו נאָך אַ געפערלעכער.

IX

שטייענדיק ביי ספּיס בעט, האָט פּאַקאָ אויף איר זיך געבייזערט, הלמאי זי האָט געוואָלט זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט:

— ביסט נישט גערעכט, קינד מיינס, וואָס דו ווילסט שוין אַרויסגיין... נעכטן, ווען כ'האָב זיך צוריקגעקערט פון מיין רייזע, ביסטו נאָך געווען זייער בלאַס. דו ביסט, לויט מיין מיינונג איצט אַזוי מיד און אויסגעמאַטערט. ווי דאַן, ווען כ'האָב דיך געצוואונגען צו רופן דעם דאָקטאָר לאַרמוא.

— כ'האָב דיר דאָך שוין געזאָגט. דידאָזיקע אויפרעגונג נעמט זיך פון דער פּאַסירונג מיט מיר...

— דאָס איז מעגלעך!... שרעקלעך אַ קלער צו טון, וויפיל משוגעים עס לויפן אַרום פריי... דיין סאַנטאָ און זיין אויפפּאַסונג פון ליבע דערמאָנען נאָר אָן אַ משוגעים־הויז.

— יעדנפאַלס וועט מיין בריוו אים היינט אויפקלערן...

— לאָמיר האָפן, אַז ער וועט אים פאַרשטיין. און אויב נישט, נעם איך זיך אונטער אוועקצושטעלן אַ פּינטעלע אין דער ייד און מאַכן צו דעם אַ סוף... עלזאַ, וועסט מיך פאָלגן? דו וועסט נישט אַרויסגיין פון שטוב לפּחות ביז מאָרגן — דו הערסט?

— כ'וועל זען, ווי אַזוי איך וועל זיך פילן, ווען כ'וועל זיך אָנטון.

— דו. עקשנותדיק קעפּל מיינס!

ער האָט איר אַ קוש געטון אין שטערן.

יעדנפאַלס, וועל איך איינקויפן אַלץ, וואָס איז נייטיק און זען צופּאַקן וואָס מ'דאַרף. יאָ מיט אַ גוטע מלאכה צווינגסטו מיך זיך צו פאַרנעמען אויף די עלטערע יאָרן. זיין אַ קיכאַזש... אָבשטאַט צו האַלטן אַ דינסט, וואָס זאָל אַריינקומען אויפרוימען די שטובן און וואַשן די כלים!... נאָך ווייניק, וואָס די מאַדמואַזעל גיט אויס ס'גאַנצע געלט, וואָס זי האָט, פאַר פרעמדע מענטשן. יאָ, דאָס גאַנצע געלט, וואָס זי האָט און פאַרדינט, לאָזט זי נאָך אַוועק אויפן זעלבן יועג אויך מיינע עטלעכע סו... (ער האָט מיט אַ לעכערלעכער העוויה געוויזן זיין מאַרינאַרקע) נאָך אַ גליק, וואָס דו צווינגסט מיך נישט אַוועקצוגעבן אַ העלפט פון אים, ווי דער הייליקער מאַרטין פלעגט זיך נוהג זיין.

— צו דעם וועט נאָך אויך קומען, זאָרג זיך נישט.

ער האָט זיך אויפריכטיק צעלאַכט.

— דו ביסט גערעכט. געלט עקזיסטירט נאָר צוליב דעם, אַז עס זאָל איבערגיין פון האַנט צו האַנט. אַלץ וואָלט געווען גוט, און יעדער וואָלט געהאַט אַזוי פיל געלט, אַז ער זאָל קענען עסן וויפיל ער וויל, אָבער נישט מער. אַלזאָ צום גיכן ווידערזען.

בלייבנדיק אַליין, האָט סאָפי אַ גענעץ געטון און זיך אויסגעצויגן. זי האָט שלעכט געשלאָפן, ווייל איר האָבן פאַרפאָלגט די דראָונגען פונעם משוגענעם סאַבטאַ און זיין וואַנזיניקער אַרויסטריט, וועלכער האָט איר, לויט דער געדאַנקען-אַסאָסאַציע, דערמאַנט אָן אַן אַנדער פערזאָן און אַ רגע פון משוגעת: דער זעלבער אויסדרוק פון אַ חיה, וואָס האָט דערזען אַ שלל... וויאַלען!... פלוצלינג האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט דער גאַנצער מאַכט אַ שטורעם-ווינט פון זכרונות.

קאָנצענטרירנדיק איר אויפמערקזאַמקייט אויף דער איינציקער סטאַביליזירטער פעריאָדע פון איר פאַרגאַנגענהייט — די צוויי יאָר גליק מיט פיערן און נישט קלאָרע האָפענונג, אַז פיערס נשמה נעמט זיך פאַר איר אָן און שטיצט זי, — האָט זי אַרויסגענומען דעם איבערגעריסענעם טאָג-בוך און, אויפריכ-

טיק, פאַרוואָרפנדיק זיך, פאַרוואָס זי האָט אַזוי לאַנג נישט גע־שריבן, האָט זי אין אים אַריינגעטראָגן:

פירעלע, טייערער מיינער, כ'וואָלט דיך קיינמאָל נישט אויפהערן ליב צו האָבן. קיינער וועט נישט אים־שטאַנד זיין אויסצולעשן אין מיר דיין אָנוועזנהייט, דעם קולט פון דיין פאַרגעטערטער נאַטור...

דאָס ווידער פאַרמאַכטע טאָג־בוך איז געבליבן ליגן אויפן קליינעם טישל. זי האָט זיך אויפגעהויבן, כדי עס צו באַהאַלטן אין דעם פאַרבאָרגענעם שופלאָד... אויפשטייענדיק, האָט זי זיך געפילט נישט אַזוי מיד, ווי זי האָט געמיינט און האָט באַ־שלאָסן צו גיין אין ביוראָ... איר וואָלט געוועזן אָנגענעם צו באַגעגענען פרעדריקען און צו פרעגן ביי איר אַן עצה, דער־ציילנדיק איר וועגן סאַנטאָס צושטיין צו איר. וואָס מער זי האָט וועגן דעם געטראַכט, אַלץ מער איז זי געוואָרן אויפגעבראַכט. אַלץ, וואָס איז נאָך אין איר פאַרבליבן פון דער פריערדיקער ספּי און פון די איבערגעלעבטע צרות האָט זיך אויפגעהויבן אין דער טיף פון איר נשמה, און אין יעדן אויפבליק פון איר גע־דאַנק. זי האָט זיך געפילט געטראָפן און שטאַרק באַליידיקט, וואָס מ'איז צו איר צוגעגאַנגען ווי צו אַ „זי" און אַלס אַזעל־כע זי באַהאַנדלט.

זי האָט אין ביוראָ געטראָפן בלויז די דירעקטריסע.

פרעדריקע האָט געמאָלדן, אַז איינדערפרי וועט זי נישט קומען. ספּי האָט געוויסנהאַפט זיך דערקונדיקט וועגן די לויפנדיקע ענינים, וועגן די בייע ביטעס און האָט געמוזט מיט אַ ביזאַנס פון אַנטוישונג קאָנסטאַטירן, אַז אין די טעג, ווען זי איז דאָ נישט געווען, איז דאָ געגאַנגען נישט כשורה.

די דירעקטריסע האָט אין איר אָבוועזנהייט אָנגענומען אינטערעסאַנטן מיט איר געוויינטלעכער גוטמוטיקייט. דער קאַ־סירער און בוכהאַלטער האָבן געמאַכט די חשבונות פון די הכנסות און הוצאות — אָבער אַלץ איז געווען אָפּגעטון „אויף יוצא צו זיין", אָן דער געהעריקער איבערגעגעבנקייט צו די

אינטערעסן פון די גערודפטע און געפּלאָגטע, וועלכע די ווילד־עטיקע געזעלשאַפט האָט געהאַט די אויפגאַבע צו העלפן.

מאַדאַם קסאַוויע, ווי אַנדערע קאָנטראָלערס, איז נאָך נישט געווען אין ביוראָ מיט אירע באַריכטן. געווען איז נאָר מאַדאַם לאַוואַלעד, וועלכע האָט, דערזעענדיק ספּין, פאַרפּירט מיט איר אַ געשפּרעך וועגן וועטער אין דרויסן און געלאָזט אַוועקגיין, נישט פרעגנדיק אַפילו, ווען זי האָט בדעה זיך צוריקצוקערן צו דער אַרבעט.

ספּי האָט צופעליק אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף אַ בלעטל פּאַפּיר, וווּ ס'איז מיט א רויטער בלייפעדער געווען פאַרשריבן עטלעכע פאַמיליעס און זי האָט באַמערקט די נעמען פון די משפּחות, וועלכע זי פלעגט באַזוכן צו קאָנטראָלירן, אויף ווי ווייט יענע נייטיקן זיך אין הילף. זי האָט אויפן בלעטל פּאַפּיר דער־זען אויך די פאַמיליע שערץ.

— יאָ, — האָט מאַדאַם לאַוואַלעד געזאָגט צו ספּין — גוט, וואָס כ'האָב זיך דערמאָנט. דאָס איז איינע פון די, מיט וועמענס גורל איך האָב זיך אַזוי פאַראינטערעסירט. כ'האָב נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק געזאָלט אַהין אַריינגיין, ער האָט וועגן דעם געבעטן אין זיין בריוו. נאָר מיר פעלן אייערע פיס און אייערע מיטלען, נאָר אַזוי ווי איר זענט געקומען, לאָז איך פאַר אייך איבער די דאָזיקע מצוה.

— געוויס, — האָט ספּי געענטפערט — איר בריוו איז ביי אייך?

— כ'ווייס אַליין נישט...

— ... „שערצע — האָט זיך ספּי דערמאָנט — אַ קאַליקע, וועלכע האָט זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אַרבעט. די פרוי זיינע ווערט באַזאָרגט דורך נינעטן. די קינדער לויפן שטענדיק אַרום מיט פּנימער, וואָס זענען אויסגעשמירט פון שאָקאָלאַד!... וואָס איז פאָרט מיט זיי ווייטער פאָרגעקומען?"

— ניין — האָט מאַדאַם לאַוואַלעד זיך אָפּגערופן — כ'ווייס נישט, ווו כ'האָב אַהינגעטון דעם בריוו. אפּנים, אַז כ'האָב אים

צעריסן, באַלד ווי כ'האָב פאַרנאָטירט זיין אָנקומען. נאָר ווי־באַלד איר גייט אַהין...

— כ'וועל באַלד אַהין גיין. דערווייל צום ווידערזען, ביז מאָרגן.

אויפן וועג — ספּי איז גאָרנישט נישט ווייט, אַ מינוט פינף פון געניען — האָט זי זיך געטראַכט:

— כ'וועל ארייגגיין צו איר, ווען זי וועט נישט זיין אין דער היים, איז זי געוויס ביים כירורג, ווו זי אַרבעט אַלס אַסיסטענטין.

ספּי איז אַהין אריינגעגאַנגען, רעכנענדיק דאָרט צו באַגעגענען פּרעדריקען. נאָר אָנשטאָט איר חברטע, האָט זי דאָרט באַגעגנט אַלעקסאַנדערן.

ער איז אופעליק געווען אין דערהיים. ער איז געקומען צו נעמען עפּעס נייטיקע פּאַפּירן, וועלכע ער האָט איגדערפרי פאַרגעסן מיטצונעמען מיט זיך. ער האָט זיך זאָרגפעלטיק אויסגעפרעגט, וואָס זי מאַכט אין איר געזונט-צושטאַנד.

— ס'פרייט מיך זייער, וואָס כ'האָב אייך באַגעגנט! איר האָט אונדז שטאַרק געפעלט, מיר האָבן אייך זייער באַדאַרפט האָבן. כ'האָב נישט געוואָגט אָן אייער דערלויבעניש אייך צו באַזוכן... מיך האָט אָבער באַאומרויקט, וואָס...

— טאַקע באמת? וויבאַלד אַזוי, האָט איר באַדאַרפט קומען. דאָס וואָלט מיר געווען אָנגענעם.

ער האָט אַ שייך געטאָן.

— איצט, אַזוי ווי איר פילט זיך שוין בעסער, וועלן מיר זיך קענען זען. מיר אַלע האָבן אייך דאָ ליב.

דער אויסדרוק פון זיין פּנים איז געווען אַזוי אויפריכטיק, אַז ספּי האָט עס באמת הנאה געטאָן. וואָס פאַר אַן אונטערשייד צווישן דעם טריבן אויסדרוק פון סאַנטאָס פּנים און דעם אָפענעם פּנים מיט די קלאַסישע שטריכן און לויטערן בליק פון אַלעקסאַנדערן. זי האָט נאָך אַליין זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, ווי ווייט זי האָט זיך דערנעענטערט צו אַלעקסאַנדערן בעת די באַשיידענע מיטאָגן אין געניעס עסצימער, ווען זיי האָבן זיך

האַנט ביי האַנט פאַרטיפט אין לאַבירינט פון געדאַנקען, אין וועלכן זייער לעבהאַפטער געשפרעך האָט לייכט איבערגעשפרונגען פון טיפן זין פונם לעבן אויף די גישטיקסטע געשעענישן.

איר איז געהאַט אויף אַ רגע איינגעפאַלן, זי זאָל דערציילן אַלעקסאַנדערן וועגן דער משונהדיקער סצענע מיט סאַנטאָן, נאָר עפּעס אַן אומבאַוווסטזיניקע פאָרזיכטיקייט האָט זי פון דעם אָפּגעהאַלטן. זי האָט זיך מיט אים געזעגנט:

צום גיכן ווידערזען! אַ גרוס — פרעדריקען. לאָז זי היינט אין אָוונט צו מיר קומען, ווען זי קען... כ׳בין נאָך נישט אינגאַנצן געזונט און מיר וואָלט זיך געוואָלט איר עפּעס דערציילן...

— אייך וועט נישט זיין אומאַנגענעם, ווען איך וואָלט מיט איר געקומען צו אייך?

— אדרבה. ביטע זייער.

...זיי וועלן ווערן דערשטוינט, דערוויסנדיק זיך וועגן דער מעשה מיט סאַנטאָן! — האָט זי זיך געטראַכט, אוועקגייענדיק. זי האָט זיך געאיילט צו שערצען.

— ... גאָטעניו, ווי הויך... כ׳וואָלט באמת נישט געדאַרפט היינט אַרויסגיין פון שטוב... די דאָזיקע טרעפּ זענען דאָך שרעקלעך!...

זי האָט געוואָלט זיך אָפּשטעלן אויפן דריטן שטאָק. די פיס האָבן איר מער נישט געפאָלגט... אוף! נאָך אַ שטאָק...

דאָס האַרץ האָט ביי איר שטאַרק געקלאַפּט, דער קאָפּ האָט זיך געדרייט פונם דאָזיקן שווערן אויר, וואָס איז שווער געווען צו באַשטימען, וואָס פאַר אַ ריח ער האָט אייגנטלעך, פון וועלכן עס לאָזט זיך שפירן אַלטע ווענט און הייזער, וווּ עס וווינט דער דלות...

אָט איז אַ טיר. אַ שטיק „וויזיט-קאַרטע", וואָס האַלט זיך אויף אַ טשוואָק. ...„צע, מעכאַניק". ספּי האָט אָנגעקלאַפּט. קיינער האָט נישט געענטפערט. זאָל קיינער נישט זיין אין דערהיים? דער שליסל איז געווען אַריינגעשטעקט אין שלאָס. זי איז אַריינגעגאַנגען.

— קיינער נישטאָ?

פּלוצלינג האָט זי אַ טרעט אָפּ געטאָן צוריק מיט אַ ווילדן געשריי... אַ געשריי פון שרעק איז דאָס געווען, אַזאַ שניידנדיקער, אַז אַרום און אַרום האָבן זיך געעפנט די טירן... ס'זענען זיך צונויפגעלאָפן די שכנים... ספּי ווערנדיק ווי פאַרגליווערט אויפן אָרט, מיט אויגן, וואָס זענען שטאַרק ברייט געוואָרן פון שרעק, האָט געשטאַמלט:

— דאָרט! דאָרט!

אין מיטן פּוסטן צימער, אָנפילנדיק עס מיט אַ טראַגישער אומבאַוועגלעכקייט, איז געהאָנגען דער קאַליקע... זיין בלאָ געוואָרן פּנים, צוזאַמענגעצויגן פון קראַמפן איז געווען געווענדט צו דער טיר.. מ'האָט געהאַט דעם איינדרוק. אַז דאָס איז אַ קערפּער פון אַ מענטשן, איבער וועלכן מ'האָט אויסגעפירט טויטשטראָף, און וואָס מאַכט אַ פאָרוואורף, וואָס באַשולדיקט... אין אים איז געווען אַזאַ מין אויסדרוק פון פּיין און דראָונג און ער האָט גלייכצייטיק מיט זיין אַרויסגערוקטער צונג און די אָפּגעשוואַכטע מוסקולן אַזוי דערמאָנט אַ פּאַיאַץ, אַז ספּי האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און איז געפאַלן חלשות...

ווען מ'האָט זי אָפּגעמונטערט און זי איז געקומען צו זיך, — אַ גוטהאַרציקע שכנטע האָט איר אויסגעריבן דאָס פּנים מיט אַ שמוציקער סאַלפעטקע, איינגעטונקט אין עסיק, — איז דאָס צימער שוין געווען פול מיט מענטשן. זי האָט געמאַכט אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג, כדי — אונטער דעם שטאַרקן בליק פון די אויגן, וואָס וואַרפן אַזאַ שרעקלעכע באַשולדיקונג, — צו דערקלערן:

— כ'האָב געבראַכט אַ ביסל געלט פאַר שפּרצען, דער שליסל האָט געשטעקט אין שלאָס און...

זי האָט פאַרדעקט מיט די הענט דאָס פּנים.

זי האָט ווייטער נישט געקאָנט איבערטראָגן דאָס אָנזען פּנים מת, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ האָק איבערן איבערגעקערטן טיש... אַרום איר האָבן געליאַרעמט קולות:

— ער האָט זיך נעכטן צוריקגעקערט אַ שרעקלעך אויפּגעבראַכטער, פּנים, וואָס ער האָט גאָרנישט געפונען... היינט איז

ער אַרויסגעגאַנגען פֿאַר — וואָס וועט זיין מיט די קינדער? — איצט געפינען זיך דריי קינדער ביי מיר. די מוטער האָט זיי אַוועקגייענדיק ערגעץ, ביי מיר איבערגעלאָזט. כ׳האָב זיי, נאַ-טירלעך, פֿאַרשלאָסן...

— טו אַ קוק! ער האָט זיך געהאָנגען אויפֿן רימען פֿון זיין הילצערנעם פֿוס! — אַ מתנה פֿון דער מלוכה. די איינציקע מתנה וועלכע איז ביי אים פֿאַרבליבן!... — דער קערפּער איז נאָך וואַרעם!

— מ׳דאַרף מיטטיילן דער פּאָליציי... — לויט מיין מיי-נונג, איז די מלחמה...

די ווערטער האָבן געזשומעט, ווי אַ מחנה בינען. זיי האָבן אַריינגעשטאָכן אין דער צערודערטער ספּי זייערע שטאַכלען... די שווערע לופֿט, אין וועלכער מ׳האָט ממש געקענט דערשטיקט ווערן, און דאָס שטויסן און שטופּן זיך פֿון די שכנים — האָבן ספּין שווער געמאַכט דאָס אָטעמען.

זי וואָלט ווידער געחלשט, ווען נישט די גיטהאַרציקע גע-וועלבערין, וואָס איז געקומען צו לויפֿן נאָך נייס, וואָלט זי נישט אַרויסגעפֿירט פֿון שטוב אויף די טרעפּ. די דאָזיקע קרע-מערין האָט געהאַלטן פֿאַך איר חוב אָפּצופֿירן ספּין אַהיים. פֿאַ-קאָ האָט אַן אויפֿגערעגטער, זי אַריינגעלייגט אין בעט. זי האָט גערעדט פֿון היץ, פֿאַרפּלאָגט פֿון די אויגן אָן אַ בליק פֿונם גע-האָנגענעם...

דריטער טייל

I

פינף... זעקס... זיבן... אַכט וואָכן איז שוין היינט... די־צו זיך קומענדיקע ספּי ציילט די וואָכן, וואָס זי איז געווען קראַנק, מיט די אויסגעדאַרטע פינגער. זיצנדיק אין שטול, קוקט ספּי אויף פּרעדריקען. צוקוועטשנדיק זיך מיטן שטערן צו דער שויב, האָט די מאַקעדאָנערין שטיל זיך צוגעזונגען אַ לידל פון איר היימאַט און זיך געוואַרעמט אויף דער זון.

— איר ווייסט, ס'איז דאָך שוין וואַרעם! איך האַלט, אַז דער פרילינג אין פראַנקרייך איז שענער ווי ערגעץ אַנדערש ווו.

און אַ קער אום טוענדיק זיך צו דער זיך פאַרטרוימטער ספּין, האָט זי פאָרגעזעצט:

— ווילט איר, וועל איך אייך צורוקן צום פענסטער?

— יאָ, כ'וויל... ווי גוט עס איז!

דאָס איז געווען אַ אומבאַוווסטזיניקער צינז־אָפּצאָל פון אַ באַשעפעניש, וואָס באַפרייט זיך פון פינסטערע כוחות, און וואָס ציט זיך מיט אַלע קרעפטן פון פינסטערקייט צו ליכט.

— איך — האָט פרעדריקע דערקלערט, — וואָלט קיינמאָל נישט געשטאָרבן, ווען די זון וואָלט נישט אונטערגעגאַנגען...

ספּי האָט זי אויסגעהערט מיט צערטלעכקייט. ווי גוט גע־ניע און זי האָבן זיך באַצויגן צו איר, ווי גוט זיי האָבן זי באַהאַנדלט בעת איר קראַנקהייט! אַ חודש צייט איז זי געווען צווישן לעבן און טויט...

— איר האָט געקענט כאַפּן אַ מעניגיט, מיין עופעלע, —

האָט איר געזאָגט דער דאָקטאָר, ווען איר געזונט־צושטאַנד האָט זיך, פאַר צוויי וואָכן, אָנגעהויבן פאַרבעסערן.

זי האָט זיך נאָך געפילט זייער שוואַך, נישט קוקנדיק אויף דער אויסגעצייכנטער דערנערונג און איר ליידנשאַפטלעכן ווונטש, ווידער זיך צו נעמען צו דער אַרבעט אין דער וווילטעטיקער געזעלשאַפט. נאָר קעגן דעם האָט זיך שטאַרק און ענערגיש אַוועקגעשטעלט דער דאָקטאָר לאַרמוּאַ הײנט אינדערפרי. ער האָט דורכויס געפאָדערט, אַז זי זאָל נישט טראַכטן אַפילו, זיך ווידער צו נעמען צו דער אַרבעט. זי האָט געהאָרכזאַם געפאָלגט דעם דאָקטאָרס באַפעל. איצט האָט זי באַשלאָסן, געדולדיק צו וואַרטן ביז זי וועט אינגאַנצן געזונט ווערן.

— נאָך עטלעכע חדשים קענט איר אַפילו נישט טראַכטן וועגן אַזאַ שווערע אַרבעט — האָט לאַרמוּאַ קאַטעגאָריש איר דערקלערט; — אייער נערוון־סיסטעם איז אַזוי דערשיטערט...

איר האָט פאַרשאַפט פיל יסורים, — די נויטווענדיקייט נישט צו אַרבעטן און גאָרנישט טון פאַר די אָרעמע־לייט.

דער דאָקטאָר, זעענדיק, ווי ספּי גענמט עס זיך שטאַרק צום האַרצן, האָט געפונען פאַר נייטיק צו מילדערן זיין באַפעל:

— איבעריקנס, מיר וועלן אין אַ קורצע צייט אַרום זען, ווי עס האַלט מיט אייך. אפשר וועט איר קענען נאָך פריער זיך נעמען צו דער אַרבעט. נאָר איר דאַרפט זען, מיין קינד, זיך אָפּצוהיטן. איר פאַרשטייט דאָך, אַז נאָך אַזאַ דערשיטערונג, נאָך אַזעלכע איבערלעבענישן, איז נייטיק, שטאַרק נייטיק זיך אָפּצוהיטן, איר מוזט אויסמיידן דערווייל דאָס באַזוכן די קעלער און בוידעם־לאָקאַלן, וועלכע שווימלען און גריבלען פול מיט די געפערלעכסטע מיקראָבן. באַזוכנדיק די דאָזיקע לאָקאַלן מיט אַזאַ איידעלן הומאַניטאַרן צוועק, אָטעמט איר דאָך אין זיך אַריין נישט באַמערקט מיליאָנען שענדלעכע מיקראָבן, איר שטעלט איין אייער געזונט און ממילא שוין אייער יונג לעבן. אָט די דאָזיקע וויזיטן אייערע אין יענע שמוציקע פאַרפעסטעטע לאָקאַלן האָבן גורם געווען אייער קראַנקהייט. איר האָט עס ביסלעכווייז, אַליין עס נישט באַמערקנדיק, איינגעאָטעמט אין זיך

יענע גיפטיקע מיקראָבן, וועלכע האָבן ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט אייער צאַרטן אָרגאַניזם און לסוף אייך אַוועקגעלייגט אין קראַנקן בעט. זאָל דאָס פאַר אייך זיין אַ לעקציע און איר זאָלט וויסן להבא, וואָס איר האָט צו טון, און ווי אַזוי זיך אָפּצוהיטן פון אַ רעצידיוו*)

און אַזוי ווי ספּי האָט פּראָטעסטירט אין בשום־אופן נישט געוואָלט איינגיין, זי זאָל איינגאַנצן פאַרלאָזן איר טעטיקייט אויפן געביט פון פילאַנטראָפּיע, האָט זי דער דאָקטאָר אַ בעט געטון פאַר דער האַנט און צו איר געזאָגט:

— דערווייל, ביז וואָס ווען, בעט איך אייך זייער, איר זאָלט זעען, זיך מער פילנעווען און וואָס מער טראַכטן וועגן זיך. פאָלגט אייער פעטער פּאַקאָ—ער איז דאָך אייערס נישט קיין שונא... ווען איר וואָלט געווען אַזעלכע, ווי איך מיין, וואָלט איר נאָך די קינפטיקע וואָך אַוועקגעפאָרן אין דאָרף אַריין און דאָרט פאַרבליבן אַ פּאָר חדשים. דאָס וואָלט פאַר אייך געווען זייער נוצלעך און ווען איר וועט איינגאַנצן געזונט ווערן, וועל איך זען, וואָס איר האָט ווייטער צו טון; ס'קען זיין, אַז אייך וועט אויסקומען צו ענדערן דעם קלימאַט.

פרעדריקע האָט אַ קוק געטון אויף איר זייגער.

— כ'מוז גיין. כ'מוז אויף מאָרגן צוגרייטן אַ באַריכט אינם פאַריין פון געזעלשאַפטלעכער היגיענע. כ'האָב קיין צייט נישט צו וואַרטן אויף גענייען. דערמאָנט איר, כ'בעט אייך, אַז זי דאַרף עקספּעדירן ביז זיבן אַ זייגער, דורך דער באַלקאַנער אַגענץ דעם סך־הכל פון די ידיעות. וואָס מיר האָבן באַקומען וועגן די רציחות אין פּרילעפּ.

— אויב זי וועט נאָר קומען!

— זי וועט קומען. מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, אָבער קומען וועט זי. איך בין אויך נישט פּונקטלעך. נאָר די פראַנצויזן און די אַמעריקאַנער זענען פּינקטלעך. מיר, מאַקעדאָנער, באַזיצן לײַדער נישט, די דאָזיקע מעלה. נאָר גענוג!... מ'קען זאָגן, אַז

*) דאָס איבערחזרן פון עפּעס וואָס.

זי איז, אַ פאַרקערפּערונג פון סלאַוויזם, די אומפינקטלעכקייט גופא. זי דאַרף אייך, מיין טייערע, זייער ליב האָבן, דאָס איז צו זען פון דעם, וואָס זי איז די גאַנצע צייט פון אייער קרענק נישט אָפּגעטרעטן פון אייער בעט און אייך באַדינט ווי אַן אמתע איבערגעגעבענע פלעגערין און שוועסטער.

— יאָ. און איר?

— איך?... (פרעדריקע האָט זיך צעלאַכט). אויב איך האָב אייך גוט באַהאַנדלט בעת אייער קרענק, האָב איך דאָך עס געטון אַלס דאָקטאָרין און דאָס איז געווען מיין פליכט. איצט דאַרפט איר שוין מער גאָרנישט?... גוט. פאַרגעסט נישט אויפצו-עסן אייער קאָמפּאָט און די ביסקוויטן. כ'האָף, אַז גאַניע וועט דאָ זיין פינף אַ זייגער, כדי צו מאַכן אייך אַ געקעכץ פון געלעכלעך. זייט מיר געזונט און שטאַרק, אַדיע!

— לייגט אַוועק דעם שליסל אונטער דער שוועל אין פאַל, ווען גאַניע וועט פאַרגעסן מיטנעמען איר שליסל — האָט איר ספּי נאָכגעשריגן.

פרעדריקע איז געבליבן שטיין און איר אויף דעם גע-ענטפערט:

— דאָס דאַרף מען קיינמאָל נישט טון!... (זי האָט זיך פאַרהאַלטן אַ רגע)... איצט, ווען איר הייבט אָן אַרומגיין, מוז מען אייך וואָרנען. איר זאָלט וויסן זיין, אַז סאַנטאַ באַמיט זיך מיט אַלע מיטלען אַריינצודרינגען צו אייך... מ'מוז זיין אויסער-געוויינטלעך פאָרזיכטיק!

ספּי איז רויט געוואָרן. אירע אויגן האָבן וועגן עפּעס געפרעגט.

— דאָס איז אַ מענטש, מיט אַ כאַראַקטער, וועלכן ס'איז אוממעגלעך צו בייגן און אים צווינגען, ער זאָל אויפגעבן דאָס צו וועלכן ער שטרעבט. זייט דעם טאָג ווען ער האָט טראָץ דעם פאַרבאָט פון דאָקטאָר, געפּרוּווט אייך זוכן און ווען אייער פעטער האָט אים אַרויסגעוואָרפן, איז ער ממש געוואָרן אויס מענטש און רעדט פון היץ... דאָס דאָזיקע יינגל באַאומרויִקט אונדז. ס'איז אוממעגלעך געווען אויף אים צו ווירקן און אים

איינריידן, ער זאָל זיך נעמען אין האַנט אַריין און באַצוימען זיינע ליידנשאַפטן. ווען מיר האָבן אים באַרויִקט, איז מיט אים פאָרגעקומען אַ נערוון-אַטאַקע... „כ'וויל זי זען — האָט ער געשריען — איר און נישט קיין אַנדערע זענט עס, וואָס האָבן איר אַריינגעגעבן אין קאָפּ, איר אָנגערעדט אויף מיר כּל-רע און געווירקט אויף איר, אַז זי זאָל מיך אָפּשטויסן פון זיך. איר מיינט, אַז איך ווייס נישט!... אָבער זי מוז מיך ליב קריגן, זי וועט מיך ליב קריגן! דאָס איז אָנגעשריבן אויף מיין דלאָניע!״ ער אַרבעט שוין מער נישט אויף דער גלאָז-פאַבריק, איר ווייסט?

— פון וואָס זשע לעבט ער?

— מיר וויסן נישט.

— אָבער פון קירילן ווייסט איר אויך נישט, פון וואָס סאַנטאַ לעבט איצט?

— זיי באַגעגענען זיך שוין מער נישט, נאָכדעם, ווי קיריל האָט אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער שטערט אים שלאָפן מיט זיינע געשרייען... מיר עפענען דאָ קיינמאָל נישט די טיר, אויב מ'קלאַפּט נישט אָן אַזוי, ווי מ'האָט זיך אָפּגערעדט. נישט איינמאָל זענען שוין פאָרגעקומען נישט קיין אַנגענעמענע סצענעס.

— דאָס איז דאָך שרעקלעך!... בפרט נאָך, אַז איך האָב גאָרנישט געטון, כּדי אים אין זיך צו פאַרליבן!... אַז איך בין דאָ גאָט די נשמה שולדיק.

— כ'ווייס, — האָט פּרעדריקע געזאָגט — כ'ווייס, אַז איר זייט דאָ גאָרנישט שולדיק. די גאַנצע שולד פאַלט אייף מיר. די דאָזיקע יינגעלייט... מיין ברודער, סאַנטאַ, קיריל זענען נישט ענלעך צו אַנדערע. יעדעס געפיל איז ביי זיי שטאַרק און טיף. כ'האָב געדאַרפט פריער פּאָרויסזען און וויסן, אַז איר וועט זיי געפעלן.

אַ פּייערל האָט זיך אויף אַ רגע אָנגעצונדן אין ספּיס אויגן. זי האָט איבערגעחזרט:

— אַז איך וועל זיי געפעלן?... דערווייל זע איך, אַז נאָר סאַנטאָן...

— מיין טייערע, דו דאַרפסט וויסן, אַז איך אינטערעסיר מיך נישט מיט אַלעקסאַנדערס געדאַנקען אויפן דאָזיקן געביט... און וויס דעריבער נישט, ווי עס האַלט מיט אים; וואָס שייך זיינע געפילן צו דיר. אָבער אייפערזיכטיקע מענטשן זענען זייער דורכדרינגנדיק און זעען אויף אַ מייל דאָס, וואָס מיר זעען נישט אויף ניין מעטער. בכלל האָט סאַנטאָ איצט פיינט געקריגן מיין ברודער און האָט אים פאַרבאָטן, קומען צו אייך און אייך צו באַזוכן.

— וואָס איך הער!

— אַלעקסאַנדער האָט פונדעסטוועגן יאָ געוואָלט אייך באַזוכן, כדי — לויט מיין מיינונג — מ'זאָל נישט מיינען, אַז ער האָט מורא פאַר סאַנטאָס דראָונגען, כ'האָב אים געזאָגט: ניין, מ'דאַרף נישט פאַנאַנדערבלאָזן דאָס פייער...

— אַזוי גאָר!...

די פאַרחידושטע פרעדריקע האָט גענומען אין אַכט די דאָזיקע אינטאָנאַציע, וועלכע, — אונטערשטרייכנדיק די אָפּנבאַרע נאַטירלעכקייט פון דער באַמערקונג, — האָט פאַרראַטן איר באַהאַלטענעם זין: דעם וויזיט, אויף וועלכן ספּי האָט געוואַרט, און אויף וועלכן — ווער ווייסט — זי האָט אפשר אַרויסגעקוקט...

פרעדריקע האָט פאַרגעזעצט:

— אַזוי ווי אַלעקסאַנדער איז געוואָרן ברוגז, האָב איך אים דערקלערט: אויב דו וועסט גיין איר אָפּשטאַטן אַ וויזיט, וועט ‹ ‹נטאָ מי-יודע וואָס אָפּטון, די ווייסט דאָך, אַז ער איז איצט מסוגל אָפּצוטון די ווילדסטע זאַך און די גרעסטע משוגעת .. אויב מען וועט אים אַרעסטירן, וועט מען אים דערקענען כ'מוז אייך זאָגן, אַז מ'האָט סאַנטאָן פאַרראַטן און בעלגראַד ון אַז פאַר זיין קאָפּ איז באַשטימט אַ באַלוינונג. ער איז ד ' אַזוי איבערגעגעבן אונדזער אידיי און אונדזער זאַך — האָב איך ווייטער אַריינגעטענהט אין מיין ברודער — טאָ זיי זיך מרחם אויף זיין משוגעת און זיי צוליב דעם מקריב דיין שטאָלץ. (ספּי האָט אויף איר געקוקט מיט אומרויקייט)... מיר איז קוים מיט מי געלונגען ביי אים דאָס צו פועלן, זעט זשע,

מײַן טײַערע, נישט צו עפֿענען די טיר, װען איר זענט אַלײן אין שטוב, ס'איז גענוג, אַז סאַנטאַ...

— זאָרגט זיך נישט.

— ער שטײט אױפֿן ראָג - גאַס, כ'בין אין דעם זיכער. כ'האָב נאָר װאָס בכּיװן אַ קוק געטון אין פֿענצטער, כּדי אין דעם זיך צו איבערצײַגן. ס'װעט פּשוט געשען אַ נס, װען אונדז װעט געלונגען פֿון אים זיך אַרױסצודרײען.

— אַ שײנע מעשה, כ'לעבן!

— דערפֿאַר װאָלט מיר הנאה געטון, װען איר װאָלט אַװעקגעגאַנגען אין דאָרף אַרײַן... אָבער אָט האָסטו דיר: איך האָב אױך פּאַרשפּעטיקט, צום װידערזען, ביז מאָרגן!

ספּי האָט קױם באַװיזן צו פֿאַרמאַכן די טיר, װי אַ קער אום טועגדיק זיך, האָט זי דערזען אױף די טרעפּ געניען מיט אַ טעקע אין דער האַנט און הינטער איר נאָך עפּעס אַ פֿרױ, װעלכע זי האָט באַלד נישט דערקענט.

דאָס איז געװען בערטע בערניע, װעלכע איז געקומען זי מבקר-חולה זײַן.

פֿרעדריקע האָט איר געפּרוּװט די האַנט, איבערגעבנדיק איר װעגן ספּיס געזונט-צושטאַנד, און אַז מ דאַרף זי נישט מאַכן מיד.

— כ'װײס, — האָט בערטע געזאָגט — דאָקטאָר לאַרמואַ האָט מיך געװאָרנט װעגן דעם.

געניע איז, עפֿנענדיק די טיר, צוגעגאַנגען צום ספּין און זי האַרצלעך באַגריסט. דערנאָך זעענדיק זיצן בערטען אין עס-צימער, האָט זי מיטגעטײלט ספּין װעגן איר קומען.

ספּי האָט אַ ציטער געטון, דערװיסנדיק זיך װעגן בער-טעס קומען, װעלכע האָט אַרױסגערופֿן אין איר זכּרון די לײַכ-טיקסטע געדאַנקען װעגן איר טײַערן פּיערן און זײַנע קרובים, װאָס האָבן זי אַזױ גוט באַהאַנדלט.

— רופֿט זי שטענדיק מאַדאַם ליוסיען בערניע, כ'בעט אײַך, געניע. „מאַדאַם בערניע" פֿאַרשאַפֿט מיר עגמת-נפֿש, װײַל אַזױ פֿלעגט מיך מײַן מאַן רופֿן, אױף קאַטאָװעס.

גענײַע האָט איר געוויזן אויף איר פֿיל אָנגעפּאַקטע טעקע.

כ'וועל זיך דאָ אַנידערזעצן בײַם טיש. כ'האָב פֿיל אַרבעט צו דערלײדיקן.

— אָ, איר קענט זיך גאַנץ רויִק אַרבעטן. קיינער וועט אײַך נישט שטערן און מאַדאַם לוסיען בערניע וועט דאָך דאָ לאַנג נישט בלײַבן, כ'קען זי און ווייס, וואָס פֿאַר אַ דעליקאַטע פֿרוי דאָס איז.

בערטעס וויזיט איז געווען אַ קורצער און מאַנאָטאָנער. בערטע האָט, נאָך איר שוואָגערס טויט, דערשפּירט צו ספֿין, פּונקט ווי איר מאַן, אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט, אַ מין אָנפֿאַל פֿון גרויסמוט. אָבער די קלייןבירגערלעכע אויסגערעכנטקייט מיט איר מיושבדיקייט האָבן אײַנגיכן גובר געווען יענע סענטימענטן. בעת די צוגעזאָגטע רענטע, וועלכע מ'האָט ספֿין רעגולער אויסגעצאָלט, האָט זיך אויסגעוויזן לוסיענען פֿאַר אַ גענוגנדיקע אָבער נישט קיין איבעריק גרויסע, — האָט דאָסדאָזיקע בירגערלעכע פּאָרפֿאָלק דאָך געהאַלטן אירע התחייבותן בנוגע ספֿין פֿאַר אַ באַלאַסטנדיקע... אַזוי ווײַט, אַז לוסיען און בערטע האָבן נישט אָן אַ צופֿרידנקייט געוואַרט, אַז דידאָזיקע התחייבותן וועלן זיך אײַנגיכן ענדיקן, באַלד ווי נאָר ספּי, וועלכע איז אַזוי שטאַרק קראַנק געוואָרן, וועט זיך איבערפּעקלען אויף יענער־וועלט...

— בכלל בײַסטו געווען צו גוט צו איר — האָט בערטע געזאָגט צו איר מאַן, ווען זי האָט זיך פֿונם דאָקטאָר לאַרמוּאַ דערוווּסט, אַז ספּי הייבט אָן געזונט צו ווערן — זי האָט באַקומען פֿון אונדז אַ פֿײַנע מתּנה, זייער אַ פֿײַנע און רײַנע מתּנה סוף־כּל־סוף — האָט בערטע אים ווײַטער מסביר געווען — דאַרף מען דאָך נישט פֿאַרגעסן, אַז ווען דײַן ברודער וואָלט מיט איר חתונה געהאַט, וואָלט דאָך דאָס געווען נישט נאָר אַ מעזאָליאַנס*) נאָר די גרעסטע נאַרישקייט. וואָס זענען עס פֿאַר אָן אויסלענדישע פֿרויען, וואָס דרייען זיך אַרום איר? מ'ווייסט

*) קיין נישט פּאַסיקער שידוך, אַ נחות־דרגא. באַמ. פֿון איבער.

נישט, פון וואַנען זיי זענען... זיי פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק... פאַרדעכטיקע פּערזאָנען...

דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט פון רשעות נאָר פון אַ מין אייפערזוכט. „מאַדאַם לוסיען בערניע" האָט זיך געהאַלטן פיל העכער פון ספין און דעריבער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן, וואָס ספּי איז, לפּי מאַטעריעלן נוצן, געוואָרן באַזאָרגט אַזוי, פּונקט, ווי זי וואָלט געווען איר שוואָגערס אַ געזעצלעכע פרוי, און אַ „פאַרגאַנגענהייט"... באַזאָרגנדיק פּיערס געליבטע און געבנדיק איר די מעגלעכקייט צו לעבן רייך, וואָלט בערטע געוואָלט „זאָגן אַ דעה" איבער ספּין און האָבן דאָס רעכט זי צו באַהאַנדלען ווי נישט קיין „אירס-גלייכן", מיט איין וואָרט, האָבן איבער איר אַ מאַכט. בערטע איז אפילו געווען גרייט צו „אַדאָפּטירן" ספּין, כּדי צו מאַכן פון איר אַ מין אָרעמע קרובה, אַ געהאָרכזאַמע און איבערגעגעבענע. זעענדיק אָבער, אַז ספּי גייט אַוועק פון איר אַפּיטרופּסות און אַז אירע טובות זענען נישט געווען גוט אָפּגעשאַצט, האָט זיך בערטע געפילט באַליידיקט און דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין איר זיס-זויערע אויפפירונג. וואָס אָנבאַלאַנגט לוסיענען, האָבן זיך זיינע גוטע געפילן צו פּאַקאָן און זיין פּלעמעניצע טאַקע נישט געענדערט, נאָר זיינע געשעפטן און די באַקאַנטשאַפטן אין די הויכע פענסטער האָבן אים נישט איבערגעלאָזט קיין צייט פאַר זייערטוועגן...

ספּי האָט מיט אַ זיפץ פון פאַרלייכטערונג זיך געזעגנט מיט יענער, וועלכע זי האָט, ווי אַ שוועסטער, גערופן פּשוט בערטע, און וועלכע איז אַזוי גיך געוואָרן ווייניקער באָענט, פון דידאָזיקע מאַקעדאָנישע יינגע פרויען. ספּי האָט וועגן דעם דערציילט געניען, וועלכע האָט, אַ שפּיי טוענדיק אין דער זייט פון טיר, געענטפערט: כ'האָב אויך נישט ליב דידאָזיקע דיקע בורזשויקע.

— סוף-כּל-סוף — האָט ספּי געזאָגט, בין איך פאַר איר דאָך געווען אַ פרעמדע.

זיי זענען געווען איינשטימיק מיט דער מיינונג, אַז נאָר דער אויסוואַל, ד. ה. דער פאַרנונפט, שאַפט אַן אמתע פאַמיליע.

פאַמיליעס, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן בלויז דורך אַ צופאַל אָדער דורך נוצן, פאַלן זיך על־פּי־רוב פאַנאַנדער.

— לוסיען איז פונדעסטוועגן לייטישער פון איר, — האָט ספּי דערקלערט און זי האָט דערציילט, וואָס ער טוט פאַר די אַרבעטער, ווי אַזוי ער האָט געמאַכט, אַז זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין די רווחים פון פאַבריק. זי האַלט לוסיענען פאַר אַ גוטן און ערלעכן מענטשן.

— ער גיט אַוועק די אַרבעטער אַ העלפט פון דעם וואָס זייער פּראַצע ברענגט אַריין דער אונטערנעמונג?

— ניין, באַטירלעך...

— ווי באַלד אַזוי, קען מען אים האַלטן פאַר אַ גוטן. זאָגט אָבער נישט, אַז ער איז אַ בעל־יושר! אדרבה, צווישן די קאַפּיטאַליסטן איז ער איינער פון די ערגסטע.

— פאַרוואָס?

— טאַקע דערפאַר, וואָס ער ווייסט, אַז ער איז איינער פון די בעסטע. ער צאַלט פאַר היילן אַן אָפּגעריסענעם נאָגל, כּדי רויקער און מיט אַ ריינעם געוויסן אָנצופּאַקן די טאַשן. מיט אַנדערע ווערטער; דורך אַ קליינע נדבה וויל ער באַקומען אַ שם פון אַ גרויסן פילאַנטראָפּ.

— זאָגט עס נישט... איך דאַרף נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס ער האָט פאַר מיר געטון! פיל אַנדערע אויף זיין אָרט וואָלטן זיך פון מיר אָפּגעקערט אָן שום טענות און נישט געוואָלט פון מיר וויסן. איך און פיער האָבן דאָך נישט גענומען קיין חופּה־וקדושין.

— נו, טאָ וואָס־זשע איז פון דעם געדרונגען! צי זענט איר דען פונדעסטוועגן נישט געווען זיין ווייב.

— כ'האָב געזאָלט ווערן זייִן געזעצלעך ווייב.

— רעדט נישט און אורטיילט נישט ווי אַ פּראָווינציזין. וואָס טראַכט נאָר וועגן דער מעריי און דעם גלח! איר ווענט פּאַקטיש געוועזן זיין ווייב אָדער נישט?

— יאָ. געוועזן.

— וואָס־זשע ווילט איר. פאַר אונדז זענט איר געווען מאַן און ווייב. ווען איר וואָלט געהאַט אַ קינד, וואָלט עס געווען זיין

קינד. ביי אונדז זאָגט דאָס געזעץ: „ס'איז נישט פאַראַן קיין שום חילוק צווישן קרובהשאַפט פאַר חתונה געהאַטע און נישט חתונה געהאַטע." ביי אונדז איז נישטאָ דאָסדאָזיקע וואָרט און דערדאָזיקער פאַקט, וועלכער איז אַ חרפה פאַר פראַנקרייך! ביי אונדז זענען נישט פאַראַן קיין בתולות — מוטערס.

— ווי? ביי אייך זענען נישט פאַראַן קיין אויסוואורפן, וועלכע לאָזן איבער דער פרוי דאָס קינד און ווערן פאַרשוואונדן?

— פיל ווייניקער, ווי אין אַנדערע מקומות, מיין טייערע. ווייל יעדע פרוי האָט יורידישע רעכט און מעגלעכקייט צו דערווייזן, ווער עס איז דער פאָטער פון איר קינד. איך האָב אויך אַ קינד...

— איר, געניע?

— יאָ! דער קליינינקער מישע מיינער איז איצט אַלט פינף יאָר. ער געפינט זיך ביי מיין מוטער.

— כ'האָב דעם נישט געוווּסט.

— כ'האָב דעמאָלט געליבט, קערפּערלעך, איינעם פון מיינע חברים. זיין נאָמען איז אַ באַקאַנטער, נאָר כ'וועל אים נישט אָנרופן. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין אין אַנדערע אומשטענדן, איז ער אַוועקגעפאָרן. דאַן האָב איך, דריי חדשים פאַרן קינדס געבוירן ווערן. — אַזוי ווי כ'האָב נישט געוואָלט מאַכן קיין אַבאָרט, האָבנדיק אויף דעם יורידיש רעכט — האָב איך אַריינגעגעבן אַ דערקלערונג, ווער עס איז דער פאָטער, אָנווייזנדיק, די צייט, ווען כ'האָב זיך אים אָפּגעגעבן, ווען כ'בין פאַרגאַנגען אין טראָגן, און וווּ דער פאָטער געפינט זיך. ס'איז דערוויזן און פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אַלץ, וואָס כ'האָב אויפגעגעבן אין מיין דערקלערונג, איז אמת, און דער פאָטער האָט געמוזט מיר פאַרגיטיקן אַ העלפט פון די הוצאות. ער צאָלט אַ העלפט פון דעם, וואָס מיך קאָסט אָפּ דער אויסהאַלט פון מיין קליינעם מישען... גאַנץ גוט און גאַנץ ריכטיק: אונדזערע געזעצן זענען געשאַפן געוואָרן פאַר דער מאָדערנער פאַמיליע: זיי פאַרטיידיקן קודם-כל די מוטער און דאָס קינד... נאָר כ'האָב שוין דאָ אויסגערעדט ביין מאָס רייד און שטער אייך צו גיין עסן.

— ס׳מאַכט נישט אויס. כ׳בין נישט הונגעריק.

— דאָס גייט מיר נישט אָן: איר מוזט זען זיך אָנצוגע־מען כוחות. צי ווילט איר דען נישט שוין אָנהייבן אַרויסצוגיין פון שטוב, פוילערקע איינע?

— דאָס איז מיר אַלציינס: יאָ אַרויסגיין און נישט אַרויסגיין, ווי באַלד, אַז כ׳קען נאָך נישט אַרבעטן.

— אָ, זענט איר אַ נאַרעלע. ווען וועט איר פאָרן אין דאָרף אַריין?

— כ׳ווייס אַליין נישט ווען. דער פעטער זוכט אַלץ אַן אָרט, וווּהין צו פאָרן. איצט איז ער פונקט שטאַרק פאַרנומען...

זיי האָבן ביידע פלוצלינג אָנגעשפּיצט די אויערן: עמעץ האָט אָנגעקלונגען מיט עטלעכע האַסטיקע קלונגען.

ווער קאָן עס זיין?...

געניע האָט פאַרשלאָסן די טיר פונם צימער און האָט אַ שפּרונג געטון צו דער אַריינגאַנגס טיר.

— ווער איז דאָרט?

— עטיענעט! עפנט גיכער! — האָט זיך דערהערט אַ זיך שטיקנדיקע שטים.

געניע האָט שנעל געעפנט די טיר, באַאומרויקט פון עטיענעטס טאָן. עטיענעט האָט זיך גיך אַריינגערוקט דורך דער טיר, נאָר נאָך איר האָט זיך באַוויזן סאַנטאָ, אויפהייבנדיק זיך איבער די שטיגן, ווי אַ משוגענער.

איידער די ביידע פרויען האָבן נאָך באַוויזן צו פאַרמאַכן די טיר, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אינעווייניק.

אַ וואָרף טוענדיק זיך האַסטיק אין עסצימער אַריין, איז עטיענעט געלאָפן צו ספּיס צימער.

געניע האָט פאַרשטעלט סאַנטאָן דעם וועג.

אויפגערעגט האָבן זיי אָנגעהויבן צו ריידן אויף זייער מוטער־שפּראַך.

— סאַנטאָ! וואָס ווילסטו?

— זי זען. זי מוז מיר זאָגן, צי זי האָט עס באַפוילן,

מ׳זאָל מיך פון איר יאָגן, ווי א הונט. כ׳האָב רעכט צו באַקומען אַן ענטפער אויף דעם און פאָדערן אַ דערקלערונג!

ער האָט נישט גערעדט, נאָר זייער הויך געשריען.

— וואָס שרייסטו אַזוי! רייד שטילער. די שכנים וועלן נאָך הערן. זיי פאַרזיכטיק!...

— איך שפּיי אויף דעם! וואָס פאַר אַ פאַרזיכטיק! זי איז אַרומגערינגלט מיט אַ פאַנצער, וואָס האָט צווישן זיך געמאַכט יד־אחת און ריידן איר אָן אויף מיר אַלדאָס בייז. לאָז מיך אַריין צו איר, אויב די ווילסט נישט, כ׳זאָל דיך אומוואַרפן.

ער האָט געפּרוווט אָפּשטופּן געניען פונם אָרט, ווו זי האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג, נאָר זי האָט זיך קעגנגעשטעלט און אַ געשריי געטון: ספּי, באַהאַלט זיך!

נאָר סאַנטאָ האָט, נישט קוקנדיק אויף זיין קליינעם וווקס, גובר געווען געניען און איז אַריין אין ספּיס צימער.

אין צימער, וווהין געניע איז נאָכגעגאַנגען, איז קיינער נישט געווען. זי האָט אַ זיפץ געטון, נאָר ער האָט שוין געקלאַפּט מיט זיינע שטאַרקע פויסטן אין דער פאַרמאַכטער טיר. פון ספּיס צימער:

— עפנט, ספּי. כ׳וועל אייך גאָרנישט טון.

אַ שווייגן.

ער האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן נאָך שטאַרקער, נאָכמער אָן אויפגעבראַכטער, ווי פריער.

פון יענער זייט טיר האָט זיך געהערט אַ פליסטערן, דערנאָך האָט זיך דערהערט עטיעגעטס כיטרע שטים:

— מיין חברטע וועט צוליב אייך קראַנק ווערן. אויב איר וועט נישט אויפהערן צו קלאַפּן, וועל איך דורכן פענסטער רופן מ׳זאָל קומען אייך אַרעסטירן.

געניע האָט, פון איר זייט, אים געשלעפּט פאַר דער מאַרינאַרקע:

— ווי שעמסטו זיך נישט אַזעלכע זאַכן אָפּצוטון! פע, שעם זיך! און די נעמסט זיך נאָך אונטער פאַנאַנדערצוטרייבן די באַנדע פון דער ווייסער האַנט און פּראָטאָגעראַווס?...

מיט וואָס ביסטו בעסער פון זיי?... הער אויף צו קלאַפּן, אַנישט וועל איך אויך רופן נאָך הילף און מיר וועלן פּטור ווערן פון דיר.

סאַנטאָ האָט זיך באַלד באַרויִקט. ער האָט אַ זיפץ געטון:

— פאַרוואָס! מיידט מען מיך אויס? מען באַציט זיך צו מיר ווי צו אַ מצורע

סאַנטאָ האָט זיך ווידער אויסגעגליכן. די רגע פון שוואַכקייט איז אַריבער.

— דו נעמסט זיך אויך אָן פאַר אַלעקסאַנדערן?

— פאַר אַלעקסדערן? וואָס עפּעס פאַר אַלעקסאַנדערן?

— האַק נישט, כ'בעט דיך, קיין טשייניק און מיין נישט, אַז די האָסט צו טון מיט אַ ייִנגעלע. זי האָט זיך אים אויסגעקליבן.

— כ'הער עס, צום ערשטן מאָל.

ער האָט זיך פייערלעך געשווירן;

— נאָר איר זאָלט וויסן זיין, אַז אויב זי וועט נישט זיין מיינע, וועט ער זי אויך נישט האָבן! די קאָנסט עס אים איבערגעבן. קיינמאָל וועט זי אים נישט געהערן. לאָז ער זיך נישט איינריידן!

ער איז אַרויסגעגאַנגען, אַ קלאַפּ טוענדיק מיט דער טיר.

געניע איז געגאַנגען אַ קוק טון, צי קלייבט ער זיך נישט אומצוקערן.

— ער איז אַוועקגעגאַנגען. איר קאָנט עפענען די טיר.

ספי איז געלעגן אין חלשות. בעת געניע האָט איר געגעבן שמעקן אָ-דע-קאָלאָן, איז עטיענעט צוגעלאָפן צום פענסטער...

— אָט איז ער!

זי האָט זיך באַמיט, אַז ער זאָל זי נישט באַמערקן, אין פאַל, ווען ער וועט אויפהייבן דעם קאָפּ...

— אַך, וואָסערע טריט ער מאַכט! מ'קאָן מיינען, אַז ער טראָגט זיבן-מייליקע שטיוול.

איבערצייגנדיק זיך, אז אַלץ איז אין אָרדנונג, האָט פּרעד־ריקע זיך ווייטער אַנידערגעזעצט אויפן בעט:

ס׳אַרא נאַר־אָסט! ס׳אַרא שטאַרקער וויגט!

איר גליקלעכע נאטור האָט ווידער גובר געווען. און ממזריש עדי לוסטיק צו מאַכן ספּי, האָט זי צוגעגעבן:

— די ביסט מיר, ווי אַן אייגענע שוועסטער! יעדעס מאָל, ווען כ׳קום צו דיר צוגיין, ווילסטו מיך אַזוי... (זי האָט זיך אַ קער געטון צו געניען)... דאָ שטאַרבט זי און דאָ וויל זי ביי אייך דערוועקן אַ מיטלייד צו אירע קבצנים...

— נישט אמת, — האָט ספּי, שמייכלענדיק, אַ שעפּטשע געטון.

— נישט אמת? דאָס איז דאָך נישט קיין פאָרוואורף, אַדרבה! דיר קומט, כ׳לעבן, נישט אויס זיך צו לאַנגווײלן.

עטיענעטס לוסטיקייט האָט גוט געווירקט אויף ספּין. גע־ניע האָט דאָך זי געצוואונגען זיך ווידער צוצולייגן.

— וואָס ווילסטו פון מיר, כ׳בין דאָך נישט מידן!...

— דאָס איז נישט וויכטיק... אויף הייגט—גענוג!... מאָרגן וועט איר קאָנען אַרויס פון בעט ביז מיטאָק, און דערנאָך וועט איר מוזן, וואָס גיכער, אוועקפאָרן אין דאָרף אריין. איר הערט, מאַדמואַזעל, וואָס גיכער איר וועט זיך באַפרייען פון סאַנטאָן, אַלץ בעסער וועט עס זיין פאר אייער געזונט... (זי האָט זיך געווענדט צו עטיענעטן)... כ׳גיב אייך נאָך פינף מינוט; די דאָ־זיקע פינף מינוט מוז איך האָבן אויף צו פאַרענדיקן מיין אַר־טיקל . . .

עטיענעט האָט, אויפן שטייגער פון מיליטער-לייט, אָפּגע-געבן „טשעסט".

— כ׳הער. הער דאָקטאָר!... זי איז גערעכט, חבר. די דארפסט וואָס מער זיין אויף דער פרישער לופט... ווהין וועסטו פאָרן?

— גיב מיר די צייטונג. אפשר וועט זיך דאָרט געפינען עפּעס אַ פּאַסנדיק אָרט.

— פאַרוואָס זאָלסטו נישט פאָרן אין מיין גוט, אין באַליע?

דאָרט איז פאַראַן אַ פּערסאָנאַל, וואָס האָט נישט וואָס צו טון. מיר מאַכן נאָר פון צייט צו צייט אַן אויספלוג. וועסט דאָרט האָבן פיל „פּאָוואָדזעניע".

און מאָסיע זשורדאַן?

— טעאָ? דאָס איז נישט זיין עסק! איך בין דאָרט ביי זיך אין דערהיים. בכלל וועט ער זיין שטאַרק אַנציקט: דאכט זיך, אַז ער איז אויך צו דיר נישט גלייכגילטיק...

— אָ, ניין, כ'בעט דיך טיענו! מאַך נישט קיין חוזק. כ'בין אויסער זיך פון די דאָזיקע „ערן", וועלכע דרייען זיך אַרום אַרום דעם גוף... ווען די וואָלסט געוווסט, ווי מיר איז דאָס דערווידער!

— פאַרגעס נישט, אַז די ביסט נישט די אומגליקלעכע, מיין טייערע! כל זמן מיר זענען יונג און שיין, דרייט זיך אַרום אונדז נישט איין באַגער, נאָר צוויי הונדערט... ווען כ'וואָלט דיר דערציילט די פּאַסירונגען מיט מיר, וואָלסטו נישט ווייניק געלאַכט. כ'מוז זיך מודה זיין, אַז דאָס ווילט מיך. מיר וואָלט געווען לאַנגווייליק, ווען אין לעבן וואָלט נישט געווען דאָס, וואָס באַוועגט די מאַנספּערשוינען צו באַגיין אַזעלכע משוגעתן צוליב אונדז.

— באַוועגט! — האָט מיט אַן עקל ספּי איבערגעחזרט, — אַ פּרא-אָדם, ווי דער, וואָס איז נאָר וואָס דאָ געווען און וועלכער וויל דורכויס, אַז איר זאָלט אים געהערן... אָדער אַ קאַליקע, ווי מוניע — די קענסט אים דאָך, דעם שטייער-באַאַמטן, — וועלכער לייגט אייך פאָר אַ קאַריערע פון אַ באַרמהאַרציקער שוועסטער...

— דאָס איז אמת! נאָר דאָס איז דאָך אָבער דיין אייגן שולד! די שפּאַצירסט אַרום אין לעבן מיט אַן אָפענעם פּנים, — ווער זשע איז שולדיק, ווען די ציסט צו נאָר אַזעלכע משונהדיקע סוביעקטן! נאָר, שוין צייט זיך צו דעצידירן! פרעג דיין אָפּיעקונקע, ווען איך קאָן קומען צו פאָרן נאָך דיר... מיר וועלן פאָרן קיין באָליע אויף אַן אויטאָ! מיר וועלן אויך מיטנעמען דיין פעטער, אויב ער איז נאָר פריי. ער וועט דיך אַמוזירן.

ווייל איך וועל דאָרט נישט זיין די גאַנצע צייט... מאָסיע פּאַקאַ וועט קאָקעטירן מיט מיין מאַמע, נאָך וועלכע איך מוז טאַקע באַלד צופאָרן.

ספּי האָט איר אויסגעשטרעקטביידע הענט:

— לאָז, וועל איך דיך אַרומנעמען! כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

די גערירטע עטיענעט האָט זיך אויפגעהויבן:

— גוט. דו הייבסט שוין ווידער אָן מיט דיינע „סענטימענטן“! גיי עקשנטע...

עטיענעט האָט צאַרטלעך אַרומגענומען איר חברטע.

— כ׳האָב דיך פונדעסטוועגן זייער ליב. וועסט מיר מאָרגן טעלעגראַפירן. יאָ? ווען די וואָלסט געקאָנט קומען צופאָרן דאָנערשטאָק, וואָלט מיר געווען באַקוועם! טעאָ וועט זיין אין פּאַריז ביז שבת... לאָז דיך נישט קאָסטן קיין געלט אויף קליידער, דו הערסט? כ׳האָב קליידער גאַנצע בערג.

ט

— נאָך אַ מאָל.

— טרעף.

ספּי האָט געשלאָגן דריי קאָרטן.

מאַדאַם רוסטאַן, מיט ברילן אויף דער נאָז, האָט, אויס־ציענדיק זיך באַקוועם אויף דער אָטאָמאַנע, גענומען צוויי קאָרטן, נישט אַרויסלאָזנדיק פון מויל דאָס העלצעלע צו רייניקן די ציין.

זיי האָבן ווייטער געשפּילט. ספּי האָט געוווּנען.

— ס'גייט נישט!

די אַלטע האָט — זיך צו טרייסטן פאַרוואָס זי פאַר־שפּילט, — אַ טרונק געטון פון גלאָז דעם ווייַן.

— אויסגעצייכנטער ווייַן... אַן אמתער בראָנפן!... (זי האָט פון הנאה אַ קנאַק געטון מיט דער צונג). אַ שאָד, וואָס איר ווילט נישט טרינקען.

— איך דאַרף עס נישט, — האָט זיך ספּי פאַרענטפערט — מיר איז פאַר די צוויי חדשים צוגעקומען דריי קילאָ.

— הייסט עס, אַז איך דאַרף צוקומען נאָך צוויי קילאָ און איין קילאָ אַלס עודף, דאַן וועט איר וועגן ווי עס דאַרף צו זיין.

מאַדאַם רוסטאַן, וועלכע די יאָרן און דאָס גוט לעבן האָבן געמאַכט פון אַ טרוקענער קאַמבאַלע אין אַ דיקע באַיאָרנ־טע פרוי מיט ראָזאָווע באַקן און מיט קורץ אָפּגעשוירענע גראָע האָר, האָט אָפּגעמאָסטן ספּין מיט אַ שאַרפן בליק:

— יאָ, איצט זעט איר אויס בעסער, כאָטש איך זע נאָך אַלץ ביי אייך מער ביינער ווי פעטס...

ספי האָט אַ שמייכל געטון:

— איך וועל זיך באַגנוגענען מיט גוטע מוסקולן.

אַ דאַנק די זונוואַנגעס, וועלכע ספי האָט גענומען אויף דער וועראַנדע, — וואָס איז געלעגן ביי איר צימער — האָט זי, נאָך אַ פערטל שעה גימנאַסטיק און אַ קאַלטן טוש, ביסלעכווייז ווידער אָנגעהויבן אויסצוזען, ווי די פריערדיקע ספי. זי האָט עס מיט צופרידנקייט קאָנסטאַטירט היינט אינדערפרי, ווען, ליגנדיק אויף דער וועראַנדע, האָט זי איינגעאָטעמט אין זיך דעם ריח פון בלומען, וועלכע האָבן אַרומגעזיימט מיט אַ געדיכטן זוים די אַלע סטעזשקעס פונם קוים באַרגיקן גאָרטן, אָנפילנדיק די לופט מיט זייער זיסן אַראָמאַט.

קיינמאָל האָט זיך ספי נישט געפילט אַזוי גוט, — זייט יענע גליקלעכע טעג, ווען זי האָט שטאָלצירט מיט איר בייגזאַמען קערפער און סאַמעטענער הויט, וועלכע פיער האָט אַזוי ליב געהאַט צו גלעטן — ווי היינט. זכרונות, וועלכע האָבן איר זיך איצט אַרויסגעוויזן ווי אַ טרוים פון אַן אַנדער מענטשן, וועגן וועלכן איר, — וואָס איז איצט אָפּגעשוואַכט פון ליידן און פאַראַכטונג צו זיך אַליין — האָט יעדנפאַלס נישט באַדויערט... איצט, ביי איר געזונט ווערן האָט זי געשפּירט נאָר אַ אינסטינקטיוו געפיל פון קראַפט, אַן התחלה פון אַ נייעם גלייכגעוויכט. זי האָט גערן געלאָזט דער מאַדאַם רוסטאַן זי צו צערטלען און די לעצטע איז געווען גליקלעך, זעענדיק, ווי ספי באַטייליקט זיך מיט אַלעמען צוגלייך, אין די תענוגים פון הויז, מיט וועלכע זי, די מאַדאַם רוסטאַן, האָט אָנגעפירט מיט אַ באַזונדער קענטעניש.

פּדי איינגאַנצן צופרידן צו שטעלן ספין, האָט נאָר געפעלט דער באַזוך, אויף וועלכן זי האָט די גאַנצע צייט געוואַרט און וועלכער איז אַלץ אָפּגעלייגט געוואָרן, — דער וויזיט פון אירע פריינט — די מאַקעדאָנער.

די אָפּוועזנהייט פון אַלעקסאַנדערן האָט זי געפילט באַ-

זונדערס שאַרף. די וויזיטן פון איר פעטער האָבן אויך געקאָנט זיין אָפטער. ער פלעגט אַמאָל קומען צופאָרן — פון שבת ביז מאָנטאָק — צופרידן, וואָס מ׳זאָרגט זיך דאָ אַזוי וועגן זיין פלע־מעניצע און וואָס זי האָט דאָ אַזוי שטאַרק אויסגענומען. געפאָרן אַהער איז ער אָבער זעלטן, ליב האָבנדיק בעסער זיינע רגילותן פון אַ גזר און זיין באַשיידענער וווינונג, ווי דעם לוקסוס, מיט וועלכן ספּי איז איצט געווען אַרומגערינגלט. די איינזאַמקייט איז פּאַקאָן נישט געווען דערווידער. דער עיקרשט איז ער געווען צופרידן וואָס זיין ליבע פלעמעניצע האָט ענדלעך, ווידער אָנ־געהויבן זיך פאַנאַנדערצובליען... ווער ווייסט, אפשר וועט זי דאָ געפונען דאָס, וואָס איז פאַר איר נייטיק געווען צו אַ נייער, גליקלעכער צוקונפט?

ער האָט געהאָפט, אַז, — אַריבערגעטראָגן פון מאָגערן באָדן, אויף וועלכן זי איז געוואָרן פאַרדאַרט און פאַרקוואַרט, אַרומגערינגלט איצט דורך דער אויפמערקזאַמקייט פונם גרויסן גביר זשורדאַן, וואָס באַטייליקט זיך אין גרויסע אונטערנעמונגען— וועט ספּי געפינען פאַר זיך אַ פּאַסיקן פּאָסטן. אין אָנפאַנג... אַ האַרציקן בונד, און דערנאָך?... ווער ווייסט?...

וואָס שייך דער פשוטער פונקציע פונם אָרגאַניזם, פאַר וועלכער דער חשק און תאווה איז דאָס זעלבע נאַטירלעך ווי דער אַפּעטיט אויף צו שטילן דעם הונגער, איז ספּי נאָך גע־ווען ווייט דערפון!

סאַנטאָ, מוניע...

דידאָזיקע רעאַקציעס. — שאַרפע בנוגע דעם ערשטן, נישט אַזאַ שטאַרקע, נאָר אַ באַשטימטע בנוגע דעם צווייטן, — זענען געווען אַ גענוגנדיקע באַשטעטיקונג פון דעם.

פּאַקאָ האָט, אַזוי ווי פריער, איינמאָל אַ וואָך געגעסן מי־טאָק צוזאַמען מיטן שטייער־באַאַמטן, פרווונדיק צו פאַריאָגן מו־ניעס צער און אים טרייסטן... וועגן סאַנטאָן האָט ער געהערט, אַז דערדאָזיקער משוגענער, דערוויסנדיק זיך, אַז ספּי איז אַוועק־געפאָרן, האָט פאַרוואָרפן אַלעמען מיט פראַגן, באַמיענדיק זיך צודערוויסן, ווו זי געפינט זיך. ער האָט זיך וועגן דעם ענדלעך

דערוווסט פון די מאַקעדאָנער, צו וועלכע ער פלעגט גיין יעדן טאָג נאָך בייס. פּרעדריקעס בריוו, וועלכע האָבן אַנטהאַלטן אַלעק־סאַנדערס עצות, האָבן באַשטעטיקט דאָס, וואָס פּאַקאָ האָט גע־זאָגט ספּין בעת זיין לעצטן וויזיט ביי איר: „...ער זוכט דיך, זיי פאָרזיכטיק”.

די מעשה מיט סאַנטאָס משוגעת האָט געשאַפן אַ געלעגנ־הייט פאַר אַלעקסאַנדערן זיך צו קאָרעספּאָנדירן רעגולער מיט ספּין. דידאַזיקע געלעגנהייט האָט אים זייער הנאה געטון. די קאָרעספּאָנדענץ זיינע מיט ספּין איז נישט אַרויס פון די גרע־נעצן פון געוויינטלעכן צוטרוי און געגנזייטיקער פריינטשאַפט; נאָר פאַר ספּין איז דידאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ געוועזן אָנגענעם. נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, פאַרוואָס דאָס איז איר אָנ־גענעם, האָט ספּי אין די טעג, ווען זי פלעגט באַקומען אַ בריוו פון אַלעקסאַנדערן, נאָך מיט אַ גרעסער פאַרגעניגן אַריינגעאָטעמט אין זיך דעם אַראָמאַט פון די בלומען און דעם זונשיין...

מאַדאַם רוסטאַן האָט, אויסטרינקנדיק אַ גלאָז וויין, זיך אויפגעהויבן, דערהערנדיק פונדערווייטן אַ גערויש פון אַן אויטאָ־מאָביל. זי האָט געהאַט אַ געהער פון אַ זשאַנדאַרם: צווישן דעם גערויש פון צען מאָטאָרן פלעגט זי דערקענען די מאַשין פון זשורדאנס אָדער עטיענעטס אויטאָ.

— דאָס איז די מאַשין פון אונדזער שעפס אויטאָ, — האָט זי דערקלערט... — אָט זענען זיי!

דער אַכטצילינדריקער פּרעכטיקער אויטאָ „פּיאָט” — לוק־סוסרייך אינעווייניק אויסגעפּוצט, — איז מאַכנדיק אַ האַלבן קרייז, צוגעפאָרן צום באַלקאָן. אַ לאַקאַי, אָנגעטון אינגאַנצן אין ווייס, פונקט ווי דער שאָפער, האָט איידל געעפנט דאָס טירל פון אויטאָ.

עטיענעט איז אַרויסגעשפּרונגען פון אינעווייניק, באַגלייט, אָן שום צערעמאָניעס, פון איר אַדאָראַטאָר, וועלכער האָט גע־האַלט זי שטענדיק האָבן ביי זיך, סאַי אין באַליע און סאַי בעת זייערע נסיעות און סאַי אין זיין פּרעכטיקער ווילע אין גראַס. זיי זענען געקומען צופאָרן פון מענטאָן, וווּ זיי האָבן געגעסן מיטאָג

דער גביר זשורדאַן האָט אַחין איינגעלאַדן אויף אַ געשעפטלעכן געשפּרעך דעם אַדמיניסטראַטאָר־דעלעגאַט פון די פּיעמאַנטער קוילנגרובן, — איינע פון די איטאַליענישע אָפּטיילונגען פון האָלדינג, וואָס ער, דער אַדמיניסטראַטאָר האָט אָנגעפירט מיטן גאַנצן קאָמפּליצירטן גורל פון דערדאָזיקער גרויסער אונטערנעמונג.

ספּי האָט געבעטן, מ׳זאָל איר אויסטייטשן די באַדייטונג פונעם וואָרט, וואָס זי האָט איצט געהערט ס׳ערשטע מאָל...

— האָלדינג — האָט איר עטיענעט אויסגעטייטשט — רעדסטו ביים סוף אַ רויס דינג! ווי אַ קלאַפּ פון אַ גלאָק.

זשורדאַן האָט אַ צוק געטון מיט די פּלייצעס:

· דאָס נעמט זיך פון טע האָלד. וואָס באַדייט: האלטן, ד. ה. האָבן אַ גרויסע סומע, זיין דער הויפּט־באַטייליקטער אין עטלעכע געזעלשאַפטן...

· הייסט עס טרעסט?

ר האָט אַ ווינק געטון צו עטיענעטן:

· זי האָט שוין איינמאָל, די קליינע, אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס!

ון ווענדנדיק זיך צו ספּין:

· טרעסט, יאָ, כמעט ווי אַ טרעסט, אָבער... נישט איינגאַנצן טרעסטן פאַראייניקן נאָר די אינטערעסן פון איין מין, למשל: אייזן, אָפּט, בעת מיין האָלדינג — אַ געזעלשאַפט פון כעמישע פּראָדוקטן — פאַראייניקט און שטיצט אונטער אין פינאַנציעלן זין געזעלשאַפטן, פון וועלכע עטלעכע האָבן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, בער עטלעכע אַ גאָר אַנדערן: כעמישע פּראָדוקטן, מעטאַלן א. א. וו.

— מיט איין וואָרט — האָט ספּי פאַרענדיקט זיין פראַזע — דאָס איז די לעצטע דערפינדונג, אַרויסצובאַקומען פונם גרעסטן גאָלדגרובן דעם גרעסטן סכום גאָלד!

ער האָט זיך צעלאַכט:

— גאַנץ ריכטיק!

פון זיין אָפּנהאַרציקייט איז ביי ספּין געבליבן נישט קיין אָנגענעם געפיל,

דערדאָזיקער עושר איז געווען זייער ווייט פון יענעם באַשיידענעם קרייז, צו וועלכער זי האָט, ווי פריער, געהערט מיט לייב און לעבן. צי האָט ער געהאַט די מינדסטע פאָרשטעלונג פון יענע גיהנום-קרייזן, פון וואַנען זי איז אַרויסגעקומען און וואָס בלויז איין דערינערונג וועגן זיי פלעגן ביי איר אַרויסרופן אַ גרויל?

נאָכגייענדיק די מאַדאַם רוסטאַן, איז ספּי אַרויס אויפן באַלקאָן גלייכצייטיק מיט עטיענעטן. עטיענעט האָט אויסגעשריען:

— אין אַ מזלדיקע שעה! דו זעסט דאָך קיין עין-הרע אויס אַזוי שיין!... טו אַ קוק, טעאָ.

ספּי איז דאָס ערשטע מאָל, זייט זי האָט אָנגעטון אַ שוואַרץ קלייד, איינגעגאַנגען צו ענדערן דאָס דאָזיקע קלייד — כדי צו פאַרשאַפן אַ פאַרגעניגן איר חברטע — אויף איינע פון עטיענעטס זומער-קליידער, וואָס די לעצטע האָט, באַלד ווי ספּי איז געקומען צו פאָרן אין דאָרף אַריין, איר געשאָנקען עטלעכע: ערשטנס איז ווייס — אויך טרויער און אָנטוענדיק אַ ווייס קלייד, הייסט נאָך נישט אַז מ׳האָט אַראָפּגענומען דעם טרויער!

— דער פאַלד מוז זיין אונטן, ווייל דו ביסט אַביסל ניעדעריקער פאַר מיר, און אַלץ וועט זיין כשורה...

— אויסגעצ-כנט! — האָט זשורדאַן זיך איבערצייגנדיק אָפּגערופן,

אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט גאָר אַן אַנדער ספּין — דעם פאַראַיאָריקן גאַסט פון מאַנס-בילינג... נאָר ער האָט, גאַנץ קלוג, נישט דערלאָזט עס באַמערקן.

— פּרעוואַל איז דאָ? — האָט זי געפרעגט.

— נאָך נישט, — האָט רוסטאַן געענטפערט.

— אַך:

דאָס איז געווען דער שעף פונם סעקרעטאַריאַט, וועלכער פלעגט יעדן טאָג, ווען זשורדאַן פלעגט פאַרווײלן אין באַליע, אים צוברענגען דריי אַ זייגער די פּאָסט מיט תשובות, וועלכע מ׳האָט

נאָר געדאַרפט אונטערשרייבן, אָדער עפּעס אומגעריכטע פּראָיעקטן.

— פיר אַ זייגער! ער דערלויבט זיך שוין צו פיל.

— לאָז אונדז צו רו מיט דיין כראָנאָמעטער. הער אויס — האָט טעיענעט געזאָגט, אַ וואָרף טוענדיק איר רויזע פּעלערין און פּאַלטאָ אויפן רוקן פון שטול אין קליינעם זאַל, ווו ספּי מיט איר מוטער האָבן נאָר וואָס געשפּילט אין קאָרטן. דאָסדאָזיקע צימער, גרויס ווי אַ גאַלעריי, אין וועלכער מ׳האָט געריי־כערט און געטאַנצט, האָט אין דער ווילע, וועלכע מ׳האָט אַמאָל אויסגעבויט יפאַר אַ רוסישן גרויספירשט, געשפּילט די ראָל פון אַ „קליינעם סאַלאָן.״

פלוצלינג האָט אָנגעהויבן שפּילן דער אָרקעסטער.

וואַגנערס אַ שטיק איז עס געווען.

— נישט דאָס! דאָס איז צו גוט!

טיענו האָט אַ דריק געטון אַן עלעקטרישן קנעפּל אין דער וואַנט.

אויפן אַקס פונם גרויסן עלעקטרישן גראַמאָפאָן האָט זיך אָנגעהויבן דרייען די פאָלגנדע פּליטע... דאָס איז געווען איינע פון די לעצטע דערפינדונגען, וועלכע איז באַשטעלט געוואָרן פאַר דער ווילע צוזאַמען מיט אַלע מכשירים פון ראַדיאָ. טעיע־נעט האָט אַרומגענומען ספּין פאַר דער טאַליע, פּרווונדיק זי מיטרייסן און זי אָנשטעקן מיט איר לוסטיקייט.

— אָ! ניין... לאָז מיך אָפּ! דו ביסט משוגע...

טיענו האָט זי אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס און אַליין ווייטער צוגעשפּרונגען מיט די פיס... טעאָ, פאַנאַנדער־שפּרייטנדיק זיך אין אַ לעדערנעם פאָטעל, וועלכע ער האָט גע־הייסן אויסשטעלן אומעטום, צווישן מעבלשטיק אין סטיל פון לודוויק דעם 15־טן, — האָט געקייט אַ ציגאַר, קוקנדיק אויף טעיענעטס קלאָונישע באַוועגונגען. די פּליטע האָט אָנגעהויבן צו כריפּען. ספּי האָט אָפּגעשטעלט דעם אַפּעראַט.

— דו מאַכסט ווידער קאַליע מיינע עפעקטן! אָ! גאָלד מיינס!... אוף! מיר איז הייס...

זי האָט זיך אַ וואָרף געטון אין פאָטעל, אויסציִענדיק די

יס, וועלכע זענען געשטאַנען ביי טעאָס פֿאָטעל און אָנגעהויבן צו פֿאָכען מיט עק קלייד. מאַדאַם רוסטאַן איז אַריינגעקומען מיט אַ קערבל אין די הענט:

— ווער וועט מיט מיר גיין אין הינער-שטאַל צונויפֿקלייבן אייער?

— איך, — האָט ספֿי פֿאָרגעלייט איר דינסט.

— כאַפּ נישט! ווער קען עס האָבן חשק דאָרט צו כאַפּן...

עטיענעט האָט אַ ווונק געטון איר חברטע. און כּדי לוס־טיק צו מאַכן איר געליבטן, האָט זי אויסגעשאָסן:

— גאַניוקאָקן, קליינע חיהלעך אַזעלכע!...

די אַלטע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ ווילדן שרעק.

— וואָס, זאָגסטו, קען מען דאָרט כאַפּן?

— לייז. מאַדאַם... הינערשע לייז. ס'וואָר טעאָ? אונדז האָט דאָס געזאָגט יענער טיפּ, וואָס האָט מיר פֿאַרקויפֿט יאַפּאַנישן זייד.

טעאָ האָט געלאַכט אַזוי, אַז זיין בויך האָט זיך אים אַזש געשאָקלט. אַרויסנעמענדיק זיין ציגאַר פֿון מויל, האָט ער צו זיין געליבטער געזאָגט:

— חזר עס קיינמאָל נישט איבער פֿאַר פֿרעמדע, כ'בעט דיך. מ'דאַרף זאָגן: גאַניוקאָקן! נאָר בעסער איז צו זאָגן פּשוט לייז, ווי אַלץ.

מאַדאַם רוסטאַן האָט ערנסט באַמערקט:

— דו וועסט קיינמאָל נישט ווערן ערנסטער! קומט מיין קעצעלע.

— ניין, — האָט טעאָ געזאָגט, — די מאַדמואַזעל דאַרף איך דאָ האָבן. ווילט איר מיר טון אַ געפֿעליקייט און אָנקלינגען אין קראָם? פֿרעגט, זייט מוחל, פֿאַרוואָס פֿרעוואַל האָט מיר באַך נישט געבראַכט די פּאָסט?

מיט פֿאַרגעניגן.

ווען ספֿי האָט זיך צוריקגעקערט מיט אַ באַריכט: „מאַסיאָ פֿרעוואַל איז אַ היים געפֿאָרן צוריק מיט אַ האַלבע שעה. ער וועט נישט פֿאַרשפּעטיקן צו זיין!... — האָט עטיענעט געלייענט

ציטונגען און אויסגעטייטשט די מעלדונגען אויף איר אופן, צו דער גרעסטער צופרידנקייט פון איר געליבטן. זי האט אויסגעשריען:

— נאך א זעלבסטמארד אין קאן! דאס איז דאך פשוט אן עפידעמיע!... און האט געלייענט אין דער הויך ווייטער:

— מ—ל זש... זייער א סימפאטיש יינג מיידל, א גוט באקאנטע אין אונדזער שטאט, האט געמאכט א סוף צו איר לעבן דורכשיסנדיק זיך פון א רעוואלווער. די קויל האט איר געטראפן אין הארצן. די עלטערן האבן זי געפונען מיטאג-צייט אין בעט א טויטע. מ׳רעכנט, אז די סיבה פון איר פארצווייפלטן טאט איז צרות און פיין פון ליבע. דאס מיידל האט שוין זייט א געוויסער צייט ארויסגעוויזן סימנים פון נעווראסטעניע...

— אט איז ענדלעך געקומען פרעוואל! — האט טעא אויסגעשריען, נישט אינטערעסירנדיק זיך מיט דער כראניק פון געשעענישן, וואס עטיענעט האט איצט געלייענט, — נו, וואס הערט זיך, ברודערקע? און די ארבעט? (נישט צופרידן, האט טעא ארויסגענומען דעם זייגער און גלייכצייטיק באמערקט פרעוואלס אומרויִק פנים)... וואס? ס׳גייט נישט? גיט נאר אהער!

פרעוואל האט אים דערלאנגט די טעקע, פול אנגעפאקט מיט בריוו.

דער סעקרעטאר, א בארדיקער מענטש מיט דינע געזיכטסשטריכן, האט זיך אנטשולדיקט: ער איז א גאנצע נאכט נישט געשלאפן, ווייל מ׳האט אים ארויסגערופן קיין קאן צוליבן זעלבסטמארד פון זיין קוזינע עדמאנד זשעניגאל. די עלטערן האבן געבעטן ער זאל אנקלינגען אין די רעדאקציעס פון די ציטונגען אין ניצע און זיי בעטן, אז זיי זאלן וועגן דער זאך נישט שרייבן. צום באדויערן, זענען געווען פיל ליידיקגייער און פלאפלערס, וועלכע האבן געוווסט, אז די אומגליקלעכע איז געשטאנען אין אינטימע באציונגען מיט וויאלענען, דעם דירעקטאר פון דער אגענץ גאלדיע און שטעלט זיך פאר מיין פארדרוס: דאס האב איך אליין דעם דירעקטאר באקאנט געמאכט מיט דער פאמיליע זשעניגאל — זיי האבן געוואלט קויפן ערד-

דאָס מיידעלע האָט זיך אין אים פאַרליבט. ווען זי איז פאַר-
גאַנגען אויף טראָגן, האָט ער זי אָוועקגעוואָרפן!...

— דאָס איז זי!... דאָס וווּנדערט מיך נישט, — האָט
עטיענעט געזאָגט, — כ'קען אים, מיר האָבן ביידע געטאַנצט אַ
מאָל אָדער צוויי מאָל. אַ שיינער בחור, אַ ביסל אַ גרויזאַמער
לויטן אויסזען... אַ מיקראָב, וועלכן מען באַגעגנט אומעטום.
דאָס מיידל איז געווען אין אים משוגע פאַרליבט.

— דאָס איינציקע, וואָס מיר איז געלונגען צו פועלן ביי
די רעדאַקציעס — האָט דער סעקרעטאַר פאַרגעזעצט — איז
געווען, מ'זאָל נישט אָנרופן קיין נעמען. נאָר דער סקאַנדאַל
איז אַן עפנטלעכער און מאָרגן וועלן אַלע שלייפן די ציינער
אָן אים — און מ'וועט די מעשה קאָמענטירן אויף פאַרשידענע
אופנים... וויאַלען, וועלכער איז איינער פון די נייע שפּעּ-
קולאַנטן אין פראַנקרייך. האָט אַ סך שונאים און א סך גוטע
פריינט!

עטיענעט האָט זיך דערקונדיקט:

— איר האָט אים געזען נאָך דער דאָזיקער געשיכטע?

— צו אים קאָן איך נישט אָנקומען! מ'ענטפערט, אַז ער
איז קראַנק. מ'זאָגט, אַז ער זאָל זיך האָבן געסמט...

פאַרטיפט אין זיין קאָרעספּאָנדענץ, האָט טעאָ שוין לאַנג
נישט געהערט, וואָס זיי ריידן. ער האָט געפונען אַ ברוליאָן.

— וואָס איז דאָס? פאַרוואָס איז דאָס נישט אָפּגעקלאַפּט
אויף דער מאַשין?

דאָס איז אַ פּראָיעקט פון עקספּלאָאַטירן די אייזנגרובן
אין דער סביבה פון דאָבראָפּאָלע און וואַרדאַר. מ'דאַרף בעטן
אַ קאָנצעסיע ביי דער סערבישער רעגירונג.

— גוט. און דאָס?...

איינס נאָך דעם אַנדערן האָט פּרעוואָל געמוזט געבן דער-
קלערונגען, דערנאָך איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון די בריוו,
וועלכע מ'האָט געדאַרפט אונטערשרייבן... לסוף האָט ער נישט
דרייסט געפרעגט, אויב ער קאָן אפשר אויסנוצן פאַר זיך די
נאָכמיטאָג-צייט, נאָכדעם, ווי ער וועט עקספּעדירן די פּאָסט קיין

קאָן. דאָס איבריקע צו דערליידיקן קאָן מען אפשר איבערלאָזן אויף מאָרגן? מאַסיאַ און מאַדאַם זשעניגאַל, וועלכע זענען דער־שלאָגן, ממש דערהרגעט פונם אומגליק, וואָס האָט מיט זיי פּאַסירט, רעכענען אויף אים, פּרעוואַלן, אַז ער וועט דערליידיקן אַלע נייטיקע השתדלותן, וואָס זענען נייטיק און אַזאַ פאַל.

— ווײַבאַלד אַזוי, האָט איר, מיין פּריינט, געדאַרפט ברענגען צו פירן דעם מאַסיאַ פּאַניע אָדער די מאַדמואַזעל זשעניגאַל... גאַטירלעך, דאָס, וואָס האָט פּאַסירט מיט אייער קוזינע, איז זייער טרויעריק... נאָר דאָס קאָן נאָך נישט דינען אַלס סיבה, אַז אַזאַ מענטש, ווי איר, זאָלט פאַרלירן דעם קאָפּ און אַזוי צערודערט ווערן... דער אמת איז קודם־כל.

פּרעוואַל האָט געשטאַמלט:

— דאָס איז אמת... נאָר דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי פּלוצלינג, אַזוי אומגעריכט... כ׳וועל צוריקקערן קיין גראָס...

זשורדאַן האָט שוין אָנגענומען אַ באַשלוס:

— מ׳דאַרף נישט. מאַדמואַזעל, קאָנט איר מיר אפשר טון די געפעליקייט און אָפּקלאַפּן היינט אויף דער מאַשין עטלעכע בריוו?

— פאַרוואָס נישט? ביטע זייער.

אַ ציטער אין דער שטים האָט געצוווּנגען עטיענעטן זיך אַ קער אום צו טון. זי האָט איצט אַריינגעקוקט אין אַ מאָדע־זשורנאַל. איר בליק איז איבערגעגאַנגען פון דעם אויפגערעגטן פּרעוואַל, — מיט וועלכן זשורדאַן האָט זיך שטאַרק פריינטלעך אָפּגעזעגנט, — אויף ספּין.

ספּי איז געשטאַנען, ווי ס׳האָט אויסגעזען, אַן אויפגע־רעגטע און צערודערטע.

— די פילסט זיך נישט גוט?

— שווייג, כ׳וועל דיר שוין דערציילן.

— איר גייט, פריילין?

זי האָט דעריאָגט זשורדאַנען, וועלכער איז אַוועק צו זיך אין קאַבינעט.

דער גאַנצער גרויל און שרעק, וועלכע מ׳האָט שוין גע־

האָט פאַרגעסן, האָבן זיך ווידער אויפגעהויבן ביים דאָזיקן נאָמען... זשאַן-זשאָזע וויאַלען!... אַ פאַרברעכער, וועלכער באַנוצט זיך מיט ייִנגע נישטדערפאַרענע באַשעפענישן, מיט ייִנגע אומשולדיקע מיידלעך און מאַכט זיי אומגליקלעך!... דעם באַרוף, דער גורל פון עטלעכע מאַנספּערשוינען איז, הייסט עס, געווען צו זייען אַרום זיך אומגליק, פּיין און שרעק!... זי, די דאָזיקע זשעניגאַל, האָט אים כאָטש געליבט און אים אויסדערוויילט... אויסדערוויילט?... אַ קלאָג צו די יאָרן, אַז אַזאַ אויסוואורף קאָן אויסדערוויילט ווערן... אויב זי איז נאָר נישט געווען מיטגעריסן... נאָר ער, לפּחות, האָט געפּרוּווט זי צו צווינגען, זי זאָל אים ליב קריגן, בעת... אין שאַטאָ-רוזש!...

ספי האָט ווידער איבערגעלעבט די שרעקלעכע סצענע פון פאַרגוואַלטיקונג איבער איר גוף און איבער איר נשמה...

— איר טראַכט עפּעס וועגן אַן אַנדער זאַך, מאַדמואַזעל.

— אַנטשולדיקט! מיך האָט אויף אַ רגע באַהערשט אַ שוואַכקייט, כ'האָב אייך נישט געוואָלט אָפּשטעלן. איצט איז עס שוין אַריבער.

III

צומאָרגנס, ווען פרעהאַל איז געקומען, — דאָס מאָל צו דער צייט, — האָט זשורדאַן געשיקט נאָך ספּין.

— כ׳וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט שטענדיק דאָ זיין אַנוועזנדיק, בעת איך סאָרטיר די פּאָסט... הגם איך האַלט, אַז איך בין איצט אין אורלויב, לאָזט מיך דאָך די אַרבעט נישט נאָך און טרעפט אַהער־צו דאָ אויך. כ׳וועל אָפט דאַרפן האָבן עמעצן, וועמען איך וואָלט געקאָנט דיקטירן עטלעכע ווערטער אָפּצוענטפערן אויף די בריוו, וואָס קומען מיר אָן... ווילט איר זיין, אויב דאָס וועט אייך נישט זיין לאַנגווייליק, מיין סעקרעטאַרין כּל־זמן איר וועט פאַרברענגען אין באָליע?

מיט פאַרגעניגן!

זי האָט גערן, טראָץ איר אויפרעגונג, זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אַרבעט; נישט נאָר מיט די דריי קורצינקע בריוועלעך, וועלכע זשורדאַן האָט איר פאַרדיקטירט — (זי האָט אין זיי פיל נישט פאַרשטאַנען, מחמת זיי זענען באַשטאַנען פון אָפּגערעדטע ציפערן, וואָס האָבן באַדייט די נעמען פון די געזעלשאַפטן), נאָר מיט די טעכנישע קענטעניש און דער דיקטאַטאָרישער מעכטיקייט פונם דאָזיקן דיקן מענטשן, אין וועלכן ביי יענע מינוטן עס איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, אַלץ, וואָס איז אין אים געווען לעכערלעך, און איבערהויפּט זיין לעכערלעכע ענלעכקייט צו אַ עלעפאַנט, און האָט זיך געענדערט אויף אַ אימפּאָזאַנטן ווילן פון אַ „שעף“.

— זעצט זיך דאָ!... (ער האָט איר דערלאַנגט אַ נאָטיץ בלאָק אין איינעם פון די בליישטיפטן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף זיין שרייב־טיש). איר וועט פאַרשרייבן דאָס, וואָס איך וועל אייך זאָגן.

ספּי האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים עק טיש און טעאָ זשורדאַן אינמיטן האָט אויסגעהערט דעם באַריכט פון פרעוואַלן וועלכער איז געשטאַנען פאַר אים: דער סעקרעטאַר האָט כסדר איבערגעגעבן פאַקטן, זיי אַנאַליזירט, געמאַכט סטענאָגראַפ׳שע באַמערקונגען. פון צייט צו צייט האָט געקלונגען איינער פון די דריי טעלעפאָנען, וואָס די טרייבלעך זייערע האָבן זיך געפונען ביי זשורדאַנען אונטער די הענט. ס׳האָבן געקלונגען קורצע פאַראָרדנונגען, באַגלייט אַמאָל מיט אָנווייזונגען, וועלכע זענען געווען געווענדט צו ספּין.

זי האָט פון אים נישט אַראָפּגעלאָזט דאָס אויג; ער האָט איצט אויסגעזען גאָר אַן אַנדער מענטש, אינגאַנצן פאַרוואַנדלט אין אַן אַנדער בריאה, גאָרנישט דער, ווי ער פלעגט זיין בעת אַ פאַרווײַלונג, בעת אַ מיטאָק אָדער אַ שפּאַציר. איצט איז דאָס געווען אַ מענטש מיט אַ וויטן בליק, מיט אַ פעסטגעשלאָסן מויל, מיט אַן אַרויסגערוקטער גאָמבע. ער האָט איצט געמאַכט דעם איינדרוק פון קראַפט, וועלכע קיין זאַך אין דער וועלט קאָן נישט אָפּשטעלן אין איר באַוועגונג. איצט, אַרומגעכאַפּט פון אַ באַדערפעניש צו פאַרשווענדן די ענערגיע, וואָס האָט אין אים געקאָכט און געזאָטן, האָט ער ריידנדיק מיט פרעוואַלן, אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער. ער האָט געטראַכט וועגן אַלץ, האָט געהערט אַן ענטפער אויף אַלע פּילפּאַכיקע און קאָמפּליצירטע שאלות. באַשלוסן, וואָס זענען אַקצעפּטירט געוואָרן פונם דרייסטן געדאַנק; מניעות, וואָס זענען אָפּגעקערט געוואָרן פון וועג דורך איין וואָרט... אַ גאַנצער מעכאַניזם איז דאָרט געווען, וועלכן ספּי האָט נישט קלאָר אונטערגעשיידט, און אַ סיסטעם האָט זיך פאַר איר פאַנאַנדערגעוויקלט אין זיין גאַנצער מאַכט און אָרדענונג.

— ווי אַקטיוו דאָס לעבן פונם דאָזיקן מענטשן איז! —

האָט זי מיט אָנציקונג זיך אַליין געזאָגט אין אָוונט.

פּרעוואַל איז צומאָרגנס נישט געקומען, אַנטשולדיקנדיק זיך פאַר דעם (די לויה פון זיין קוזינע). ער האָט אויף זיין אָרט צוגעשיקט די מאַדמואַזעל זשעניגאַל, וועלכע זשורדאַן האָט אונטערשרייבנדיק די פּאַפּירן, אָפּגעלאָזט. ער האָט געבעטן ספּין זי זאָל בלייבן, האָט איר איבערגעגעבן און דערקלערט עטלעכע פּרטים, וועלכע זענען געווען פאַר איר נישט קלאָר און נישט פאַרשטענדלעך, און איר איבערגעגעבן אָנצושרייבן צוויי בריוו מחמת אייגנליבע און אַמביציע האָט ספּי זיך באַמיט אויסצופירן זיין אויפטראָג. זי האָט געפילט צו זשורדאַנען א דאַנקבאַרקייט, ווייל אים אייגנטלעך, האָט זי צו פאַרדאַנקען וואָס זי פירט איצט דאָ אין באַליע, אַזאַ אָנגענעם לעבן. דאָס האָט ער דאָך איר געגעבן די מעגלעכקייט אַזוי שיין און גוט צו פאַרברענגען די צייט, הגם אייגעלאַדן קיין באַליע און אַרויסגעוויזן די אמתע גאַסטפריינטלעכקייט האָט — עטיענעט.

און אָט, גערייצט פונם דורשט אַלץ צו וויסן, — וואָס מער דו קענסט און ווייסט, אַלץ בעסער קענסטו אורטיילן וועגן אַלץ — איז זי מיט לייב און לעבן אַריין אין דער ראָל פון אַ געהילפן און זיך באַמיט צו דערווערבן וואָס מער ספּעציעלע קענטעניש, וועלכע זשורדאַן האָט געפאָדערט.

זי פלעגט לייענען פינאַנציעלע באַריכטן, אין וועלכע זי האָט פריער פאַרשטאַנען, ווי אַ האָן אין בני-אדם, און באַקענענדיק זיך אַ ביסל מיטן מהות פון פינאַנסן, האָט זי זיך דערוווסט פון פיל טשיקאַווע זאַכן און פאַר איר האָבן זיך געעפנט פאַרנעפּלטע אומגעהויער-גרויסע מרחקים פון גאָר אַ בייער וועלט, וועלכע איז פאַר איר ביז איצט געווען ווילד-פרעמד.

ביז איצט פלעגט זי זען בלויז דעם שאָטן פון דער דאָזיקער וועלט, וועלכע האָט זיך זי אַ שווערע משא, געלייגט אויף אַזוי פיל לעבנס. זי האָט איצט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו אונטערשיידן און משיג זיין, זיין גיגאַנטישן בוי.

טראָץ דער דאַנקבאַרקייט, וואָס זי האָט געפילט צו זשורדאַנען — ער איז אַליין אויך געווען זייער ליבנסווירדיק צו

איר, פאַרבאָרגנדיק דעם איינדרוק, וואָס זי האָט אויף אים געמאַכט, — איז ספּי ווידער געוואָרן מיסטרויאיש. דורכגעדרייגען דורך און דורך מיט איר פריערדיקער וועלטאַנשויונג און שנאה צו אויפגעקומענע גבירים, האָט זי נישט געקאָנט קוקן אויף זשורדאַנען אַנדערש, ווי אויף אַ „שפּעקולאַנט פון דער העכערער מלוכה", וואָס האָט זיך געבילדעט אַלס פּועל-יוצא פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע פון עקאָנאָמישע קרעפטן, וועלכע האָבן, ווי אַ פּרעס אויסגעקוועטשט די זאַפטן פון די אָרעמע-לייט.

מיט אַ ווייטאָק אין האַרצן, האָט ספּי באַמערקט פיל נייס; לפּחות, האָט זיך איר אַזוי אויסגעוויזן, אַז דאָס, וואָס זי האָט באַמערקט, איז נייס...

זי האָט, למשל, פאַרשטאַנען דאָס שטויסן זיך, דאָס געיעג און דאָס לויפעניש פון דער אָרעמער טשערעדע מענטשלעכע בהמות, וועלכע טרוימט וועגן דער „פאַרייניקונג פון די אַרבעטער", כדי צו שאַפן „אַן אייביקן שלום", בעת די לויתנס פון די פינאַנסן און אינדוסטריע האָבן געבויט זייער איינציקן קלאַסן-פראָנט — דעם „קאָמוניזם פון רייכטום".

אַ מין אינטערנאַציאָנאַל פון די אייבערשטע פון שטייסל איז דאָס — קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַל פון די, וואָס ליגן אונטן:

משיג זייענדיק דאָס, האָט ספּי זיך באַמיט איינצואָרדענען אַזוי, אַז זי זאָל, ווי ווייט מעגלעך, זעלטענער העלפן זשורדאַנען אין דער אַרבעט.

זשורדאַנען אָבער, איז פּלוצלינג איינגעפאַלן צוצוציען „די דאָזיקע קליינינקע" אַלס שטענדיקע מיטאַרבעטערין. און אַז זשורדאַנען פאַלט עפּעס איין, אַז זשורדאַן וויל עפּעס, ווערט כּידוע, פון דעם על-פּי-רוב אַ פאַקט. דער גרויסער עושר האָט געהאַלטן, אַז ספּי באַזיצט אַנאַליטישע, ווי אויך זעלטענע באַאָבאַכטונגס-פעיקייטן אין אַזאַ מאָס, וואָס ס'איז זעלטן צו באַגעגענען אַפילו ביי מאַנספּערשוינען. און, חוצדעם, איז ספּי אים געפעלן געווען. זי וואָלט געווען אַ גלענצנדיקע פּערזענלעכע

סעקרעטאַרין. פּרעוואַל וואָלט געבליבן אויף ווייטער אַלס הויפּט־סעקרעטאַר בכלל און אויך אַלס סעקרעטאַר פון די ענינים וועגן דער אַנטוויקלונג פון די געשעפטס־אָפּעראַציעס אין אויסלאַנד בפרט.

ספּי האָט תחילת זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן ביי זשורדאַנען זיין פּריוואַט־סעקרעטאַרין. זי איז אים געווען דאַנקבאַר פאַר זיין פאָרשלאַג: 2500 פראַנק אַ חודש פּענסיע — דאָס איז געווען אַ לאָקנדיקע סומע פאַר אַן אָנפאַנגערין; און די דאָזיקע מיטאַרבעטערשאַפט וואָלט איר געווען אָנגענעם, ווייל זי וואָלט ברייטער געמאַכט איר גייסטיקן האָריזאָנט.

נאָר זי האָט דאָך געגעבן אַ וואָרט זיך צו ווידמען דער פילאַנטראָפּיע. זי וואָלט זיך געדאַרפט צוריקקערן קיין מאַרסעל, כדי צו באַנייען איר טעטיקייט מיט די וויזיטן ביי די אָרעמע־לייט און זיי ערטיילן הילף.

נאָר דער זשעני פון אַזאַ מענטשן, ווי טעאָ זשורדאַן, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פאַרייניקונג פון אַ ראַפינירטער פּסיכאָלאָגיע מיט טעכנישע קענטענישן. ער האָט איינגיכן געפונען מאָטיוון, וועלכע האָבן צעשאָקלט ספּיס אַנטשלאָסנקייט, נישט אָנצונעמען דעם פּאָסטן ביי אים.

דאָס, מיט וואָס איר פאַרנעמט זיך, קינד מיינס, קאָן דאָך טון יעדע פרוי. העלפן מענטשן, וואָס ראַנגלען זיך מיט דער נויט, — אויף וויפיל קאָן עס מקרב זיין דאָס אָנקומען פונם מענטשלעכן גליק? זאָגט אַליין? צי וועלן זיי דען נישט זיין אומגליקלעכע אין עטלעכע טעג אַרום, באַקומענדיק שוין אייער הילף? וואָסער פּנים האָט אַזאַ הילף, מ׳שטיינס געזאָגט. וואָס וועט איר זאָגן וועגן אַ צאָן־אַרצט, וועלכער וועט — כדי אויסצוהיילן אַ קראַנקן צאָן — געבן דעם פּאַציענט אַ מיטל איינצושטילן די יסורים, נישט צורירנדיק זיך צום קראַנקן צאָן? אַ שוואַכן פּאַליאַטיוו? איר האַנדלט אויך אַזוי, ווי אַזאַ צאָן־אַרצט. איר ווילט זיין נוצלעך די אָרעמע־לייט? גוט. קעמפט־זשע אָפן קעגן זייער שלעכטס. זייט מקריב אייערע אָנשטרענגונגען פאַרן סאָציאַלן פּראָגרעס. אַזוי טו איך. די, וועלכע קענען מיך נישט,

רופן מיך אַן עקספּלאָאַטאַר, אויסנוצער און הענדלער מיט נעגערן... כ׳בין אַרויסגעקומען פונם פאָלק און פאַרן פאָלק זאָמל איך.

זשורדאַן איז געווען אַזוי איבערצייגט און זיין אַלטרויזם, אַז ער האָט ספּין אויפריכטיק איינגערעדט און זי געצווונגען צו גלייבן, אַז ער איז טאַקע באמת אַן אַלטרויסט.

— איך שפּיי אויף געלט! כ׳האָב פיל מער געלט, וויפיל איך וואָלט געקאָנט אויסגעבן. איר מיינט, אַז דאָס טו איך פאַר מיינעטוועגן נאָר, דרייענדיק זיך אַ גאַנץ יאָר, ווי אַ וועווערקע אין ראָד? כ׳פאַרשפּרייט מיין איינפלוס איבער אַלע לענדער? אויב איר מיינט אַזוי, האָט איר, במחילה, אַ טעות. כ׳טו עס, כדי צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, כדי צו פאַרקלענערן די אַרבעטסלאָזיקייט! אומעטום, ווו די נויט איז באַזונדערס שאַרף, בוי איך אייזנבאַנען, שאָסייען, פאַבריקן, שפּיטעלער. אין אינ־דאָ־כינע, אויף די באַלקאַנען, אין צענטראַל־אַפריקע, אומעטום טראָגט טעאָ זשורדאַן אַרבעט און היגיענע! דאָס איז בעסער, ווי צו געבן אַ נדבה הונדערט פראַנק אַ חודש, וואָס פאַרלעבני־דיק עס, האָט איר ווייטער נישט וואָס צו עסן. איצט פאַר־שטייט איר שוין, אַז אייער מקריב זיין זיך צוליב עטלעכע אומ־גליקלעכע אין מאַרסעל האָט קיין שום באַדייטונג נישט? צי פאַרשטייט איר, אַז יעדעס באַשעפעניש, וואָס באַזיצט אַ גוטן ווילן און וועמען דער גורל האָט געשאָנקען אַן אַקטיוון מוח, דאַרף זיך נישט אויסוועקסלען אויף קליין־געלט, דאַרף נישט אָנ־ווענדן זיינע כּוחות אויף קליינלעכער באַרעמהאַרציקייט? צי מיינט איר נישט אַז איר וועט קאָנען זיין נוצלעכער דעם כּלל און זיך גופא, באַשעפטיקנדיק זיך פאַר דער אונטערנעמונג פון אַן אמתן מאָדערנעם פילאַנטראָפּ? דאָס איז אייער וועג, אייער חוב?

באַמערקנדיק, אַז ספּי קווענקלט זיך נאָך און שלאָגט זיך מיט דער דעה, האָט ער צוגעגעבן:

— זייט מסכּים! אויב איר וועט אין משך פון דריי חדשים

נישט זיין צופרידן, וועט איר האָבן אַ ברירה דאַן צו פאַרלאָזן
אייער פּאָסטן, אַלזאָ, באַשלאָסן?
ער האָט איר אויסגעשטרעקט די האַנט,
זי האָט נאָכגעגעבן.

פונם ווינקעלע, ווו עס שטייט ספּ״ס טישל אין זשוירדאַנ גרויסן קאַבינעט, זעט מען די שטענגע פון שאָסיי, וואָס שלענגלט זיך צווישן בלוילעכע בערג, אָליווגוועלדער און לאָנקעס, וואָס זענען באַשאָטן מיט בלומען. אונטערן דאַך אַמפּערן זיך די שוואַלבן, מיד פונם לאַנגן וועג, צוליב אַ בעסער אָרט אין דעם נעסט. אפילו זייערע צאָרנדיקסטע „געשרייען" לאָסטשען דאָס געהער. ספּי הערט זיך צו צו זיי מיט אַ שמייכל.

אַ מער דרייסטע שוואַלב, אָדער אַזעלכע, וואָס האָט מער אַנטרוי צו מענטשן, זעצט זיך אַנידער אויף די שטאַכעטן פון דער וועראַנדע. ספּי קאָן זיך נישט זאַט אָנקוקן אויף דעם שוואַרצן קעפּל פון דער שוואַלב, וועלכע דרייט זיך אין אַלע זייטן, קוקט אויף רעכטס און לינקס, אויבן, אונטן, שטעקט דאָס שנאָבעלע אַהער און אַהין, מאַכט צורעכט אַ־ין פליגל, אונטער וועלכן מ׳זעט ווייסע און שוואַרצע פעדערן... דאָס טראָגט זי מרויער נאָך אירע שוועסטער, וואָס זענען אומגעקומען אויף זייער לאַנגער נסיעה פון טיף אַפריקע קיין פראַנקרייך...

אַ קלאַנג פון אַ מעכטיקער, נאָר ליבלעכער שטים דער־טראָגט זיך צו איר. דאָס פייגעלע און דער טרוים, אין וועלכן ספּי איז געהאַט איינגעזונקען פליען אוועק אויף אַ ווייל. איר איז די צוויי טעג געווען אַזוי גוט! דער שעף איז געווען אין פּאַריז... ער האָט זיך צוריקגעקערט ערשט היינט אין קאַפּרי.

— באַשטעטיקט דעם נוסח — דאָס איז אַלץ, וואָס מיר קאָנען דערלאָזן! אַ סטאַביליזאַציע, נידעריקער פאַר דעם, וואָלט אַרויסגערופן אַ שרעקלעכן קריזיס!... אונדזערע אינדוסטריעלער האָבן נאָך פאָריקס יאָר געהאַט גרויסע היזקות אויפן וועלט-מאַרק; די סטאַביליזאַציע אויף 125, דאָס איז אונדזער לעצט וואָרט. כ'האָב עס נעכטן געזאָגט דער פּרעזידענט... מ'וועט אונדז הערן און פאָלגן. די רעגירונג האַלט זיך אויפן צוטרוי, וועלכעס זי האָט צו פאַרדאַנקען אונדזער שטיצע.

— זיי וועלן נישט דערוועגן אומצוּוואַרפן די פינאַנסיסטן, די אַנטקעגנצוקומען די פאָדערונגען פון עטלעכע ראַנטיעס.

דער מיטריידער, אַ מאָגערער מענטש מיט אַ מויל פון אַ העכט, האָט זויער אַ שמייכל געטון. ס'האָט אָנגעהויבן קנאַקן דער טעלעפאָן. זשורדאַן האָט געענטפערט, נישט איבעררייסנדיק דאָס געשפרעך: „אַלאָ"!

— אַ חוץ עטלעכע נישט וויכטיקע פייגל, וועלן זיי אַלע זיין אויף אונדזער צד, מיט דער הילף פון נישט קיין גרויסן סכום באַנקנאָטן, אָדער, ווען זיי וועלן זיך איינשפּאַרן, — וועט די גאַנצע פּרעסע זיך אַרויסזאָגן אין אונדזער גייסט... אַלאָ! אַנטשולדיקט... זיי לאָזן באַשטימט אַרויס?... פאַרקויפט!... פאַרקויפט זאָג איך אייך, 112 וועט גיין אויפן עסק... לאָזט אַרויס אויף דער בערזע 35 — 17 — 29 און 12... פּאַקעטנווייז.

ס'זענען אַריינגעקומען אָנגעשטעלטע, דערלאַנגט בריוו און פּאַקעטן מיט אַקטן, איבער וועלכע טעאָ איז אינדערגיך איבערגעלאָפן מיט זיין בליק און זיי צוריק אַוועקגעגעבן, שוין אונטערגעשריבענע, אָדער מאַכנדיק די אָדער יענע פאַראָרדנונג וועגן זיי. פּרעוואַל האָט געבראַכט טעלעגראַמען. ער האָט אויסגעטיילט איינע פון זיי.

— ניו-יאָרק.

טעאָ האָט, איבערלויפנדיק מיט די אויגן, נישט איילנדיק זיך, דידאָזיקע דעפּעשע, אָפּגעגעבן עטלעכע אָנווייזונגען, וואָס צו טון, און פאָרטגעזעצט:

— איבער די אינטערעסן פון די קליינע פּראָווינצישע האַל-

טער פון ווערט-פאַפּירן, שטייען טעמים אין מאָטיוון פון אינ־טערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אונדזערע פאָדערונגען וועלן באַפרי־דיקט ווערן, אָדער די איצטיקע רעגירונג וועט, ווי די פריער־דיקע, אַראָפּגעוואָרפן ווערן באַלד ווי מיר וועלן עס פאַרלאַנגען. מ׳דאַרף נאָר זען אַרויסצורופן אַ ירידה פון קורס... (מיט אַ העכערער שטים).

— מאַדמואַזעל!

— מאָסיע?

ספּי, וועלכע האָט בשעת־מעשה געשריבן אויף אַ שרייב־מאַשין, וואָס מאַכט נישט דעם מינדסטן גערויש, האָט זיך אויפ־געהויבן פון איר אָרט כּדי צוצוגיין צום שאַנק.

טעאָ האָט זי אָפּגעשטעלט.

— בלייבט זיצן... רופט מיר אַרויס זען מאָסיע סיוואַרט אין באַנק דע פראַנס... (ס׳האָט אַ קנאַק געטון דאָס גלעקל) טעאָ האָט געמאַכט אַ באַוועגונג פון אומגעדולד... אַלאָ!... לאָנדאָן? גוט... מאָונט־ליאַ? מאָסיע לאַרסינג?... יאָ... גוט... פאַקטענווייז 12–29–17–35... גלייכצייטיק אַ דרוק אויף בוימוואָל און צוקער, גוט?... (ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל) אוף!

דער מענטש מיטן מויל פון אַ העכט האָט אויסגענוצט די הפסקה:

— זאָגט מיר, מיין טייערער, האָט איר אפשר עטלעכע אַקציעס פּאָטאַסיק? כ׳דאַרף האָבן ס׳רוב אַקציעס, כּדי זיך צו באַפרייען פון לאַושטיינען.

דער דינער האָט מיטגעטיילט:

— מאָסיע אוטרע.

— אַ רגע!...

טעאָ האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז פאַרטיפט אין געדאַנקען, נאָר אינדערעמתן האָט ער אַ ציטער געטון פון פרייד ביי דערדאָזיקער בקשה וועגן אַקציעס. נישט אַרויסווייזנדיק אָבער, אַז דאָס אינטערעסירט אים, האָט ער צוגעגעבן:

— אפשר וואָלטן מיר זיך געקאָנט וועקסלען? וויפיל אַק־ציעס דאַרפט איר?

— פינפהונדערט.

— דאָס קאָן זיין, ווען איר וועט מיר געבן פינפהונדערט מיטסול.

— ...די מעשה דערפון איז...

— אָ! טייערער מיינער, גוט, גוט, כ׳דאַרף האָבן פינפהונ-דערט מיטסול.

דער מיטריידער האָט זיך אויפגעהויבן:

— כ׳וועל זען...

נאָך טעאָ זשורדאַן האָט, מיט אַ טאָן, וואָס דערלאָזט נישט אַז ס׳קאָן זיין אַנדערש פאַרענדיקט:

— דער עסק מוז פאַרענדיקט ווערן ביז מאָרגן. ווען נישט וועל איך זיי געפינען אין אַן אַנדער אָרט.

— שטענדיק קומט אויס צו טון, וואָס איר ווילט, שיקט איבער. אָבער, איר זאָלט וויסן זיין, אַז איך האָב אויף דעם היזק. מיטסול זענען נעכטן געשטאַנען אויף דריי פונקטן העכער פאַר פאַטאַסיק.

ווען יענער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זשורדאַן פון צופרידנ-קייט געריבן די הענט. ער האָט אַ קלינג געטון. די טיר האָט זיך ווידער געעפנט:

— גייט אַריין, מיין פריינט.

אוטרע האָט זיך אַנידערגעזעצט.

זשורדאַן האָט געענטפערט אויף אַ נייע אָנפראַגע אין טעלעפאָן:

— יאָ... הרגעט אַוועק דעם אַפעטיט פון דידאָזיקע ניי-אויסגעבאַקענע שפעקולאַנטן... געוויס... פראָוואָצירט אַן אינטער-ווענץ... אין וואָס האַנדלט זיך, אוטרע?

— נישט קיין פריילעך נייס... אַמעריקען סמעטש האָט זיך דערוווסט, אַז מיר פרעטענדירן אויפן זאַפלקעס-מאָנאָפאָל אין גריכנלאַנד. זיי האָבן פאָרגעלייגט דער רעגירונג אַן הלוואה פון פינף מיליאָן דאָלאַר...

— וואַרט! אַלאָ סיוּאַרט?... גוט מאָרגן, וואָס מאַכט איר? גאַנץ גוט... יאָ... דערמאָנט היינט בעתן מיטאָק אייער שעף וועגן

דער נויטווענדיקייט דורכויס צו פאָדערן, אַז ס'זאָל איינגעפירט ווערן אַ סטאַביליזאַציע אין זין, ווי מיר האָבן נעכטן גערעדט...
לאָז ער מיר מאָרגן אינדערפרי אָנקלינגען? גוט...

ער איז ווידער געווען פריי.

— פינף מיליאָן דאָלאַר? מיר האָבן אויך אזוי פיל פאַר־געלייגט.

— יאָ, אָבער ניו־יאָרק פאָדערט זעקס פראָצענט אויף פינף און דרייסיק יאָר. אָנשטאָט זיבן!

זשורדאַן האָט זיך רויק אָנגעשפּאַרט אָנם גלאָז, וואָס האָט באַדעקט דעם טיש:

— מיר וועלן זיך נישט לאָזן געניאַרן. די גאַנצע פראַגע איז אין דער באַלוינונג, וואָס זאָל איינגעצאָלט ווערן לויט ריכ־טיקן אַדרעס... מאַדמואַזעל, רופט אַרויס אין ניצע זעניפולאָסן.

אוטרע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— קאַלאַרי וואַרט אויף אייך אין קאַן, אין דער גריכיש־סערבישער באַנק. ער האָט מיך געהייסן אַריינפאָרן נאָך אייך ביז דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

— גוט...

דער וואָזשנע האָט געבראַכט פּאַפּירן.

— ...גיט עס איבער דער מאַדמואַזעל: זי וועט אָנמערקן די זעונגען. איך גיי אַוועק... מאַדמואַזעל, איך בין אין 39. אויב כ'וועל זיך דאָרט פאַרהאַלטן, וועל איך אָנקלינגען. יוען זעניפולאָס וועט ענטפערן, זאָלט איר אים זאָגן, אַז איך וואַרט דאָ אויף אים פינף אַ זייגער. קומט, אוטרע. מיר וועלן געבן צו זעקס פאַר אַמעריקען. כ'וועל פאַרגרעסערן דעם קאָמיסאָנס אָפּ־צאָל זעניפולאָסן — דאָס איינגאַנצן.

און אַ קער אום טועדיק זיך אויף דער שוועל צו ספין, האָט ער צוגעגעבן:

— מאַדמואַזעל, קלינגט אָן אין דער גריכישער אַמבאַסאַ־דע אין פּאַריז, זאָל זיין דורכלויכט זיין אַזוי ליבנסווירדיק מיך אַרויסצורופן צווישן פינף און זעקס.

די אויפלעבונג אין צימער איז מיטאַמאָל פאַרוועקסלט גע־

וואָרן אין אַ שטילקייט און רויקייט. ספּי האָט פאָרטגעזעצט איר אַרבעט. דער וואָשנע, וואָס האָט נאָר וואָס דערלאַנגט די ליסטע פון די באַזוכער, איז ווידער אַריינגעקומען און האָט סודותפול מיטגעטיילט:

— אַ יינגערמאַן וויל אייך זען.

— זיין נאָמען?

— ער האָט נישט געוואָלט זאָגן.

— ווי זעט ער אויס?

— אַ דאַרער. זייער אַ שוואַרצהנעוודיקער.

ווער קאָן עס זיין?

— אַ הויכער אָדער אַ קליינער?

— גיכער אַ קליינער.

איז דאָס, הייסט עס, סאַנטאָ! — האָט ספּין אַ בליץ געטון אין מוח.

סאַנטאָ, וועלכער האָט אין משך פון דריי חדשים נאָכגעשפּירט איר פּעטער און אַלע אירע פריינט, כדי זיך צו דערוויסן, ווו זי האַלט זיך אויף, און וועלכער האָט זי ענדלעך געפונען!

— זאָגט, אַז איך נעם דאָ קיינעם נישט אָן — באַזונדערס נישט ווייסנדיק קיין נעמען... גיט אים נאָר נישט אויף מיין אַדרעס.

מיט אַ שווער געמיט האָט ספּי פאָרגעזעצט איר אַרבעט נאָך צוועלף אַ זייגער האָט זי זיך אָראָפּגעלאָזט אין רעסטאָראַן, ביי דער פאַבריק, ווו זי פלעגט שטענדיק עסן מיטאָק...

ווידער האָט זיך באַוויזן יענער, צו וועלכן זי האָט סוף־כל־סוף אָנגעהויבן צו פילן אַן עקל און פאַר וועלכן זי האָט מורא געהאַט, בעת איר האָט זיך נאָך געוואלט נתפּעל ווערן פון אים און אים באַדויערן.

אַ טראַגישער העלד איז דאָס — האָט ספּי זיך געטראַכט, — אַן אומגליקלעכער מענטש, צוויי שאָטנס אין איין מענטשן. סאַנטאָ!...

און דאָ טאַקע האָט זי געמאַכט אַ פאַרגלייך: אַלעקסאַנ-

דער, — זי האָט געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן אים און סאַנטאָן. אַ געפיל פון צערטלעכקייט און רויִקער זיכערקייט האָט זי באַהערשט ביים דערמאָנען זיך אָן דעם דאָזיקן שטאָלצן, פייגעם פנים, מיט זיין דרייסטן, נאָר רויִקן אויסדרוק...

פיער וואָלט געוווסט, ווי אָפּצושאַצן זיין ענערגיע און רויִקייט — האָט זי זיך געטראַכט.

צווישן איר מיט אַלעקסאַנדערן פלעגט פאָרקומען אַ בריווּאויסטויש צוויי מאָל אַ וואָך.

ער האָט זיך זייער געקלאָגט אויף דידאָזיקע לאַנגע שיידונג...

— געפינט פאַר מיר אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט, — האָט זי אים געענטפערט, — וועל איך צוריקקומען, ווייל מיר איז אַ שאָד אויף אַזוי לאַנג איבערצולאָזן אַליין דעם פעטער אין איינזאַמקייט.

ווילנדיק בלייבן טריי איר באַשלוס אייביק ליב צו האָבן פיערן, האָט זי אַזוי געפּרווּט זיך דערקלערן איר שטרעבונג קיין מאַרסעל.

נאָר דאָס לעבן, פיינט האָבנדיק דעם טויט, האָט געהאָלפן איר האַרץ צו פאַראַטן איר אייגענעם ווילן.

זי האָט אַ ציטער געטון... דער שעף איז צוריקגעקומען אַ שטאַרק אויפגערעגטער.

— איר האָט געקלונגען אין דער גריכישער אַמבאַסאַדע, מאַדמואַזעל?

—יאָ, מאָסיע, דער מיניסטער וועט צו אייך אָנקלינגען פאַר זיבן.

— גוט. כ׳מוז פאָרן קיין גריכנלאַנד און סערביען און נעם אייך מיט מיט זיך, גוט?

ספי האָט אַ דערשראָקענע, געשוויגן.

כדי זי איבערצובעטן און פועלן, זי זאָל מיטפאָרן, האָט זשורדאַן צוגעגעבן, אַז עטיענעט וועט, נאַטירלעך אויך מיטפאָרן.

פאַרגומען מיט פאַרשידענע אינטערעסאַנטן, וואָס האָבן גע־

ווארט אויף אים אין פאָדערצימער, האָט ער נישט געוואַרט אויף ספּיס ענטפער.

ער איז זיכער, אַז איר ענטפער וועט זיין אין הסכם מיט זיין ווונטש, זי וועט זיך פון עפּעס דערוויסן פון די געשפּרעכן דורכן טעלעפאָן. די קינפּטיקע וואָך וועט ער זיין אין בעלגראַד מכּוח דידאָזיקע קאָנצעסיעס פון די אייזנגרובנס... דערנאָך וועט ער פאַרברענגען אין גריכנלאַנד. אין אַלגעמיין, מסתּמא צוויי חדשים...

— ניין, זי וועט נישט פאָרן!

„איך וויל שוין מער נישט לאָזן אַליין דעם פּעטער"...

דאָס גוט־געפּאַלדעוועטע פּנים, באַדעקט מיט פּוך... ווי אויך, — און דאָס איז דער עיקר, — אַן אַנדער פּנים, אַ פּיל יינגערס, וועלכעס טויכט שטענדיק אויף און שוועבט אַרום פאַר איר, זי יאָגט שנעל אַוועק דאָסדאָזיקע יינגע פּנים, כּדי עס זאָל נישט באַהערשן איר באַוווסטזיין. „דער פּעטער האָט שוין גענוג זיך אָנגעליטן פון מיינע פאַנטאַזיעס. כ'וועל זיך צוריקקערן צו אים קיין מאַרסעל".

אַרויסגייענדיק פון פאַבריקס־טויער, האָט זי זיך אָנגעשטויסן פּנים־לפּנים מיט סאַנטאָן.

אָך, ווי ער האָט זיך געענדערט!

אַ מאָגערער, אַ קאַלאַמוטנער, מיט אַ בליק, וואָס איז געווען געווענדט אין די מרחקים — האָט ער איר פאַרשטעלט דעם וועג, פרווונדיק אַ שמייכל טון.

נאָר דאָס איז געווען אַ פאַרגליווערטער אויסדרוק פון אַ וואַקסענער פיגור.

זי האָט אַן איבעררוּשטע, זיך אָפּגעשטעלט.

ער האָט אויסגענוצט דידאָזיקע רגע:

— איר האָט געמיינט, אַז איך וועל אייך נישט אָפּזוכן?

— וואָס ווילט איר פון מיר?

— כ'וויל אייך הערן.

— גוט. איצט לאָזט מיך דורכגיין.

זי איז אַוועקגעגאַנגען, ער איז איר נאָכגעגאַנגען. אַכט

װעג האָט ער זי געהיט. ער האָט נאָכגעפאָרשט אַלעקסאַנדערן, װען יענער איז געקומען צו איר צופאָרן. ער האָט אַרויסגעזאָגט זײַנע פאָרװורפן, זײַן אַנטױשונג, זײַנע תּרעומותן, און, עגדלעך, זעענדיק, אַז עס העלפט גאָרנישט, האָט ער געגעבן פרײַהײט זײַן צאָרן.

זײַערע שאָטנס, אַנטלױפנדיק פון דער אונטערגײענדיקער זון, זענען געגאַנגען פאַר זײ, — פון פאָרנט.

בלאַסע און לאַנגע האָבן זײ אױסגעזען, װי אױסגעשניטענע סילועטן אָן נשמות.

אַ לעבעדיקע צײכנונג איז דאָס געװען, װאָס איז אָפּגעמעקט געװאָרן בײַם ערשטן פאַרקירעװען זיך אין געסל אַרײַן...

סאַנטאַ האָט אױך געהערט צו יענע באַגעגענישן, פאַר װעלכן ס'איז נישטאָ קײן מאָרגן, װעלכע, — אױפגעטרײסלט דורכן טאָגיקן װינט, — װערן גיך װידער פאַרשװוּנדן און פאַרגעסן.

גלײַכגילטיק צו די לײדן, װעלכע זי האָט נישט פאַרשטאַנען, האָט ספּי פאַריאָגט אין נישטזײַן דעם שלימזלדיקן פאַרליבטן. צוזאַמען מיט מוניען און אַנדערע אַדאָראַטאָרן פון דער פאַרגאַנגענהײט... קאָנסטאַנטין, פראַנסואַ... דער דאָזיקער איז נאָר אַ ביסל מער נערװעזיש, אַ ביסל מער עקשנותדיק, אַ דאַנק זײַן אָפּשטאַמונג. אָבער, בלי-ספק, נישט מער געפערלעך, נישט קוקנדיק אױף זײַנע װילדע דראָונגען.

זײ זענען צוגעגאַנגען צום קרײַז, װוּ ספּי האָט געװױנט.

אין עקזאַלטאַציע האָט סאַנטאַ אַ כריפּע געטון, דערנעבנטערנדיק צו איר זײַן פּנים:

— איר װעט קײנעם נישט געהערן, אַ חוץ מיר. דאָס זאָגט אײַך סאַנטאַ.

ספּי האָט אַ רוף געטון אַ דורכגײער...

סאַנטאַ איז, נאָך אַ רגע פון װאַקלעניש, אַװעק פון איר.

אױפהײבנדיק זיך צו זיך אין צימער, האָט זי זיך פאַרטראַכט איבער דער דאָזיקער פּאַסירונג.

ווי קומט עס, וואָס זי האָט זיך בשעת־מעשה נישט דער־
שראָקן פאַר זיך?

געשטיצט דורך אַלעקסאַנדערס אַכטונג צו איר, ווי אַ פויגל, וואָס ווערט געשטיצט און אונטערגעהאַלטן פון דער לופט, האָט ספּי מער נישט געוווּסט, וואָס שרעק איז אַזוינס. זי האָט אינגאַנצן אויפגעהערט מורא צו האָבן.

בשעת סאַנטאָ איז צו איר צוגעגאַנגען, (איצט איז איר ביסלעכווייז אַלץ געוואָרן קלאָר) האָט זיך איר אַסטראַלער גוף, ווי איר פּעטער וואָלט זיך אויסגעדריקט, אַוועקגעטראָגן אונטער דער שויך פון איר פּאַרטיידיקער... איר עמפּינדלעכקייט איז אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן. פּלוצלינג האָט זיך אין איר נשמה אַריינ־געגנבעט אַ פּחד: ער האָט געדראָט זיך אָפּצורעכענען, ד. ה. זיך נוקם צו זיין אָן אַלעקסאַנדערן!

— מאַדמואַזעל אָרעלי!

איר נאָמען, וואָס זי האָט געהערט רופן פון דער גאַס, האָט זי אומגעקערט צו דערווירקלעכקייט.

זי האָט האַסטיק אַ שפּרונג געטון און געעפנט די טיר.

דער בריוו־טרעגער איז דאָס געווען.

זי האָט געמאַכט אַ גרימאַסע פון אַנטוישונג.

פון פרעדריקען...

געעפנט דעם קאָנווערט, האָט זי דערקענט אַלעקסאַנדערס האַנטשריפט. פיר זייטן... פון דער שוועסטער איז געווען נאָר עטלעכע שורות און דער אַדרעס אירער.

זי האָט געלייענט דעם בריוו, וואָס איז געווען דורכגע־דרונגען מיט הארצעמקייט פון פריינטשאַפט.

ער האָט איר נישט מיטגעטיילט קיין שום נייס, שטייענ־דיק העכער פון אַזעלכע באַנאַליטעטן.

פּלוצלינג אַ דערשיטערונג.

אַזעלכעס, וואָס זי האָט נישט פאָרויסגעזען...

כ'מוז אייך אויך מיטטיילן וועגן אַ חוב פון מאַ־
טעריעלער נאַטור — וועלכער וואָלט לההבא אפשר גע־

ווען אַ גליקלעכער, נאָר איצט איז ער אָבער נישט קיין אָנגענעמענער:

מיר מוזן תיכף אַוועקפאָרן קיין סאַלאָניקי, כדי צו ברענגען אין אָרדנונג אַ פּערזענלעכן ענין. (פאַרקויפן אַ נחלה) כ'וועל מאָרגן קומען צופאָרן נעמען אָפּשייד פון אייך, טיף באַטריבט, וואָס כ'בין געצוווּנגען, הגם אויף אַ קורצע צייט, איבערצולאָזן מיין קליינינקן פריינט... און איך האָב אַזוי געהאָפּט ביי אייך צו פּועלן, איר זאָלט זיך צוריקקערן קיין מאַרסעל נאָך די טעג. וויפיל אָפּלייקענישן, וויפיל פאַרשפּעטיקונגען קומען אַרויס צוליב די מענטשלעכע חלומות און פאַנטאַזיעס!

אין אָפּענעם פענצטער האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פון אַ גאַמע:

— דאָ—רע—מי—פאַ—סאָל...

נישט קיין דערפאַרענע הענט פון אַ קינד, וואָס קלאַפּן אין די קלאַווישן... די קלאַנגען פון ראָיאַל האָבן זיך מיטאַמאָל איבערגעריסן. ספּיס הארץ — אַ לעבעדיקער אינסטרומענט, האָט אויך געזונגען איר גאַמע, וואָס איז אויך פּלוצלינג איבערגעריסן געוואָרן...

„ער פאָרט אַוועק"!

דער שיקזאַל, האָט פּונקט ווי אַ קינד, פּלוצלינג איבערגעריסן די סימפאָניע אין דער רגע, ווען די יינגע פרוי, — זיך צוהערנדיק צו די נאָך וויברירנדיקע קלאַנגען. האָט אָנגעהויבן אונטערשיידן שטילע, נאָר שוין טריומפירנדיקע אַקאָרדן פון אַ פרילינגס-ליד, יועלכעס זי האָט דערקענט מיט אַ ציטער פון האָפענונג אין הארצן.

צומאָרגנס, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער פון פעטער — זי האָט נישט געצווייפלט, אַז ער וועט מיט פרייד אָננעמען די ידיעה וועגן אַזאַ רייזע, — איז זי מסכים געווען מיטצופאָרן מיט זשורדאַנען און האָט געמאַכט אַלעקסאַנדערן, מיט

וועלכן זי האָט צוזאַמען געגעסן מיטאָק. א „גרויסן סיורפּריז": זיי וועלן זיך אינגיכן באַגעגענען אין סאַלאָניקי. זיי האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן אַרויסצורײדן קיין איין וואָרט, וואָס פאַרייניקט, נאָר אַלע ווערטער האָבן פאַר זיי געהאַט איין און דיזעלבע באַדייטונג: זייערע הערצער האָבן גערעדט אויף דער שפּראַך פון די געטער.

דער איינציקער שאָטן, וואָס האָט טריב געמאַכט אַלעקסאַנדערס פרייד, וועלכער האָט שוין געהאַט דעם בילעט אין טאַש איז געווען סאַנטאַס אָנקומען און זיין אָנוועזנהייט ביי ספּין בעת ער גופא וועט זיין פון איר ווייט...

שטילערהייט אויסדערווײלט, און אַ גליקלעכער פונם דאָזיקן אויסוואַל, האָט ער מיטגעפּילט זיין געוועזענעם פריינט אין זיין איצטיקער פאַרצווייפלונג, נאָר גלייכצייטיק האָט ער מורא געהאַט פאַר דעם, וואָס סאַנטאָ איז מסוגל אָפּצוטון אין אַן אָנפאַל פון כּעס און פאַרביטערונג...

— זאָגט מיר צו, אַז איר וועט מער אַליין נישט אַרויסגיין ביז איר וועט אָוועקפאָרן! — האָט אַלעקסאַנדער ספּין געבעטן.

ער האָט איר געגעבן טויזנט עצות.

זי האָט אים באַרויקט:

— מאָסיע פּרעוואַל וווינט נישט ווייט פון מיר, כ'וועל אים בעטן מיך באַגלייטן. חוצדעם וועט דער פעטער מסתמא קומען צו פאָרן צו פאַרברענגען מיט מיר די לעצטע טעג פאַר מיין אָפּפאָרן...

זיי האָבן זיך געזעגנט.

— שרייבט מיר פון וועג אויפן אַדרעס, וועלכן כ'האָב אייך אויפגעגעבן... כ'וועל זיין אין סאַלאָניקי ענדע וואָך.

זי האָט אים נאָכגעקוקט; ליבלעך א שמייכל געטון, אַלס ענטפער אויף זיין אומעטיקן אויסזען. זי האָט פון אים גענומען אָפּשיידט, אָן הארצווייטאָק, איבערצייגט, אַז זי וועט אים באַגעגענען אין וועג וווהין זי האָט זיך געקליבן...

ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון אַ בייער צוקונפט.

V

— טעאָ, די ווייסט, וואָס מ'וועט דאַרפֿן טאָן, ווען ספּי־
פּרא־אדם וועט זיך ווידער באַווייזן?

— גיבן צו וויסן דער פּאָליציי און צווינגען אים אַרויס־
צושיקן...

דער פּרעכטיקער אויטאָ, אָן אַ שום גערויש, איז געפֿלויגן
ווי אַ פֿייל איבער בויגן.

זשורדאַן האָט בייז אַ קוק געטון אויף זיין סעקרעטאַרין.
זייט ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זי האָט אַן אַדאָראַטאָר!
איז ער ווידער געוואָרן צו איר שטאַרק נישט גלייכגילטיק און
געזוכט אַ דערנעטערונג צו איר. ספּי איז געזעסן אויף איינעם
פֿון די פֿאָדערשטע ווייכע בענק אין אויטאָ — מיטן רוקן צו
צטיענעטן.

זיי זענען צוגעפֿאָרן צו קרעמאָן. דער טייך פּאָ האָט גע־
שטראָמט מיט זיינע געלבלעכע וואַסערן. אויפֿן טייך האָבן די
פֿישער געפּרוּווט זייער מזל.

— מיר ביידע וועלן עסן מיטאָק אין מאָנטו, און טעאָ?...
כ'בין היינט הונגעריק, ווי אַ וואָלף... דאָך איז אין דערדאָזי־
קער מאַשין בעסער, ווי אינם נעסט, אין וועלכן דו האָסט גע־
וואָלט אונדז לאָזן!...

זשורדאַן האָט אַ צוק געטון מיט די פּלייצעס.

ער וואָלט בעסער געוואָלט, איילנדיק זיך, מאַכן די ריי־
זע אויף זיין אייגענעם אַעראָפּלאַן, וועלכער איז געווען אויס־

געצייכנט איינגעאָרדנט אויף לאַנגע נסיעות. נאָר גיי, האָב צו טון מיט דידאָזיקע פרויען... זיי האָבן בשום־אופן נישט געוואָלט פאָרן מיטן עראָפּלאַן. ער האָט נאָכגעגעבן בלויז צוליב עטיע־נען, מיט וועלכער ער איז נישט געווען אומשטאַנד זיך צו אַמפּערן. מיט ספּין וואָלט ער שוין ווי עס איז דורכגעקומען און ביי איר געפּועלט.

— טו אַ קוק, ספּי — האָט עטיענעט געזאָגט צו איר חברטע — וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרע בלומען... (ביי דער בריק האָט אַ מיידעלע מיט אַ שוואַרץ צעפּעלע און אַ שוואַרצחנעוודי־קער הויט, פאָרגעלייגט אַ בוקעט רויזן)... קויף זיי, טעאָ!

— וואָס מיינסטו, אַז איך וועל זיך צוליב דעם אָפּשטעלן און אומזיסט פאַרלירן צייט! וועסט קריגן אַזאַ מציאה אין מאָנ־טו אויך.

גלייכגילטיק צו די אַלטע הייזער, ווי צו די שיינע פּיי־זאַזשן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון ביידע זייטן וועג, גישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון דער מאַפּע, איז ער איצט ענלעך געווען אויף יענעם ספּעציפישן „שעף”, וועלכן ספּי פלעגט געוויינטלעך זען אין קאַבינעט בעת דער אַרבעט.

— דו קאָנסט נישט לעבן, נישט אָפּגעבנדיק קיין באַפעלן? דו האָסט נישט ליב צו ריידן סתם אַזוי? דו ביסט נישט אַזעל־כע, ווי איך. ווערמער — דאָס איז מיין מוזיק!... נישט אַזוי, ספּי?

— יאָ.

— וואָס איז דיר מער ליב, מאַרסעל אָדער גענוע?

— גענוע, נאַטירלעך.

— יאָ, גענוע איז טאַקע באמת שיין. — דער גאָלף... און פּאַלאַצן... ביי דיין גאַנץ עשירות, מיין גראָבבייכיקער, וועס־טו אַזעלכע פּאַלאַצן נישט אויסבויען, אַ נעכטיקער טאָג!

דער אויטאָ האָט דורכגעשניטן דעם לאָמבאַרדן־טאָל, ווי ער וואָלט דורכגעפירט אַ שטריק פון איין שטאָט ביז דער אַנ־דערער. אין מאָנטו זענען זיי פאַרבליבן נאָר אויף .דער צייט פון מיטאָק.

ספּי. וועלכע האָט געוואָלט באַקוקן די אַלטע מוזייען, איז

אויסגעקומען זיך צו באַגגעגענען מיט באַקוקן בלויז עטלעכע פּאַסאַדן. דער אויטאָ איז שוין געפלויגן ווייטער.

— מיר פאָרן דאָך נישט צוליב פאַרגעניגן — האָט זשורדאַן דערקלערט — אונדזער איצטיקע רייזע איז דאָך נישט קיין לופט-רייזע.

כּדי צו דערווייזן עס בפּועל-ממש, האָט ער ספּין פאַרדיקטירט דריי בריוו. כּל-זמן עטיענעט איז געשלאָפן, האָט ספּי געהאָרכזאַם זיי אָפּגעקלאַפּט אויף דער מאַשין.

די קליינע האַנט-מאַשין, וועלכע איז געשטאַנען אויף אַ קליין טישעלע, וואָס לייגט זיך צונויף, אין דער פּרעכטיקער קאַיוטע פונעם גרויסן שיינעם אויטאָ. דאָרט זענען אויך געשטאַנען ווייכע שטולן פון רויטן האָלץ, בעטלעך, ס'האָט אויך נישט געפעלט קיין גאָלד, קיין קריסטאַל...

זיי האָבן זיך שוין דורכגעטראָגן פאַר פּאַדואַ, נישט קוקנדיק אויפן נישט דרייסטן רמז...

דאָס מאָל האָט עטיענעט, — וועלכע ס'האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אָנקומען קיין ווענעדיק, — געגעצנדיק, דערקלערט:

— ווען מ'זאָל איר פאָלגן, וואָלטן מיר געדאַרפט פאַרלירן אַ דריי הדשים צייט אויף אָנצוקומען קיין ביעלגראַד, נישט אַזוי טעאָ?

ספּי האָט אין זיך דערשטיקט די נייגעריקייט און דעם פּאַרדרוס.

נישט גוט צו זיין אַן אָנגעשטעלטע, אַ „פּאַרקוימטע" — האָט זי זיך געטראַכט — און מאַכן אַזאַ וווּנדערבאַרע רייזע מ'ט וואָכעדיקע נאַרישע מענטשן! זשורדאַן האָט די גאַנצע צייט פון דער רייזע נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דער מאַפּע, נישט אויפהערנדיק צו טראַכטן וועגן זיינע עסקים, און זי עטיענעט, האָט געהאַלטן די גאַנצע צייט כּמעט אין איין שלאָפן, און ווען זי פלעגט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף, פלעגט זי נאָר פּלאַפּלען און אַלץ וועגן סתם וואָכעדיקע זאַכן...

זיי זענען אָנגעקומען קיין ווענעדיק שפּעט. און צומאָרגנס האָבן זיי שוין געדאַרפט זיך זעצן אויף דער שיף „די פּרינ-

צעסין העלענאַ„. ווהין מ׳האָט שוין אַריבערגעפירט דעם אויטאָמאָביל.

פאַרנומען פון אינדערפרי אָן מיטן איבערקוקן און סאָרטירן די פאָסט, האָט ספי געהאַט נאָר עטלעכע פרייע שעהן, אויף אָנצוקוקן דאָס וואונדערבאַרע בילד פון דערדאָזיקער וואונדערלעכער שטאָט. צום גליק, האָט זיך עטיענעט אָפּגעזאָגט צו גיין מיט איר באַקוקן די מערקווירדיקייטן פון ווענעדיק. זי איז אַוועק מיט זשורדאַנען איינצוקויפן: גלאָז, לוסטרעס און סערוויזן...

דאָס איז געווען אַ טאָג, וועלכן ספי וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן און וועלכער האָט זיך אַזוי קאָמיש געענדיקט... זי האָט געזען בילדער פונם דאָזיקן טאָג דורכגייענדיק ווידער פאַר אירע אויגן אויף די ווייסע ווענט פון איר קאַיוטע, אין וועלכער זי האָט זיך פאַרשפאַרט, אָפּזאָגנדיק זיך פון מיטאָג. אַלע איינדרוקן פונם טאָג האָבן זיך איר אין דער ערשטער רגע געדוכט ווי פאַרפלאָנטערטע און נישט דייטלעכע... דער מעלאַנכאָלישער פּראַכט פון דער באַרימטער איטאַליענישער שטאָט, — אַן אַלטע שיינקייט, וואָס האָט זיך איינגעבויגן איבערן שפּיגל — האָט זיך צונויפגעמישט מיטן גלאַנץ פון איר אָפּשייַנונג.

די פּאַלאַצן, די אַרקעס, דער הייליקער מאַרק און זיין גאָלדענער מאָזאַיק, דער פּלאַץ, וואָס איז ווי באַזייט מיט טויבן, פּרויען מיט אַ גרינלעכער צערע, איינגעוויקלטע אין פּאַטשייַלעס, און וואַסער, וואַסער, וואַסער אומעטום.

דידאָזיקע גאַנצע פאַנטאַסמאָגאַריע האָט זיך איר, דורך דער פּריזמע פון איר ים־קראַנקייט, אויסגעוויזן ווי אַ טרוים; און דערמאָנענדיק זיך אָנם קאָמישן אינצידענט, האָט זיך איר עקל, וואָס נעמט זיך פון דער ים־קרענק, נאָך מער פאַרשטאַרקט...

ווען זי איז צוריקגעקומען אין האָטעל אַריין, איז עטיענעט געווען פאַרנומען מיט איינפּאַקן די וואַליזעס.

ספי איז אַרויס אויף דער וועראַנדע און איז צוגעגאַנגען צו זשורדאַנען, וועלכער איז געשטאַנען, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דעם געלענדער. ער האָט זי אַרומגענומען פאַר די פּלייצעס און געפּרוווט זי צוציען צו זיך...

אַ שרעקלעך אָנגר־רן זיך איז דאָס געווען פאַר איר.
אַ ציטער פון אָפּשיי איז אַריבער איבער איר גוף...
זי האָט זיך שנעל באַפרייט פון אים און נישט אַרויס־
ריידנדיק קיין וואָרט, נאָר אַ וואָרף טועגדיק אויף איר אַ בליק,
פול מיט פאַרוואָרפן — אַ בליק פון אַ תמימתדיק באַשעפעניש —
איז זי אַנטלאָפן פון דער ווערענדע...
בעת ספּי האָט בחינם זיך באַמיט איינצושלאָפן, האָט ער
אין באַר דעררייכערט זיין ציגאַר.
פאַרנאַכלעסיקט קוקנדיק אויפן רויך, האָט זשורדאַן מיט
אַ שמייכל זיך דערמאָנט דאָס דאָזיקע נאַרעלע, וואָס האָט זיך
קענען געשטעלט זיין אַרומנעמען...
זי מעג זיך איינשפּאַרן און עקשנען ווי פיל זי וויל!
ער וועט זי, סוף־כל־סוף, בייקומען...
אין דער זעלבער צייט האָט ער מיט אַ מאַיעסטעטישן
חסד באַאָבאַכט עטיענעטן, וועלכע האָט זיצנדיק אויף אַ הויכן
טאַבורעט און קאָקעטירנדיק, געפירט אַ געשפּרעך מיט אַ הויכן
הער פון אַ מזרח־טיפּ.
— הער זיך צו, וואָס ער „דברט", טעאָ! דער דאָזיקער
פּערס איז זייער אַן אויסטערלישער מאַן. זיין נאָמען אַליין זאָגט
אויף דעם עדות.
דער אויסלענדער — פּרינץ ריזאַ־כאַן — האָט געלויבט
זיין לאַנד, זיין שטאָט און זיין הויז. ער האָט זיך אינטערע־
סירט מיט גרויסע עסקים:
— פּערסיען — האָט ער פאַרזיכערט — דאָס איז אַ
לאַנד פון גאָלדגרובן, צום באַדויערן, נאָך נישט קיין אויסגע־
פאָרשטע. קומט אַהין צו פאָרן צוזאַמען מיטן מאָסיע זשורדאַן.
דאָס וואונדערבאַרע הויז און מיינע פּרעכטיקע גערטנער וואַרטן
אויף אייך. דער גאַנצער מאָדערנער קאָמפאָרט אונטער די בלויע
געוועלבן, וועלכע זענען באַשיינט געוואָרן פון דער זון אין
משך פון דריי הונדערט יאָר!... דאָרט אין פּרעכטיקן גאָרטן
ביי מיר איז פאַראַן אַ קאָלטער באַסיין צווישן די מאָזאַישע
קליינע קאָלאָנעס און אין די זשאַסמען־קוסטעס—מוזיקאַנטן, וועלכע

מ׳זעט נישט, נאָר דערפאַר הערט מען זיי און זיי זענען מחיה דאָס געהער...

דערנאָך, ווענדנדיק זיך צום פּילפּאַכיקן מיליאָנער, האָט ער אַ דירעקטן ריר געטון זיין שוואַכע סטרונע:

– שוין אָפּגעזען פון מיינע בערג, אין וועלכע ס׳געפינען זיך מער איידלשטיינער און מינעראַלן וויפיל מ׳באַדאַרף, כּדי צו פאַראינטערעסירן צען האָלדינגען...

זשורדאַן האָט דאָ דערזען און דערשפּירט אַ גוט געשעפטל, צו וועלכן ער האָט שוין לאַנג געהאַט חשק זיך צו נעמען. ער האָט געוווּסט, וואָס פאַרע אוצרות עס ליגן נאָך באַגראָבן אינם דאָזיקן לאַנד פון „טויזנט איין נאַכט" און וואָס פאַר אַ גרויסע רייכטימער ס׳געפינען זיך דאָרט.

– יאָ, האָט ער זיך געטראַכט – דאָס דאָזיקע לאַנד, ווו ס׳זענען נאָך נישט פאַראַן קיין אייזנבאַנען, נישט קיין שאָסייען און ווו אַלץ איז נאָך, ווי ס׳איז געווען אין דערצייט פון ששת-ימי-בראשית, – איז זייער אַן אינטערעסאַנטע מדינה און מ׳קאָן דאָרט מאַכן די גרעסטע און בעסטע ביזנעס.

– איך זאָג זיך נישט אָפּ, אַדרבה. כ׳זאָג זיך נישט אָפּ, מ׳וועט זען...

– געוויס, – האָט עטיענעט באַשטעטיקט – וועגן דעם איז כּדאי צו טראַכטן.

ריזאַ-כאַן איז איר געפעלן געווען. זי האָט נאַטירלעך גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, וואָס די מאַנספּערשוינען זענען „נאָכן ערשטן שלום-עליכם" אַריבער צו אַ געשעפטלעכן געשפּרעך...

זיי האָבן איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן פאַרשידענע פאַקטן, ציפערן און ענדלעך – איינער דעם אַנדערן דעם אַדרעס פון די האָטעלן. ריזאַ-כאַן איז געפאָרן קיין בעלגראַד, דאָרט וועלן זיי זיך ווידער באַגעגענען.

– וואָרעם אים אונטער! – האָט זשורדאַן געגעבן עטיענעטן אַן עצה, בעת זיי האָבן זיך ווידער אין זייער אויטאָ גיטראָגן איבער דאַלמאַציער וועג... אָבער נישט מער, דו הערסט!...

כ׳וועל דיר געבן צוויי פראָצענט פון די קינפטיקע פאַרדינסטן.

זיי האָבן געלאַכט פון ספין, וועלכע די דאָזיקע געשפּרעכן האָבן נישט אָנגעהויבן צו אינטערעסירן און זענען פאַר איר געווען לאַנגווײַליק.

עטיענעט האָט איר אַפילו נאָכגעקרימט און נאָכגעמאַכט דעם אופן, אויף וועלכן זי ענטפערט אָפּ אויף זשורדאַנס צושטיין צו איר.

— דו ביסט אַ לעמעשקע, אַ נאַרעלע! דו פאַרשטייסט נישט, אַז טעאָ מאַכט עס אויף קאַטאָוויס און רייצט זיך מיט דיר? דאָס הייסט נאָך נישט, אַז ער וויל שלאָפן מיט דיר!

אַזאַ ווערסיע האָט זשורדאַן דערפונדן, כדי מקדים צו זיין די עווענטועלע טענות פון ספין. אַזאַ המצאה איז אים איינגעפאַלן... גלייכצייטיק האָט דאָס אים געגעבן די מעגלעכקייט, ווייטער זיך אַרומצודרייען אַרום איר. ווי באַלד אויף קאַטאָוועסטאָ וואָס־זשע איז?...

זייענדיק פאָרזיכטיק, איז ספי געוואָרן נישט אַזוי לוסטיק און נישט אַזוי ליבנסווירדיק, ווי פריער:

זשורדאַן האָט אויף דעם נישט געלייגט קיין אַכט און ווייטער געטון זיינס... אָבער אַזוי פאָרזיכטיק, — בפיוון צופעליק? — אַז זי האָט גאָרנישט געקאָנט האָבן צו אים.

זי האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין ביעלגראַד.

ווי אַ קינד בעת די פעריען, האָט זי זיך געפרייט מיט איר פרייהייט. זי האָט ענדלעך, און דער שטילקייט געקאָנט אָנשרייבן צום פעטער און צו אַלעקסאַנדערן, פון וועלכן זי האָט באַקומען עטלעכע בריוו: ער האָט מיט אומגעדולד אויף איר געוואַרט אין סאַלאָניקי... באָר זי האָט נאָך מער ווי אַ וואָך געדאַרפט פאַרברענגען אין ביעלגראַד. די צייט, וואָס איז געפלויגן אַזוי שנעל, זייט דעם טאָג וואָס זי איז אָפּגעפאָרן פון גראַס, האָט זיך איר איצט אויסגעוויזן, אַז עס קריכט ווי אַ שילדקרעט — זי האָט זיך איצט געצויגן אַזוי לאַנגזאַם...

פאַרנומען און פאַ כאַפּט דורך פאַרשידענע פּאָליטישע ווי-

זײטן און פֿאַרשידענע באַזוכן, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיטן באַקומען קאָנצעסיעס, — האָט זשורדאַן איצט נישט װילנדיק געמוזט פֿאַרקירצן ביזן מינימום די אַרבעט פֿון זײַן פּריוואַטן סעקרעטאַר.

אים איז איצט אויסגעקומען נאָך װײניקער צו האָבן אַרבעט פֿאַר ספּין צוליב דעם, וואָס פּרעוואַל, אַרויסגערופֿן דורכן טעלעפֿאָן איז געקומען צופֿליען אויף אַן אַעראָפּלאַן אין משך פֿון אַכט און פֿערציק שעה — האָט אים איצט מיטגעהאָלפֿן ביים דערלײדיקן זײַנע געשעפֿטן.

עטיענעט, פֿון איר זײַט, האָט זיך נישט געשיידט מיט איר נײַעם פֿרײַנט, דעם פּערס. זי האָט אים אומעטום באַגלייט, און פֿאַרבראַכט מיט אים די צײַט.

זי האָט מיט שטאָלץ געוויזן אַ גרויסן רינג פֿון אַלט גאָלד באַזייט מיט די קאָסטבאַרסטע איידלשטיינער.

— מ׳קאָן, פֿאַרשטייסטו מיך, קיינמאָל נישט וויסן! — האָט זי איר חברטע דערקלערט די סיבה פֿון איר דערנעענטערונג צום פּערס — כ׳וועל זען יעדנפֿאַלס, אים צובינדן צו זיך. אויב מיר וועט אויסקומען זיך פֿאַנאַנדערצוגיין מיט טעאָן, אָדער אויב מיט טעאָן וועט עפּעס געשען, וועל איך האָבן ביי וועמען צו געפֿינען שוץ...

— דאָס איז אַ פֿיינע המצאה, נישטאָ וואָס צו זאָגן.

— טאַקע באמת? און ער וועט מיר נישט זשענירן. ער מאַכט אַ רייזע נאָר צוויי מאָל אַ יאָר. דערצייל נאָר נישט אַלץ, וואָס כ׳האָב דיר געזאָגט, טעאָן, דו הערסט!

אין צען טעג אַרום, אַרויסבאַקומענדיק אַלע קאָנטראַקטן, איז זשורדאַן, ענדלעך אַוועקגעפֿאָרן ווייטער צוזאַמען מיט פּרעוואַלן.

אין אָוונט זענען זיי אַרויסגעפֿלויגן אויף אַן אַעראָפּלאַן קיין סאַלאָניקי.

ספּי און סטיענעט האָבן געוואָלט אַהין אָפּפאָרן אויפן אויטאָמאָביל,

צום ־רגנס האָט זי טעלעגראַפירט אַלעקסאַנדערן:

„כ'וועל מיטוואָך זיין אין האָטעל גראַנד־גרעס."

VI

פאַרענדיקנדיק איר טואַלעט, האָט ספּי געוואַרט אויף איר פריינט ביים אָפענעם פענסטער, פון וועלכן ס'האָט זיך געעפנט אַ שיינע פּאַנאָראַמע אויפן פּאָרט.

זי האָט געקוקט און זיך נישט געקאָנט אָנקוקן אויף די שלאַנקע פּאָרמען פון די יאַכטן, אויף די בלויקייט פון עגאישן ים און אויף די שפּיצן פון די פּיאָלעטע בערג.

בעת זי איז געשטאַנען אַזוי פאַרטראַכט, האָט אין צימער אָנגעקלאַפּט אַ האָטעל-דינער און איר מיטגעטיילט, אַז אויף איר פרעגט אַ הער מיטן נאָמען לעוויסקאָ.

ספּי איז באַלד אַראָפּגעלאָפן אונטן און זי האָט זיך אַזוי דערפרייט דערזעענדיק לעוויסקאָן זיצן אין פאָדערצימער אין אַ פאָטעל, אַז פלוצלינג, אַ דריק טוענדיק אים די הענט, וועלכע ער האָט איר אויסגעשטרעקט, אויפהייבנדיק זיך שנעל פון פאָטעל — האָט זי אים אַ צי געטון צו זיך.

זיי האָבן זיך פריינטלעך צעקושט.

בשעת-מעשה איז און פאָדערצימער דורכגעגאַנגען זשורדאַן און ער האָט אין זייער צעקושן זיך איינגעזען, אַז דאָס איז געווען אַ באַגעגעניש פון צוויי זייער נאָענטע פריינט און די באַגעגעניש זייערע איז געווען נישט בלויז אַ באַגעגעניש פון נאָענטע מענטשן, נאָר זי האָט אויך געהאַט אַ ספּעציפישן בייטעם.

— איך דאַרף אייך היינט האָבן, מאַדמואַזעל, — האָט ער טרוקן געלאָזט פאַלן, מיט פאַראַכטונג פאַרבייגנדיק זיך פאַר

לעווּיסקאָן... — אָ! נישט באַלד... און אַ האַלבע שעה אַרום.

אָפּרייידנדיק זיך צו עסן מיטאָק צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדערן און פּרעדריקען, — זיי האָבן מאָרגן געדאַרפט אַוועקפאָרן אויף עטלעכע טעג קיין ביטאָליע, אויף דער סערבישער טעריטאָריע, וווּהין עס האָבן זיי געצויגן דערינערונגען, נאָך שטאַרקער ווי די נויטווענדיקייט צו רעמאָנטירן דאָס הויז פון די עלטערן, — האָט ספּי מיט אַ שווער געמיט זיך אויפגעהויבן צו זיך צוריק.

זשורדאַן האָט אויף איר געוואַרט אין סאַלאָן פון זיינע אַפּאַרטאַמענטן, וווּ ער האָט איינגעאָרדנט פּרעוואַלן, אויף צו אַרבעטן ביי איין טיש און ספּין, ביים אַנדערן טיש.

זשורדאַן און ספּי זענען געווען אַליין, ווייל פּרעוואַל איז אַוועק אין באַנק.

זיצנדיק פאר זיין טיש, אַ פריילעכער און לוסטיקער, האָט זשורדאַן איר דערלאַנגט אַ דעפּעשע.

— אָט האָב איך דאָ אָנגעשריבן אַן ענטפער. שרייבט עס איבער אויף דער מאַשין... — ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון זיין האַנט דעם בויגן פּאַפּיר... — איר שטויסט מיך אָפּ פון זיך! — האָט ער אַ בורטשע געטון, — איר... — איר מיינט, אַז איך זע נישט און ווייס נישט, — נו, אַז אייך איז עס ליב, איז מיר ניחא, אין אַ מזלדיקער שעה.

ספּי האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן, אַז דאָס מאַכט ער אַ רמז אויף לעוויסקאָ און אַז ער האָט באַקומען דעם איינדרוק, אַז זי און לעוויסקאָ זענען מער ווי גוטע פריינט...

— אָבער צווישן מיר און מאָסיע לעוויסקאָ איז נישט פאַראַן גאָרנישט! אַן אויפריכטיקע פריינטשאַפט דאָס אַלץ און נישט מער.

— אַזוי מיינט איר? דערציילט אייער באָבן... ער איז נאָך אַהער נישט אַריינגעדרונגען?...

זשורדאַן האָט אַ ווייז געטון מיט דער האַנט אויפן אָרט, ווו ס'געפינט זיך דאָס האַרץ.

זיינע ווערטער און זשעסט זענען געווען אַזעלכע גראָבע, אַז זי האָט זיך דערפילט שרעקלעך געטראָפן און באַליידיקט.

שורדאַנס ווערטער האָבן איר אַ שטאָך געטון אין עמפינדלעכסטן אָרט פון איר צערטלעכער נשמה.

נאָר די ווייטערדיקע ווערטער זיינען געווען נאָך מער ציניש און ממילא נאָך מער שרעקלעכערע...

— עקשנטע !... (זשורדאַן האָט זיך אויפגעהויבן און זי אַרומגענומען...) זי שלאָפט מיט אַן אַנדערן און פון מיר דרייט זי זיך אַרויס אונטער פאַרשידענע תירוצים און אויסריידן, מאַכנדיק אַן אָנשטעל פון אַ צניעה !

ספּי האָט אַזאַ שטאַרקן געשריי געטון, אַז עטיענעט האָט אין דער זעלבער רגע געעפנט די טיר פון איר צימער.

ספּי האָט געוויינט.

טאַ האָט געפרוווט אָפּנאַרן עטיענעטן, נאָר עטיענעט איז געוואָרן שטאַרק אין כעס. זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, און וואָס דאָ האַנדלט זיך און וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

— פון איצט אָן, דבר־אחר איינער, וועל איך שוין איינפירן אַן אַנדער אָרדנונג. און איך, נאַר, גלייב אים, אַז ער איז מיר טריי און האָט ליב בלויז מיך אַליין... און מיינע יאָרן, מיט מיין פיגור, וואָס דערוועקט דעם באַגער ביי אַלע מאַנספּערשוינען!... און, נאָך אַלעמען ווילט זיך דיר פאַרפירן מיין חברטע ! כ׳פאַרשטיי, פאַרוואָס איר זענען נישט געפעלן דיינע היגטישע שטיק... (זי האָט אַרומגענומען ספּין פאַרן האַלדז)... דו ביסט מיר, ספּיעלע, איצט געוואָרן נאָך ליבער און טייערער. נישט אָפּט באַגעגנט מען אַ חברטע, וואָס זאָל נישט האָבן דעם חשק אָפּצוריידן דעם צדאָראַטאָר און אים אויסכאַפּן ! באַטראַכט נאָר : איך וואַרף אָפּ דעם פאָרשלאַג פון ריזאַ־כאַן, וועלכער גייט ממש אויס פאַר מיר און וויל מיט מיר חתונה האָבן, אָפּשרייבנדיק מיר זיין גאַנצן מאַיאָנטעק ! נו, זאָג אַליין, בין איך נישט אַ בהמה, וועלכער מ׳דאַרף געבן קלייען ? און דאָס אַלץ טו איך, כדי זיך מקריב צו זיין פאַרן דאָזיקן עלעפאַנט !... און ער טוט נאָך אָפּ אַזעלכע מאוסע מעשים ! נו, איצט וועל איך שוין נישט זיין אַזאַ נאַר, ווי ביז איצט. איצט וועל איך שוין האַנדלען גאָר אַנדערש. כ׳וועל שוין וויסן, וואָס צו טון און ווי אַזוי צו טאָן זיך צו נעמען!...

ספּי האָט געבעטן אַ דערלויבעניש אַרויפצוגיין צו זיך נאָך איידער מ׳וועט ענדיקן דאָס מיטאָק, כּדי זיך צו באַרויִקן און קומען צו זיך.

ווען זי האָט זיך שפּעטער ווידער באַגעגנט מיט עטיענעטן און זשורדאַנען, זענען זיי שוין ביידע ווידער געווען „קוצעניו־מוצעניו״, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען... זיי האָבן ביידע געשײַנט פון גליק און נחת.

ספּי האָט געבעטן, מ׳זאָל איר געבן אורלויב אויף עטלעכע טעג, ווײַל זיי האָבן סאַי ווי סאַי געדאַרפט בלײַבן אין כאַלאַניקי אַ גאַנצן חודש.

דער אורלויב וועט איר געבן די מעגלעכקייט צו מאַכן אַ רײַזע מיט אירע פרײַנט קיין ביטאָליען.

— דו דאַרפסט איר געבן אַן אורלויב — האָט עטיענעט געזאָגט צו זשורדאַנען — און זיך אַנטשולדיקן פאַר איר! כ׳פאָדער עס פון דיר.

פילנדיק זיך שולדיק און באַדויערנדיק, וואָס... ער האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג, איז זשורדאַן אויף דעם איינגעגאַנגען און האָט געטון, וואָס עטיענעט האָט אים געהייסן.

באַקומענדיק איר פּאַספּאָרט, איז ספּי אַוועקגעפאָרן, נישט געזעגנדיק זיך מיטן גראַבן יינג.

ווען אַלעקסאַנדער האָט זיך דערוווּסט — נישט וועגן די פּרטים פון דער ווילדער סצענע: זי האָט עס אים נישט געקאָנט דערציילן, נישט ווערנדיק פאַרברענט פון בושה, — נאָר וועגן דעם, אַז ספּיס שעף „באַהאַנדלט זי נישט מיט קיין געהעריקן דרך־ארץ און אַכטונג״, האָט זי נישט געקאָנט אין זיך דערשטיקן דעם אָנפאַל פון צאָרן.

— בלײַבט נישט ווײַטער בײַ אים, מײַן פרײַנט, כ׳בעט אײַך מיט מיר צוריקפאָרן קיין מאַרסעל.

— כ׳קאָן אים נישט לאָזן אין אַ פאַרלעגנהייט אין אַזאַ קאָמישער לאַגע צוליב מײַן חברטע עטיענעט. ער דאַרף מיך דאָ בייטיק. זײַט זיכער, אַז איך האָב אויף זײַן ווילדער האַנדלונג רעאַגירט ווי עס געהער צו זײַן און אים געזאָגט אַ פּאָר האַר.

בע ווערטער. נאָר לאָמיר מער וועגן דעם נישט ריידן! ווען איר וואָלט געוווּסט, ווי מיר טוט הנאה, וואָס מיר זענען ווידער צוזאַמען... און וואָס אייערע געשעפטן גייען אַזוי, ווי איר האָט געוואָלט!

די נחלאות, וואָס ביידע לעוויסקעס האָבן געהאַט, זענען שוין געווען כמעט פאַרקויפט פאַר אַ סומע געלט, וועלכע האָט זיי ביידע געגעבן די מעגלעכקייט צוזאַמען מיט זייער אַרבעט, צו לעבן גאַנץ אָנשטענדיק. חוצדעם, האָבן זיי געלאָזן פאַר זיך אַ קליינע נחלה אין דער סביבה פון שטאָט, וועלכע פרעדריקע האָט אַזוי ליב געהאַט און ווו—נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די גריכן האָבן דאָרט איצט געהערשט, — עס האָט נאָך געשוועבט פּונקט ווי אין ביטאָם, דער גייסט פון איר קינדהייט.

ספּי איז געוואָרן לוסטיק און באַקומענדיק ווידער די באַאָבאַכטונגס־פעיִקייט, וועלכע זי האָט געהאַט אָנגעוווירן, האָט זי זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף דער וווּנדערבאַרער פאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט פאַר אירע אַנציקטע אויגן.

אַלעקסאַנדער האָט איר אַ נעם געטון פאַר דער האַנט.

פרעדריקע. — וועלכע האָט באַלד באַמערקט דידאָזיקע ליבהאַרציקע צערטלעכקייט, באַאָבאַכטנדיק דעם געבורט און אַנטשטייונג פון דעם, אָבער נישט אַרויסריידנדיק קיין איין וואָרט, — האָט אינערלעך אַ שמייכל געטון.

אַ מיסטישע נאַטור, נישט ווינציקער, ווי איר ברודער און ספּי, האָט זי אויף זיי געקוקט אָן איראָניע... דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון איר נאַציע, ביי וועלכער דער קולט פון פאַמיליען־לעבן שטייט אַזוי הויך, האָט פרעדריקע מיט צופרידנקייט און פאַרגעניגן באַאָבאַכט דעם געבורט פונם דאָזיקן בונד צווישן אַלעקסאַנדערן און ספּין.

וואָס מער זיי האָבן זיך דערווייטערט פון סטאַנציע, אַלץ מער האָבן פרעדריקען באַגייסטערט די ערד און דער הימל פון איר פאַטערלאַנד.

נאָך וואַרדאַם האָט דער צוג זייער זיך געטראָגן אי־

בער די סטעפּעס מיט אומגעהייער גרויסע פעלדער פון קאָרן, ווייץ און וויינגערטנער, פעלדער. וואָס זענען געווען באַזייט מיט איילבערטביימער און פייגנביימער. דערנאָך האָט ער זיך געטראָגן איבער אָליוונוועלדער.

— פּונקט ווי ביי אונדז — האָט ספי באַמערקט, — דער זעלבער פּייזאַזש.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט געסאָפּעט. זיי זענען אריינגעפאָרן אין א באַרגיקער געגנט.

אויפן האָריזאָנט, ביסלעכווייז אים איינשליסנדיק, האָט זיך אויסגעשיילט בערגצייגער, וועלכע האָבן אויפן אונטערגרונט פונם בלויען הימל אויסגעזען ווי בלויע גראַבעסקן.

אין ווערי זענען אין זייער קופּע אריינגעקומען נייע פּאַסאַזשירן.

פרעדריקע האָט פריילעך אויסגעשריען.

די נייע פּאַסאַזשירן זענען געווען אירע לאַנדסלייט, געבוירן אין ביטאָב, סלאַוואָ-בולגאַרן פון דער ריינסטער מאַקעדאָנישער ראַסע, וועלכע האָבן אין יאָר 1919 זיך בעסער אַסימילירט מיט די גריכן איידער צו בלייבן אונטערן שווערן יאָך פון די סערבן.

געהערנדיק צו דער מיטלער בורזשואַזיע, האָבן זיי געקאָנט אויסמיידן יענע באַליידיקונגען, וועלכע טרעפנדיק די באַשיידענע פּויערים אין דער זיבעטער ריפּ, האָבן געצווונגען די לעצטע צו עמיגרירן מאַסנווייז...

נאָך דעם ערשטן שלום-עליכם מיט דידאָזיקע לאַנדסלייט און נאָך דעם ערשטן אויסטויש מיט קעגנזייטיקע באַגריסונגען איז אַלעקסאַנדער און פרעדריקע אַריבער אויף דער מוטערשפּראַך.

ספי האָט זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך און איר האָט זיך שרעקלעך געוואָלט פאַרשטיין, וואָס זיי ריידן צווישן זיך. איר זענען אויך געוואָרן טייער און ליב די פּייזאַזשן, וואָס האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן פאַרן לויפנדיקן צוג און וואס זענען איצט געוואָרן גאָר ווילד,

נאָך אָסטראָווע — ווו דער וואַגאָן איז אינגאַנצן פּוסט גע־וואָרן, — האָט דער צוג אַלץ מער און מער אָנגעהויבן אַריינ־דרינגען אין אַ געגנט פון פעלזן און שלוכטן.

דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך. זיי זענען צו־געפאָרן צו דער לעצטער סטאַציע פאַר דער סערבישער גרענעץ:

פרעדריקע האָט אויסגעשריען:

— זעט נאָר, ספּי!

— וואָס איז דאָס?

פאַר אַ לאַנגן באַראַק מיט קוימענס און לעכער אָנשטאָט פענסטער, האָט געווימלט אַ מחנה אומגליקלעכע. אויסגעדאַרטע און אויסגעקוואַרטע פרויען מיט קעפּ, וואָס זענען געווען אַרומ־געוויקלט מיט ווייסע און שוואַרצע פאַטשיילעס, אויסגעמאַגערטע מאַנספּערשוינען אָן היטלען; קינדער פון יעדן עלטער; אַלע זע־נען געזעסן, געלעגן, געשטאַנען; זייגקינדער אין וויגעלעך, אָדער פּשוט פאַרוויקלט אין קאָלדרעס; דאָס איז געווען אַ מוראשקעס־הויפן, וועלכער האָט געשריען, געטומלט און זשעסטיקולירט. אין די פענסטער פון וואַגאָן האָבן זיך אַרויסגערוקט הענט, אויס־טוישנדיק זיך מיט אויסגעשרייען פון פרייד.

ספּי האָט זיך פּלוצלינג דערפילט פאַר אַ פרעמדע אין דערדאָזיקער סביבה.

אַלעקסאַנדער האָט זיך צו איר אַ קער אום געטון.

— דאָס זענען גאַנצע פאַמיליעס אויפן וועג אין גלות. טוט אַ קוק, מיין פריינט, און איר וועט פאַרשטיין אונדזער שנאה און וועט אויך פיינט קריגן אונדזערע אונטערדריקער.

אַביסל ווייטער, האַרט ביים וועג, האָט אַ גרופּע מענטשן, אָנגעטון אין טרויער — גלייכע און כמורנע שאַטנס זענען דאָס געווען — אַרומגערינגלט אַ מת, וואָס איז געלעגן אין אַ פאַל־טאַ. אַ פרוי איז געשטאַנען פאַרן מת אויף די קני און האָט געוויינט און געיאָמערט.

— אָט איז נאָך איינער, וועלכער וועט שוין מער נישט ליידן! — האָט פרעדריקע געזאָגט, — איצט פאַרשטייט איר שוין,

קליינע פראָנצויזין, פאַרוואָס איך בין נישט געווען עמפּינדלעך בנוגע די ליידן פון די מאַרסעלער אָרעמע־לייט, צוליב וועלכע איר האָט מקריב געווען אייער געזונט?

פאַר אַן אַנדער באַראַק זענען פונקט דעמאָלט אַרויסגע־גאַנגען הונדערט קינדער מיט דאַרע, ערנסטע און בלאַסע פּנימער.

— זעט! יתומים... (ביי איר זענען אַרויסגעטרעטן טרערן אין די אויגן)... אָרעמע, אָרעמע עופהלעך! מיט וואָס האָבן זיי זיך פאַרזינדיקט, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן זיי געטון, זיי זאָלן אַזוי ליידן?

דער צוג האָט זיי שוין איבערגעיאָגט.

אַ געריירטע ביז גאָר, האָט ספּי געשטעלט פאַרשידענע פראַגן מכּוח דעם גורל פון די אומגליקלעכע.

פרעדריקע האָט אַ זיפץ געטון:

— מ׳טרייבט זיי אַרויס צוזאַמען מיט אַלע. זיי האָבן זיך געראַטעוועט נאָך דער שרפה פון זייערע הייזער, נאָכדעם, ווי מ׳האָט דערהרגעט זייערע קרובים... וואָס וועט זיין מיט זיי? וויפיל אומגליקלעכע זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם רשעות פון עטלעכע מענטשן? איצט פאַרציייעט איר מיר שוין, מיין טייערע, פאַר דעם, וואָס איר האָט אָנגערופן מיין קאַלטקייט, מיין כלומרשט קאַלטע נשמה?

און אַ שוידער גייט איבער איבערן לייב ביים געדאַנק, אַז אין אַלע לענדער, ווי די רעגירונג איז נישט אַזוי ליבעראַל ווי ביי אונדז, אַז אומעטום קומען פאַר דיזעלבע אכזריותדיקע זאַכן!...

טורמעס און פייניקונגען, ערגערע ווי דער טויט, פאַר דעם, וועלכע־ באַגייט דאָס גרעסטע פאַרברעכן: ער וויל ווערן אַ פריי באַשעפעניש!

און אויך פאַר די, וועלכע קומען אָפּ און באַצאָלן אַזוי טייער פאַר דעמדאָזיקן פעלער: צו זיין, אַזוי ווי מיר, פּשוט, — יידן...

אַ נאַציע, וועלכע טויג שטענדיק אויף אויסצוראָטן זי,

לויט דער מיינונג פון עטלעכע קאטאליקן און פראוואסלאווגע?
ספּי האט, שווייגנדיק, ארומגעבומען פרעדריקען.

דער צוג האט זיך ווידער אפּגעשטעלט. זיי זענען געווען אין יוגאסלאוויען.

VII

ס'זײַנען פֿאַראַן פּעריאָדן פֿון עקזיסטענץ, פֿול מיט שטאַרקע דערשיטערונגען, אויף אַזוי פֿיל רײַך מיט אומגעריכטע געשעענישן, ווו דאָס טראַגישע פֿלעכט זיך דורך מיטן באַנאַלן, ווען דאָס שטילע און רויקע שײַנען פֿון דער נאַטור שטעלט זיך אויף אַנטקעגן דער געמײנער גרויזאַמקייט פֿון די באַשעפֿענישן, ווו די לײַדן פֿון אײניקע ווערט אַקעגנגעשטעלט אין אַ איראָניזירנדיקן היפּוך צו דער מהיכי־תּיתיקייט פֿון אַנדערע; — אַז ווען עס קומט אָן דער שטורעם־ווינט פֿון די דאָזיקע איבערלעבונגען בלײַבן די געשעענישן נישט פֿאַרשטענדלעך און אָפּטמאָל ווי פֿרעמד פֿאַר די, וועלכע האָבן זײ איבערגעלעבט.

ספּי האָט זיך צוריקגעקערט קײן גראָס, בעת זי וואָלט נאָך געדאַרפֿט זײַן אין סאַלאָניקי, — ווען ס'וואָלט זיך נישט אויפֿגעהויבן אַ קעגנזײַטיקער ווינט, וועלכער האָט מיט זײַן בלאָזן חרוב געמאַכט, צוזאַמען מיט זשורדאַנס פּראָיעקטן, די פּראָיעקטן פֿון אַלעקסאַנדערן און פֿרעדריקען.

זײַענדיק ווידער אין איר צימער, האָט ספּי געפּרוּווט ווידערשטעלן אין איר זכּרון די געשעענישן פֿון די לעצטע צוויי וואָכן.

אין ביטאָליע, אין הויז פֿון אַן אַלטער קרובֿה, ווו ס'איז געשטאָרבן די מוטער פֿון אירע פֿרײַנט, האָט זײ אויפֿן צווייטן טאָג געפּאַקט — סאַנטאַ.

דער אומגליקלעכער, דערוויסנדיק זיך, אַז זײ זענען אַוועק־

געפאָרן פון גראָס און מאַרסעל, האָט זיך באַלד געלאָזט זיי־ נאָכיאָגן, איבערזעצנדיק זיך מיט זיינע פאַלשע דאָקומענטן פון איין צוג אויף דעם אַנדערן...

ער איז על־פּי־נס אַריבער אַלע גרענעצן, האָט זיך אומ־ באַמערקט, דורכגעמאַכט דורך ביעלגראַד און סקאָפּיע, געצויגן דורך זיין אינסטינקט פון אַן אמתן שפּירהינט, אַהין, וווּ ער האָט געזאָלט באַגעגענען אַלעקסאַנדערן... קיין ביטאָליע. די בענק־ שאַפט נאָך דער היימאַט האָט געדאַרפט אַלעקסאַנדערן ברענגען אַהין, פּונקט ווי אים, סאַנטאָ, האָט אַהין געצויגן די בענק־ שאַפט פון ליבע.

ווען ער וועט דערהרגענען זיין ריוואַל, וועט אים נאָר בלייבן צו באַגיין זעלבסטמאָרד...

דערזעענדיק דאָסדאָזיקע געשפּענסט — סאַנטאָ האָט אויס־ געזען נישט ווי קיין מענטש, נאָר ווי עפּעס אַ געשפּענסט, — האָט אַלעקסאַנדער אַ וואָרף זיך געטון פאָרווערטס, כּדי צו באַ־ שיצן די פרויען... אַלעקסאַנדער האָט באַלד פאַרשטאַנען מיט וואָס פאַר אַ צוועק סאַנטאָ איז אַהערגעקומען, און אַלעקסאַנדער האָט נישט געהאַט קיין טעות...

ס׳איז אַנטשטאַנען אַ שטילער קאַמף, וועלכער איז גיך אַרי־ בער אין געשרייען פון ווילדן צאָרן, דערנאָך אַ רעוואָלווער־ שאָס: די קויל האָט געטראָפן אַלעקסאַנדערן אין פּלייצע...

פּלוצלינג האָט מען אויפגעבראָכן די טיר... און אין צי־ מער האָבן זיך אַריינגעריסן פּאָליציאַנטן...

סאַנטאָ, וועלכן מ׳האָט שוין לאַנג נאָכגעשפּירט, איז אַריינ־ געפאַלן אין דער פּוליצפקע, וועלכע ער האָט זיך אַליין געמאַכט...

בחינם האָט אַלעקסאַנדער געפּרוווט אים פאַרטיידיקן; דער־ קלערנדיק, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ פּשוטע מחלוקה. ער האָט די פּאָליציאַנטן דערביי געוויזן זיין אייגענעם גריכישן פּאַס, — ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן און סאַנטאָ האָט זיך אַזוי אַרום, אַליין „פאַרשאָטן".

די פּאָליציי־אַגענטן האָבן אים אָנגעטון קייטן אויף די הענט.

דאַן האָט סאַנטאָ, אָפּשטופּנדיק דעם פּאָליציי-אַגענט, וועל־כער האָט אים אַ נעם געטון פאַר דער האַנט, אַ שפּרונג אָפּגעטון צוריק און, נישט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט, נישט אַ קוקטוענדיק נישט אויף אַלעקסאַנדערן און נישט אויף ספּין, אויס־געשאָסן אין זיך אין שלייף...

ספּי איז קוים געקומען צו זיך פון שרעק, זעענדיק זיין צעשמעטערטן שאַרבן...

אַלעקסאַנדערן האָט מען באַפרייט ערשט אויפן צווייטן טאָג באַגלייטנדיק זיי אַלע דריי ביז דער גריכישער גרענעץ.

אַ טרויעריקער צוריקער איז דאָס געווען...

אַלעקסאַנדערן האָט מען באַלד אַרויסגעגעבן זיער סאַלאָ־ניקער מאַכט אַלס אַ געפערלעכן מענטשן, וואָס האָט זיך באַ־טייליקט אין פּאָליטישע אינטריגעס קעגן דער סערבישער רע־גירונג. ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די טעריטאָריע מיט דער ערשטער שיף, ווען נישט, וואָלט די גריכישע מאַכט זיך גענו־מען צו אים און דאַן וואָלט אים קיין צרות נישט געפעלט און ער וואָלט מיאוס אָפּגעשניטן.

ספּי איז ווידער געלאָפן מיט פרייד צו דער שיף, וואָס איז אָפּגעגאַנגען קיין מאַרסעל.

זי האָט זיך געאײַלט מיטצוטיילן אירע פריינט אַ ווונדער־לעכע ידיעה: מ׳האָט זשורדאַנען דרינגענדיק אַרויסגערופן קיין פּאַריז צוליב דעם, וואָס דאָס מיניסטעריום איז געפאַלן.

אויב ער האָט נישט געקאָנט העלפן, אַז ס׳זאָל זיך ווײַ־טער האַלטן דער פּאָליטישער קורס, וועלכער האָט פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די באַנען, טאָ זאָל ער כאָטש מיטהעלפן דעם אויסוואַל פון אנדערע פּאָליטיקער, וועלכע זאָלן זיין פאַר דער גרויס-אינדוסטריע אַ גאַראַנטיע און פאַרשטעלן מיט זיך אַ מי־נימום פון ריזיקע פאַר איר.

וואָס שייך דער פּראָיעקטירטער הלוואה פון פינף מיליאָן דאָלאַר פאַר דער גריכישער רעגירונג מיט דער גאַראַנטיע פון דעם מאָנאָפּאָל אויף זאַפּלקעס, האָט זיך דער עסק געפינען אין זיכערע הענט און געהאַלטן גוט,

זשורדאן איז אינדערפרי אוועקגעפלויגן אויף אן עראָפּלאַן קיין פּאריז צוזאמען מיט פּרעוואַלן.

עטיענעט האָט בשום־אופן נישט געוואָלט מאכן די רייזע קיין פּאריז אויף אן עראָפּלאַן, אויף וואָס ספי וואָלט גערן איינגעגאַנגען...

זיי זענען ביידע אָפּגעפאָרן קיין פּאריז מיטן ערשטן שנעלצוג, כדי צו באוויזן זיך איבערצוזעצן אויפן אָריענט־עקספּרעס.

דער שאָפער וועט אליין אוועקפירן מיט זשורדאנס פיאַט־אויטאָ.

מיד און אויסגעמאַטערט פון דער רייזע, האָט זיך ספּי צוגעלייגט, נישט עפנענדיק אַפילו איר וואַליזע. און צומאָרגנס, געבנדיק איר פעטער א דעפּעשע, אַז זי איז געקומען צופאָרן, האָט זי זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט.

זשורדאַן, וועלכער איז ווידער געוואָרן אַן אויפמערקזאַמער און העפלעכער שעף, האָט איצט אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געווען קיין אַנדערער... ער האָט זיך געהאַלטן אָנשטענדיק און קאָרעקט ביז גאָר. ער האָט ספּין געהאַלטן פאַר א נוצלעכער, הגם אפשר נישט קיין אָנגענעמער, מיטאַרבעטערין.

זשורדאַן האָט אויך געהאַט פיל אויסצושטיין פון עטיענעטן, וועלכע האָט פאַר דער צייט פון ספּיס אָפּוועזנהייט אים נישט אויפגעהערט פאָרצוואַרפן פאַר זיין האַנדלונג בנוגע ספּין. עטיעטעט האָט זשורדאַנען אויך געשטאָכן די אויגן מיטן פּרעכטיקן בריליאַנטענעם בראַסלעט מיט טייערע פּערל, וועלכן זי האָט באַקומען א מתנה פון ריזאַ־כאַן. און ועל־כולם האָט זי אים נאָך געדראָט, אַז זי וועט פון אים אַוועק.

די כיטרע עטיענעט האָט שטאַרק אויסגענוצט דידאָזיקע צוויי פאקטן — זשורדאַנס „פלירט“ מיט ספּין און ריזאַ־כאַנס קאָסטבאַרע מתנה — און זיי האָבן איר געהאָלפן צו פאַרשטאַרקן איר מאַכט איבער זשורדאַנען.

— ער וועט מיט מיר התונה האָבן, די וועסט שוין זען, — האָט זי פאַרזיכערט איר חברטע ספּי, ווען זיי זענען געקומען

צופאָרן קיין גראָס, — זאָרג זיך נישט, ער וועט זיך שוין פון דעם נישט אַרויסדרייען.

די צייט האָט זיך שוין אָנגעהויבן ווייזן פאַר ספּין צו לאַנגזאַם און אָן אַ סוף. נאָר אין צוויי טעג אַרום, נאָכדעם, ווי איר פעטער, וואָס האָט זי באַזוכט, האָט זיך שוין צוריקגעקערט אַהיים, האָט זי באַקומען דעם בריוו, אויף וועלכן זי האָט מיט אַזאַ אומגעדולד אויסגעקוקט.

אַרייַנגעוואָרפן אין פּאָסט-קעסטל אין מעסין איז דער בריוו אָנגעקומען קוים אין אַ מעת-לעת אַרום. אין זיין בריוו האָט אַלעקסאַנדער אויפגעגעבן די צייט פון זיין אָנקומען, דאָס, און פאַרשידענע אָנגענומענע דעריגערונגען, זענען פאַר ספּין געווען אַן אמתער נחת-רוח.

טייערער פריינט — האָט אַלעקסאַנדער אָנגעהויבן זיין בריוו, — אויב דער ים וועט בלייבן רויק, האָף איך צו זיין זונטאָג אין אָוונט אין גראָס. איך רעכן, אַז אָנקומנדיק קיין מאַרסעל, וועל איך דאָרט טרעפן אַ בריוו פון מיין שוועסטער און זיך דערוויסן, ווען זי וועט צוריקקומען. כ׳רעכן, אַז מיר וועט מער נישט אויסקומען אייך איבערצולאָזן... וואָסער שרעקלעך געשעעניש! איך בין געווען אַזוי גליקלעך, וואָס כ׳האָב אייך געקאָנט ווייזן מיין היימאַט... אָרעמער סאַנטאָ! ער איז דאָך אומגעקומען צוליב אונדז! איך באַוויין אים, ספּי. איך פאַרברענג די טעג און די נעכט אין שלאָגן זיך על-חטא. קענענדיק פון די קינדערשע יאָרן אָן מיין קוזינס כאַראַקטער, וואָלט איך געדאַרפט אים בעסער באַהאַנדלען, ווייל איך בין געווען גליקלעכער פאַר אים. כ׳האָב געצווייפלט, אַז דערוויסנדיק זיך וועגן אונדזער אָפּפאָרן, וועט ער איינשטעלן זיין לעבן, כדי צו פּרווון אונדז צו צעשיידן. די איינזאַמקייט און דאָס ארומגיין ליידיק, וועלכע פאַרביטערן מיר אַזוי דאָס לעבן און בעלעסטיקן מיין

הארץ, גיבן מיר די מעגלעכקייט אָפּצושאַצן און פאַרשטיין אַלע פעלער, וועלכע איך בין אַמאָל באַגאַנגען. באַטראַכט נאָר, ווי שווער און ביטער עס איז — אַפילו נישט אַזאַ שלעכטן מענטשן ווי איך — צו ווערן אַ תּליון פאַר אַנדערע. מיר זענען געווען מחויב, — מיר מאַקעדאָניער, — אָפּצוהיטן איינעם פון אונדזערע העלדן, נאָר מיר האָבן אים פאַרראַכט, מיר האָבן אים פאַרלאָזן, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין הצלחה אין זיין ליבע. קליינינקע ספּי, איך באַדויער זייער וואָס איך האָב בנוגע אים נישט געטון מיין חוב. און כ׳מוז זיך מודה זיין, כדי צו בלייבן ערלעך, אַלס מענטש. וואָס באַמיט זיך אַליין נישט צו פאַרלירן, — אַז נאָר דער פאַקט, וואָס ער קאָן שוין נישט זיך שטעלן צווישן אונדז ביידן, האָט מיר געעפנט די אויגן... כ׳האָב נישט געהאַט און האָב מער נישט קיין אַנדער געדאַנק, אַ חוץ איינעם, איר ווייסט דאָך וועלכן... אייך צו זען ווידער סוף היינטיקער וואָך, — איז פאַר מיר אַזאַ גרויס פאַרגעניגן, אַז איך גיי כסדר איבער פון צער צו פרייד! כ׳האָב אייך ליב, ספּי. כ׳ווייס, אַז איר האָט מיך אויך ליב מיט איבערגעבנקייט שטרעק איך אויס די הענט צו אייך, מיין פריינט.

אייער אַלעקסאַנדער.

ספּי האָט זיך פאַרטראַכט און זיך אַליין געפרעגט, צי זי פאַרדינט אַ פאָרוואורף אין צוזאַמענהאַנג מיט סאַנטאָס טראַגישן טויט. נעמענדיק אין אַכט אַלע אומשטענדן פון זיין ליבע צו איר און זיין ווילדן אַרט האַנדלען, איז זי געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז נישט זי און מכּל־שכּן שוין אַלעקסאַנדער פאַרדינען נישט קיין שום פאָרוואורף און זענען אין זיין טויט לגמרי נישט שולדיק. איר האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס סאַנטאָס אייפערזוכט האָט דערלאָזט און חושד געווען, אַז זי און אַלעקסאַנדער געפונען זיך אין פיזישע אינטימע באַציונגען, בעת

אינדערעמתן זענען זייערע נאָענטע באַציונגען געווען בלויז גייסטיקע?... זי האָט סאַנטאָן באַדויערט, ווי מען באַדויערט יעדן, וועמען דער גורל האָט אָנגעצייכנט צו האָבן אַ שלעכטן סוף.

אַפילו געניע גופא, וועלכע האָט איר, אַ טאָג פאַר דעם, אָנגעשריבן, כּדי זי צו וואָרענען וועגן איר קומען, — זי האָט זיך מיט איר געוואָלט געזעגענען פאַר איר אָפּפאָרן קיין מאָסקווע — אַפילו געניע גופא זאָגט וועגן סאַנטאָן:

— אים האָט זיך קיינמאָל קיין זאַך נישט איינגעגעבן. אַ שרעקלעכער לאָ-יצלח איז דאָס געווען. ער האָט גוט געטון, וואָס ער האָט געמאַכט אַ סוף פון זיין קאַליע געוואָרענער עקזיסטענץ...

ספּי האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער:

שוין צייט צו פאָרן צו דער באַן, מקבל-פּנים זיין געניען! אוריקוועגס וועלן זיי אַריינגיין צו עטיענעטן. דער שעף האָט זיך, אויסנוצנדיק, וואָס ס'איז שוין סוף-וואָך, אַריינגעכאַפּט קיין פּאַריז... זיי זענען, אַזוי אַרום, ביידע געווען פריי!

איצט, פאַרנעמענדיק זאַלבעדריט די גאַנצע ברייט פונם טראָטואַר, לוסטיק לאַכנדיק, האָבן זיי זיך צוריקגעקערט פון דער קאָנדיטאָריי, וווּ ספּי האָט אינדערפרי באַשטעלט די טשאָסקעס, וועלכע געניע האָט ליב. עטיענעט, פאָרנדיק מיט אירע פּעקלעך, איז געווען אַזוי גליקלעך, אַז זי איז גרייט געווען צו טאַנצן פון פרייד. איר האָט הנאה געטון, וואָס זי איז כאָטש אויף אַ געוויסער צייט פריי געוואָרן פונם גאַנצן לוקסוס, — פונם שאָפער, פונם אויטאָמאָביל און „אַלץ מיטאַנאַנדער". זי האָט געהאַלטן ספּין אונטער דער האַנט. מאַכנדיק דעם איינדרוק מיט איר שטיפערישן אויסזען נעבן דער מיושבדיקער און קוים שמייכלענדיקער געניע — כּמו אַ שילערין נעבן איר גוּווערנאַנטין... זייער לוסטיקייט, — זיי זענען געווען גליקלעך, וואָס זיי זענען אַליין אָן מאַנספּערשוינען און אָן הינטערגעדאַנקען, — איז נאָך מער אויסגעוואַקסן אין קליינעם צימערל, בעת זיי האָבן אויפגעפּראָפּט אַ פלאַש פּאָרטווייַן:

— אַזוי! פּאַרטיק!

עטיענעט האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף דער אָטאָמאַנע נעבן ספּין, וועלכע געניע האָט אַ־גפּעלמיק באַקוקט:

— כ׳מוז אייך זאָגן גאַנץ באַשטימט, אַז איר געפעלט מיר עפּעס נישט: איר זייט, דאַכט זיך, ווידער געוואָרן בלאַס פון בלוטאָרעמקייט, מיין קינד!

— דאָס איז פון ליבע, — האָט זיך אָפּגערופן עטיענעט, איינגראָבנדיק זיך אין די קישנס.

האַלטנדיק אַ פּאַפּיראָס אין דער האַנט, האָט געניע גע־קוקט אויפן רויך, וועלכער האָט אויסגעוויזן, אַז ער וועט פאַר־וואַנדלט אין צייכנס, איידער ער ווערט פאַרשוווּנדן...

— איר ווילט זאָגן: איר בלאַסקייט דאָס איז אַ סימן, אַז זי האָט נישט צו טון מיט דער ליבע? יאָ, איך בין אין דעם זיכער!

אַביסל פאַרשעמט האָט ספּי זיך צעלאַכט:

— מיר פעלט גאָרנישט.

— כ׳זאָג אייך, אַז איר דאַרפט... טון.

—ס׳הייסט?

— זאָגט, וואָס איר ווילט, נאָר ס׳איז אומנאָרמאַל, וואָס אַזאַ שיין מיידל, ווי איר, זאָל דאַרן. אין אייער גוף איז פאַ־ראַן אַ פאַרראָסט געוואָרענער מעכאַניזם. שוין צייט, אַז אַלעק־סאַנדער זאָל צוריקקומען און אייך באַפרייען פון דער צניעות־דיקייט, וואָס מאַכט פון אייך אַ תל!

עטיענעט האָט ליאַרעמדיק טריומפירט:

— זעסטו!... און די טענהסט, אַז איך בין נישט גערעכט, ווען איך זאָג, אַז פרויען דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט ליבע!

— ס׳הייסט — נישט צוגעבנדיק דעם אַקט קיין באַדייטונג, וועלכע ער האָט נישט; כל־זמן די פראַגע וועגן קינדער ווערט נישט אַקטועל, — דאַרף די פרוי, ווירקלעך, צוליב דעם גלייכ־געוויכט פון איר געזונט, זיך פאַרנעמען מיט ליבע.

— און אויך צוליב פאַרגעניגן!... ד׳ו הערסט?

— יאָ, יאָ...

— דו האָסט דאָך דאָס נישט אויסגעמיטן אַמאָל און ביסט פון דעם נישט אַנטלאָפן...

ספּי האָט אַריינרוקנדיק די פינגער אין די געלבלעכע לאָקן פון איר חברטע, אַ זיפץ געטון:

— כ'בין געווען יינג!

— און איצט. ביסטו דען שוין אַזוי פאַרעלטערט געוואָרן?

בלייבנדיק ערנסט, האָט זי געניצן געענטפערט:

— צו וואָס... „טון", ווען די גלייבסט נישט אין דער נייטיקייט פונם אַקט? דער פאַקט, וואָס די חיות און בהמות וואַרפן זיך אונטער דעם סעקסועלן אינסטינקט, פליסט אַרויס און איז אַ פועל־יוצא פון זייער נאַטור. און איך פאַרשטיי עס: זיי זענען חיות און בהמות און אַזוי איז שוין זייער נאַטור. אָבער די מענטשלעכע באַשעפענישן...

זי האָט זיך פאַרטראַכט. עטיענעט האָט אויסגעשריען:

— אַזוי. ווען מ'זאָל האַלטן פון דיין טעאָריע, וואָלט אויסגעקומען, אַז די וועלט וואָלט איינגיכן זיין באַזעצט בלויז פון בהמות און חיות, אַזוי ווי ס'איז געווען גאָרביים אָנפאַנג, און די מענטשהייט וואָלט איינגיכן אונטערגעגאַנגען!

— מ'קאָן צו דעם יאָ שטרעבן, אָדער נישט, נאָר שטענדיק וועלן זיך געפינען מענטשלעכע באַשעפענישן, וואָס וועלן זיך, פונקט ווי די חיות און בהמות, פאַרגעמען מיט ליבע און האָבן קינדער! די נאַטור וואַרט נישט. נישט אויף אונדזער מיינונג און נישט אויף אונדזערע געזעצן, כּדי זיך צו באַנייען. כ'האַלט פאַר לעכערלעך כּלומרשט די אויפגעקלערטע, וועלכע זאָרגן זיך, אַז דער מענטשלעכער מין זאָל זיך פאַרגרעסערן אַז ער זאָל זיך פרוכפּערן און מערן!... דאָס וואָלט געווען ענלעך צו רעם למשל, ווי אַ זאַמדעלע וואָלט געוואָלט אָנפירן מיט די ים־כוואַליעס.

עטיענעט האָט מיט אַנציקונג געקוקט אויף ספּין:

זי וואָלסט געדאַרפט ווערן אַן אַדוואָקאַט, דאָס וואָלט געווען דייַן אמתער באַרוף!

און דערנאָך האָט זי זיך אַ קער אום געטון צו געניען וועלכע האָט פאַרגעזעצט די אַנטוויקלונג פון איר געדאַנק:

— ס'האַנדלט זיך נישט אין דעם. אין אייערע טרוימען פון פאַנטאַזיעס איז נישט פאַראַן קיין גאַנצקייט. און אין אייערע יאָרן איז דאָס נישט גאָר נאַטירלעך... אַפילו נאָך אַ טיפן טרויער. אַ געוויסע צייט האָב איך געהאָפט, אַז איר וועט ליב קריגן אַלעקסאַנדערן.

— כ'האָב אים ליב מיט דער גאַנצער נשמה!

— אויב אַזוי, בראַוואָ! אייער דיעטע-צייט וועט זיך איינגיכן ענדיקן.

— נאָר כ'וועל אים נישט געהערן... קערפּערלעך.

עטיענעט האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— אָ! אַ רחמנות אויף אים כ'לעבן!... ווען מ'האָט עמעצן ליב, מיין טייערע...

(זי האָט גענומען אַ שאָקאָלאַד-רערל און פון דעם אָפּגעלעקט דעם קרעם,) האָט מען אים ליב מיט אַלעמען, מיט לייב און לעבן... ווען איך האָב אַ געליבטן, וועלכער געפעלט מיר, האַלט איך אויך, אַז איך האָב אים ליב מיט דער גאַנצער נשמה... אויב ער פאַרשאַפט אַסך הנאה מיין גוף.

— דאָס איז מעגלעך. מיין אידיאַל איז נישט ענלעך צו דיינעם און מער גאָרנישט.

געניע האָט זיך, ווי אַ קאַץ, צוגעלייגט אויפן עק אָטאָמאַנע.

— וואָס איז עס פאַר אַ מענטש? זאָגט! ער האָט מיך פאַראינטערעסירט. איך, ספּי, פאַרנעם זיך מיט ליבע גאָר אַנדערש: מיט אַ געזונטן, נישט פאַרנעפּלטן קאָפּ, — ווי מיט ספּאָרט, ווייל נאָכדעם פיל איך זיך מער פרייער...

עטיענעט האָט זיך פאַרטיידיקט:

— איר מיינט אַזוי? איר האָט מורא זיך מודה צו זיין, אַז איר זענט אויך אַזאַ שקלאַפין ווי איך. לאָזט צורו מיט אייער מאָדנע פירושים אויפן פרק ליבע! ווען אייך האַלטן פעסטע

הענט, קאָן איך גיין אין אַ געוועט — זענט איר הכנעהדיק און ליבהאַרציק, ווי אַנדערע פרויען.

— ניין. אַ פריינט, אַזוי ווי איר פאַרשטייט און ווי איר באַגרייפט, אַזעלכן ווייס איך נישט און פאַרשטיי אים נישט. דאָס איז דאָך אַזוי ווייט פון אונדזער מיוחסדיקייט און אויסגערעכנטקייט; פון אונדזער טבע צו לעבן לויט די אָנווייזונגען פון אונדזער שכל. אונדז קומט פאָר אַזוי לעכערלעך אייערע מעשיות מיט סענטימענטן. מיר, פאַרשטייט איר מיך, טוישן זיך אויס מיט אונדזערע באַדערפענישן, — אָן לעכערלעכע קאָמפּליקאַציעס... זייט דער רעוואָלוציע, זייט מ'האָט אַרויסגעגעבן נייע געזעצן. וועלכע באַשיצן אַזוי גוט די רעכט פון דער פרוי, מוטער און קינד, קומען ביי אונדז מער נישט פאָר קיין ווילדע סענטימענטאַלע דראַמעס... אַזוי אַרום איז קלאָר, אַז ווען איך עצה איר טוין, איז דאס פאַר איר אייגענער טובה: זי זאָל זיך פאַנאַנדערבליען, און פאַר איר שיינקייט.

— איך האָב נישט אין דעם קיין ווונטש און נישט קיין באַדערפעניש, — האָט זיך ספּי אָפּגערופן.

— איר רעדט וועגן אַ פענאָמען! האָט סטיענעס געלאַכט.

— עס זענען, בלי־ספק, פאַראַן מער מענטשן, ווי דו מיינסט, וועלכע זענען, — פונקט אַזוי ווי איך — איבערצייגט, אַז דער סעקסועלער אינסטינקט איז נאָר אַן איבערבלייבעניש פון אונדזער עקזיסטענץ אַלס בהמות און חיות.

סטיענעס, האַלטנדיק די דאָזיקע דערקלערונג פאַר אַן אַמוזירנדיקע און אַ ביסל אַ לעכערלעכע, האָט זיך שטיפעריש געשלאָגן מיטן קאָפּ אין די קישנס.

— בהמות און חיות, זאָגסטו?... קליינינקע חיות אין אַזאַ פאַל. דו ביסט, אַפנים, געווען עפעס אַ מין האָניאָקאָק, ווייסט דאָך, וואָס דאָס איז אַזויגס; אַ הינערשע לויז! דער סעקסועלער אינסטינקט ווייסט ביי זיי נישט און האָט קיינמאָל נישט געוווסט פון קיין מיגרען!...*)

*) קאַפּוויטאַק.

זי האָט געלאַכט אַזוי שטאַרק, פאַררייסנדיק די פּיס,
אַז ס'האָט איר אָנגעהויבן שטעכן אין די זייטן.

— הער אויף, טיענו, זיך צו מאַכן צו נאַר!...

געניע האָט, אַרויפלייגנדיק איר די האַנט אויף דער קני,
זי באַרויקט.

— איר, ספּי, גלייבט, הייסט עס, אויך, אַז מיר האָבן
בלויז איין עקזיסטענץ, אַז מיר לעבן נאָר איינמאָל?

— יאָ. נאָך מיינע געשפּרעכן מיטן פעטער, נאָך די ביכער,
וואָס ער האָט מיר געגעבן צו לייענען, און, דער עיקרשט,
נאָך מיין טרויער און דער אויפמערקזאַמער קאָנצענטראַציע פון
אַלע מיינע גייסטיקע כּוחות, בין איך געקומען צו דער איבער-
צייגונג, אַז יעדער יחיד טראָגט אין זיך די יסודות פון זיין
גורל.

עטיענעט האָט אויף איר געקוקט, עפענענדיק דאָס מויל.

— חזר נאָר איבער, וואָס דו האָסט געזאָגט. דאָס איז
פאַר מיר שוין צו טיף!

געניעס פּנים איז געוואָרן ערנסט:

— ספּי איז גערעכט. איך בין אויך אַן „ערלעכער מענטש"
אין ניטשעאַנ'שן זין פונם דאָזיקן וואָרט. דאָס הייסט, אַז איך
הער זיך צו צו אַלץ, וואָס מיין פרייער שכל דיקטירט מיר
יושרדיקס און ריכטיקס, ווייל איך ווייס, אַז מיר זייען אַ זריעה
פאַר די קינפטיקע עקזיסטענצן און מיר באַקומען ירושה נאָר
פון זיך אַליין.

— און דער הימל, דער גיהנום? באַלד אַזוי, ווּהין וועט
איר זיי אַהינטון?

געניע האָט זיך אויפגעהויבן. איר ליידנשאַפט צו דיסקו-
סיעס האָט איצט געפונען אַ שפּייז פאַר זיך.

— וואָס וועט איר טון מיט די ליידן, וואָס ווערן פאַרשאַפט
דורך דעם רשעות און די אַנדערע חסרונות פון דער מענטש-
הייט? מיט די קראַנקהייטן, מיט דער עלטער, מיט די מלחמות
און אַלע מינים צרות און אָנשיקענישן?... צי איז דען דאָס

ניט קיין גיהנום?... פאַרוואָס ווילט איר אים זוכן אין אָנ־
דער אָרט, בעת איר האָט אים אונטער דער נאָז?
— דאָס איז נישט נאַריש. און דער הימל — דאָס איז
ווען מ'איז זאַלבעגאַנט אין בעט, וואָס?
ספּי איז ברוגז געוואָרן:
— דיר ליגט דאָס אין קאָפּ? הימל, איז דאָס, וועגן וועלכן
יעדער טרוימט, וואָס איז העכער פאַר אים... דאָס איז אַ גייס־
טיקע אַנטוויקלונג, וועלכע עס דערגרייכן די, וואָס שטרעבן צו
אַן א י ד י אַ ל, געלערנטע, קדושים...
— קדושים?... אָ! לאָ! לאָ! כ'וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס
עס קומט פאַר אין זייערע היילן?
— איר וועט זי נישט איבערצייגן ספּי. אומזיסט אייער
טרחה — האָט זיך אָנגערופן גענינע — זי וועט אייך נישט
פאַרשטיין. אייך צו פאַרשטיין, מוז מען זיין אַ קריסטין, ווי איר,
אָדער פשוט, אַ יידיש קינד, ווי איך...
זי האָט מיט שטאָלץ אַ שמייכל געטון:
— אונדזער נאַציע באַשולדיקט מען אין דעם, אַז זי איז
די מאַטעריאַליסטישסטע אין דער וועלט, בעת דער אידיאַליזם
איז ביי אונדז שטענדיק געשטאַנען העכער ווי ביי אַלע פעל־
קער... ריינער... קריסטוס... ספּינאָזאַ...
עטיענעט האָט צוגעלייגט די האַנט צום אויער, ווי אַ
טראָמבקע:
— ווי האָט איר געזאָגט?... קריסטוס, דאָס ווייס איך, אָבער
דער צווייטער?
— ספּינאָזאַ.
— שרייבט מיר עס אָן! כ'וועל איבעראַשן טעאָן... (זי
האָט איבערגעחזרט)... ספּינאָזאַ... גוט! כ'וועל שוין געדענקען:
ספּי, ווי זי, נאָזאַ... גוט!
אַ מער טאָלעראַנטע, ווי גענינע, האָט ספּי אַ שמייכל גע־
טון, א קוועטש טוענדיק מיט די פּלייצעס.
באַגייסטערט פון איר געדאַנק, האָט גענינע פאָרטגעזעצט:
— דערדאָזיקער ייד איז געווען אַ פשוטער שלייפער פון

בלאָז און האָט געזען ווייטער, ווי דורך אַלע אָפּטישע אינסטרו־מענטן אויף דער ערד. און העכער אַפילו פון אייער דעקאַרטן. דאָס האָט ער, ספּינאָזא, געלערנט, אַז חוץ דעם גוף, וואָס ווערט חרוב, איז פאַראַן אַן אומענדלעכע נשמה, און אַז קיין שום לײַבע, אַ חוץ דער גייסטיקער, איז נישט אייביק.

ספּי האָט אין געביעס לערע ווידער געפונען די גאַנצע אמונה פון איר פעטער פּאַקאָ... דידאָזיקע אמונה, וועלכע איז נאָך מאַיעסטעטישער פאַרן גוף, אין איר גופא... די שילערין איז, אין איר דורשט נאָך דעם, וואָס זי האָט נאָך נישט פאַרזוכט, איבערגעשטיגן דעם לערער... אַ פּרוש, אַן אסקעט, וואָס האָט זיך, בעת ער האָט נאָך געלעבט, זיך באַפרייט פון דער משא פון געפילן.

זי האָט מיט מיטלייד אַ קוק געטון אויף עטיענעטן, וועלכע האָט געגעגעצט.

— אָט איז איינע פון די. וועלכע איז נאָך נישט אָנגערירט געוואָרן פון יענער אמונה...

טפּי האָט ווידער געהערט די ווערטער פון איר פעטער, וועלכע ער האָט פּונקט אייערנעכטן איר געזאָגט!

— דער שכל, ווי די מאַטעריע, ווערן חרוב נאָר צוליב דעם, כּדי זיך ווידער צו פאַרייניקן... דער געבורט און דער טויט זענען שוין מער נישט קיין רעטענישן און קיין סודות פאַר אונדז. מ'דאַרף גלייבן אין דער מעגלעכקייט זיך אויפצוהייבן אויף די שפּיץ בערג־שפּיצן... אינם ווילן, וועלכער ווערט פאַרפולקומט אין לבוש פונם גוף... אין גלגול־הנפש... די מענטשהייט שמידט זיך ביסלעכווייז אויס אַלײַנ

VIII

נאָך עטיענעטס אַוועקגיין האָט ספּי פאַרגעלייגט געניען, זי זאָל בלייבן אין גראָס ביז מאָרגן, כדי צו וואַרטן אויף אַלעקסאַנדערס אָנקומען: זי וועט זיך מיט אים קאָנען זען נאָך אַמאָל איידער זי וועט אַוועקפאָרן קיין רוסלאַנד. נאָר געניע האָט ספּין איינגערעדט, זי זאָל מיט איר פאָרן קיין מאַרסעל...

— פאָרט מיט מיר מיט. איר וועט איבערנעכטיקן אין פרעדריקעס צימער און מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר גיין באַגעגענען די שיף. דאָס וועט זיין אַ שיינער סיורפּריז...

ספּי איז גערן אויף דעם איינגעגאַנגען. די רייזע קיין מאַרסעל האָט זיך איר אויסגעוויזן פאַר אַ קורצע.

געניע האָט, צוריקקערנדיק צו זייער געשפּרעך, איר דערוויזן די ניצלאָזיקייט פון אַסקעטיזם, וועלכער שטרעבט נאָר צו פאַרפולקומען דעם מענטשן...

די שיינקייט פון גלויבן באַשטייט נישט נאָר אין דער דערהויבנקייט פונם געדאַנק. טויט איז דער אות, אויב אין אים ווערט נישט אריינגעבלאָזן קיין גייסט פון אַרבעט!... נישט ריידן בלויז דאַרף מען כדי אויפצוטון עפּעס גוטס, נאָר ווירקן, טון!...

געניע האָט געפונען אין לעבן אַזוי פיל זין נאָר צוליב דעם, וואָס זי האָט מיט איר גאַנצן לייב און לעבן זיך אָפּגעגעבן דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער סאָציאַלער גערעכטיקייט.

דאָס איז אַ פאַרייניקטער פאַרלוסט פון פיזישע און גייסטיקע כּוחות.

איך האָב ליב די רעוואָלוציע. אין יענער סביבה, וואָס רינגלט מיך אַרום, איז די רעוואָלוציע דאָס אמתע לעבן. אויף דער וועלט דאַרף מען קעמפן, אָדער זיך צוקוקן, ווי אַנדערע קעמפן צווישן זיך. טוט אַזוי, ווי איך טו: קעמפט פאַר דער אידייע! אַרבעט לטובת דעם גליק פונם כּלל, אָנשטאָט זיך צו לאָזן פאַרפירן פון מעטאַפיסישע זוכענישן...

— איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען. איך קלייב זיך נישט צו פאַרברענגען דאָס גאַנצע לעבן אין חקירות און קלערענישן. וואָס שייך דעם, בין איך אין דערזעלבער מיינונג, ווי איר. איך וואָלט נישט געקאָנט גאָרנישט טון. די מחלוקה איז היינט צווישן אונדז אַנטשטאַנען צוליב דער עצה, וואָס איר האָט מיר געגעבן: צו מאַכן אַ זשעסט פון ליבע. און איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך האַלט אַזאַ זשעסט פאַר ווייניק נוצלעך לגבי דער מענטשהייט, ווי אַן אַקט פון אַ ריינעם געדאַנק. דאָס ווערק פונם שכל — אָט דאָס איז פאַר מיר די העכסטע און איידעלסטע מענטשלעכע אַגודה. ספינאָזאַ, פון וועלכן איר האָט גערעדט, האָט געשאַפן זיין עטיק. פאַרנעמענדיק זיך מיט ליבע, האָבן קינדער, אַפילו מיט אַ געוויסער פאָרזיכטיקייט, דאָס הייסט לויט מיין מיינונג, פאַרהאַלטן די גייסטיקע אַנטוויקלונג. ס׳קאָן זיין, אַז כ׳בין זיך טועה, נאָר איך גלייב אין דעם. כּל־זמן די מענטשלעכע מאַסע וועט נאָכטון די חיות און בהמות, כּל־זמן ס׳וועט זייער שווער זיין צו בלייבן צניעותדיק און מאָראַליש ריין, כּל־זמן דער אינסטינקט פון פאָרטצוזעצן דעם מין וועט באַטראַכט ווערן אַלס דאָס איינציקע נאַטור־געזעץ — וועט די וועלט זיין דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט: אַ גיהנום! כ׳בין אפשר אַן אוטאָפיסטקע נאָר אַן אוטאָפיסטקע, וואָס זוכט דאָס געטלעכע געזעץ! דאָס געזעץ, לויט וועלכן די נשמות וועלן פון איין עקזיסטענץ צו דער אַנדערער זיך דערהייבן צום שיין פון שכל־הישר... ניין, ניין, כ׳האָב נישט קיין טעות, כ׳פיל עס לויט דעם ציטער פון מיינע הענט, לויט די שלוכצן, וואָס מאַכן שווער

מיין אָטעמען, לויט דער האָפענונג, וואָס צינדט אָן מיין האַרץ!...

ס'איז געווען עלף אַ זייגער, ווי אָפּעסנדיק מיטאָג אין טו[illegible]ן, זענען זיי געקומען צו פאָרן צו געניען.

פאַרחידושט, האָבן זיי זיך איבערגעקוקט: זיי האָט געעפנט די טיר — אַלעקסאַנדער.

— ספּי!

זיי זענען איינער דעם אַנדערן געפאַלן אין די אָרעמס.

— ווי קומט איר אַהערצו? — האָט אַלעקסאַנדער זיי געפרעגט.

— און איר?

דריקנדיק געניען די הענט, האָט אַלעקסאַנדער דערקלערט: די שיף איז אָנגעקומען אַזוי פרי, אַז מ'האָט זי געקאָנט פאַרלאָזן נאָך פאַר נאַכט.

— און מיר האָבן דיך געוואָלט באַגעגענען דאָרט ערשט מאָרגן.

— און היות ס'איז געווען צו שפּעט; כדי צו וועקן מיין פעטער, האָט מיר פרעדריקע פאָרגעלייגט איר צימער.

— ס'אַר אַ גוטער איינפאַל!

אין קליינעם עסצימער, וואָס איז געווען באַלויכטן דורך אַ געלבלעכן שיין פון לאָמפּ האָבן זיי, זיצנדיק אַרום אַ סאַמאָוואַר, געפירט אַ פריינטלעכן געשפּרעך ביז האַלבע נאַכט. זיי האָבן מיטגעטיילט גוטע ידיעות, וועלכע זיי האָבן באַקומען פון פרעדריקען, האָבן גערעדט וועגן סאַנטאָס טויט.

— איך בין אין דעם שולדיק — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט — מיר האָבן אים נישט באַדאַרפט אָפּשטויסן פון זיך.

נאָר געניע האָט אים טרוקן איבערגעשלאָגן די רייד:

— פאַרליר נישט די צייט צו פאַרריכטן די געשעענישן, וואָס זענען שוין פאַרביי. ער האָט געהאַט נישט מער רעכט דיך צו דערהרגענען, ווי דו, — זיך צו האַלטן פאַר פאַראַנטוואָרטלעך, וואָס ער לעבט שוין נישט... (זי האָט געוואָלט אָנגיסן נאָך אַ גלאָז טיי, נאָר דער סאַמאָוואַר איז שוין געווען ליידיק)... צום ווידערזען! כ'גיי שלאָפן. ביז מאָרגן.

— איך אויך, — האָט ספּי געזאָגט.

זי האָט דערלאַנגט די האַנט אַלעקסאַנדערן, יענער האָט זי פאַרהאַלטן.

— בלייבט אַביסל מיט מיר.

געניע איז שוין פאַרשוואונדן געוואָרן.

— איר האָט זיך היינט נישט וואָס צו אײַלן, וויבאַלד מיר שלאָפן אונטער איין דאַך. כ׳האָב אַזוי געבענקט אויף דער־דאָזיקער שיף!... כ׳מוז אַזוי האָבן אייער צערטלעכקייט, די וואַ־רעמקייט פון אייערע הענט, די ריינע לויטערקייט פון אייערע אויגן...

ער האָט זי אַ נעם געטון פאַר די פּלייצעס:

— איך האָב אייך אַזוי ליב, מיין טייערער פריינט!

— איך אויך, דידאָזיקע אָפּוועזנהייט אייערע האָט זיך מיר אויסגעוויזן אָן אַ סוף.

— איצט וועלן מיר זיך מער נישט שיידן.

זי האָט אַ זיפץ געטון. ער האָט אומבאַמערקט זיך איינ־געבויגן איבער איר און קושנדיק זי פון יענע זייט אויער, האָט ער איינגעאָטעמט אין זיך דעם אַראָמאַט פון אירע האָר. נאָר, נישט דערלאָזנדיק בכלל קיין מאַנספערשוין זיך אָנרירן צו איר, האָט זי זיך באַפרייט פון אַלעקסאַנדערן און איז אָפּ־געגאַנגען אָן אַ זייט.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען מיט אַ דערשראָקענער זאָרג־זאַמקייט.

— וואָס איז מיט אייך?

— כ׳דאַרף מיט אייך ריידן וועגן עפּעס.

— נישט קיין ערנסטס?

זי האָט געשוויגן.

ער האָט איר אַ וויז געטון אויף דער אָטאָמאַנע אונטער דער לאָמפּ:

— זעצט זיך נעבן מיר.

זי האָט נישט גערייסט געפאָלגט און זיך אַנידערגעזעצט נעבן אַלעקסאַנדערן.

זעענדיק אים נעבן זיך מיט אויגן, וואָס האָבן געבלאַנקט

פון תאוה און דאָך אזעלכע נאָכגעביקע, אזעלכע צאַרטע, האָט ספּי זיך געפילט נישט אַזוי זיכער אין זיך, אין איר ווילן, אין איר גלויבן. און ווילנדיק זיך פאַרטיידיקן, האָט זי געבעטן ביי איר פאַרנונפט אַ געווער, כדי צו קעמפן מיט איר גוף.

ער האָט איר גענומען פאַר די הענט און זיי ליידנשאַפט־לעך געקושט.

דאַן, פילנדיק, אַז איר ענערגיע ווערט שוואַכער, אָבער נישט וועלנדיק אים איבערלאָזן אַן אומזיסטע האָפענונג, האָט זי זיך דעצידירט: ס׳וואָלט געווען בעסער אים באַלד צו וואָרענען. זי האָט זיך געקווענקלט, געזוכט יווערטער, ווי אַזוי אים דאָס צו דערקלערן.

— כ׳האָב געוואָלט... ווען איר וואָלט אפילו מיר מיטאַמאָל אויסגעפּעלט... ביי מיר ווערן די הענט קאַלט חי אייז פון דעם, איר זעט!!..

זי האָט אַרויסגערעדט דעם סוף פון דער פראַזע מיט אַ זיפץ פון דערלייכטערונג.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט איר איז.

— די חברים?... פאַרוואָס!... וואָס איז געשעען?

— גאָרנישט

— איר האָט מיך דערשראָקן!.. (ער האָט אַ כאַפּ געטון מיט זיינע הענט איר קאָפּ. פרווונדיק איבערלייענען אירע גע־דאַנקען)... מיין בלומעלע, מיין פרייד, מיין נחת, איר האָט מיך מער נישט ליב?

אימפּולסיוו האָט זי אַ געשריי געטון, פילנדיק זוך אומ־גליקלעך, וואָס זי פּייניגט אים:

— אָך, יאָ, יאָ!

— וואָס־זשע?... טייערע (ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף ספּיס פּלייצעס)... דו ביסט איצט אינגאַנצן מיינע און אָן דיר איז מיין לעבן גאָרנישט ווערט, פייניק־זשע מיך נישט, מיין טייערע און זיסע!

זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן.

— און איר מיך אויך נישט!

— דער געדאַנק מיר צו געהערן, צו זיין מיינע, פּייניקט איך?

ער איז מיטאַמאָל אַזוי בלאַס געוואָרן, אַז זי האָט אים צערטלעך אַרומגענומען פאַרן האַלדז.

— ניין, ניין. הערט מיך אויס... כ'בעט אייך, מיר געבן צייט... אויב איר האָט מיך ליב אַזוי, ווי איר זאָגט... אויב איר זענט דער, פאַר וועלכן איך האַלט אייך, אויב מיר ביידע האָבן איינע און דיזעלבע אידעאַלן, איין און דיזעלבע באַדער-פעניש זיך צו דערהעכערן, — קאָן זיין, אַז איר וועט האַלטן אַז איך בין גערעכט!

— הערט אויס.

— ניין. נישט היינט...

— אויב איך פאַרשטיי אייך, ווילט איר מיר נישט גע-הערן, נישט אַזוי?

— אָבער קיין אַנדערן אויך נישט, כ'שווער אייך! אַלץ, וואָס איך קאָן געבן, געהער, פון היינט אָן, אייך.

— נאָר כ'וויל פון אייך אַלץ!... (ער האָט זי אַרומגענו-מען פאַר דער טאַליע. זיינע אויגן האָבן געבעטן)..: דו האָסט מיך ליב. כ'וויל דיך אינגאַנצן...

— כ'האָב געגעבן אַ שבועה, קיינמאָל פּיערן נישט צו פאַרטוישן.

— דו ווילסט מיר אַריינגעבן דעמדאָזיקן שרעקלעכן איי-פערזוכט? אַ שנאה צו זיין זכרון?

— איר וועט זיין גערעכט. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס, וואָס ער איז געווען, זיין אָפנבאַרקייט, האָט קיינמאָל נישט עקזיס-טירט... דער זכרון וועגן אים איז פאַר מיר מער שוין נישט קיין זכרון וועגן אַ מענטשן. דאָס איז אַ מיסטישע קראַפט, וואָס האָט אין זיך לעבן, אַ לעבן, וואָס איך קאָן נישט און וואָס רינגלט מיך פונדעסטוועגן אַרום... אַ לעבן, וועלכן איך פאַרטרוי אין וויכטיקע מאָמענטן פון מיין לעבן אַלע מיינע האָפענונגען און מיינע צרות... אַ לעבן, מיט וועלכן איך באַמי זיך, — היות ווי אַזאַ לעבן קאָן עווענטועל זיין, קאָן לעזן מיינע מעשים און

די געדאַנקען, — צו זיין שטענדיק דאָס, וואָס איך בין געווען ווען די פאָרם פון אַזאַ לעבן האָט געלעבט מיט מיר. זייט דע־מאָלט, אַ דאַנק דערדאָזיקער שטיצע, האָב איך זיך אויסגעבע־סערט, געליטן, געלייענט, זיך פאַרטיפט אין חקירות און גע־דאַנקען... און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די תענוגים פון גוף זענען אַ לאַסט, וועלכע פאַרהאַלטן לאַנגזאַם די גייסטיקע דער־הייבונג.

— ניין, ניין... אָ! טייערע ספּי, ס'איר א טעות דאָס איז ניש די גייסטיקע דערהייבונג מיט דעם קולט פון טויט העלפט איר מיט... נאָר פאַרקערט, איר העלפט און באַגינסטיקט דאָס לעבן, די רעליגיע, די רעליגיע פון ליבע. דאָס איז אַזאַ קראַפט וואָס שאַפט גייסטיקע פליגל און די מעגלעכקייט זיך צו דער־הייבן הויך איבער דער מאַטעריעלער וועלט.

באַרויקנדיק זיך און נישט ווילנדיק זיך באַגיין נישט דע־ליקאַט מיט אַזאַ צאַרטער און איידעלער געוויסנהאַפטיקייט, האָט ער זי באַרויקט:

— איך וויל אייך נישט אויפצווינגען, מיין ליבע. כ'האָב אייך ליב נישט פאַר מיינעטוועגן נאָר צוליב אייער טובה. כ'בין נישט קיין חיה. איך וועל קאָנען וואַרטן אויף דער קאָסטבאַרער מתּנה נאָך וועלכער מיין נשמה לעכצט אַזוי... באַטראַכט זיך נאָך, דו וועסט זען, אַז איך בין גערעכט.

זי האָט שווייגנדיק, זיך אויפגעהויבן.

ער האָט זי פאַרהאַלטן.

— מיין עקזאַלטירטע קלייניטשקע! מיין זיסע, מיין טייע־רע, איך פאַרגעטער דיך.

און אַזוי, ווי ספּי, האָט אָנשטרענגענדיק זיך, כּדי זיך נישט קיין וואַקל צו טון, געציטערט, האָט ער זי באַרויקט:

— האָב נישט קיין מורא פאַר מיר. כ'האָב דיך ליב, מער, ווי די שטעלסט זיך פאָר, כ'וועל וואַרטן ביז וואַנען דו וועסט אַליין וועלן...

ער האָט זי באַגלייט ביזן צימער און איז אוועק צו זיך.

בלייבנדיק אַליין, ליגנדיק אויף איר בעט, האָט ספּי מער זיך נישט קעגנגעשטעלט.

בעת אַלעקסאַנדער האָט זיך אין דערדראָזיקער איינזאַמקייט צו איר אָנגערירט, האָט זי געשפּירט אַ ציטער אין גאַנצן לייב. זי האָט געטראַכט וועגן דעם געשפּרעך, וואָס זי האָט געפירט בייטאָק, ווען איר פאַרגוּנפּט האָט געזיגט, בעת איר גוף איז געווען רויק.

אַלעקסאַנדער האָט, — פּונקט ווי ער וואָלט באַמערקט דורך אַ דינער שיידוואַנט די אויפרעגונג פון איר געדאַנק, — שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר, וועלכע האָט פאַרייניקטביידע צימערן

— דו שלאָפסט, מיין טייערע?... מ'קאָן אַריינגיין? כ'האָב דיר נאָך עפּעס צו זאָגן.

זי האָט נישט געענטפערט. זי האָט נאָר וואָס אין דער שטיל פאַרריגלט די טיר.

איידער זי האָט עס געטוּן, האָט זי זיך געקווענקלט. זי האָט זיך געטראַכט:

— אויב איך וועל נישט פאַרריגלען די טיר און ער וועט אַריינגיין, וועט ער טראַכטן, אַז איך האָב בכיוון נישט פאַרשלאָסן די טיר.

אַלעקסאַנדער האָט ווירקלעך געפּרוּווט עפענען די טיר.

— צוואָס האָט איר פאַרריגלט די טיר? איך קאָן האַלטן וואָרט. וואָס האָט איר מוֹרא?

זי האָט זיך נישט גערירט.

ער איז מיט אַ זיפץ אַוועקגעגאַנגען.

זי האָט געהערט, ווי ער האָט זיך געלייגט, און ווי דערנאָך האָט ער אַ געשריי געטון מיט אַ צוגעדריקטער שטים:

— ספּי... כ'האָב געוואָלט מיט אייך ריידן... כ'ווייס, אַז איר שלאָפט נישט!...

ער האָט ווידער אַ זיפץ געטון, בעת אַן אָפּגעשוואַכטע, האָט זי זיך אויסגעצויגן מיטן גאַנצן קערפּער אויף איר געלעגער, אויף וועלכן זי האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן.

איר האָט הנאה געטון, וואָס זי איז געווען אַזוי פּאַר־
שׁיכטיק. זי האָט זיך געטראַכט:
— וואָלט איך דען געהאַט כּוח זיך ווידערצושטעלן?

IX

אָפּאַרבעטנדיק פון אַכט אַ זייגער אָן ביים איבערקוקן די־
פּאָסט, האָט ספּי געמאַכט נאָטיצן פון די אָוונט־צייטונגען, כדי
צוצושטעלן אַ ראַפּאָרט זשורדאַנען.

דער שעף פלעגט געוויינטלעך קומען גאַנץ פרי, כדי אַזוי
אַרום זיך צו אינפאָרמירן און וויסן, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען פאַר
דער לעצטער נאַכט אין דער האַנדלס־וועלט. נאָך פּרעוואַלס באַ־
ריכט, וועלכן ער פלעגט, פון זיין זייט, אָפּגעבן יעדן פרימאָרגן
זשורדאַנען און מיטטיילן די לעצטע פינאַנציעלע נייס — פלעגט
זיך אָנהייבן דער אויפנעם פון די העכערע אָנגעשטעלטע, וואָס
האָבן געאַרבעט אין פאַרשידענע פיליעס פון זשורדאַנס גרויסער
אונטערנעמונג.

דאָן פלעגט ספּי זיך אָפּרוען.

אַזאַ טאָג־אָרדנונג איז דאָרט שוין געווען איינגעפירט.

היינט אָבער איז אַלץ אַוועק גאָר אַנדערש.

היינט איז פאָרגעקומען דער חנוכת־הבית פון די נייע
לאַבאָראַטאָריומס אינם אינסטיטוט פאַר כעמיע און ביאָכעמיע,
וועלכן זשורדאַן האָט געגרינדעט ביי זיין פאַבריק אויפן וועג
גראַס—דראַגוויגאַן. דער אינסטיטוט איז געגרינדעט געוואָרן לויטן
מוסטער פונם קייזער ווילהעלם־אינסטיטוט אין
באַרלין. נאָכן מיטאָג — אויף וועלכן ס׳זענען געווען איינגעלאַ־
דן צוואַנציק אָנגעזעענע געסט, פאָרשטייער פון דער מאַכט
און דער אַדמיניסטראַציע. — האָט געזאָלט פאָרקומען די אָפּי־

יעלע צערעמאָניע אונטער דעם פּאַרזיץ פון בילדונג-מיניסטער, וועלכער איז אָנגעקומען פון קאַן, ווו ער איז אַ טאָג פאַר דעם געווען אָנוועזנדיק בעת דער דערעפענונג פונם אוניווערסאַלן קאָנגרעס פונם טעכנישן אונטעריכט.

נאָר פאַר דעם, נאָך פאַרן מיטאָג, איז אין קאַבינעט פונם גרינדער פאָרגעקומען דער אויפנעם פונם באַרימטן דאָקטאָר גרונדלעך, אַ מיטגליד פון רייכסטאָג און פרעזעס פונם קאָנסאָרציום פון דער דייטשער כעמישער אינדוסטריע...

איבערלייענענדיק די דעפּעשן, האָט ספּי געטראַכט וועגן דעם גרויסן באַשלוס, וועלכן אַלעקסאַנדער און זי האָבן נעכטן אָנגענומען...

זי האָט געפילט, אַז די נייע פאָרם פון זייער עקזיסטענץ איינמאָל פאַר אַלעמאָל איינגעפירט, וועט זיך נישט באַגרענעצן מיטן אויסערלעכן כאַראַקטער פון זייערע באַציונגען, נאָר זי וועט אויך אינערלעך זיי פאַרטיפן און ווייכער מאַכן...

און ספּי האָט אַ וואָרף געטון אַ גייסטיקן בליק אויף דער צוועלטער נאָענטסטער צוקונפט.

אָט זעט זי, ווי אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט זיך איינגעשריבן אין אַדוואָקאַטן-שטאַנד אין גראַס, לעבט נעבן איר... צי וועט ער אימשטאַנד זיין זיך צו באַגנוגענען אויף שטענדיק מיט די דאָזיקע ברודערלעכע צניעותדיקע באַציונגען, וואָס די צערטלעכקייט זייערע האָט זיין אייגענעם מיסטיציזם דערווייל דיסקאָנטירט... צי וועט זי אַליין נישט מוזן ברעכן זייער גייסטיקע אינטימיטעט, דעמדאָזיקן אזיל פון ליבלעכער פריינדשאַפט, אין וועלכן זי האָט געפונען אַ באַרויקונג פאַר איר האַרץ? און ווער ווייסט, — צי זיי וועלן ביידע. ביי זייערע אַבסאָלוטע נאַטורן, וואָס האָבן זיך שוין אַ וואָרף געטון מקיים צו זיין די ליידנשאַפט, אינם שיכּרות פון געהערן איינער דעם אַנדערן, — צי וועלן זיי קאָנען אויסהאַלטן דעמדאָזיקן נסיון? ווער ווייסט צי כ'וועל נישט אומפאַלן! געניעס אַלע שיינע רעיונות און טעאָריעס, יענע רעיונות, וועלכע האָבן זי, ספּי, אויך באַגייסטערט בעת זי איז באמת נישט געווען פאַרליבט, און האָט אויך גע-

האַלטן די באַפרידיקונג פון פיזישער ליבע פאַר אַ נאַטירלע־כע זאַך?

זי האָט אויטאָמאַטיש פאַנאַנדערגעלייגט די דעפּעשן אויף צוויי גרופּן. פלוצלינג איז איר אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן גע־וואָרן דורך אַ וואָרט „לוסאַק", וואָס איז געשטאַנען אויף איינער פון די דעפּעשן.

„דעם 30 נאָוועמבער — האָט זיך אָנגעהויבן די דעפּע־שע — נעכטן איז אויף דער פאַבריק פון כעמישע פּראָדוקטן אין לוסאַק פאָרגעקומען אַן עקספּלאָזיע פון די שטינקנדיקע גאַזן. ס׳האָט געפּלאַצט דער רעזערוואַר פון פינף טויזנט טאָן, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ נייעם גאַז. די עקספּלאָזיע איז פאָרגעקומען נאָכן ענדיקן די אַרבעט. נאָר די אויסדאַמפּונגען האָבן זיך פאַר־שפּרייט איבערן אַרבעטער־קוואַרטאַל, אַרויסרופנדיק אַ באַדייטנ־דיקע צאָל קרבנות. ווען ס׳וואָלט בשעת-מעשה נישט געווען קיין געננוג שטאַרקער ווינט, וואָלט דאָס גאַנצע שטעטל געוואָרן פאַר־ניכטעט. ביז איצט דערגרייכט די צאָל קרבנות (טויטע) ביז הונ־דערט, די צאָל פון פאַרוווּנדעטע איז נאָך נישט באַוווּסט. די אַדמיניסטראַציע ווייסט נישט, וואָס עס קאָן זיין די סיבה פון דערדאָזיקער קאַטעסטראָפע.

די פאַבריק פון לוסאַק. נאָר דאָס איז דאָך געווען דער נומער 41!... איינע פון די האָלדינג־געזעלשאַפטן!... אַזאַ גע־דאַנק איז טפין באַלד געקומען אין קאָפּ צוזאַמען מיט די דע־רינערונגען, וועלכע דאָסדאָזיקע שטעטל האָט ביי איר אַרויסגע־רופן, צוזאַמען מיט דער פאָרשטעלונג וועגן דערדאָזיקער שרעק־לעכער קאַטאַסטראָפע...

און דער צווייטער געדאַנק, וואָס איז איר דאַן געקומען אין קאָפּ, איז געווען: הייסט עס, אַז מ׳האָט דאָרט פאַבריצירט אויפן פאַל פון אַ מלחמה?... און איך האָב געמיינט, אַז לוסאַק אַרבעט אויס זיין אַמאָניאַק און זאַלצן בלויז אויף צו באַמיסטיקן די פעלדער, כדי זיי צו מאַכן פרוכטבאַר...

פאַר אירע גייסטיקע אויגן האָט זיך פלוצלינג, נאָכן פעלד

פון דער פרידלעכער טעטיקייט און רווחים, געעפנט אַ שרעקלעך שלאַכט פעלד...

גלייכצייטיק איז אין איר מוח אנטשטאַנען אין אַ פלוצלינגדיקן העלן שיין אַ פינסטערער ווינקל פון מענטשלעכער קנעכטשאַפט, וועגן וועלכער זי האָט, פאַר דער צייט, וואָס זי האָט געאַרבעט ביי זשורדאַנען, נישט געטראַכט. דאָס איז דאָך, ווי באַלד אַזוי געווען אַ געשעפט פונם מלאך-המות, אַ געשעפט, כדי עטלעכע זאָלן נתעשר ווערן — אָט אויף וואָס זי, די פריי־ווילליקע פון גליק, האָט אַוועקגעגעבן אפילו אין אַ קלײנער מאָס, איר ענערגיע!...

זי האָט זיך אַ קער אום געטון.

זשורדאַן איז, אין באַגלייטונג פון פרעוואַלן, אַריינגעקומען אין קאַבינעט...

— הערט-זשע, מיין טייערער, וואָס כ'וועל אייך זאָגן — האָט זשורדאַן זיך געווענדט צו פרעוואַלן, — באַלד נאָך ווי איר וועט מיר אָפּגעבן אייער באַריכט, וועט איר, אַנשטאָט מיר מקבל-פנים זיין די נאַטשאַלניקעס פון די אָפּטיילונגען און די געסט. איך וועל אויפנעמען בלויז דעם מאָסיע לעמאַראַניע (דאָס איז געווען דער דירעקטאָר פונם נייעם אינסטיטוט, אַ מיטגליד פון דער וויסנשאַפטס-אַקאַדעמיע... און, נאַטירלעך, דעם הער גרונדלעך!... (ער האָט געריבן די הענט) גוטמאָרגן, מאַדמואַזעל... פרעוואַל וועט תחילת... — ער האָט פאַרהאַלטן פרעוואַלן נאָך אויף פינף מינוט, — איצט איז אייער ריי.

שטייענדיק אַקעגן זשורדאַנען, אָפּגעטיילט נאָר דורכן מאַסיוון טיש, האָט כפי אים פאָרגעלייגנט אלע וויכטיקע דעפּעשן. קיין איין מוסקול האָט פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זי האָט געלעזן, נישט קיין ציטער געטון אויף זיין פנים.

ווען זי איז דערגאַנגען צו דעם טעלעגראַם וועגן דער קאַטאַסטראָפע אין לוסאַק, און דידאָזיקע טעלעגראַמע איט פאָרגעלייענט, האָט זיך זיין פנים אינגאַנצן געענדערט.

— דער רוח זאָל עס נעמען! — האָט ער אַ באָמקע גע־

טון און אַרויסרייסנדיק פון איר האַנט די דעפעשע, באַפוילן קלינגט אָן שוין צו דער פאַבריק!:

— זי איז אָפּגעשניטן! — איז אין אַ פּאָר מינוט אַרום געווען ספּיס ענטפער.

ער האָט אין דער רגע געהאט געענדיקט לייענען די טע־לעגראַמען; זיין פּנים האָט ווידער אָנגענומען זיין געוויינטלעכן רויִקן אויסדרוק...

ספּי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן גאָרנישט צו זאָגן, (אָבער ער האָט, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען, איר אָפּגעגעבן צוריק די טראַגישע דעפּעשע):

— ס'איז אַן אומגליק!

— אַן אומגליקלעכער פאָרפאַל. — האָט זשורדאַן געענט־פערט — די היזקות וועט דעקן די אַסעקוראַנץ־געזעלשאַפט.

ספּי האָט געזען מיט איר גייסטיקן אויג רייען טויטע אין שפּיטאָל, זאַלן, וואָס זענען פול מיט שטאַרבנדיקע, די אָרעמע הייזער פון דער פאָרשטאָט אין לוסאַק, פול מיט קרובים, וואָס באַ־וויינען ביטער די אומגעקומענע. דאָס איז אַ מין „האַנטגעלט" אַ קאָנטאָ פון דער מאַסן־פאַרניכטונג! הייסט עס, אַז ער, זשור־דאַן, האָט וועגן דעם נישט געטראַכט!...

— כ'האָב געמיינט, — האָט זי געזאָגט, — אַז לוסאַק אַר־בעט אויס כעמישע פּראָדוקטן, בלויז אַזעלכע, וואָס זענען נייטיק אויף צו באַאַרבעטן די ערד און פאַר דער אינדוסטריע.

ער האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס.

— מיר נוצן אויס אין לוסאַק די סובפּראָדוקטן, ווי אומעטום. פאַרשטייט איר מיך, מיין טייערע, אין פראַנקרייך, ווי אין אויסלאַנד, איז נישטאָ קיין איין גרויסע פאַבריק פון כעמישע פּראָדוקטן, וועלכע זאָל זיך נישט פאַרנעמען מיטן פאַרפולקומען פון גיפטיקע גאַזן... ווילסטו האָבן שלום, — גרייט זיך צו אַ מלחמה — האָט ער איבערצייגנדיק צוגעגעבן... — נאָר מיר געפינען זיך דאָ נישט כדי צו פילאָזאָפירן. איך און מאָסיע לעמאַראָניע וועלן באַלד האָבן אַ געשפּרעך מיט מאָסיע גרונדלעך... איר וועט, זיצנדיק פון יענער זייט שיידוואַנט, פאַר־

צאַטירן אַלץ, וואָס ער וועט ריידן כ׳האָב מורא, אַז דער סטע-נאָגראַפישער אַפּאַראַט... (ער האָט אַ טײטל געטון מיטן פינגער אויפן רעגיסטראַטאָר מיט אַ דירעקטער טראַנסקריפּציע, פאַר וועלכן ער פלעגט געוויינטלעך דיקטירן, זיצנדיק אין פאָטעל)... גיט נישט איבער גוט פון דערווייטן.

ס׳איז אַריינגעקומען דער וואָזשנע און מיטגעטיילט:

— מאָסיע לעמאַראַניע.

— בעט אַריין מיין טייערן פריינט.

זשורדאַן איז אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן מיט אויסגע-שטרעקטע הענט:

— ברוך הבא, טייערער גאַסט!

— אַלץ פאַרטיק?...

— אַלץ! אַ גרויסער, שיינער טאָג וועט דאָס זיין פאַר גראַס און פאַר גאַנץ פראַנקרייך. די נאַציאָנאַלע וויסנשאַפט וואָלט געווען אומדאַנקבאַר, ווען זי וואָלט נישט אַריינגעטראָגן אייער נאָמען אין גאָלדענעם בוך פון די, וואָס האָבן איר געטון אַזעלכע גרויסע טובות און זי גליקלעך געמאַכט.

— ניין, ניין, לעמאַראַניע, כ׳האָב עס נישט פאַרדינט... לאָמיר זיך דערמאָנען, — איך רעכן, אגב אַזוי צו פאַרענדיקן מיין באַגריסונג-רעדע פאַרן מיניסטער, — גרונדלעכס באַרימטע פאָרמול: „די קולטור איז נאַציאָנאַליסטיש, אָבער די וויסנשאַפט איז שטרענג אינטערנאַציאָנאַל"... וואָס וועט איר זאָגן דערצו? אויסגעצייכנט.

נישט אַזוי? דאָס וועט זיין אַ העפלעכקייט בנוגע אַנ-דערע געסט און גלייכצייטיק וועל איך אונטערשטרייכן דעם אמת, וועגן וועלכן מ׳דאַרף שטענדיק געדענקען... אגב, איר האָט גע-לייענט?.. אַן עקספּלאָזיע אין לוסאַק?

מאָסיע לעמאַראַניע, — וועלכער איז מיט זיין פליכע-וואַטן שאַרבן און נישט שיינעם פנים, פיל גרימאַסן איבערן הויקערדיקן קערפּער, געווען ענלעך צו אַ הונדערטיאָריק קינד, — האָט דערקלערט:

— נאָך אַן ענלעכער פאַל אויף דער פאַבריק אין סענט-

אַבאַן פֿאַריאָרן, — איר געדענקט? — אַז נאָך דער געשיכטע מיט דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפֿע אין האַמבורג, וועט עס, נאַטירלעך זיין אַ גוטער מאַטעריאַל פֿאַר דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע!... וואָס דערווייזט עס? אַז ס׳איז דערלאָזט געוואָרן אַ פֿעלער, אָדער פּשוט, אַז די פּראָפּאַגאַנדע פֿון לאַבאָראַטאָריום שטייט נישט אויף דער געהעריקער הויך. איך גאַראַנטיר אייך, אַז דער נייער גרייז, וועלכן דער גראָכער אינסטיטוט וועט ליפֿערן פֿאַר דער אַרמיי, וועט זיין אַ שרעקלעכער גאָר אין אַן אַנדער הינזיכט! און איר קאָנט זיין זיכער, אַז מיר וועלן זיך דערשלאָגן, אַז די אויסאַרבעטונג פֿון דיזאָזיקע גאַזן זאָל נישט זיין פֿאַרבונדן מיט קיין שום סכנה. ס׳וועט אויסקומען: אַ מאַקסימום פֿון ווירקונג ביי אַ מינימום פֿון געברויך...

בראַוואָ! — האָט זשורדאַן אַ זאָג געטון.

— אַזוי אַרום, וועט אונדזער פּאָטענציאַל פֿון מלחמה קאָנען קאָנקורירן מיטן פּאָטענציאָנאַל פֿון די נאַציעס, וואָס זענען בעסער ווי אַנדערע געשיצט פֿון די אויפֿ־ייס־מאַטעריאַלן און גאַזן: שטיקגאַזן, גיפֿטיקע און אפֿילו באַקטעריאָלאָגישע מאַטעריאַלן! ס׳איז נישטאָ שוין מער קיין סטראַטעגיע, וואָס זאָל קאָנען אויסהאַלטן פֿון דער נייער קונץ פֿונם טויט! אַרמייען, פֿיוט!... (ער האָט זיי אַוועקגעלייגט מיט איין באַוועגונג פֿון דער האַנט)... די גאַנצע באַפֿעלקערונג וועט אויך אַוועק אַהין...

— כ׳האָב קיינמאָל נישט געצווייפֿלט אין אייער זשעני, טייערער מייסטער.

— אָ! — האָט זיך באַשיידן אָפּגערופֿן מאָסיע לעמאַראָניע, — די דייטשן אַרבעטן אויך אַזוי גוט, אויב נישט בעסער פֿאַר אונדז, אָבער אונדזערע לערער אויפֿן דאָזיקן געביט זענען, דאַכט זיך, די אַמעריקאַנער...

— מיר האָט מען געזאָגט, אַז די רוסן...

לעמאַראָניע האָט אַ כיקע געטון.

ספּי האָט אָנגעשפּיצט די אויערן:

— וואָס זאָגט איר, ס׳איז אַ קנאַקער דאָס איז!...

דער אַלטער האָט איצט געהאַט אַן אויסזען פון אַ מענטשן, וואָס איז פון עפּעס שטאַרק אַנציקט:

— אויב אַזוי, איז דאָך אַוודאי גוט! וואָס שטאַרקער עס וועט זיין די קאָנקורענץ אויפן מאַרק, אַלץ פּרוכטבאַרער וועט זיין אַזאַ שיינער מיטאַייפער. ערשטנס, פאַרן שלום, וועלכן מיר ווילן אַלע. און צווייטנס, פאַרן קריג, אויב איירצפּע וועט ווי־דער געצוווּנגען זיין צו פירן אַ מלחמה!... אַ טאָפּעלע נוצלעכ־קייט: אַ פּרוכטבאַרער שלום און אויב ס'וועט נייטיק זיין, אַ קור־צע מלחמה... און דער פּועל־יוצא... (ווידער האָט דער קנאַקער אָנגעהויבן צו קנאַקן)... דאָס וועט זיין אַ מאַסנווייזע פאַרניכטונג.

— אַ נייַע מלחמה איז אומפאַרמיידלעך,

לעמאַראָניע האָט אַ מאַך געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— יאָ, — האָט ער נאָך אַ קורצער פּאַוזע געזאָגט, — איך זע נישט קיין מאָראַלישע קראַפט, וועלכע זאָל קאָנען אין דער מאָדערנער פאַרדאָרבענער געזעלשאַפט גייטראַליזירן די קראַפט פון די זיך צעזאַמענשטויסנדיקע אינטערעסן אין דער גאַנצער וועלט, צוליב דער ליקווידאַציע פונם נצחון, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן בעתן לעצטן קריג. מ'האָט געדאַרפט צע־טיילן דייטשלאַנד און אַנעקסירן דעם רהיין.

— ענגלאַנד וואָלט אונדז דאָס נישט דערלויבט, — האָט זשורדאַן באַמערקט.

לעמאַראָניע האָט אַ זיפץ געטון.

— און אַמעריקע אויך נישט. דער רעזולטאַט פון אַזאַ לאַ־גע איז, אַז מ'דאַרף אַלץ אָנהייבן פון אָנהייב! אויב נישט מיט בערלין, טאָ זאָל זיין מיט רוים... ס'גייט נאָר אין דעם, מ'זאָל מאַכן אַן אויסוואַל: אַ נייע באַלקאַן־מלחמה, אַ מלחמה מיט כי־נע, אַ מלחמה אויפן פּאַציפיסטישן אָקעאַן... מ'קאָן פּאָרויסזען, אַז אונדזערע דערפינדונגען וועלן דאָ אָדער דאָרט יעדנפאַלס געלאָזט ווערן אין גאַנג... ס'וועלן נישט אַריבער קיין צען יאָר, און דער דור, וואָס האָט נאָך נישט געפירט קיין מלחמה, וועט זיין גרייט צו געבן אַ סיגנאַל.

— נאָך פריער! און דאָס איז דער דירעקטער חוב

פון אונדז, פאַטריאָטן, צו שמידן דאָס צומערסטן טויט־טראָגנדי־קע געווער... פאַר דער אַלגעמיינער מלחמה!

— יאָ. בפרט נאָך, אַז די צוגרייטונג פון דער נאַציאָנאַ־לער פאַרטיידיקונג. וואָס ווערט אַזוי אויפגעפּאַסט, וועט פון איצט אָן זיין פאַר די פעלקער אַ קוואַל פון הכנסות און נישט פון צעשטערונג.

— פיין אויסגערעכנט! — האָט זשורדאַן ענטוזיאַסטיש אויסגעשריען.

דער פּאַטריאָטיזם האָט אין אים איצט אָפּגעטרעטן זיין אָרט פאַר דער איבערצייגונג פון אַ פינאַנסיסט...

אַ מלחמה, אָדער שלום — ער האָט נישט אָפּגעטיילט זיין עשירות פון דעם עשירות פון די פעלקער. ער איז געווען אי־בערצייגט, אַז ער וועט קיינמאָל צום עסק נישט דערלייגן, אַז סײַ דער שלום און סײַ די מלחמה וועלן פאַר אים זיין גינ־סטיק און אים געבן די מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן זיין רייכטום.

ספּי האָט זיך צוגעהערט צו דעמדאָזיקן אויסטויש פון „אמתן" מיט אַן אַלץ פאַרשטאַרקערטן עקל. איר שכל־הישר און געזונטער פאַרנונפט, האָט אויסגעטיילט די סאָפיסטיק פון די־דאָזיקע פאַראינטערעסירטע מענטשן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גרויסע צימער איז געווען אָנגעפילט מיט אַ שיטערגעמאַכ־טער לופט... צום גליק, האָט דאָס אָנקומען פונם מאָסיע גרונד־לעך, אַ הויכן, בייזן זקן מיט געדיכטע ווייסע האָר אַרום ראָ־זיקן פנים, — אַביסל אָפּגעקילט די אַטמאָספערע.

פּרעוואַל, וועלכער האָט אים צערעמאָניאַליש אַריינגעפירט, האָט זיך באַלד, לויט זשורדאַנס אַ צייכן, אַרויסגעפּעקלט פון צימער, איבערלאָזנדיק די דריי גדולים אַליין.

זשורדאַן האָט אויף גרונדלעכס באַגריסונג זיך טיף פאַר־בייגט. גרונדלעך און לעמאַראַניע האָבן זיך לאַנג איינער דעם צווייטן געמאַכט קאָמפּלימענטן.

ענדלעך האָט זיך פאַרבונדן אַ געשפּרעך.

ספּי האָט אויטאָמאַטיש, לויט דעם באַקומענעם באַפעל, זיך גענומען סטענאָגראַפירן די ווערטער פונם דייטשן געלערנטן.

דורך די שפּאַרעס פון שיידוואַנט האָט זי גוט געזען ביי־דע זקנים, וואָס יעדער פון זיי איז געווען דער שטאָלץ פון זיין לאַנד.

זיי האָבן ביידע אויסגעדרוקט מיט עטלעכע ווערטער זייער באַדויערן צוליב דעם אומגליק אין לוסאַק.

ספּי האָט אין זייער העפלעכקייט אויפגעכאַפּט דיזעלבע גלייכגילטיקייט צו דעמדאָזיקן אומגליק, וועלכע די איבריקע מענטשן האָבן בנוגע דעם אַרויסגעוויזן. (ווי למשל, זשורדאַן מיט זיין באַמערקונג, אַז דער היזק, וואָס די קאַטאַסטראָפע אין לוסאַק האָט געבראַכט, וועט דעקן די אַסעקוראַנץ־געזעלשאַפט)...

טויטע, פאַרוווּנדעטע — דאָס איז אין זייערע אויגן און אינם ליכט פון זייער אויפפאַסונג געווען אַ טייל פון יענעם אומפאַרמיידלעכן קרבן, צוליב אַן ענין, לויט זייער מיינונג, אַזאַ דערהויבענעם, אַז ער האָט באַרעכטיקט דעמדאָזיקן קרבן און דעמדאָזיקן פאַרלוסט. פּראָגרעס! יענע, וואָס זענען געפאַלן אַלס זיינע קרבנות, זענען געגליכן צו זעלנער, וואָס זענען געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד.

דער באַשיידענער רמז פון מאָסיע לעמאַראָניע אויף די קרבנות פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז נישט לאַנג פאַרגע־קומען אין האַמבורג, האָט אַרויסגערופן אַן ענטפער פונם דייטשן גדול:

— דאָס זענען געווען בלויז סוחרישע זאַפּאַסן. וואָס זע־נען געווען באַשטימט, כדי צו קויפן די מאַכט פון דער קליי־נער אַנטאַנט...

מאָסיע לעמאַראָניע האָט זיך אַ נייג געטון.

— אָ, טייערער רבי, כ׳האָב געהערט. אַז איר אַליין — צוליב ריין־וויסנשאַפטלעכע צוועקן, גאַטירלעך — האָט נישט לאַנג דערפונדן אַ סופּערגאַז, אַ פאַקטאָר, וואָס איז דער שעד־לעכסטער פאַר די אַלע, וואָס זענען ביז איצט דערפונדן גע־וואָרן און וועלכער איז דער ראַדיקאַלסטער פון די אַלע דער־פינדונגען אויף חרוב צו מאַכן און פאַרוויסטן...

גרונדלעך האָט באַשיידן באַשטעטיקט, אַז דאָס איז טאַקע

אמת און דערקלערט די אייגנשאַפט פון זיין שרעקלעכער דער־פינדונג.

— דערדאָזיקער גאַז — האָט ער געזאָגט — האָט אַן אייגנשאַפט, אַז ווען מ'האָט אים אַ שליידער געטון אין דעם קלענסטן סכום אויף אַ הינטיש ביידל, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ מרחק פון פינף קילאָמעטער, — האָט ער בנשימה־אחת דערהרגעט פופצן חיות. מ'האָט זיי אַלע געפונען צונויפגעקאָרטשעט...

— איך האַלט, — האָט ער פאָרטגעזעצט, — אַז איין אויפרייס־גראַנאַט, וואָס אַנטהאַלט איין טאָן שטיקגאַז, אַראָפּגעוואָרפן פון אַן אעראָפּלאַן אויף 600 מעטער אין דער הויך, וואָלט פאַרניכטעט אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן אויף אַ שטח פון טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער.

— דאָס איז אַ גוט מיטל, — האָט לעמאַראָניע באַשטעטיקט.

— איצט פאַרגרעסערט די ווירקונג אויף הונדערט אעראָפּלאַנען און אויף הונדערט טאָן, און ס'וועט שוין קלאָר זיין, וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן ס'קאָנען פון דעם אַרויסקומען. נישט נאָר רוים, אָדער פאַריז, אָדער בערלין וואָלטן חרוב און פאַרוויסט געוואָרן כהרף־עין, נאָר גאַנצע לענדער וואָלטן דאַן געוואָרן פאַרניכטעט!

דער פראַנצויזישער געלערנטער האָט געשוויגן מיט אַ כיטרען אויסזען.

גרינדלעך האָט אַ וואָרף געטון אין וואַסער זיין ווענטקע:

— אָ, איך ווייס, אַז אייער סופּערגאַז, וועלכער איז, אויב כ'האָב נישט קיין טעות, פון אַ שטיקשטאָף־זויערדיקער אָפּשטאַמונג, איז נישט ווייט, לויט זיין ווירקונגס־קראַפט, פון מיין סופּערגאַז.

— אַלץ, וואָס איך האַלט פאַר רעכט מיטצוטיילן, איז דאָס, אַז מיט דער הילף פונעם פּראָדוקט, וועלכן איר האָט דערמאָנט און וועלכער איז נישט דער איינציקער, וואָס אינטערעסירט אונדז, קאָנען מיר בנשימה־אחת דערהרגענען נאָך מער לעבעדיקע באַשעפענישן און מיט ד'ערזעלבער פּינקטלעכקייט. קיין שום מיטלען קאָנען נישט אָפּשוואַכן אַפילו אויף אַ האָר זיין פאַר־

פיכטנדיקע ווירקונג און אים זיך אקעגנשטעלן... איך גרייט איצט צו אויך אן אנדער פראָדוקט. ער איז לויט זיין אויסזען, נישט אזא געפערלעכער, נאָר באמת א נאָך מער שרעקלעכער. ער וועט גורם זיין א לאנגזאמע פארגיפטונג אָנשטאָט א מאָמענטאַלע. די הויט ווערט אָפגעקראָכן. די גרויסע אָדערן עפענען זיך אויף, בלוט גייט פון די אויגן, פון דער נאָז, פון די אויערן... מענטשן וועלן שטאַרבן, אַראָפּגייענדיק פון זין אין משך פון עטלעכע שעה.

ס׳האָט זיך געדאַכט, אז דערציילנדיק וועגן דעם, האָט דער אלטער געשמאָטשקעט א געשמאַקע קאַרמעלקע.

בעת דער פּאָזע פון א רגע, האָט זיך פון דער גאס דער־הערט אַ גערויש פון מאַרשירנדיקע זעלנער און קלאנגען פון אַ קאָמאנדע.

— איינס, צוויי! איינס, צוויי!...

— ביי אייך זענען דאָ פאראן פולקן?... האָט גרונדלעך זשורדאַנען געפרעגט.

— ...יאָ, שוואַרצע... (ער האָט געמאַכט א זאָרגלאָזע באַ־וועגונג)... דאָס, וואָס איר הערט, איז נאָר אַן אָפּטיילונג פון קאַמף־סקאוטן... דידאָזיקע קינדער מאַרשירן יעדן זאָנערשטאָק צום ספּאָרט־פעלד, אויף מיליטערישע איבונגען.

לעמאַראָניע, אַלץ נאָך פאַרנומען מיט זיינע גאַזן, האָט באמערקט:

— ס׳פרייט מיך זייער, וואָס איך האָב נישט קיין זין.

פאַראינטערעסירט אין דעם נישטוויניקער, ווי לעמאַראָניע און נישט ווילנדיק דאָס אַרויסווייזן, האָט גרינדלעך מיטן פריי־שדיקן שמייכל אויף די ליפּן פאָרטגעזעצט:

— איינע פון די אייגנשאַפטן פון מיין פּראָדוקט איז, וואָס ער איז לגמרי אָן א קאָליר און אָן אַ גערוך.

לעמאַראָניע האָט זיך נישט אָנגערקענט פאַר באַזיגט דורך דעמדאָזיקן פּאָרצוג פון גרונדלעכס פּראָדיקט.

— דאָס איז געווענדט פון וואָסער שטאַנדפּונקט מ׳קוקט אויף דעם, צי מיינט איר נישט, פונדעסטוועגן, אז א גערדיכט

שווער ווינטל, ווי אַ כמאַרע פון טויט, וואָס שלינגט איין דאָס טאָג-ליכט, אָדער וואָס מאַכט געדיכט דעם נאַכט-נעפּל, איז זיי-ער וויכטיק אַלס מאָראַלישער עפעקט? מ'דאַרף, פאַרשטייט איר מיך גלייכצייטיק מיטן קערפּער אויך דערהרגענען די נשמות... דער עיקר איז, אַז עס רופט אַרויס אַ שרעק, אַ גרויל!...

גרונדלעך, אַלס איבערציגטער אָנהענגער פון אַ פראַנצוי-זיש-דייטשער דערנענטערונג און פון אַן אַלגעמיינעם שלום, האָט זיך דער ערשטער אָפּגעגעבן אַ חשבון אין דעם, אַז דער דאָזיקער ווערטלעכער דועל צווישן אים און לעמאַראַגיען קומט פאַר אין נישט קיין שעת-הכושר, און ער האָט דעריבער מאַ-יעסטעטיש אונטערגעשטיצט זשורדאַנען, וועלכער האָט, אויפהייבנ-דיק די הענט צום הימל, אָפּגעשטעלט די ליריק פון זיין די-רעקטאָר!

— האָט רחמנות, טייערער רבי! ער וועט דאָך, סוף-כל-סוף אָניאָגן אויף אונדז, אַ שרעק. ווען מאַסיע גרונדלעך וואָלט מיר געוואָלט אָנטון כבוד און געוואָלט ביז מיטאָג גיין באַקוקן די פאַבריק און באַזוכן מיינע סינטעטישע לאַבאָראַטאָריומס...

— מיט פאַרגעניגן, מאַסיע זשורדאַן, מיט פאַרגעניגן!

זשורדאַן, דער דאָזיקער מענטש, ווי אַ פאַס איז נאָך ווי רונדער געוואָרן און מיט דרך-ארץ געלאָזט די געסט גיין פאַר אים.

די טריאָ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

אַ שטאַרק דענערווירטע, האָט ספּי קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס... וויפיל ווילדקייט, וויפיל אומגעוויסנהאַפטיקייט האָט אַרויס גערעדט פון דידאָזי"ע צווי „גדולי-הדור"!... און דאָס אַלץ, כדי צו דערגרייכן וואָס? כדי אין איין העלן טאָג אַליין אַוועקצופּגרן אויף דער קופּע פון זייערע הרוגים, נישט אַוועק-טראָגנדיק מיט זיך אַפילו אַ קערנדל פונם גאָלד, צוליב וועלכן,— אויסקוועטשנדיק דעם זאַפט פון די פעלקער, — זיי האָבן נאָך געוואָלט, אַז די מענטשהייט זאָל זיך פאַרניכטן!...

אין מיטן ברען פון ספּיס עמפּערונג איז אין צימער אַריינגעקומען, אַ טריומפירנדיקער פרעוואַל.

— מיר שליסן דאָס ביוראָ, פאַרמאַכן! אַן אורלויב אויף אַ גאַנצן טאָג!... דער שעף האָט מיך געהייסן זאָגן, אַז מיר זענען פריי אַ גאַנצן טאָג און קאָנען אַוועקגיין.

אורלויב! דאָס איז געווען אַ רעיון, וועלכער האָט צוגעגעבן אַ פאָרם, אַ באַשטימטן ווילן איר נישט קלאָרן באַגער צו אַנטלויפן.

זי האָט זיך אָנגעטאָן דעם הוט און מיט אַן אַנטשידענער באַוועגונג אַ נעם געטון דעם פּאַלטאָ:

— פאַר מיר איז דאָס אַן אורלויב אויף שטענדיק. זייט געזונט.

— וואָס איז געשען?

פּרעוואַל האָט געקוקט אויף איר מיט קיילעכדיקע אויגן, נישט פאַרשטייענדיק גאָרנישט.

דאַן האָט זי אין איין אָטעם אויסגעלייגט אַלע אירע פאַרוואורפן אין איר גאַנצן עקל...

— אַ שיינע פילאַנטראָפּיע, נישטאָ וואָס צו זאָגן!

— אָבער, קינד מיינס, דאָס איז דאָך לעבן, דאָס לעבן אַליין פאָדערט דאָך דאָס. ס'איז דאָך שטענדיק געווען אַזוי. אַזוי איז זיך די וועלט שטענדיק נוהג. מלחמות זענען געווען און זיי וועלן נאָך זיין. דאָס, וואָס אונדזער שעף טוט, איז אַ נוצלעכע זאַך אין סאָציאַלן זין.

— כ'האָב אַזוי געמיינט, נאָר נאָך דעם, וואָס כ'האָב נאָר וואָס דאָ געהערט!... מאָסיע זשורדאַן איז נישט קיין אַנדערער, ווי אַ שווינדלער, וועלכער זאָרגט זיך אַזוי ווייניק וועגן די מענטשלעכע צרות, פּונקט ווי וועגן לעבן.

— איר האָט אַן אויסטערלישן צוגאַנג צום ענין און באַגרייפט דעריבער די זאַך, נישט ריכטיק, מאַדמואַזעל. אין זיין אונטערנעמונג „האָלדינג" געפינען זיך צוזאַמען מיט די געזעלשאַפטן, צוויי הונדערט פאַבריקן און אַ האַלב מיליאָן מענטשן אין פאַרשידענע לענדער האָבן פון אים ברויט.

— יאָ, דאָס איז אייער אָפּשוים פון דער קולטור. מענטשן? וואָס זענען זיי? — נישט מער, ווי מיקראָבן אויף צופּראָדוצירן

הריגות!... און ווען די דאָזיקע טויזנטער מענטשן וועלן אויסאַר־בעטן און צוגרייטן אַ געוועגנדיקן סכים גאַזן, — דאַן וועט ערשט קומען דער אָפּצאָל — געעפנטע אָדערן, אָפּגעקראָכענע הויט, ימים בלוט א. א. וו. ווען ער וועט עס אַלץ פאַרזוכן, וועט איר, קאָן זיין, ענדערן אייער מיינונג.

— אָ, איך, ווייסט איר דאָך, קאָן שוין נישט מאָבילייזירט ווערן.

— און אַנדערע?... זייערע ליידן?

ער האָט אַ צוק געטון מיט די פּלייצעס:

— יעדער טראַכט וועגן זיך.

זי האָט אויפגעהערט אין אים ווייטער אַריינצוטענהן.

ס׳קאָן זיין, — האָט זי געזאָגט, — צום ווידערזען.

זי איז אַוועקגעגאַנגען, נישט דערלאַנגנדיק פּרעוואַלן די האַנט.

צומאָרגנס, באַלד ווי זשורדאַן איז געקומען, האָט זי אים געבעטן, ער זאָל זי באַפרייען פון איר פּאָסטן.

זשורדאַן איז געווען שטאַרק איבערראַשט.

— וואָס איז געשען? — האָט ער זי געפרעגט — פאַר־וואָס?

— כ׳בענק נאָך גראָס. כ׳וויל זיך צוריקקערן קיין מאַרסעל.

— אַזוי, אַזוי!... איך פאַרשטיי: איר ווילט קריגן אַ הוספה. גוט. דריי טויזנט פראַנק אַ חודש. איך דאַרף אייך האָבן, כ׳לאָז אייך איבער אויף אייער פּאָסטן.

ספּין איז אויסגעקומען צו ברענגען אירע מאָטיוועך, פאַר־וואָס זי וויל פאַרלאָזן איר שטעל. זי האָט זיי איבערגעגעבן רויק, אָפּוועגנדיק די ווערטער, מיט אַן אויפריכטיקייט, וועלכע זשורדאַן האָט, אַ פּנים, אָנגענומען פאַר אַ רעזולטאַט פון צופיל אָנגעשטרענגטער קאָפּ-אַרבעט. ער האָט איר געגעבן אַן עצה זיך אָפּצורוען. נאָר זי האָט אים דערלאַנגט צוויי עקזעמפּלאַרן פון געשפּרעך, וואָס די ביידע געלערנטע האָבן געהאַט צווישן זיך, (אַ קאָפּיע פון דעם האָט זי באַהאַלטן כדי צו ווייזן איר פעטער און אירע גוטע פריינט.

— מאָסיע מיין באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן און קאָן נישט געענדערט ווערן.

זשורדאַן האָט ווידער אָנגענומען זיין מאַיעסטעטישן אויסזען.

— איר זייט פריי. כ׳וועל נישט פאַרהאַלטן ביי זיך אַזאַ אומדאַנקבאַרע און נאַרישע פריילין.

ער האָט געהייסן איר באַלד אויסצאָלן די פענסיע.

X

די יאַנואַר-זון, וואָס האָט געשײַנט אויפֿן לויטערן הימל, האָט געגאָסן אירע גאָלדענע שטראַלן אויפֿן אַלטן פּאָרט און אויפֿן וואַלד פֿון מאַסטבײמער. די ים-ברעגן, אויף װעלכע די פֿולקן אין פּאַראַד-מונדירן האָבן דערוואַרט די שעה פֿונם פּאַראַד, די פּלעצער מיט טריבונעס, וואָס זענען באַפּוצט מיט פּענער, די פֿאַסאַדן פֿון די הײַזער, באַפּוצט מיט פֿלאַגן, — דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן דער שטאָט מאַרסעל אינעם דאָזיקן זונטאָג אַ יום-טובדיק אויסזען.

באַלד װעט, אונטער די קלאַנגען פֿון די טרומייטן און דעם זומען פֿון די רעדעס, פֿאָרקומען די דערעפֿענונג פֿונם דענקמאָל פֿאַר די קאָלירטע מיליטער-לײַט, װאָס זענען אומגעקומען בעת דער לעצטער מלחמה.

אַלעקסאַנדער און ספּי זענען געזעסן פֿאַר אײנעם פֿון די טישלעך אין גראַנד-קאַפֿע. דער קאַפֿע איז געװען איבערפֿולט, נאָר זײ האָט נישט געשטערט דער הו-האַ, וואָס דאָ איז געשטאַנען; זײ האָבן צאַרט געפֿירט אַ געשפּרעך, אינגאַנצן פֿאַרנומען מיט פּראָיעקטן, װי אַזוי אײַנצוֹאָרדנען זײער נײַע װױנונג אין פֿאַקאָס װילע, װעלכע ער האָט געקויפֿט אין דער סביבה פֿון מאַרסעל... אַלעקסאַנדער האָט אָװעקגעגעבן אויף אײַנצוקויפֿן אַלע זײַנע אָפּגעשפּאָרטע געלטער, איבערלאָזנדיק זיך נאָר אַ קלײנע סומע אויף פֿאָרטצוזעצן זײַן אַרבעט...

דאָס הויז איז געװען גענוג גרויס, כּדי אַלעקסאַנדער זאָל

דאָרט קאָנען וויגען. אפילו פּאַר פּרעדריקען איז דאָרט אויך געווען אַ צימער... און פּאַקאָ האָט, אַזוי אַרום, געהאַט די מעגלעכקייט צו וויגען אונטער איין דאַך „מיט זיין טאָכטער" דער איבערגעגעבענער פּייע פון דער אַסאָסאַציע.

— אין שפּעטער — האָט זיך דער אַלטער געטרייסט — ווען די אומאיבערווינדלעכע קראַפט פון דער נאַטור וועט זי און אַלעקסאַנדערן ברענגען צו דער אומפאַרמיידלעכער פאַרייניקונג, וועט זיך נאָך געפינען אין ווילע אַ שיין צימער פאַר זייערע עופעלעך אויך...

אַ קוק אין דער צוקונפט איז דאָס געווען פון זיין זייט, וועלכן ער האָט נישט אָנפאַרטרויט די, וואָס זענען אין דעם געווען דירעקט פאַראינטערעסירט, באַזונדערס זיין פּלעמעניצע.

ער האָט צו גוט געוויסט, וואָסער עמפּינדלעכע זי איז און האָט געהאָפט אויפן קורירנדיקן כוח פון דער צייט, וועלכער מוז סוף-כל-סוף ברענגען צום טריומף פון דער ליבע.

פּאַקאָ האָט געהאָפט אויף די אַלמעכטיקע קראַפט פון דער יוגנט און אויף דער מאַכט פונם לעבן. ער איז כמעט געווען זיכער, אַז דידאָזיקעביידע כוחות וועלן טון זייערס, וועלן אויך אין דעם פאַל האָבן די געהעריקע ווירקונג — און ער חעט נאָך האָבן פיל נחת פון זיין ווילער פּלעמעניצע. אַלעקסאַנדער און זי האָבן געהאַט די רייפקייט און דערהויבנקייט פון שכל, וועלכע ער האָט באַטראַכט אַלס דאָס בעסטע ערבות פון זייער צוקונפטיקן גליק.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם איבעריקן, זענען זיי, ביי זייערע געמיינזאַמע הכנסות, געווען באַוואָרנט, אויב נישט מיט קיין לוקסוסרייכער, לפּחות אָבער מיט אַ זיכערער עקזיסטענץ. חוצדעם האָט פּאַקאָ נישט געצווייפלט, אַז ספּי וועט אינגיכן געפינען אַ באַשעפטיקונג לויט אירע פעיקייטן און געשמאַק.

לוסיען, וועלכער איז צו יעדער צייט געווען גרייט צוטון ספּין אַ טובה, האָט נאָך די טעג צוגעזאָגט צו געפינען פאַר איר אַ פּאַסיקע באַשעפטיקונג.

— ווי באַלד — האָט לוסיען זיך געטראַכט — זי זאָגט

זיך אָפּ פון דעליקאַטער שטאָלצקייט, וועלכע איך פאַרשטיי איצט בעסער, ווי פריער, צוריקצוקערן זיך צו מיר, וויל איך, לפּחות, מיט עפּעס איר זיין בייהילפיק ביי איר איינאָרדנען זיך אויף אַ ניי לעבן.

— דאַנק מיר נישט דערפאַר — האָט ער געזאָגט פּאַקאָן — ס'איז נישטאָ פאַר וואָס מיר צו דאַנקען. כ'האַלט עס פאַר מיין חוב אַזוי צו האַנדלען בנוגע ספין דערמאָנענדיק זיך בלויז, וואָס עס האָט געקאָנט זיין!

— דידאַזיקע שטולן זענען פאַרנומען? — האָט געפרעגט אַן אַריינקומענער גאַסט.

— יאָ.

אַלעקסאַנדער האָט אַוועקגעלייגט אויף אַ שטול זיין הוט, אויף אַן אַנדער שטול — זיין פּאַלטאָ, אַלס צייכן, אַז זיי זענען פאַרנומען.

זיי האָבן דאָ געזאָלט עסן מיטאָק מיט פּאַקאָן און מוניען, וועלכע האָבן צוגעזאָגט צו קומען.

דיביידע אַלטע בחורים האָבן פאַר דער צייט, וואָס ספּי האָט פאַרבראַכט אין באַליע און אין נראַס, זיך נאָכמער דערנענטערט איינער צום אַנדערן און זיך נאָכמער באַפריינדעט, — פאַרייניקט דורך געמיינזאַמע אידייען און גוסטן, מיט אַ געמיינזאַמער ליבע צו די נייע כּוחות און אַלטע שטרויכלונגען.

— זיי וועלן אָנקומען נישט פריער, ווי צען אַ זייגער — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט.

— פּונקט צו דער צייט, ווען מ'וועט אַראָפּנעמען די קורטינע!

פּאַקאָ און מוניע זענען צוזאַמען געפאָרן קיין לוסאַק כּדי צו זיין אָנוועזנדיק אויף דער לוויה פונם דאָקטאָר רובינאָ.

זייער פריינט רובינאָ איז אויך געפאַלן אַלס קרבן פון דער קאַטאַסטראָפע. ער האָט זיך פאַרסמט פון די גאַז־אויסדאַמפונגען און אָפּליגנדיק אַ וואָך צייט אין שרעקלעכע יסורים, איז ער געשטאָרבן.

באַפרייט געוואָרן פון אַ שרעקלעכער גסיסה!

באַלד נאָכן אויפרייס, — וואָס דאָס קנאַלן זיינס האָט זיך דערטראָגן ביז קיין פּאַנטען-וויוו, ווו דאָסדאָזיקע מקום איז אַ דאַנק דעם ווינט, וואָס האָט געבלאָזן אין אַן אַנדער זייט, נישט געווען אין קיין סכנה, — איז רובינאָ מיט אַ זעלטענער אָפּער-ווילִיקייט אַוועק קיין לוסאַק צו ראַטעווען די פאַרוווּנדעטע. באַר זיין הילף האָט נישט לאַנג געדויערט: צומאָרגנס האָט ער גע-מוזט זיך אַליין אַריינלייגן אין קראַנקן-בעט, פאַרגיפט פון די שרעקלעכע גאַזן, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט און זי אינגאַנצן פאַרסמט...

מוניע האָט פונם בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון דער אַלטער בעל-הביתטע, זיך דערוווּסט וועגן שרעקלעכע פּרטים: די לונגען זענען ביי רובינאָן געווען אָנגעגריפן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געטראָגן אַ מאַסקע קעגן גאַז, די אויגן זע-נען אים איינגעפאַלן, די הויט איז געווען אָפּגעקראָכן און באַ-דעקט מיט בלעזלעך...

צום דענקמאָל, ווו ס'זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט די סקאַוטן, האָבן געשטראָמט מחנות מענטשן. ס'האָט אָנגעהויבן קלינגען די מיליטערישע מוזיק.

— שוין — האָט ספּי געזאָגט.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע „אַכטונג" ביים דענק-מאָל, וועלכער איז געווען אַרומגערינגלט מיטן 257-טן פּולק.

מ'האָט אַראָפּגעצויגן די הילע פונם דענקמאָל און פאַר די צושויער האָט זיך באַוויזן אַ טריומפירנדיקע גרופּע: פראַנקרייך, וועלכע האָט אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ פון אַ קאַלירטן זעלנער אַ סימבאָלישן לאָרבער פאַר די זעלנער פון סענעגאַל.

שטייענדיק ביים סאָקל פון פּאָרפור, האָבן דידאָזיקע ביי-דע בראָנזענע פיגורן פון די שוואַרצע זעלנער זיך געהאַלטן פאַר די הענט, אויפהייבנדיק די אויגן צו די ט ר אָ ג ע ר י ן פ ו ן נ צ ח ו ן און ס'האָט אויסגעזען, ווי די זעלנער וואָלטן גע-געבן אַ שבועה אין הכנעהדיקייט...

פון דער טריבונע, וואָס איז געווען פאַרנומען דורך די אָפיציעלע פּערזאָנען, האָבן זיך דערהערט אַפּלאָדיסמענטן.

דער המון האָט זיי אונטערגעכאַפּט.

גענעראַלן, דער פּרעפעקט, דער גאַנצער מאַגיסטראַט, דער אוניווערסיטעט, אַפילו פּאַרשטייער פון דער קירך — זיי אַלע האָבן אין באַוווסטזיין פון זייער גערעכטיקייט, זיך איינגעוויגט, זיך אַליין געגאַרט, קוקנדיק, ווי ס׳ווערט געזונגען אַ הלל פאַרן בלוט, וואָס די שוואַרצע ראַסע האָט פאַרגאָסן צום רום פון דער ווייסער ראַסע און איר אומשטערבלעכער ציוויליזאַציע.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן רעדעס.

די קלאַנגען פון די ווערטער האָבן זיך צייטנווייז דער־טראָגן איבער די קעפּ פון די צוהערער (וועלכע פיל האָבן זיך צוגעהערט מיט אַ יראת־הכבוד), באַדעקט מיט צופרידענע אויסגעשרייען, וועלכע האָבן געזשומעט, ווי אַ מענגע זשוקעס. דעם זין אָבער פון דידאַזיקע אויסגעשרייען איז געווען שווער אויפצוכאַפּן.

— אָ, אָט איז דער פּעטער! — האָט ספּי אויסגעשריען, מאַכנדיק אים צייכנס, ער זאָל צוגיין.

אַלעקסאַנדער האָט אויפגעהויבן דעם הוט אויפן שפּיץ פון זיין שטעקן.

— זיי האָבן אונדז באַמערקט... גוטמאָרגן, מאָסיע לאַ־ווערדיער!

אומקערנדיק זיך, האָט אַלעקסאַנדער באַמערקט איינעם פון זיינע קאָלעגן, דער אַדוואָקאַט (אַ מולאַט), וועלכער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון אַ מאַרסעלער פירמע פאַר אינפאָרמאַציעס פון אַ נייער צפון־אַמעריקאַנישער צייטונג.

— איר זענט אַליין? יאָ, טאָ רוקט־זשע צו אייער טישל... (ספּי האָט בשעת־מעשה אָפּגערוקט איר שטול)... גוט... דערלויבט מיר, אייך צו באַקענען... מאַדמואַזעל אַרעלי... מאָסיע פּאַקאָ, איר פּעטער... מאָסיע מוניע.

דריקנדיק אַלעמען די הענט און אַנידערזעצנדיק זיך, האָט פּאַקאָ זיך אָפּגעווישט דעם שטערן און אַ זיפץ געטון.

— אַך, וויפיל מענטשן! מ׳קאָן דאָ ממש דערשטיקט ווערן.

— אויף דער לוויה פון אונדזער רובינא איז נישט געווען אזא עולם, — האט מיט פארדרוס מוניע באמערקט...

— דא איז מען ענטגילטיק מקבר, מיט מוזיק, דעם זכרון וועגן א וואונדערבארן קרבן — האט לאווערדיער געזאגט און דערביי געשמייכלט מיטן בלאסן שמייכל פון זיינע דיקע ליפן, וועגן וועלכן ס'איז געווען שווער צו זאגן, צי דאסדאזיקע שמייכלע דריקט אויס צופרידנקייט אדער חוזק.

נאר אין דעם פאל, האט זיין שמייכעלע גיכער אויסגעדריקט דאס און יענץ.

דער אדוואקאט האט זיך שטארק איבערגענומען מיט דער גערעכטיקייט און אנערקענונג, וואס זענען דורכן אקט פון שטעלן א דענקמאל זיינע ברידער לויט דער אפשטאמונג. ער איז דערמיט געווען שטארק צופרידן אלס מענטש, וואס איז דערצויגן געווארן אויף דער פראנצויזישער קולטור. ער אליין האט אויך אפגעצאלט מיט זיין אייגן בלוט זיין פאטריאטישן חוב דעם לאנד, וועלכן ער האט פיל צו פארדאנקען. נאר דערפאר, וואס ער האט זיך געהאלטן פאר א פראנצויז, פאר אן אמת-געבוירענעם פראנצויז, איז ער צו זיינע ווייניקער אנטוויקלטע שוואר-צע ברידער געווען שטארק צוגעבונדן. דאס איז אבער געווען א צוגעבונדנקייט, נישט אן א געוויסער מאס באוווסטזיין, אז ער שטייט העכער פון זיי און מ'קאן אים מיט זיי נישט פארגלייכן

דער אדוואקאט האט מיט זיין איינגעבוירענעם רעדנער-טאלענט, וועלכן די פראפעסיע זיינע האט ביי אים שטארק אנט-וויקלט, פארטגעזעצט:

— הונדערט טויזנט דורכגעשאסענע און דורכגעבויערטע קאלירטע גופים, מתים, וואס מ'ווייסט אפילו נישט זייערע נע-מען און וועלכע רוען אויף די בית-עולמס, דארט, וווּ ס'זענען פארגעקומען די גרויסע שלאכטן!... און צוויי הונדערט טויזנט, וואס פגרן לאנגזאם פון זייערע וואונדן, אויב נישט פון שווינד-זוכט אין סיפיליס!... יא, זיי האבן פארדינט. מ'זאל זיי אפגעבן אזא כבוד ארום א שטיק בראנז און מארמאר, אונטער אן אקאמ-

פאַנימענט פון נוצלאָזע רעדעס און אַ צערעמאָניאַל-מאַרש פון מיליטער.

מוניע האָט זיך מיט א האַרצוויטאָק צוגעהערט צו זיין רעדע, ער האָט אומבאַמערקט פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק אויף אַלעקסאַנדערן און ספּין, נאָר ער האָט פאַרמאָגט געגוג אינערלעכע איידלקייט, פּדי — טראַצדעם, וואָס ער איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין ספּין, — זיך צו פרייען, צוזעענדיק ווי ספּי און אַלעקסאַנדער זענען גליקלעך. ער האָט געהאַלטן, אַז זיי ביידע זענען ווערט דעם חסד פונם גורל און אַז זייער גליק האָבן זיי כּשר פאַרדינט.

אויף דער טריבונע האָבן זיך געוועקסלט די רעדנער. איצט זענען צו די צוהערער דערפלויגן די ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך אַ שטאַרקער שטים:

— די אויסדערוויילטע היימאַט... אַ בחירה, וואָס מ׳קאָן נישט פאַרגעסן...

דאָס האָט גערעדט א זיבעציקיאָריקער גענעראַל, וועלכער איז געווען באַקאַנט, סײַ דורך זיינע פּאָליטישע דערפאָלגן, און סײַ דורך דער לייכטקייט, מיט וועלכער ער האָט אין זיינע אַטאַקעס, פאַרשווענדט דאָס בלוט פון די זעלנער מיט קאָליר-טער הויט.

— אַ פיינער אויסוואַל, נישטאָ וואָס צו זאָגן. יאָ, — האָט נישט אויפן קול באַמערקט דער אַדוואָקאַט.

ספּי האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אויפמערקזאַמקייט. אונטער זיין איראָניע, האָט זי דערשפּירט עפּעס אַ פאַרוואורף.

צופרידן, וואָס מ׳הערט זיך צו צו זיינע ווערטער, האָט דער אַדוואָקאַט ווידער אָנגעהויבן צו ריידן:

— כ׳האָב אַ גרונט, דאָס צו זאָגן. איך האָב נישט געגנבעט, נישט מיין צלם און נישט דאָסדאָזיקע שטיקל רויטע באַנד...

(ער האָט געוויזן אויף זיין ברייטן שראַם, אַ צייכן פון אַ שניט-ווונד, אויף זיין האַלדז)... זייט איך פאַרטיידיק אַלס אַדוואָקאַט דעם אַפּעאַל פון דער מענטשהייט, האָב איך זיך אָנגעהערט גענוג שרעקלעכע ווידויים... ער איז לעכערלעך, דערדאָזיקער רעד-

נער, מיט זיין אויסדערוויילטער היימאַט!... „מאַרש, אַ נישט דער־שיס איך דיך״!... זיי זענען בירגער? פון וואָסער לאַנד? אומ־גליקלעכע „נאַימיטן״ און נישט מער, זענען די קאַלירטע זעל־נער, יאָ!... ס׳רוב פון די, וועלכע מ׳גיט דאָ אָפּ כבוד דורך דעמדאָזיקן דענקמאָל און דורך די רעדעס, וואָס ווערן דאָ איצט געהאַלטן, זענען געשטאָרבן פאַר די אינטערעסן פון פאָטער־לאַנד, נישט וויסנדיק פאַר וועמען און פאַרוואָס זיי האָבן מקריב געווען זייער לעבן! פאַקטיש איז זיי דאָס אויסגעקומען צו טון צוליב דעם רום פון איינעם, אָדער צוליב עשירות פון אַן אַנ־דערן!... זיי זענען געפאַלן אין נאָמען פון פראַנקרייך, פונקט ווי זייערע ברידער שטאַרבן נאָך איצט אַלס קנעכט אין נאָמען פון פּראָגרעס... דאָס זענען מענטשן, וואָס זענען באַלאַס־טעט מיט פליכטן און האָבן נישט קיין רעכט!... אונטער די קלעפּ פון נויט אָדער פון די, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן נצחונות און איינגענומען לענדער!... זיי בויען וועגן, אייזנבאַנען, פאַר די געזעלשאַפטן, וואָס האָבן באַקומען קאָנצעסיעס, — קאָנצעסיעס, וועלכע צווינגען די דאָרטיקע פּאַרביקע באַפעלקערונג אַוועקצו־געבן זייער ערד, זייער שטיבל, זייער לעבן — דאָס איז פונקט, דאָסזעלבע, ווי פאַרטיליקן די גאַנצע באַפעלקערונג; ווי ס׳איז, למשל, פאָרגעקומען אין נאַבאַן, אין מיין היימאַט, וווּ די באַ־פעלקערונג איז אין משך פון צען יאָר, ווי אויסגעראָט געוואָרן.

ספּי האָט אַ דריק געטון אַלעקסאַנדערן די האַנט: אַזוי, הייסט עס, איז עס אומעטום. שטענדיק דיזעלבע עקספּלאָאַטאַציע, דיזעלבע אויסראָטונג פון דער מענטשלעכער בידלע!... אויפן הימל פון פראַנקרייך, אויפן הימל פון מאַקעדאָניען, אויפן הימל פון אַלע לענדער אין דער גאָרער וועלט, האָט די זון געשיינט אויף דיזעלבע צרות און אויף דעמזעלבן אומרעכט!...

ספּי האָט זיך מיט אַ שוידער איבערן לייב דערמאָנט יע־נע שרעקלעכע טעג, ווען זי איז אַרומגעגאַנגען איבער די מאַר־סעלער גאַסן, — וואָס זענען געווען, ווי איצט, פיל מיט אויס־געפּוצטע פרויען און מענער, ליידיקגייער, — אַליין, עלנט, ווי אַ שטיין, נישט האָבנדיק אויף אַ שטיקל ברויט, זי האָט זיך

דערמאָנט, ווי זי האָט דאָ אַן אומגליקלעכע און פאַרשטויסע־
נע אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די קאָכעדיקע גאַסן צווישן דעם
גלייכגילטיקן עולם, האַלטנדיק אין די הענט אַ שווערע משא —
איר הונגעריק קליין קינד... זי האָט זיך איך דערמאָנט אָן יע־
נע טעג, ווען זי האָט זיך, נאָך אַ קורצער הפסקה, ווידער אָפּ־
געגעבן דער אַרבעט פון אויספּאָרשן די נידעריקע שיכטן פון
דער אָרעמער באַפעלקערונג, דעמדאָזיקן זומפּ, וווּ עס שוויבלט
און גריבלט מיט אומגליקלעכע, וואָס שמאַכטן און קומען אום
פון פעלערס, וועלכע זיי האָבן על־פּי־רוב באַקומען בירושה און
חלאתן, וואָס שניידן די אָרעמעלייט, ווי היי.

דאָס זענען אַלץ קרבנות פון אַ מער אָדער ווייניקער
שלעכט איינגעאָרדנטער געזעלשאַפט, אָדער פון זייער אייגענער
שוואַכקייט, נאַרישקייט, אָדער עם־הארצות...

אַלעקסאַנדער האָט אַ צאַרטן דרוק געטון ספּין אין האַנט
און דערמיט זי אומגעקערט צו דער ווירקלעכקייט; צו יעדער
מינוט, ווען ס'איז אַזוי זיס און מחיה צו זיין אין צווייען פאַרן
אייביקן פּראָבלעם פון טויט.

פּלוצלינג איז אַ ציטער אריבער איבער די אָנגעלעקטע־
ריזירטע גופים פון איין עק פּלאַץ ביזן אַנדערן.

שיכּור פון ענטוזיאַזם, איז מאַרסעל פאַרהילעכט געוואָרן
מיט אויסגעשרייען פון פרייד: די פּולקן האָבן זיך מכין געווען
צום צערעמאָניאַל־מאַרש.

זיי זענען דורכגעגאַנגען פאַרן הויפּטקאָמאַנדיר, וועלכער
אויסציִענדיק זיך אויף זיין זאָטל און אַרומגערינגלט פון אַטיו־
דאַנטן, האָט מיט אַ ברייטן זשעסט באַגריסט דאָס מיליטער.

ס'זענען דורכגעגאַנגען פּולקן נאָך פּולקן, פאַרפּולנדיק דעם
שאָסיי מיט זייער טריומפירנדיקער מאַסע.

די טרומייטן האָבן איינע נאָך דער אַנדערער אָנגעפילט
די נשמות פון די בירגער מיטן העראָיזם פון די מעשענע אינ־
סטרומענטן.

דער אָרקעסטער פון פּלאַץ האָט אַ שפּיל געטון דעם רע־
פּובליקאַנישן הימן. הונדערטער גלייביקע האָבן אין גרעסטן

עקסטאַז, אונטערגעכאַפּט דאָס געזאַנג: „שטאַרבן פאַרן פאָטערלאַנד — דאָס איז דער גורל פון די בעסטע דער דערהויבנדיקסטער בזגער.

מוניע האָט געדריקט די באַקאַנטע די הענט.

די צושויער האָבן מיט אַ ריירנדיקן גלויבן אויסגעשריען, „קרעדאָ" פאַר די לוסאַקער רעקרוטן...

שטאַרבן פאַרן פאָטערלאַנד, האָט איבערגעחזרט דער קאַליקע... יאָ, פאַר מיין פאָטערלאַנד! אָבער נישט פאַרן פאָטערלאַנד פון די ספּעקולאַנטן!... אָ, דער טראַדיציאָנאַליזם פון ווערטער, וואָס טוט מען דערצו?...

דורכן פענסטער האָט מען געזען, ווי דער עולם פאָכעט באַגייסטערט מיט די היט, ווי מיילער האָבן געשריען...

ווען ס'האָבן זיך באַוויזן די אַפריקאַנער שיסער, האָט זיך אויפגעהויבן אַן אמתער הוראַגאַן פון אָוואַציעס. אַ פיבער פון געשרייען אויפן אַדרעס פון די ליבלינגע פון טאָג.

אַ געשלעג פאַרן גראַנד-קאַפע האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרומיקע מענטשן.

— וואָס איז געשען? — האָט ספּי געפרעגט.

— גאָרנישט, — האָט העפלעך געענטפערט אַ שכן, ארויפקריכנדיק אויף אַ שטול, כדי בעסער צו זען, וואָס דרויסן קומט פאָר... — מ'שלאָגט אַ נעגער.

דער נעגער, — אַ געוועזענער קאַפּראַל, וואָס איז געוואָרן אַן אַרבעטער אויף אַ שיף, — מיט אַ פּנים, וואָס איז געווען צעפרעסן פון געשווירן, האָט אַ שאָקל געטון מיטן פויסט און אויסגעשריען עטלעכע באַליידיקונגען בעת ס'האָבן זיך באַוויזן די פענער פון די ספּאַיען.

— לאָמיר אַוועקגיין! — האָט ספּי געזאָגט, — דאָס אַכזריות פון המון ברענגט מיך אויף צו שטאַרק. ווען איך טו אַ טראַכט וועגן דעם, וואָס איינער פון זיינע לערער האָט געזאָגט אין זשורדאַנס קאַבינעט...

זי האָט זיך דייטלעך פאָרגעשטעלט די אַרמיי פון דידאָזיקע מאַיעסטעטישע רייען פון יינגע באַשעפענישן מיט אַרויס-

געראָקטע ברוסטן אין זייערע מונדירן, באַטאַליאָנען אויסבאַוויס־זיניקע העלדן, וועלכע זענען גרייט צו פאַרגיסן זייער בלוט פאַר אַ שטיקל זייד, וואָס האָט פאַר זיי סימבאָליזירט פראַנקרייך, פענער, וועלכע פלעגן מיט זייער גלאַנץ באַשײַנען די אוראַל־טע לעגענדע וועגן רוּם...

זי האָט געזען דידאָזיקע אַלע מענטשן, ווי זיי ליגן טויט, פאַרטיליקט אין איין רגע פון שרעקלעכע גאַזן.

אָט וואָס עס האָט געוואַרט אויף דידאָזיקע אַלע אייגענע מענטשן, אויף אַלע פריינט און קרובים, צעזאַמען מיט די מו־טיקע זעלנער, וואָס זענען נאָר וואָס פאַרבייגעגאַנגען: אַ נאַרי־שער סוף, אָדער אַ גסיסה, וואָס בלויז נאָר אַ קוק טון אויף דעם, קאָן מען אַראָפּ פון זין...

— לעבן זאָל די אַרמיי!...

דאָס איז מעשר, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר דער שלאַכט, מצד די, וואָס האָבן זיך ביזאַהער אין איר נישט באַ־טייליקט, בלייבנדיק אין „טיל"...

בחינם וועלן זיך דידאָזיקע זעלנער באַהאַלטן אין זייערע נאָרעס: די גאַזן וועלן אַהין אַריינדרינגען, דערגרייכן צו זיי און וועלן זיי דאָרטן אומברענגען!..- אויף וויפיל ספּי האָט גע־האָט רחמנות אויף די בראַווע זעלנער, איז זי אין דערזעלבער מאָס געווען אויפגעבראַכט קעגן דעם רוב פון דער מענטשלע־כער „טשערעדע", וועלכע האָט געמיינט, אַז איר דראָט נישט קיין סכּנה אומצוקומען פון די גאַזן.

דאָס זענען, לויט ספּיס אויפפאַסונג, בלינדע אָקסן, וועל־כע דער מלאך־המות האָט זיך שוין אָנגעצייכנט אַלס זיינע קרבנות...

— אַך, ווי נאַריש דאָס איז! — האָט ספּי אויסגעשריען.

— געדולד, — האָט זיך אָפּגערופן אַלעקסאַנדער, וועל־כער האָט פאַרפאָלגט איר געדאַנק — ס'וועט קומען דער טאָג...

פאַר זיי זענען געגאַנגען פּאַקאָ און מוניע: אַ זקן און אַ קאַליקע.

ספּי און אַלעקסאַנדער האָבן געזען, אַז די גוטע פריינט

אמפערן זיך צווישן זיך און לויט די לעבהאפטע זשעסטן וואס זיי האבן דערביי געמאכט, האט אלעקסאנדער פארשטאנען, אז פאקא ווארפט מוניען פאר און באמיט זיך אין אים אריינצוזאטעמען זיין גלויבן.

ספי האט מיט א דאנקבארער צערטלעכקייט א קוק געטון אויף איר פעטער...

שטענדיק אזא נאענטע פון אים און פון זיין נשמה, וועלכע האט פארמירט איר נשמה און זי אזוי משפיע געווען. — האט זי זיך איצט פון אים דערווייטערט...

דאס איז דער מהלך צווישן דורות, וועלכער פארגרעסערט זיך מיט יעדן טאג.

זי האט גענומען אלעקסאנדערן פארן ארעם און איז אוועק מיט אים געארעמט.

זייערע באוועגונגען האבן זיך הארמאניש צונויפגעגאסן.

שלום־זעלבער פון א בעסערער צוקונפט, זענען זיי געווען, פול מיט אומבאזיגבארער האפענונג.

אויף רעכטס האט זיך פאנאנדערגעשפרייט דער אלטער פארט מיט א פלאט, וואס איז געווען גרייט אפצושווימען.

זיי האבן אין דער שטיל ארומגענומען די זון און דעם ים.

דער המון, צווישן וועלכן זיי האבן זיך געפונען, איז מיט געשרייען, שפאסן און א גראבן געלעכטער, ביסלעכוויז זיך פאנאנדערגעגאנגען.

ספי האט געזען דידאזיקע אלע מענטשן, ווי זיי האבן זיך אין אוונט צוריקגעקערט צו זיך א היים, שיכור פון פרייד און אלקאהאל, גרייטנדיק זיך, כדי צו פארענדיקן דעם טאג, צום חיהשן אקט.

זי האט א שעפטשע געטון:

— מיר באקומען ירושה נאר פון זיך גופא...

אין איר גוף האט, צוזאמען מיטן נייעם יאר, זיך געעפלט די גאנצע יוגנט פון דער וועלט.

זי האט א בליק געטון אויף אלעקסאנדערן.

זיי האבן איינער צום אנדערן א שמייכל געטון.

אַ מיסטישער ציטער איז אַריבער דורך זייערע קערפּער: זייערע באַגערן האָבן זיך באַגעגנט...

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

זאָל זיך אייך איינגעבן צו דערגרייכן זאַלבענאַנט אַ גייס־טיקע שיינונג און גלאַנץ איבער די הבל־חבלימדיקע תענוגים פונם גוף!

סוף.

פון מחבר.

א יאָר נאָכדעם, ווי ס'איז דערשינען מיין בוך „דיין גוף געהערט דיר", -- אין וועלכן, — טראָץ דעם אומגעלומפּערטן געזעץ פון יאָר 1920, וואָס מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישן דער אַגיטאַציע, מ'זאָל נישט האָבן קיין קינדער און דעם באַטייליקן זיך ביים מאַכן אַן אַבאָרט.—איך בין באַפאַלן און שאַרף קריטיקירט די זיטן, וואָס זייער צביעות קאָן פאַרגלייכן ווערן מיט זייער זינלאָזיקייט און אכזריות, — זאָל מיר דערלויבט זיין אָנצוווייזן אויף אַ געוויסן פאַקט.

טראָץ די נידערטרעכטיקסטע אָנפאַלן, טראָץ די באַמיונגען פון געוויסע אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן, משפיע צו זיין אויף דעם פּראָקוראָר, מ'זאָל קעגן מיר פאַרפירן אַ פּראָצעס אין נאָמען פון דער באַליידיקטער מאָראַל, — האָט די רעגירונג אין דעם ענין זיך פאָרט נישט אַריינגעמישט.

פונקט ווי זי האָט אין יאָר 1922 נישט דערוועגט צוצושטעלן די „בחורטע" צום געריכט פון געשוווירענע, — האָט זי אויך נישט דערוועגט צוצוציען צום געריכט פון דער פאַרבעסערונגס-פּאָליציי דאָס בוך „דיין גוף געהערט דיר". די רעגירונג האָט דאָס נישט דערוועגט צו טון, הגם אַזאַ שפּאַס וואָלט מען מיט דער הילף פונם געזעץ פון יאָר 1920, געקאָנט לייכט פאַרווירקלעכן.

און אַזויווי דאָס מאָל איז נישט געווען קיין אָפּציונגס-מיטל — די אויסצייכנונג פונם ערן-לעגיאָן — האָט דער ראָ-

טאָן — גוט אָדער שלעכט — געקאָנט אַוועק מיט זיין גלייכן וועג.

פונדעסטוועגן איז עטלעכע טעג פאַר דעם, איידער דער ראָמאַן איז דערשינען, אַ באַשיידענע לערערין, מאַדאַם הענריעט אַלקיע, צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר עובר זיין דעמדאָזיקן שלימזלדיקן געזעץ.

די דירעקטע־סיבה צוצוציען מאַדאַם אַלקיע צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז געווען דער פאַקט, וואָס זי האָט פאַרעפנטלעכט אין ספּעציעלן זשורנאַל „מוטערשאַפט איז אַ סאָציאַלע פונקציע" אַ באַריכט, וועלכער איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן און האָט מוצא-חן געווען אויפן צוזאַמענפאָר, ווו ס׳זענען באַהאַנדלט געוואָרן פראַגן וועגן דער וועלטלעכער שול. דאָס איז געווען אַ באַריכט, אַ הונדערט מאָל מעסיקערער, ווי דער ראָמאַן „דיין גוף געהערט דיר".

מ׳האָט וועגן דעם אין פּאַרלאַמענט געשטעלט אַן אָנפראַגע דעם בילדונגס־מיניסטער און דער לעצטער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב זיך צו ווענדן צו דער יוסטיץ:

ער האָט געהאַלטן פאַר שולדיק, סיי דעם מחבר פונם באַריכט, און סיי דעם רעדאַקטאָר, וואָס האָט דעמדאָזיקן באַריכט אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל.

אַ דאַנק געוויסערמאַסן דעם, וואָס מיר האָבן נישט געשוויגן און געטון אונדזערס, נאָר דער עיקר, אַ דאַנק דער מאַכט פון יושר אינם דאָזיקן ענין, האָט מען ביידע: הענריעט אַלקיע און דעם רעדאַקטאָר פונם זשורנאַל, מאַריע מילאָ, פריי געשפּראָכן.

אין דער הקדמה צו מיין ראָמאַן „דיין גוף געהערט דיר" האָב איך געשריבן:

„כל־זמן די געשלעכטס־פראַגע וועט נישט אַנטשידן ווערן אין הסכם מיט די אינטערעסן פונם מאַן און ווייב, וועט דער פּראָגרעס בלייבן אַ פּוסט שפּיל, אַ וואָרט אָן אינהאַלט.

דידאָזיקע פראַגע איז אַ גוט באַקאַנטע! זי האָט אַ באַדייטונג פון אַ סאָציאַלן פּראָבלעם. דידאָזיקע פראַגע עקזיסטירט אומעטום, פאַרקערפּערט אין רעכט און אין געזעצן.

איר ווילט וויסן, וויאַזוי מ׳קאָן לעזן דידאָזיקע וויכטיקע פראַגע? — גאַנץ פּשוט:

מ׳דאַרף זי פאַרגיכטן! מ׳דאַרף זי אויף שטענדיק אַראָפּ־נעמען פון סדר־היום! אַזאַ פראַגע און אַזאַ פּראָבלעם דאַרפן נישט עקזיסטירן, און ממילא וועט שוין נישט זיין איבער וואָס צו טראַכטן, אין וואָס אַריינצוקלערן און אויף וואָס צו זוכן אַ לעזונג.

שפּעטער האָט זיך געבילדעט „אַן אַלוועלטלעכע ליגע פון געשלעכטס־רעפאָרמען".

דער קאָמיטעט, אין וועלכן איך גיי אַריין אַלס מיטגליד אין אַלס פאַרטרעטער פון פראַנקרייך, באַשטייט פון די אָנגעזעענסטע פערזענלעכקייטן פון ענגלאַנד, אַמעריקע, שוועדן, דענעמאַרק, דייטשלאַנד, סאָוויעט־רוסלאַנד, שווייץ, איטאַליען, האָלאַנד. טשעכאָ־סלאָוואַקיען, אַרגענטינע, ליבעריע...

דער ציל פון דער ליגע איז צו באַפרייען די מענטשן פון די פאַרעלטערטע פאָראורטיילן: דאָס פעלד פון איר טעטיקייט איז די אַנטוויקלונג פון סאָציאָלאָגיע און געשלעכטס־עטיק, וואָס זענען זיך סומך אויף דאָמן פון פּסיכאָלאָגיע און ביאָלאָגיע.

דער ערשטער אַלוועלטלעכער קאָנגרעס פון דער ליגע, וואָס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אין קאָפּענהאַגן, האָט באַהאַנדלט פאָלגנדיקע פראַגן:

„די רעפאָרם פון דער חתונה—די לאַגע פון דער פרוי אין דער געזעלשאַפט — די קאָנטראָל איבער די געבורטן — די רעכט פון די פערזאָנען, וואָס האָבן נישט חתונה — די פרייהייט פון געשלעכטלעכע באַציונגען — די צוועגניק — דער קאַמף מיט פּראָסטיטוציע און ווענערישע קראַנקייטן—די אומנאַטירלעכע באַגערן—דאָס שאַפן אַ קאָדעקס פון סעקסועלע געזעצן — די נויטווענדיקייט פון אַ סעקסועלער באַציונג.

אַזוי אַרום זענען געלייגט געוואָרן די יסודות פון אַ נייער וויסנשאַפט און אַ נייער מאָראַל.

די באַפרייונג פון דער פרוי גייט פאָרווערטס.

נאָך איין וואָרט וועגן דער אידייע פונם דאָזיקן ראָמאַן,

וועלכער איז אָנגעשריבן אינם גייסט פון שנאה צו כל ערלריי אונטערדריקונגען.

זוכסטו ליבע?

ביסטו אומגליקלעך?

האָסטו מורא פאַרן טויט?

אויף דידאָזיקע טאָגטעגלעכע פראַגן, וואָס קוועלן אַזויפיל באַשעפעניש, קאָן זיין נאָר איין ענטפער.

זי ווערט פאַר מיר צוביסלעך קלאָר פונם פאַרשטיין דעם זין פון לעבן.

דאָסזעלבע איז אויך די גייסטיקע עצה, וועלכע דער גורל פון מיין קליינער העלדין ספּיריטאָ אַרעלי, גיט איר.

דער זין פון דערדאָזיקער עצה און איר אויספיר איז:

ווער עס האָט נישט נעליטן, דער ווייס נישט פאַרשטיין די צרות און מאַטערנישן, וועלכע האָבן אויסגעאיידלט און לויטער געמאַכט ספּיס נשמה.

דער דערנערוועג פון די לעבעדיקע באַשעפענישן און אַלע זייערע צרות נעמט זיך פון אַ מאנגל אין דערציונג!

ס'איז קיין ספק נישט, אַז עטלעכע גוטע נשמות — כ'מיין דאָ יענע עגאָיסטן, וועלכע האָבן ליב, אין אַ רויקן צושטאַנד פון אינערלעכן גלייכגעוויכט, צו לעבן אין הסכם מיט דער סאָציאַלער אָרדנונג, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט מקדמונים אָן — אַז דידאָזיקע גוטע מענטשן וועלן זיך פאַרשטעלן און מיינען, לייענענדיק דעמדאָזיקן ראָמאַן, אַז זיי צייכענען זיך אויס מיט ראָמאַנטישקייט, וואָס באַקומט אָפט אַ טריבע באַפאַרבונג.

אין דעם ראָמאַן, פונקט ווי אין מיינע פריערדיקע ביכער, גיי איך פאָרווערטס נאָר דורך דער טריבער ווירקלעכקייט.

און מיין הייסער ווונטש איז, אַז אַ דאַנק די רעוועלאַציעס, וואָס איך גיב אין מיינע ביכער, זאָל ביי די קרבנות פאַרשטאַרקט ווערן דער גייסט פון עמפּינדונג און די שטרעבונג צו אָרגאַניזירטקייט.

זאָלן זיי, כל־זמן ס'איז נישט שפּעט, צווינגען די אונטערדריקער זיך צו פאַרטראַכטן.

פ׳וועט קומען אַ צייט, ווען אין פראַנקרייך, ווי איבעריקנס אומעטום, וועט די בלוטיקע צעמפערונג קעגן דער מענטשלעכער בהמה און דאָס אייביקע איבערחזרן זיך פון די זינלאָזע גע־וואַלטטאַטן, צוזאַמען מיט עגלעבע דערשיינונגען, ווי — רעוואָ־לוציעס און מלחמות — באַשפריצן מיט נישט קיין ריין בלוט דאָס פנים פון דער יוסטיץ און די מאַסקע פון דער ציוויליזאַציע.

וויקטאָר מאַרגעריט